STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00425

YIDISHE GESHIKHTE

Simon Dubnow

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert & Cynthia J. Shilkret
in honor of
Jack Forman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון דובנאָוו

אידישע געשיכטע

פאַר שול און היים

מיט 70 אילוסטראַציעס און קאַרטעס

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי
ניו־יאָרק, 1941

אזוי ווי עס איז איצט ניטאָ קיין מעגלאַכקייט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן מחבר, פּראָפ. שמעון דובנאָוו, איז דער האָנאָראַר באַטרעף פאַר אַט דער אויסגאַבע איינגעלייגט געוואָרן באַ דר. ב. האָפמאַן (צביון), פּרעזידענט פון „י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין", אין ניו יאָרק.

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי
ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1941

אַדרעס פון פאַרלאַג:
M. S. SKLARSKY, 1145 Fox Street, Bronx, N. Y.

Printed in U. S. A.

אינהאלט:

זייט

הקדמה 5
וואָס איז אַזוינס אידישע געשיכטע? 7

ערשטער טייל:

די מִזרח־תּקופה. דאס פאָלק אין אֶרץ־ישראל און אין די ארומיקע לענדער אין דער אַלטער און מיטעלער צייט.

1. אַבְרָהם אבינו און די אָבות (פּאַטריארכן) אין כּנען 11
2. די „בני־ישראל" אין מצרים; קנעכטשאפט און באפרייונג . . 17
3. משה רַבֵּנו און די וואַנדערונג אין מִדבָּר 21
4. ווי פון כנען איז געווארן ארץ־ישראל; די שופטים־צייט . . 26
5. שָאול, דער ערשטער מֶלֶך פון ישׂרָאֵל 30
6. דָויד הַמלך אין ירושָלַים. 33
7. שלומה הַמלך און דער בֵּית־הַמִקדָש. 38
8. די צעטיילטע מלוכה. מַלכות יִשרָאֵל. 41
9. מַלכות־יהודה ביז דעם ערשטן חורבן. 46
10. ווי האָבן אידן געלעבט אין דער אַלטער צייט 54
11. ווי האָט זיך דאס פאלק פאָרגעשטעלט גאט, וועלט און געשיכטע. 58
12. גָלות בָּבֶל. 62
13. יהודה אונטער דער פערסישער הערשאַפט 66
14. כּוהנים־רעגירונג. דער תּנ"ך (תורה, נביאים, כּתובים) . . . 70
15. גריכישע הערשאפט: פּטאָלעמייִער. 75
16. די סעלעוקידן און דער אויפשטאַנד פון די חַשמונָאִים. . . 79
17. די פרייע חַשמונָאִים־מלוכה. 85
18. יהודה אונטער רוימישער הַשגָחה: קיניג הורדוס. 91
19. די פּראָקוראַטאָרס, דער נאַציאָנאַלער קריג און דער צווייטער חורבן. 96
20. דאס גייסטיקע לעבן אין דער הַיים און אין דער פרעמד . 102
21. דער סנהדרין אין יַבנֶה און דער אויפשטאנד פון בר־כּוכבא . 110
22. פּאטריאַרכן און אַקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל; די קריסטלעכע מלוכה 115

זייט

23. דער אידישער צענטער אין בָּבֶל; דער תַּלמוד 120

24. דאס אידישע לעבן אין ארץ־ישׂרָאֵל און בבל אין דער צייט פון תַּלמוד 123

25. דער סוף פון דער רוימיש־פּערסישער הערשאַפט און דער אָנהויב פון אַראַבישער הערשאַפט 127

26. דער אַראַבישער קאַליפאַט און די גאונים. סוף פון מזרח־תּקופה 131

צווייטער טייל:

די מערב־תּקופה. דאָס פאָלק אין אייראָפּע אין דער מיטעלער און נייער צייט.

27. די ערשטע אידישע ישובים אין אייראָפּע. 141

28. אידן אין דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן און זיינע נאכפאלגער 148

29. די „גאלדענע צייט" אין אַראַבישער שפּאניע 152

30. די קרייץ־צוגן אין מיטל־אייראפּע. 161

31. פראַנצויזישע און ענגלישע אידן ביז צום גירוש. 165

32. אידן אין קריסטלעכער שפּאניע און דער קולטור־קאמף 170

33. די שלעכטע צייט אין שפּאניע ביזן גירוש 177

34. די צָרות אין דייטשלאַנד ביז סוף מיטלאַלטער 186

35. די ערשטע ישובים אין פּוילן 191

36. אידישער לעבן־שטייגער אין מיטלאַלטער 194

37. די ספרדים אין דער טערקיי און אַנדערע לענדער. 200

38. שַבתי־צבי און די משיחישע באַוועגונג. 208

39. דער גרויסער צענטער אין פּוילן אין די גוטע צייטן 212

40. די שלעכטע צייטן אין פּוילן (ביזן סוף 18־טן יאָרהונדערט). 218

41. דייטשלאנד פון דער רעפאָרמאציע ביזן סוף 18־טן יארה. 226

42. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די ערשטע עמאַנסיפּאציע 233

43. דער קאַמף פאר רעכט און די צווייטע עמאַנסיפּאַציע 240

44. דער גרויסער אידישער צענטער אין רוסלאַנד. 246

45. אַנטיסעמיטיזם אין מַערב־אייראָפּע. פּאגראָמען אין רוסלאנד. 253

46. די גרויסע עמיגראציע: אַמעריקע און פאלעסטינע 259

47. די נאציאנאלע און סאָציאלע באַוועגונג. 263

48. דער וועלט־קריג, די רוסישע רעוואלוציע און בירגער־קריג 270

49. די אידישע וועלט נאכן וועלט־קריג. 273

כראָנאָלאָגיע 281

רשימה פון די בילדער 287

הקדמה

אַרום דרייסיק יָאר צוריק האָב איך געגעבן דער אידישער יוגנט אין רוסלאַנד אַ „לערנבוך פון אידישער געשיכטע" אין דריי טיילן, פאַר תּלמידים פון מיטלשולן. אַ גאַנצער דור האָט זיך ערצויגן אויף דעם דאזיקן בוך, וואָס האָט אין רוסישן אָריגינאַל אויסגעהאַלטן אַכצען אויסגאַבן. חוץ דעם האָט זיך דאָס לערנבוך פאַרשפּרייט אין איבערזעצונגען אויף העברעאיש („קורות העברים", וואַרשע), אידיש און ענגליש (לעצטע צוויי — אין אַמעריקע).

איצט וויל איך גיבן פאַר אידישע קינדער פון אָנהויב־שולן א קליין ביכל, וואָס זאָל אין אַ קירצערער פאָרם פאָרשטעלן די לאַנגע געשיכטע פון אונזער פאָלק. דאָס מאָל האָב איך געשריבן דאָס ביכל אין אידיש, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן די נאַטירלעכע לערנשפּראַך אין אונזערע פאָלק־שולן. דעם אינהאַלט האָב איך צוגעפּאַסט צו די נייע מעטאָדן, וואָס זיינען אַנטוויקלט אין מיין גרויסער צען־בענדיקער „וועלטגעשיכטע פונם אידישן פאָלק", און האָב די געשיכטע דערפירט ביז אונזער צייט.

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט שרייבן אַ פיל לענגערע געשיכטע, און דאָס וואָלט געווען אַ סך לייכטער (לויט פּאַסקאַלס וואָרט צו זיין פריינד: „איך שרייב דיר א לאַנגן בריוו, ווייל איך האָב קיין צייט ניט צו שרייבן אַ קורצן"). אָבער איך האָב דאָ געהאַט אַ באַזונדערן צוועק: דאָס ביכל דאַרף געלייענט ווערן אָדער געלערנט ווערן אין אַ קורצער צייט, געוואונשן אין איין שול־יאָר, אָבער ניט מער פון צוויי, און דאַרף ניט פאַרצויגן ווערן אויף יאָרן, כדי ניט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון אַ גאַנץ בילד. דאָס דאַרף זיין אַ לעבע־דיקע פאַמיליע־געשיכטע, וואָס לייענט זיך פון אָנהויב ביזן סוף „אין איין אָטעם". דער יונגער תלמיד מוז דאָ האָבן ניט אַליין בילדער פון דער פאַר־גאַנגענהייט, נאָר אויך אַ ג אַ נ צ ב י ל ד פון דעם היסטאָרישן וועג, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט. ער דאַרף דאָ געפינען די וויכטיקסטע פאַקטן אין זייער צוזאַמענהאַנג, אָן איבעריקע פרטים, פון איין זייט, און טרוי־קענער סכעמאַטישקייט — פון דער אַנדערער.

דער געניטער פּעדאַגאָג וועט שוין איינזען, אויף וויפיל דעם מחבר איז געלונגען אויסצומיידן ביידע עקסטרעמען: „געשיכטעס" (מעשהלעך) אָנשטאָט ג ע ש י כ ט ע — און סכעמעס אָן לעבעדיקע בילדער. וועט דער לערער וואו עס

איז באַמערקן, אַז דער סיפּור־המעשה איז צו קורץ, זאָל ער דאָס דערגענצן מיט עפּיזאָדן און ליטעראַרישע ציטאַטן פון אַ היסטאָרישער אַנטאָלאָגיע (כרעסטאָמאַטיע). איך שאַץ אָפּ זייער הויך דעם ווערט פון העלדן־געשיכטעס פאַר דער קינדערשער פּסיכיק. אָבער איך האָב זיך באַמיט גיבן צו פאַרשטיין דעם קינד, אַז דער אמתער העלד, דער טרעגער פון דער געשיכטע, איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין זיינע מאַסן.

די אילוסטראַציעס, וואָס דאַרפן דינען אַלס בילדערישע דערקלערונגען צום קורצן טעקסט, האָב איך צונויפגעשטעלט מיט דער הילף פון מיין פריינד א. טשעריקאָווער, וועלכער האָט מיר אויך געהאָלפן ביי דער טעכנישער אויספירונג פון דער אויסגאַבע בכלל, און איך געפין פאַר מיין חוב אויסצודריקן אים מיין טיפן דאַנק דערפאַר.

אין דער כראָנאָלאָגיע האָב איך זיך געהאלטן אָן אַזאַ כלל: אין דער אַלטער געשיכטע האָב איך אָנגעגעבן די יאָרן ניט לויט דער שווערער „פאַרקריסטלעכער" רעכענונג, נאָר אין אַ מער פאַרשטענדלעכן סדר: אַזוי פיל יאָרן אָדער יאָרהונדערטער „פאַר אונזער צייט"; אין דער מיטעלער און נייער צייט גיב איך אָן די געוויינטלעכע „נאָכקריסטלעכע" דאַטן ביי די וויכטיקסטע געשעענישן. צום סוף קומט אַ כראָנאָלאָגישע טאַבעלע.

אין דער אָרטאָגראַפיע פון אידישע ווערטער האָב איך אָנגענומען די וויכטיקסטערע רעפאָרמעס פון דעם נייעם נוסח (אָן די שטומע עינס א. ד. גל.). אין דער טראַנסקריפּציע פון העברעאישע ווערטער און נעמען האָב איך געזאָרגט ווי נאָר מעגלעך צו פאַרלייכטערן פאַר קינדער דאָס שווערע לייענען. כמעט אומעטום זיינען די דאָזיקע ווערטער גאַנץ אָדער האַלב פונקטירט (מיט „נקודות"). דאָס רוב זיינען זיי געדרוקט מָלֵא, מיט יודן און וואָוון, אפילו אין די באַרימטע פּערזענלעכע נעמען: יַעקוב, מושה, דָויד, שלומה, פלישתּים אז"וו. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ מוז זיין אַ געוויסע מאָס אין דער נאַטוראַליזאַציע פון העברעאישע ווערטער, כדי זיי ניט צו דעפאָרמירן, ניט אָפּנעמען ביי זיי דעם נאַטירלעכן געשטאַלט.

צום סוף געפין איך פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז דאָס בוך איז צוגעפּאַסט ניט בלויז פאַר שול־קינדער, נאָר אויך פאַר צוועקן פון זעלבסטבילדונג, אַלס לייענבוך פאַר אידישער יוגנט און בכלל פאַר די, וואָס האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו שטודירן גרינדלעכער די אידישע געשיכטע.

ב ע ר ל י ן, יוני 1932.

וואָס איז אַזוינס אידישע געשיכטע?

אין דער אידישער געשיכטע ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט זינט עס האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט ביז היינטיקער צייט. אַ פאָלק איז ווי אַ גרויסע מִשְׁפָּחָה: פון איין פאַמיליע וואַקסן זיך פונאַנדער, ווי צווייגן פון אַ בוים, פיל פאַמיליעס מיט קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך, און ווען עס ציט זיך אַזוי אַ לאַנגע צייט, דורך אַ לאַנגער קייט פון דורות, ווערט געשאַפן אַ גאַנץ פאָלק, וואָס באַשטייט פון טויזנטער פאַמיליעס און שפּעטער פון מיליאָנען.

אַזוי איז געוואָרן אויך אונזער אידיש פאָלק, וואָס לעבט שוין אויף דער וועלט מער ווי דריי טויזנט יאָר. אַמאָל האָבן מיר געהאַט אונזער אייגן לאַנד, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און איין שפּראַך פאַרן גאַנצן פאָלק: שפּעטער זיינען מיר צעשפּרייט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער און האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער אומעטום האָבן מיר זיך געפילט ווי קינדער פון איין גרויסער מִשְׁפָּחָה, ווי ברידער און שוועסטער. ווי אַזוי האָט דאָס אידישע פאָלק זיך אויפגעהאַלטן ביז היינטיקער צייט און וואָס האָבן איבערגעלעבט הונדערטער אידישע דורות אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, — וועגן דעם דערציילט די אידישע געשיכטע.

די געשיכטע פון אידישן פאָלק צעטיילט זיך אויף צוויי גרויסע תקופות (פעריאָדן):

1) די מִזְרָח־תְּקוּפָה, ווען דאָס פאָלק האָט געלעבט אין אַזיע און אַפריקע אַרום מיטללענדישן יַם, אין זיין איינן לאַנד פּאַלעס־טינע אָדער אֶרֶץ־יִשׂרָאֵל און אין די אַרומיקע לענדער, אין מִצרַיִם און בָּבֶל. דאָס האָט געדויערט מער ווי צוויי טויזנט יאָר, ביז עס זיינען חָרוּב געוואָרן די גרעסערע קולטור־צענטערן אין פּאַלעסטינע און בָּבֶל.

2) די מַעֲרָב־תְּקוּפָה, זינט די מערהייט פון פאָלק איז אַריבער אין די אייראָפּעאישע לענדער און דאָ האָבן אויפגעבליט אידישע קולטור־צענטערן, צו וועלכע עס איז אין דער לעצטער צייט צוגעקומען דער גרויסער אידישער יִשׁוּב אין אַמעריקע. דאָס דויערט שוין טויזנט יאָר ביז היינטיקן טאָג.

ערשטער טייל

די מִזרָח־תקופָה

דאָס פאָלק אין אֶרֶץ־ישׂרָאֵל און אין די אַרומיקע לענדער אין דער אַלטער און מיטעלער צייט



1. קאַרטע פון אַלטן מזרח

1. אַבְרָהם אָבינוּ און די אָבות (פּאַטריאַרכן) אין כּנַעַן

מיט פיר טויזנט יאָר צוריק האָבן גרויסע פעלקער געלעבט אין יענע לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וואָס זיינען נאָענט צום מיטל־לענדישן יָם, און האָבן דאָרטן געשאַפן צוויי שטאַרקע מלוכות: פון איין זייט בָּבֶל (באַבילאָניע) און פון דער אַנדערער מִצרַיִם (עגיפּטן). צווישן די צוויי גרויסע מלוכות זיינען געלעגן קליינע לענדער: אַרָם (סיריע) און כּנַעַן אָדער פּאַלעסטינע מיט די פיניקיער און אַנדערע פעלקער. עס זיינען געווען נאָך קליינע פעלקער אָדער גרופּעס פון משפּחות, וואָס האָבן זייער אייגן לאַנד נית געהאַט, פלעגן וואַנדערן פון איין לאַנד אין אַנדערן מיט סטאַדעס בהמות און שאָף און האָבן געלעבט אין סטעפּעס ווי פאַסטוכער (נאָמאַדן). אַזאַ קליין פאָלק זיינען געווען די ע ב ר י ם (העברייער), וואָס האָבן געוואַנדערט צווישן בָּבֶל און מִצרַיִם אונטער דער פירונג פון זייער עלטסטן: אַ ב רָ הָ ם. דער דאָזיקער אַבְרָהָם איז געוואָרן דער ערשטער „פאָטער" פון עִבְרישן, שפּעטער אידישן פאָלק („אַבְרָהָם הָעִברי"), און אַזוי הייסט ער ביז היינט: „אַבְרָהָם אָבינוּ", אַברהם אונזער פאָטער.

אַברהמס מִשפּחה האָט געשטאַמט פון בָּבֶל, פון דער אַלטער שטאָט אור־כַּשׂדים. די מִשפּחה האָט געוואַנדערט און איז אַ צייט געזעסן אין אַרָם־נַהֲרַיִם (מעסאָפּאָטאַמיע, צוויי־שטראָמען־לאַנד), וואָס ליגט צווישן צוויי גרויסע טייכן: פְּרָת (עפראַט) און טיגער. שפּעטער האָט זיך אַברהם מיט זיין פאַמיליע אָפּגעטיילט פון די אַראַמייער און איז אַוועק מיט זיין מִשפָּחָה וואַנדערן ווייטער, קיין כּנַעַן. אין די אידישע הייליקע ביכער ווערט דערציילט, אַז אַברהם האָט שוין דער־קענט דעם אֶמתן גאָט: אין דער צייט, ווען אַלע פעלקער האָבן גע־

גלויבט, אַז די זון, די לְבָנה און
אַנדערע נאַטור־ערשיינונגען
זיינען געטער און מען דאַרף
זיך בוקן צו זייערע בילדער,
האָט אברהם אָנערקענט, אַז
ס'איז דאָ נאָר איין גאָט אויף
דער וועלט, וואָס האָט באַ־
שאַפן אי די זון איז די לבנה
און די גאַנצע נאַטור. דער
דאָזיקער גאָט — אַזוי האָט
מען שפּעטער דערציילט —
האָט זיך אַמאָל באַוויזן
אַברהמען און האָט צו אים
אַזוי געזאָגט: „גיי אַוועק פון
דיין געבורטסלאַנד אין אַ לאַנד,
וואָס איך וועל דיר ווייזן;
דאָרטן וועל איך מאַכן, אַז פון
דיר זאָל אַרויסקומען אַ גרויס
פאָלק, וואָס וועט זיין גע־
בענטשט צווישן אַלע פעלקער
פון דער ערד". אברהם האָט
דורכגעוואַנדערט גאַנץ כּנַען
און איז געקומען גאָר וויַיט, קיין
מִצרַיִם. דאָ אָבער האָט דער
עגיפּטישער קיניג פַּרעה גע־
וואָלט אָפּנעמען ביי אַברהמען
זיין שיינע פרוי שָׂרָה, און
די וואַנדערער האָבן געמוזט
אַוועקגיין פון דעם דאָזיקן
לאַנד. זיי האָבן זיך באַזעצט
אין דרום פון כּנַען אַרום דער
שטאָט חֶבְרוֹן. דאָרטן האָבן

2. סעמיטישע וואַנדערער אויפן וועג קיין מִצרַיִם

זיי זיך פאַרנומען מיט פּיצוּכט, ווי אַלע נאָמאַדן געוואוינט אין געצעלטן און געפּיטערט זייער פי אויף די פעלדער.

אַברהם אָבינו האָט געהאַט צוויי קינדער פון זיינע צוויי ווייבער (צו יענער צייט האָט אַ מאַן געמעגט האָבן מער ווי איין ווייב): פון אַ עגיפּטישער דינסט הָגָר האָט ער געהאַט אַ זון מיטן נאָמען יִשמָעאֵל, און פון זיין פרוי שָׂרָה אַ זון מיטן נאָמען יִצחָק. די צוויי ווייבער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, און אַברהם האָט געמוזט אָפּלאָזן הָגרן מיט איר קינד יִשמעאֵל אין מִדבָּר (וויסטע) אריין. דאָרטן איז יִשמעאֵל אויסגעוואַקסן אַ „ווילדער מענטש: ער שלאָגט אַלעמען און אַלע שלאָגן אים". פון אים זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען די אַראַבער, די וואַנדערער פון דער וויסטע. דער איינציקער יורש (נאָכפאָלגער) פון אַברהמען איז געבליבן יִצחק. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיינער אַ קרובה פון אַרָם, רִבקָה, און האָט געלעבט נאָך דעם טויט פון זיינע עלטערן אויך אין דָרום-כּנען, פאַרנעמענדיק זיך מיט ערדאַרבעט און פּיצוּכט.

3. אַברהמס בוים אין חֶברון (אֵשל אַבְרָהם)

צוויי זין זיינען געווען ביי יִצחָקן: יַעקוב און עֵשָׂו. יעקוב איז געווען אַ שטילער יונג, וואָס איז רואיק געזעסן אין זיין הויז; עֵשָׂו אָבער איז געווען, אַזוי ווי זיין פעטער יִשמעאֵל, אַ ווילדער מענטש, וואָס האָט

ליב געהאַט אומלויפן איבער וועלדער און פעלדער און יאָגן זיך נאָך חיות און עופות. די מוטער רבקה האָט מער ליב געהאַט דעם שטילן זון יעקובן איידער דעם אומרואיקן עשון. ווען דער פאָטער יצחק איז אַלט און בלינד געוואָרן און איז שוין געווען נאָענט צום טויט, האָט רבקה געוואָלט, אַז דער פירער פון דער משפּחה זאָל ווערן יעקב און ניט עשו. דערצו האָט מען געדאַרפט, אַז דער אַלטער זאָל געבן יעקובן אַ ברכה, בענטשן אים פאַר זיין טויט. איינמאָל האָט דער בלינדער יצחק צוגערופן עשון און געבעטן אים, ער זאָל אים ברענגען פלייש פון אַ געפאַנגענער חיה צום עסן, וועט ער אים דערפאַר בענטשן. עשו איז מיט פרייד אַוועקגעגאַנגען אין פעלד אויף דער יאַגד. רבקה אָבער האָט זיך דערוואוסט דערפון און האָט איינגערעדט יעקובן, ער זאָל פריער צוטראָגן דעם פאָטער אַ געבראָטן ציגן־פלייש, וואָס זי האָט גוט צוגעריכט, און אויסבעטן ביי אים אַ ברכה. ווען יעקב איז צוגעגאַנגען צום פאָטער, האָט דער בלינדער יצחק געמיינט, אַז דאָס איז עשו, און האָט געבענטשט דעם זון, אַז ער זאָל זיין דער פירער פון דער גאַנצער משפּחה. נאָכדעם איז געקומען עשו מיט זיין מתנה, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט: יצחק האָט אויך אים געבענטשט, ער זאָל ווערן שטאַרק און רייך, אָבער ער זאָל זיין אונטערטעניק זיין ברודער יעקובן. עשו איז אַריין אין כעס און האָט געוואָלט הרגענען דעם ברודער, וואָס האָט ביי אים אויסגעכאַפּט דעם פאָטערס ברכה. דאָ האָט רבקה אויף גיך אַוועקגעשיקט איר געליבטן זון יעקובן קיין אַרם, צו איר ברודער לבן, ביי וועמען ער האָט געזאָלט בלייבן ביז וואַנען עס וועט זיך איינשטילן עשׂום כעס.

אין דער תורה ווערט ווייטער אַזוי דערציילט וועגן יעקובן, דעם לעצטן פון די דריי אָבות (פאַטריאַרכן) פון אידישן פאָלק.

יעקב איז געקומען קיין אַרם און האָט זיך באַזעצט אין הויז פון זיין פעטער, לבן הארמי, וואָס האָט געהאַט פעלדער מיט גרויסע סטאַדעס שאָף אַרום דער שטאָט חרן. צוגייענדיק צו דער שטאָט, האָט יעקב באַגעגנט לבנס אינגערע טאָכטער, די שיינע רחל, און האָט זי אינגיכן ליב געקראָגן. איינמאָל האָט ער געזאָגט צו לבנען: איך בין גרייט דינען ביי דיר אין פעלד זיבן יאָר, אויב דו וועסט מיר געבן רחלען פאַר אַ ווייב. מיט פרייד האָט יעקב געדינט פאַר זיין

געליבטער: געפּיטערט דעם פּעטערס סטאַדעס ביי טאָג און געהיט זיי ביינאַכט, און די זיבן יאָר זיינען פאַרלאָפן פאַר אים ווי עטלעכע טעג. אָבער לָבן האָט זיין פלימעניק אָפּגענאַרט: אנשטאָט רָחלען האָט ער אים געגעבן פאַר אַ ווייב די עלטערע טאָכטער לֵאָה, זאָגנדיק: „דאָ פירט זיך ניט, מען זאָל אויסגעבן די אינגערע שוועסטער פאַר דער עלטערער". האָט יעקב געמוזט דינען נאָך זיבן יאָר פאַר רָחלען. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט צוויי ווייבער. פון לֵאָהן זיינען געבאָרן געוואָרן זעקס זין און איין טאָכטער (ראובן, שמעון, לֵוִי, יהודה, יִשָׂכָר, זבולון, דינה) און פון רָחלען נאָר צוויי זין: יוסף און בנימין. אויסער דעם האָבן נאָך יעקבס דינסטן אים געבאָרן פיר קינדער (דָן, נַפְתָּלִי, גָד, אָשֵר). שפּעטער זיינען פון אַלע צוועלף זין אַרויסגעקומען צוועלף מִשְׁפָּחות, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין שְׁבָטִים, פאַמיליע-גרופּעס, און האָבן צוזאַמען געשאַפן דאָס פאָלק ישׂרָאֵל. דער דאָזיקער פאָלקס-נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס יעקב האָט געהאַט נאָך אַ צווייטן נאָמען „ישׂרָאל", און זיינע קינדער און קינדס-קינדער האָבן געהייסן „בני-ישׂראל". אַזוי האָט מען שפּעטער גערופן דאָס אידישע פאָלק „ישׂראל" אָנשטאָט דעם אַלטן נאָמען „עִברים".

ווען יעקב מיט זיינע ווייבער און קינדער זיינען געקומען צוריק פון אַרָם קיין כּנען, האָבן זיי באַגעגנט אויפן וועג עֵשָׂון; די צעקריגטע ברידער האָבן זיך איבערגעבעטן און שָלום געמאַכט. יעקב האָט זיך באַזעצט אין מיטל-כּנען, אַרום די שטעט שכם און בית-אֵל, און עשו מיט זיין פאַמיליע איז אַוועק קיין דרום, נאָענט צום אַראַבישן מִדבר, וואו עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט דאָס פאָלק אֱדום.

ס'איז אָבער ניט באַשערט געווען יעקבן לאַנג צו בלייבן אינם לאַנד כּנען. אין זיין פאַמיליע האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק: זיין געליבטסטער אינגערער זון, דער שיינער יוסף, איז פּלוצים פאַרפאַלן געוואָרן. די מעשה איז אַזוי געווען. יעקב האָט ליב געהאַט יוספן, דאָס קינד פון זיין יונג פאַרשטאָרבענער ווייב רָחל, מער פאַר אַלע קינדער, און יוסף פלעגט זיך שטענדיג גרוים האַלטן פאַר זיינע עלטערע ברידער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער בעסטער אין דער פאַמיליע. דערפאַר האָבן אים די ברידער מקנא געווען און פיינט געהאַט. איינמאָל איז יוסף געקומען אין פעלד, וואו די ברידער האָבן געפּיטערט

זייער שאָף, האָבן זיי אים געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב. פאַרבייגייענדיקע אַראַבישע וואַנדערער האָבן אַרויסגעשלעפּט יוספן פון גרוב און אַוועקגעפירט אים ווייט, קיין מִצרַיִם, וואו זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. דעם פאָטער יעקבֿן האָבן די ברידער געזאָגט, אַז יוסף איז פאַרפאַלן געוואָרן; זיי האָבן אויך ניט געוואוסט, וואָס ס'טוט זיך מיט אים אין די ווייטע לענדער.

אין מִצרַיִם האָט יוסף די ערשטע צייט געדינט ווי אַ קנעכט אין הויז ביי אַ רייכן האַר פּוטיפַר, דעם שעף פון דער קיניגלעכער לייב־וואַך. איינמאָל האָט ער זיך צעקריגט מיט פּוטיפּרס ווייב, און מען האָט אים דערפאַר באַשטראָפט און אַריינגעזעצט אין תּפיסה (גע־פענגעניש). דאָ האָבן זיך אַלע געוואונדערט אויף יוספס קלוגשאַפט און זיין קונסט „פּותר חָלום" זיין, דאָס הייסט טרעפן דעם באַטייט פון אַ חָלום, וואָס אַ מענטש האָט געזעען אין שלאָף, און פאָראויסזאָגן אויף דעם גרונד די צוקונפט פון דעם מענטשן. וועגן דעם האָט מען דער־ציילט דעם קיניג פון מִצרַיִם, פַּרעהן. איינמאָל האָט זיך דעם קיניג געחלומט, אַז זיבן פעטע בהמות האָבן זיך געפּאַשעט אין גראָז מיט זיבן מאָגערע און די מאָגערע האָבן אויפגעגעסן די פעטע. קיינער פון דעם קיניגס טרעפער (מְכַשפים) האָט ניט געקענט זאָגן, וואָס באַטייט דער חָלום. האָט מען געבראַכט יוספן פון דער תּפיסה, און ער האָט געזאָגט: זיבן פעטע בהמות באַטייטן, אַז עס וועלן קומען זיבן זאַטע יאָרן מיט אַ גרויסער גערעטעניש אויף די פעלדער, און זיבן דאַרע בהמות באַטייטן, אַז דערנאָך וועלן קומען זיבן הונגער־יאָרן, ווייל אויף די פעלדער וועט גאָרניט וואַקסן; אָט דאָס האָט גאָט אָנגעזאָגט אין חָלום דעם קיניג, כּדי ער זאָל הייסן מען זאָל אין די זאַטע יאָרן אָפּשפּאָרן ברויט פאַר די ווייטערדיקע שלעכטע יאָרן און דאַן וועט דאָס פאָלק ניט הונגערן. דעם קיניג איז די קלוגע עֵצָה געפעלן געוואָרן; ער האָט יוספן תּיכּף באַפרייט פון תּפיסה און האָט אים באַ־שטימט פאַר אַ פאַרוואַלטער איבערן גאַנצן לאַנד, כּדי ער זאָל קענען דורכפירן דעם פּלאַן פון פאַרזאָרגן דאָס פאָלק מיט ברויט. און יוסף האָט טאַקע דורכגעפירט: ער האָט אָנגעזאַמלט אין די קיניגלעכע שפּייכלער אַזוי פיל תּבואה, אַז אַפילו פון אַנדערע לענדער פלעגט מען קומען קיין מִצרַיִם קויפן ברויט.

אין יענער צייט איז געווען אַ הונגער אין דעם לאַנד כּנַען. האָט יעקבֿ געשיקט זיינע קינדער קיין מִצרַיִם איינקויפן דאָרטן ברויט. זיינען זיי געקומען צום פאַרוואַלטער, ניט ווִיסנדיק, אַז דאָס איז זייער פאַרפאַלענער ברודער יוסף; ער האָט אָבער זיינע ברידער דערקענט. נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַביסל אָנגעשראָקן, האָט ער צו זיי געזאָגט: „איך בין אייער ברודער יוסף, וועלכן איר האָט אַמאָל פאַרטריבן קיין מִצרַיִם, אָבער שרעקט זיך ניט, ווייל גאָט אַליין האָט מיך אַהער געשיקט צו ווערן אייער שפייזער. פאָרט צוריק אַהיים און ברענגט אַהער אונזער אַלטן פאָטער, וועלן מיר דאָ לעבן צוזאַמען“. יעקבֿ איז געווען גליקלעך, ווען מ׳האָט אים אָנגעזאָגט, אַז יוסף לעבט. ער האָט איבערגעוואַנדערט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע קיין מִצרַיִם און האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד גּוֹשֶן, וואו די פאַמיליע האָט זיך פאַרנומען מיט פיצוכט אַזוי ווי אין כּנַען.

2. די „בני־יִשׂרָאֵל“ אין מִצרַיִם; קנעכטשאַפט און באַפרייונג

פיל יאָרן האָבן יעקבֿס קינדער און קינדס־קינדער, די „בני־יִשׂרָאֵל“, געלעבט אין מִצרַיִם. יעקבֿ איז שוין לאַנג געשטאָרבן, יוסף און זיינע ברידער אויך, אָבער די פאַמיליעס פון אַלע צוועלף ברידער האָבן זיך פאַרמערט; עס זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע מִשפּחות אָדער שְבָטים, און דאָס לאַנד גושֶן איז געווען פול מיט די בני־יִשׂרָאֵל. דאָ האָבן זיך די עגיפּטער דערשראָקן: דער נייער קיניג פון מִצרַיִם האָט מוֹרָא געהאַט, אַז די פרעמדע וואַנדערער זאָלן ניט פאַרנעמען און באַהערשן דאָס גאַנצע לאַנד. האָט ער באַשלאָסן מאַכן זיי פאַר קנעכט. ער האָט געבויט נייע שטעט און האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט קנעכט פון פרעמדע לענדער, צווישן זיי אויך אידישע איינוואוינער פון לאַנד גּוֹשֶן. זיי האָבן געבויט צוויי שטעט פיתום און רַעמסס, די לעצטע אויפן נאָמען פונם גרויסן קיניג ראַמזעס דעם צווייטן. מען האָט אויפגעשטעלט אויפזעער, וואָס האָבן זיי געטריבן צו דער אַרבעט: קנעטן ליים, מאַכן ציגל און בויען די געוואַלדיקע בנינים. אָבער וואָס מער מען האָט געפּייניקט די בני־יִשׂרָאֵל, אַלץ מער האָבן זיי זיך פאַרמערט, און

דער בייזער קיניג פּרעה האָט אויסגעטראַכט אַ נייע גזירה: מען זאָל אַלע נייגעבאָרענע אידישע אינגלעך דערטרינקען אין דעם גרויסן טייך נ י ל ו ס און נאָר מיידלעך זאָל מען לאָזן לעבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאָג פון אידישע מוטערס, ביי וועמען מען פלעגט אָפּנעמען זייערע קינדער; יינגע מוטערס פלעגן אָפט באַהאַלטן פון דער עגיפּטישער פּאָליציי זייערע ערשט געבאָרענע אינגלעך. איין מוטער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך: זי האָט אַריינגעלעגט איר קינד אין אַ קאָרב און האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אין די געדיכטע גראָזן אויפן ברעג טייך. איינמאָל איז פּרעהס טאָכטער מיט אירע דינסטן געגאַנגען צום טייך באָדן זיך און האָט באַמערקט דעם קאָרב אין גראָז, אויפגעעפנט און דערזעען אַ קליין אינגעלע, וואָס האָט געוויינט. דעם קיניגס טאָכטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ אידיש קינד, אָבער זי האָט אים געוואָלט ראַטעווען פון טויט. זי האָט געהייסן רופן אַ אידישע פרוי, וואָס איז גראָד געווען דעם קינדס מוטער, און אָפּגעגעבן איר זי זאָל אים האָדעווען. מען האָט דעם אינגעלע אַ נאָמען געגעבן מ ו ש ה, און ער איז געוואַקסן אונטער דעם שוץ פון דער קיניגלעכער פאַמיליע.

ווען מושה איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום לעבן פון זיינע ברידער און דערזעען, ווי זיי ליידן פון שווערער אַרבעט און קנעכטשאַפט. איינמאָל גייט ער אַרום אין פעלד און זעט, ווי אַן עגיפּטער שלאָגט אַ אידן; האָט דער יונגער



4. קנעכט אין מצרים קנעטן ליים און מאַכן ציגל

משֶׁה אַזוֹי אַ קלאַפּ געטאָן דעם שלאָגער, אַז יענער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. דערפון האָט זיך דערוואוסט פַּרעה און געוואָלט באַשטראָפן משֶׁהן. משֶׁה איז אָבער אַנטלאָפן אין דעם נאָענטן מִדבָּר און איז דאָרטן אַריין אין אַ פאַסטוכער-פאַמיליע. איינמאָל — דערציילן די אַלטע ספָרים — איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע סטאַדעס גאָר ווייט, ביז צום באַרג סִינַי. דאָ האָט ער דערזעען, ווי אַ דאָרנבוים ברענט און ברענט און דאָך ווערט ער ניט פאַרברענט. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ קול פון

5. דאס קינד משה אין קאָרב אויפן ברעג נילוס

דעם דאָרנבוים: „משֶׁה, משֶׁה, זאָלסט ניט צוגיין נאָענט! נעם אַראָפּ די שיך פון די פיס, וואָרעם דו שטייסט אויף אַ הייליקן אָרט. איך בין דער גאָט פון אַבְרָהָם, יִצחָק און יַעֲקֹב. איך האָב דערזעען, ווי מען פייניקט מיין פאָלק אין מִצרַיִם, איך האָב דערהערט זיין געשריי און בין געקומען באַפרייען אים פון זיין קנעכטשאַפט און אַרויספירן אין אַ לאַנד, וואָס טריפט מיט האָניק און מילך. איך וועל דיך שיקן צו פַּרעהן, דו וועסט אים זאָגן, ער זאָל אַרויסלאָזן מיין פאָלק יִשׂרָאֵל פון מִצרַיִם, און דאַן וועט איר מיר דינען אויף דעם דאָזיקן באַרג“. מיט ציטערניש האָט משֶׁה אַ פרעג געטאָן: „ווי זאָל איך דיין נאָמען אָנרופן, אַז איך וועל

קומען צו מיינע ברידער?" דאָ האָט זיך ווידער דערהערט אַ קול: „מען רופט מיך דער, וואָס איז געווען און וועט אייביק זיין; זאָג דיינע ברידער, אַז יהוה (דער אייביקער), דער גאָט פון די עבֿרים, האָט דיך געשיקט און געהייסן אוועקפירן זיי אין דעם מדבר. אויב פּרעה וועט אייך ניט לאָזן, וועל איך אים אָנטאָן גרויסע צרות".

משה האָט זיך אומגעקערט אין מצרים צו זיינע פאַרקנעכטעטע ברידער און האָט זיי דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון גאָט, און די בני-ישׂראל האָבן זיך זייער דערפרייט. אַז ער איז אָבער געקומען צו פּרעהן און געבעטן ער זאָל אַרויסלאָזן די בני-ישׂראל פון זיין לאַנד, ווייל זיי ווילן דינען זייער גאָט אין דעם מדבר, האָט דער קיניג אַ געשריי געטאָן: אייער גאָט קען איך ניט און אייער פאָלק וועל איך ניט אַרויסלאָזן. גייט אוועק און שטערט ניט מיינע קנעכט אין דער אַרבעט!" און ער האָט געהייסן, מען זאָל די בויער פאַרגעבן נאָך שווערערע אַרבעט. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן אין מצרים שרעקלעכע פּלאָגן (מכּות): דאָס וואַסער אין טייך איז געוואָרן רויט ווי בלוט און מ'האָט עס ניט געקענט טרינקען; זשאַבעס (פרעש) האָבן באַדעקט די גאַנצע ערד, לייז האָבן געביסן לייבער פון מענטשן, היישעריקן האָבן אויפגעפרעסן די תבואה אויף די פעלדער, אין לאַנד איז געוואָרן אַזאַ פינסטערניש, אַז מענטשן האָבן דריי טעג ניט געזען איינער דעם אַנ-

6. ראַמזעס II. פּרעה פון מצרים.

דערן, און צום סוף האָבן אין די עגיפּטישע פֿאַמיליעס אָנגעהויבן אויס־שטאַרבן די עלטערע קינדער. נאָך יעדער מַכּה פלעגט פַּרעה צוזאָגן באַפרייען די בּנֵי־ישׂרָאֵל, אויב מוֹשה וועט אויסבעטן ביי גאָט דער אומגליק זאָל אויפהערן, אָבער ווען עס איז געוואָרן בעסער, פלעגט ער ניט האַלטן וואָרט. נאָר בעֵת די עלטערע קינדער אין אַלע פֿאַמיליעס האָבן אָנגעהויבן אויסשטאַרבן, האָט פַּרעה געזאָגט צו מוֹשהן: „נעם, פיר אַוועק אַלע אידן פון מִצרַיִם, אָבער וואָס גיכער!" די בּנֵי־ישׂרָאֵל האָבן זיך באַלד צוגעגרייט צום וועג, אָפּגעבאַקט אויף גיך אָנשטאָט ברויט ניט געזויערטע מַצוֹת און האָבן זיך געלאָזט גיין אונטער מוֹשהס פירונג דורך דעם מִדבָּר צום רויטן יַם (יַם־סוּף). ביים ברעג ים האָט זיי אָבער אָנגעיאָגט פַּרעה מיט זיינע רייטער אויף פערד און האָט זיי געוואָלט אָפּשטעלן. מוֹשה האָט געהייסן דעם פאָלק גיין גלייך איבערן יַם, וואו דאָס וואַסער איז דעמאָלט געווען ניט טיף, ווייל אַ שטאַרקער ווינט האָט אָפּגעטריבן דאָס וואַסער אָן אַ זייט; אָבער אַז די עגיפּטישע רייטער האָבן זיך אויך געלאָזט אין וואַסער, זיינען זיי אַריינ־געפאַלן אין די טיפענישן און דערטרונקען געוואָרן מיט זייערע פערד. דאָ האָבן די בּנֵי־ישׂרָאֵל דערפילט מיט פרייד, אַז זיי זיינען שוין מער ניט קיין קנעכט, נאָר פרייע מענטשן.

3. מוֹשה רַבֵּנוּ און די וואַנדערונג אין מִדבָּר

אַ לאַנגע צייט האָבן די באַפרייטע געוואַנדערט אין דעם מִדבָּר, וואו עס האָט זיי אָפט געפעלט וואַסער און ברויט. צוערשט האָט זיי מוֹשה צוגעפירט צו יענעם באַרג סִינַי, וואו ער האָט אַמאָל געהערט דעם אָנזאָג וועגן אַ פריי פאָלק, וואָס גלויבט אין איין איינציקן גאָט. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס פאָלק אַליין זאָל דערהערן ביים הייליקן באַרג ווי צו גלויבן און צו לעבן אויף דער וועלט. איינמאָל האָט זיך דער גאַנצער באַרג סִינַי באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס, עס האָט געדונערט און געבליצט, דער שפּיץ באַרג האָט ווי געברענט אין פלאַ־מען און פון דאָרטן האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס האָט געזאָגט:

1. איך בין יַהוֶה (דער אייביקער), דער גאָט, וואָס האָט דיך אַרויס־געפירט פון מִצרַיִם.

2. זאָלסט קיין אַנדערע געטער ניט האָבן חוץ מיר, ניט מאַכן זיך קיין אָפּגעטער אָדער בילדער און ניט בוקן זיך צו זיי.
3. זאָלסט ניט שווערן בײַ גאָטס נאָמען פֿאַר אַ פֿאַלשער זאַך.
4. האַלט הייליק דעם טאָג שַׁבָּת. זעקס טעג אין וואָך זאָלסטו אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג רוען מיט דײַנע קינדער, דײַנע קנעכט און דײַן פֿי.
5. זאָלסט אַכטן דײַן פֿאָטער און מוטער, וועסטו לאַנג לעבן.
6. זאָלסט ניט טויטן קיין מענטשן.

7. דער באַרג סיני

7. זאָלסט ניט זײַן אויסגעלאַסן.
8. זאָלסט ניט גַנבֿענען.
9. זאָלסט ניט עדות זאָגן פֿאַלש קעגן אַ מענטשן.
10. זאָלסט ניט באַגערן דאָס הויז פֿון אַן אַנדער מענטשן און אַלץ, וואָס יענעם געהערט.

דאָס זײַנען געווען די „צען געבאָטן" („עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת"), די ערשטע געזעצן פֿון ריינעם גלויבן און מאָראַל, אָן וועלכע ס'איז אוממ-

מעגלעך אַ צוזאַמענלעבן פון מענטשן. ניט טויטן, ניט גַנבענען, ניט זאָגן קיין ליגן, ניט אָפּנעמען בײַ יענעם וואָס אים געהערט, אַכטן פֿאָטער און מוטער, אָפּרוען איין טאָג אין וואָך פון דער אַרבעט, ניט בוקן זיך צו אָפּגעטער פון שטיין און האָלץ, נאָר גלויבן אין איין גאָט, וואָס פירט אָן מיט דעם אידישן פֿאָלק — דאָס אַלץ האָבן די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל געהערט פון זייער פירער מושה רַבֵּנוּ („מושה אונזער לערער") באַלד ווי זיי זײַנען אַרויס פון קנעכטשאַפט צו אַ פרײַ לעבן. מושה האָט אויסגעקריצט די צען געבאָטן אויף שטיינערנע טאָוולען („לוּחות"), כּדי יעדערער זאָל זיי געדענקען און פֿאָלגן.

אָבער ניט אַלע אין פֿאָלק האָבן זיך געקענט דערהויבן צו די געדאַנקען פון דעם גרויסן לערער. געווען פיל מענטשן, וואָס האָבן ניט



8. דאָס קאַלב אַפּיס (עֵגֶל)

געקענט גלויבן אין אַ גאָט, וואָס מען זעט אים ניט. אין מִצְרַיִם האָבן זיי געזען, ווי מענטשן בוקן זיך צו אַן אָפּגאָט אין געשטאַלט פון אַן אָקס אָדער אַ קאַלב. האָבן זיי זיך אויך אויסגעגאָסן פון גאָלד אַ בילד מיט דער צוּרָה פון אַ קאַלב (דאָס גאָלדענע קאַלב, דער עֵגֶל), האָבן געטאַנצט אַרום אים און געשריען: אָט איז אונזער גאָט, וואָס האָט אונז אַרויסגעפירט פון מִצְרַיִם! ווי נאָר מושה האָט דאָס דערזען, האָט ער פון כַּעס און האַרצווייטאָק צעבראָכן די לוּחות, וואָס עס איז געווען

אויסגעקריצט אויף דער געבאָט, אַז מען טאָר זיך ניט בוקן צו אַ בילד. שפּעטער אָבער האָט ער זיך באַרואיקט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט אַזוי גיך קען זיך אַ פאָלק צופּאַסן צו אַ נייער אָרדענונג. ער האָט גע־מאַכט נייע לוחות און האָט זיי אַריינגעלעגט אין אַ שיינעם קאַסטן (אָרון), וואָס איז געשטאַנען אין אַ באַזונדער געצעלט (מִשכָּן). דאָס איז געווען דער קליינער טעמפּל פון די בני־ישׂרָאֵל; מען פלעגט אים איבערטראָגן פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן ביי אַלע וואַנדערונגען אין דעם מִדבָּר.

פערציק יאָר האָבן די בני־ישׂרָאֵל געוואַנדערט אין דעם גרויסן מִדבָּר צווישן מִצרַיִם און כּנַען. מושה האָט צוגעזאָגט אַריינפירן זיי אין כּנַען אָדער פּאַלעסטינע, דאָס לאַנד, וואו עס האָבן געלעבט אַמאָל די פאָלק־פאָטערס (די „אָבות“) אַברָהָם, יִצחָק און יַעקוב; אָבער אויף די גרעניצן פון דרום־כּנַען האָבן זיך באַזעצט די פעלקער עמון, מואָב און אֶדום און ניט געוואָלט דורכלאָזן די בני־ישׂרָאֵל. האָט מען זיך געמוזט לאַנגזאַם צורוקן צום מזרח־גרעניץ, וואו עס האָבן זיך געצויגן ברייטע סטעפּעס ביז צום טייך יַרדן („עבר הַיַרדן“). דאָ האָבן זיך די בני־ישׂרָאֵל צעטיילט אויף צוועלף גרופּעס אָדער שבָטים. יעדער שֵבֶט איז געווען ווי אַ גרויסע מִשפָּחָה, וואָס האָט זיך גערופן מיט דעם נאָמען פון איינעם פון די צוועלף יַעקובס קינדער: שֵבֶט ראובֵן, שֵבֶט יהודָה, שֵבֶט לֵוִי און אַזוי ווייטער; דער שבט יוסֵף איז באַשטאַ־נען פון צוויי טיילן, וואָס האָבן זיך גערופן מיט די נעמען פון יוספס זין: אֶפרַיִם און מנַשֶה. אַלע שבָטים זיינען געגאַנגען באַוואָפנט, יעדער אונטער זיין פאָן: זיי האָבן זיך געמוזט שיצן קעגן די ווילדע מִדבָּר־פעלקער און צוגרייטן זיך צו אַ מלחמה מיט די כּנַען־פעלקער, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך די בני־ישׂרָאֵל. די ערשטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן אויף דער מזרח־זייט פון יַרדן: די ישׂראֵלים האָבן פאַרטריבן פון דאָרטן דאָס קריגערישע פאָלק אֶ מ ו ר י ם און האָבן פאַרנומען אַ שטיק לאַנד נאָענט צו עמון און מואָב. דאָ האָבן זיך באַזעצט עטלעכע שבטים, ווייל דאָס לאַנד איז געווען זייער גוט צו פיטערן הויז־פי. אַלע אַנדערע שבטים האָבן געמוזט וואַרטן ביז וואַנען זיי וועלן קענען אַריבערגיין דעם יַרדן און אַריינדרינגען אין דעם אינע־ווייניקסטן כּנַען, וואו עס האָבן אַמאָל געלעבט די אָבות.

דעם גרויסן פאָלק־פירער מושהן איז אָבער ניט געווען באַשערט אַריינפירן אַלע אידן אין דאָס „צוגעזאָגטע לאַנד“. ער איז שוין געווען אַלט און האָט געפילט, אַז אינגיכן וועט ער שטאַרבן. פאַר זיין טויט האָט ער פאַרזאַמלט די עלטסטע פון פאָלק און האָט זיי געלערנט ווי צו לעבן אין דעם נייעם לאַנד לויט די געזעצן פון פרייהייט און גערעכ־



9. משה רבנו

טיקייט. פאַר אַ פירער האָט ער באַשטימט זיין יונגן פריינד יהושע בן נון. דערנאָך איז משה אַרויפגעגאַנגען אויף דעם שפּיץ פון באַרג נבו און באַקוקט פון דער הויך דאָס גאַנצע לאַנד כנען אויף ביידע זייטן פון ירדן. אין טיפן טרויער איז ער דאָ געשטאַנען, ביז

וואַנען די לוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען און ער איז געשטאָרבן. דאָס פאָלק ישׂראֵל האָט דרייסיק טעג נאָכאַנאַנד באַוויינט דעם טויט פון דעם גרויסן באַפרייער און לערער, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון די אַרומיקע פעלקער און באַוויזן אַ נייעם וועג אין לעבן.

---

4. ווי פון כּנען איז געוואָרן אֶרץ־ישׂראֵל; די שופטים־צייט

צו יענער צייט איז דאָס לאַנד כּנען אָדער פּאַלעסטינע, צווישן מיטללענדישן יָם און דעם טייך יַרדן, געווען באַזעצט מיט קליינע פעלקער, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין פירשט אָדער „מֶלֶך“. ווען די בני־ישׂראֵל זיינען צוגעגאַנגען צום יַרדן אונטער דער פירונג פון יהושוע, זיינען די כּנענים ניט געווען צוגעגרייט צו מלחמה. ניט ווייט פון יַרדן איז געשטאַנען די באַפעסטיקטע שטאָט י ר י ח ו; די בני־ישׂראֵל האָבן די שטאָט באַלאַגערט; זיבן טעג האָבן זיי געשטורעמט די פעסטונג, ביז וואַנען די ווענט זיינען איינגעפאַלן און די באַלאַגערער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. אין גאַנץ כּנען האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס גייט אַ גרויסע אַרמיי, וואָס וויל אָפּנעמען דאָס לאַנד און פאַרטרייבן די אַלטע איינוואוינער. די שוואַכע פעלקער האָבן זיך דערשראָקן, און עטלעכע פון זיי האָבן אַליין אַריינגעלאָזן די בני־ישׂראֵל אין זייערע שטעט און דערפער. יענע אָבער, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, האָבן געהאַט אַ מַפָּלָה: די בני־ישׂראל האָבן זיי צעשלאָגן, אַ טייל פאַרטריבן און אַ טייל געלאָזט אויף די ערטער אַלס אונטערטעניקע.

נאָך אַ לאַנגער צייט פון מִלחָמות האָבן זיך די אידישע שבָטים באַזעצט אין לאַנד כּנען, וואָס איז אַזוי אַרום געוואָרן „ישׂראֵלס לאַנד“ (אֶרץ־ישׂראֵל). זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך דאָס לאַנד: יעדער שֵבֶט האָט באַקומען זיין חֵלֶק. חוץ די פּאָר שבטים, וואָס זיינען געבליבן אויף יענער זייט יַרדן (ראוּבֵן און גָד), האָבן זיך אינמיטן לאַנד באַזעצט די צוויי גרויסע שבטים אֶפרַיִם און מנַשֶה; אין דָרום — יהוּדָה און בּינְיָמין; אין צָפון — נַפתָּלי, אָשֵר, ישָׂכָר און זבוּלון; נאָר איין שֵבט לֵוי האָט ניט באַקומען זיין אייגענעם חֵלֶק און איז געווען צעזייט צווישן די איבעריקע שבָטים. נאָך יהושועס טויט איז ביי די בני־ישׂראֵל ניט

געווען קיין אַלגעמיינער פֿאָלק־פֿירער, נאָר יעדער שֵבט האָט זיך גע־האַט זיין פֿירער אָדער שופט (ריכטער). מיט דער צעריסנקייט פֿון אידישן פֿאָלק פֿלעגן זיך באַנוצן די פֿרעמדע פֿעלקער און אָנפֿאַלן אויף דעם אָדער יענעם אידישן שֵבֶט, כּדי אָפּנעמען בײַ אים צוריק זיין שטיק לאַנד. אין אַזעלכע שלעכטע צייטן פֿלעגן זיך פֿאַראייניקן עטלעכע שבָטים אין איין בּונד, אונטער דער פֿירונג פֿון אַ העל־דישן שופט, אַ „גיבור", און צוזאַ־מען פֿלעגן זיי מלחמה האַלטן מיט די פֿרעמדע און באַפֿרייען זיך פֿון זייער הערשאַפֿט.



10. קאַרטע פֿון כּנען (פּאַלעסטינע) מיט די 12 שבטים

אַזאַ מעשׂה איז געשעען דאָן אין צפֿון־טייל פּאַלעס־טינע, וואו דער שֵבֶט נַפְתָּלי און אַנדערע האָבן גע־לעבט צווישן פֿרעמ־דע פֿעלקער. איינ־מאָל האָט אַ קריג־פֿירער מיטן נאָמען סיסרא אָנגע־זאַמלט אַ גרויסן חַיִל און אָנגעהויבן יאָגן און דריקן דעם שבט נַפְתָּלי און די אַרומיקע אידישע שבָטים. פֿון צָפֿון זיינען אידן געלאָפֿן אין די שטעט פֿון דעם מיטעלן שטאַרקן שבט אֶפְרַיִם. צו יענער צייט האָט אויפֿן באַרג אֶפְרַיִם געלעבט אַ קלוגע פֿרוי מיטן נאָמען דבוֹרָה. זי איז געווען אַ „נביאה",

אַ באַגייסטערטער מענטש, וואָס רעדט אין נאָמען פֿון גאָט. זי האָט גערופֿן די בני־אֶפֿרַיִם קומען צו הילף זייערע ברידער אין צָפֿון און האָט אָוועקגעשטעלט דעם פֿירער בָּרָק (דער נאָמען הייסט „בליץ") פֿון שבט נַפְתָּלִי בראש פֿון דער אידישער אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען אויף אַ מִלחמה מיט סיסרָאָן. דבורה איז אויך מיטגעגאַנגען מיט דער אַרמיי. די גיבורים פֿון ישׂרָאֵל האָבן צעשלאָגן סיסראָס חַיִל; סיסרָאָ אַליין איז אַנטלאָפֿן און באַהאַלטן זיך אין אַ געצעלט פֿון איינער אַ פֿרוי; זי האָט אים אָבער אין שלאָף דערהרגעט מיט אַ פּלאָקן. דבורָה האָט באַזונגען די דאָזיקע באַפֿרייונג פֿון פֿאָלק אין אַ שיינעם ליד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך זינג צום גרויסן גאָט פֿון ישׂרָאֵל. עס איז ניט געווען קיין פֿירער ביי ישראל, ביז וואַנען איך, דבורה, בין גע־קומען ווי אַ מוטער אין ישראל!"

שפּעטער האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ קריג קעגן די נאָמַדן, וואָס פֿלעגן קומען פֿון מִדבר אויף זייערע קעמלען, אָנפֿאַלן ווי היישעריקן אויף אידישע פֿעלדער און אָוועקפֿירן די תבואה מיט די בְּהֵמות. דער פֿירער אין קריג איז געווען ג י ד ע ו ן פֿון שבט מְנַשֶּׁה. אויף זיין רוף האָבן זיך פֿאַרזאַמלט טויזנטער קריגער, נאָר ער האָט אויסגערופֿן: „ווער עס האָט מורא גיין אויף אַ מלחמה, זאָל בעסער זיך אומקערן אַהיים!" די שוואַכע זיינען אַוועק, און אַרום דעם פֿירער זיינען גע־בליבן דריי הונדערט העלדן, מיט וועמען ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן ניצָחון: די נאָמאַדישע רויבער זיינען אינגאַנצן פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון לאַנד. די עלטסטע פֿון פֿאָלק זיינען געקומען צו גידעונען און געבעטן אים, ער זאָל ווערן אַ קיניג אין ישראל, נאָר ער האָט געענטפֿערט: „ניט איך און ניט מיינע קינדער וועלן הערשן איבער אייך; גאָט איז אייער קיניג".

איינמאָל ביי אַזאַ קריג מיט פֿיינדלעכע פֿעלקער האָט זיך געטראָפֿן אַ טרויעריקע מעשה. דער פֿירער פֿון די אידישע פּאַסטוכער־שבטים אויף יענער זייט פֿון ירדן („עֵבֶר הַיַּרְדֵּן"), יִפְתָּח פֿון גילעד, האָט מִלחמה געהאַלטן מיט דעם שכֵנישן פֿאָלק עמון, וואָס האָט געוואָלט אָפּנעמען דאָס לאַנד ביי אידן. אין רעכטן ברען פֿון דער מלחמה האָט יפתָּח אַרויסגעזאָגט אַזאַ וואָרט: „אויב גאָט וועט געבן און מיר וועלן באַזיגן דעם פֿיינד, וועל איך, צוריקקערענדיק זיך אַהיים, אים ברענגען פֿאַר

אַ קָרבּן דאָס ערשטע, וואָס וועט מיר אַרויסגיין אנטקעגן פון מיין הויז". גראָד האָט זיך אַזוי געטראָפן, אַז די ערשטע, וואָס האָט באַגעגנט יפתּח, איז געווען זיין יונגע און שיינע טאָכטער. אַז דער פאָטער האָט איר דערציילט וועגן זיין אומגליקלעכן נדר, האָט די טאָכטער געענטפערט: „וואָס דו האָסט צוגעזאָגט מוזט דו טאָן. לאָז מיך נאָר אָפּ אויף צוויי חדשים אין די בערג, איך וועל דאָרטן צוזאַמען מיט מיינע חבֿרטעס באַקלאָגן מיין יונג לעבן". אַזוי איז אָפּגעשניטן געוואָרן אַ יונג בליענד לעבן איבער אַ ווילדן גלויבן, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי די אַרומיקע פעלקער און אויך ביי אַ טייל פון אידישן פאָלק, אַז גאָט וויל מענטשלעכע קרבּנות. שפּעטער זיינען אַזעלכע מנהגים ביי אידן אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

נאָכדעם האָט אַ נייער בייזער פיינד אָנגעהויבן דריקן די שבֿטים אין די דרום-לענדער, נאָענט צום ים. דאָ האָבן זיך באַזעצט די פּלישתּים אין עטלעכע שטעט (עזה, אַשקלון און אַנדערע) און האָבן געהערשט איבער די שבֿטים דן און יהודה. איינער אַ שטאַרקער העלד פון שבֿט דן, שמשון דער גיבור, האָט געקעמפט קעגן די פּלישתּים דערמיט, וואָס ער אַליין פלעגט זיי אָנטאָן צרות אין פאַרשיידענע ערטער. איינמאָל האָט ער געכאַפּט דריי הונדערט פוקסן, צוגעבונדן זיי צו די עקן ברענענדיקע פאַקעלן און געלאָזט אויף די פּלישתּישע פעלדער, איז דאָרטן די גאַנצע תּבֿואה פאַרברענט געוואָרן. ווען די פּלישתּים האָבן אים דערזעען אין דער שטאָט עזה און האָבן פאַרשלאָסן די טויערן פון שטאָט, כּדי ער זאָל ניט קענען אַרויסגיין, האָט שמשון שטילערהייט ביינאַכט אַראָפּגעריסן די טויערן מיט די ריגל און שלעסער, אַוועקגעטראָגן זיי אויף אַ באַרג און אַליין זיך רויִק אַוועקגעגאַנגען. די פּלישתּים האָבן זיך געוווּנדערט אויף אַזאַ גבֿורה און האָבן איינגערעדט שמשונס פּלישתּישע ווייב דלילה, זי זאָל זיי העלפן כאַפּן דעם אידישן גיבור. דלילה האָט געפרעגט ביים מאַן: „זאָג מיר, אין וואָס ליגט דיין גרויסער כּוח?" שמשון האָט געענטפערט: „פון קליינווייז אָן האָב איך ניט געשאָרן מיינע האָר, און ווען מען זאָל זיי אָפּשערן, וועל איך אָנווערן מיין קראַפט". האָט אים דלילה אין שלאָף אָפּגעשניטן די לאַנגע האָר און אָנגעזאָגט אירע פּלישתּישע פריינד, זיי זאָלן קומען. האָבן אים די פּלישתּים געכאַפּט, אויסגעשטאָכן

די אויגן און אַ געשמידטן אין קייטן אַריינגעזעצט אין תּפיסה. איינמאָל האָבן זיי געבראַכט דעם בלינדן העלד אין זייער טעמפּל, כּדי דאָס פאָלק זאָל זיך לוסטיק מאַכן איבער דעם געפאַנגענעם פיינד. דער צערייצטער שמשון האָט אויסגעשריען: „מיין גאָט, גיב מיר כּאָטש נאָך איינמאָל כּוח און לאָמיך שטאַרבן צוזאַמען מיט די פּלישתּים!" ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביי די זיילן פון טעמפּל און האָט זי אַ טרייסל געטאָן. דער גאַנצער בנין איז איינגעפאַלן און האָט באַגראָבן אונטער זיך טויזנטער פּלישתּים און אויך דעם אידישן העלד.

5. שָאול, דער ערשטער מֶלֶך פון ישׂרָאֵל

די פּלישתּים האָבן אַלץ ווייטער פאַרשפּרייט זייער הערשאַפט און אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די לענדער פון אֶפרַיִם, אין מיטל־כּנען. דאָ, אין דער שטאָט שילה, איז געשטאַנען דער מִשכָּן אָדער געצעלט פון גאָט יַהֲוֶה מיט דעם הייליקן אָרון, וואָס די בני־ישראל האָבן אַריבערגעטראָגן פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן וואַנדערנדיק אין דעם מִדבָּר. דער כּוהן (פּריסטער) איז דאָ געווען עֶלִי, וואָס איז אויך געוואָרן דער „שופט" פון די שבטים אין מיטל־כּנַען. ער פלעגט תּמיד אויפמונטערן דאָס פאָלק צום קאַמף מיט. די פרעמדע אונטערדריקער, אָבער ניט אַלעמאָל האָט דאָס געהאָלפן. איינמאָל האָבן זיך די פּלישתּים אַריינגעריסן אין דער הייליקער שטאָט שילה, צעשטערט דעם מִשכָּן און אַוועקגעפירט דעם הייליקן אָרון. דער אַלטער עלי איז פון שרעק און צער געשטאָרבן. דאָס האָט צוגעזען אַ יונגערמאַן פון שבט לֵוִי, מיטן נאָמען שמואֵל, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי דעם כּוהן עלי און האָט גענומען פאַרנעמען זיין אָרט נאָך זיין טויט. שמואֵל איז געווען אַ באַגייסטערטער מענטש, אַ נביא; ער האָט געוואָלט אויפלעבן די תּורה פון משה רַבֵּנו און געלערנט דאָס פאָלק ווי צו לעבן נאָך די געזעצן פון דער דאָזיקער תּוֹרָה; מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן „זעער" (רוֹאֶה), וואָס קאָן פאָראויסזען די צוקונפט. ווען ער איז געוואָרן שופט נאָך עלים טויט, האָט ער געמוזט פירן דאָס פאָלק קעגן די פיינדלעכע פּלישתּים, אָבער ער איז ניט געווען קיין קריגסמאַן. פיל האָבן געמיינט, אַז נאָר אַ שטאַרקער קיניג און קריגסהעלד קען פאַר־

איינִיקן אַלע שבָטים, שאַפן אַ גרויסע אַרמיי און באַפרייען דאָס לאַנד פון די פיינד. די עלטסטע פון פאָלק זיינען געקומען צו שמואֵלן און געבעטן, ער זאָל אויפשטעלן אַ מֶלֶך, וואָס זאָל זיי פירן אין קאַמף.

איינמאָל קומט צו שמואֵלן אַ הויכער שיינער יונגערמאַן און זאָגט צו אים: „איך בין שָאוּל, אַ לאַנדווירט פון דער שטאָט גיבעה אין שבט בִנְיָמין, און האָב זיך איצט אַוועקגעלאָזט זוכן די אייזלען, וואָס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן ביי מיין פאָטער; וויל איך ביי דיר פרעגן, צי וועל איך זיי געפינען". שמואֵל האָט זיך צוגעקוקט צו דעם שטאַרקן ענערגישן יונגערמאַן און האָט אים געזאָגט: „זאָרג ניט וועגן די אייזלען! דיר איז באַשערט צו ווערן אַ קיניג איבער ישׂרָאֵל". באַגייסטערט דורך די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך שָאוּל געשטעלט אין דער שפיץ פון דער אידישער אַרמיי און האָט אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדן ניצָחוֹן איבער די עמונים, וואָס האָבן באַלאַגערט די אידישע שטאָט יָבֵש אין גילעד. אין פאָלק האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן שָאוּלן, דעם באַפרייער פון פרעמדן יאָך. אז שמואֵל האָט צונויפגערופן אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג אין דער שטאָט מִצפָּה און פאָרגעלייגט, מען זאָל שָאוּלן אויסקלייבן פאַר אַ מֶלֶך, האָבן זיך דערהערט באַגייסטערטע קולות: „יחי הַמֶלֶך! זאָל לעבן אונזער קיניג!" שאולס שטאָט גיבעה איז געוואָרן די הויפּט-שטאָט פון דער נייער אידישער מלוכה.

אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אידישע מלוכה אין אֶרץ-ישׂרָאֵל. דאָס איז געווען אַרום דריי טויזנט יאָר צוריק (1030 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכנונג).

די גאַנצע צייט פון שָאולס קיניגשאַפט איז אַריבער אין מִלחָמוֹת מיט די פלישתים און מיט די מִדבָר-פעלקער (באַזונדערס מיט עמָלֵק), וואָס פלעגן זיך אַריינרייסן אין לאַנד. צום סוף איז דער מֶלֶך מיד געוואָרן פון קריג-זאָרגן; אויף אים פלעגט אָפט אָנפאַלן אַ מָרָה-שחורה, אַן אומעט, מעלאַנכאָליע. האָט מען אַן עֵצָה געגעבן, ער זאָל נעמען אַ מענטשן, וואָס קען שפּילן אויף אַ פידל און מיט זיין שפילן צעטרייבן דעם אומעט. מען האָט געבראַכט אין קיניגס הויז אַ שיינעם קלוגן יונג פון שבט יהודה, מיטן נאָמען דָוִד, אַ פאַסטוך פון בית-לֶחֶם, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיין שפּילן אויפן פידל. דָוִד פלעגט פריילעך מאַכן דעם אומעטיקן קיניג און איז געוואָרן באַליבט אין הויז. איינגיכן

האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז אויך אַ גיבור, אַ העלד. איינמאָל בשעת אַ מלחמה האָט דער פירער פון די פלישתּים, גלית, אַ הויכער און שטאַרקער העלד, אויסגערופן: „זאָל איינער פון אייך אַרויסגיין אין פעלד און פאַרמעסטן זיך מיט מיר; אויב ער וועט מיך שלאָגן, וועלן מיר זיין אייערע קנעכט; אויב אָבער איך וועל אים שלאָגן, וועט איר זיין אונזערע קנעכט“. דאַן האָט שאול אויסגערופן: „ווער עס וועט באַזיגן דעם פלישתּישן העלד, וועט באַקומען מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב!“ דאָ איז אַרויסגעטראָטן דוד און געזאָגט: „איך גיי, גאָט וועט מיר העלפן“. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן גליתן, האַלטנדיק אין האַנט אַ שטעקן און עטלעכע שטיינדלעך. גלית האָט זיך באַליי־דיקט און געזאָגט: „וואָס בין איך אַ הונט, וואָס דו גייסט אויף מיר מיט אַ שטעקן?“ דאָ האָט דוד אַ וואָרף געטאָן אַ שטיינדל און געטראָפן דעם ריז גלייך אין שטערן. יענער איז אַנידערגעפאַלן און זיך ניט גע־קענט אויפהויבן, איז דוד צו אים צוגעלאַנגען, אַראָפּגעריסן פון אים דעם שווערד און אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. די פיינד זיינען זיך צעלאָפן, און דוד מיט זיין חיל האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. אַנטקעגן זיינען אַרויס אידישע פרויען מיט געזאַנג און טענץ און האָבן אויסגערופן: „שאול האָט געשלאָגן טויזנטער פיינד, דוד אָבער — צענדליקער טויזנטער!“

שאול האָט זיך געפרייט אויף דודס ניצחון, אָבער ער האָט אויך מקנא געווען דעם יונגן גיבור, וואָס מען שטעלט אים העכער פון דעם קיניג. דוד האָט חתונה געהאַט מיט דעם קיניגס טאָכטער מיכל, זיך באַפריינדעט מיט זיין זון יהונתן. נאָר מיט שאולן האָט ער שוין ניט געקענט לעבן בשלום, ווייל דער צערייצטער קיניג האָט אים חושד געווען, אַז ער וויל ביי אים אָפּנעמען די מאַכט און ווערן אליין קיניג. איינמאָל, בשעת אַן אָנפאַל פון צאָרן, האָט שאול געוואָרפן זיין שפּיז אויף דודן און אים שיער ניט דערהרגעט. דוד האָט געמוזט אַנט־לויפן. אַ לאַנגע צייט האָט ער געוואַנדערט מיט אַ חבֿרה באַוואָפנטע מענטשן אין דעם מדבר און אין די פלישתּישע לענדער, שאול האָט זיך נאָך אים געיאָגט, אָבער ניט געקענט כאַפּן.

אין דער דאָזיקער צייט האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן אידן און פלישתּים. שאול מיט זיין זון יהונתן זיינען אַוועק

אויף דער מלחמה, אָבער די פּלישתּים האָבן די אידישע אַרמײ צע־שלאָגן, און דער קיניג מיטן זון זײנען אויך געפאַלן אין קריג. אַז מען האָט דאָס אָנגעזאָגט דָוידן, האָט ער זיך צעװײנט און געזונגען אַ טרויער־ליד אויף דעם גרויסן אומגליק: „װי זײנען דאָס די העלדן געפאַלן! שָאול און יהונתן, געליבטע און טײערע, ניט צעשײדט אין לעבן און אין טויט! אָ, װי זײנען דאָס די העלדן געפאַלן!"

6. דָויד הַמֶלֶך אין ירושָלַיִם

די, װאָס האָבן אַמאָל געזען דָוידס גבורות אין דער מלחמה, האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער מוז איצט װערן אַ הערשער בײם פאָלק ישׂראל. צוערשט האָבן אים אָבער אָנערקענט פאַר אַ מֶלֶך נאָר די מענטשן פון זײן אײגענעם שֵבֶט יהודָה, און ער האָט זיך באַזעצט בײ זײ אין דער שטאָט חֶ ב ר ו ן. די אַנדערע שבָטים האָבן געהאַלטן, אַז לויט דעם געזעץ דאַרף שאולס זון אישבֹעל זײן דער יורש פון דער קיניגלעכער מאַכט. עטליכע יאָר האָט זיך געצויגן אַ בירגער־קריג צװישן דָוידס צד און אישבֹעלס צד, ביז װאַנען אישבעל איז דערמאָרדעט געװאָרן און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבער אויף דוידס זײט. קײן חֶברון זײנען געקומען די עלטסטע פאָרשטײער פון אַלע שבָטים און געקרוינט דָוידן פאַר אַ מֶלֶך.

דער נײער מלך האָט זיך געשאַפן אַ נײע הויפּטשטאָט אויף די בערג פון יהודה: י ר ו שָ לַ י ם. ביז יענער צײט איז די דאָזיקע שטאָט געװען באַזעצט מיט אַ פרעמד פאָלק, די יבוסים, װאָס האָבן זיך באַ־פעסטיקט און ניט אַרײנגעלאָזט זײערע שכנים פון שבט יהודה. דָויד האָט אײנגענומען די פעסטונג פון ירושלים אויף דעם באַרג צ י ו ן, און די שטאָט האָט באַקומען אַ נאָמען „עיר־דָויד". דער נײער הויפּט־שטאָט פון דער אידישער מלוכה איז באַשערט געװען צו װערן אויף טויזנטער יאָרן לאַנג די באַרימטסטע שטאָט אין דער װעלט, די „הײ־ליקע שטאָט". אַהער האָט דויד אַריבערגעפירט דעם הײליקן אָרון, װאָס איז געשטאַנען ערגעץ אין אַ פאַרװאָרפן שטעטל זינט דער צײט פון עלי הכּוהן און שמואל הנביא. דָויד האָט אױעקגעשטעלט דעם



11. ירושָלַים. עיר דָוִיד, דָוידס טורעם

אָרון אין אַ באַזונדער געצעלט אין ירושלים, ביז וואַנען עס וועט געבויט ווערן דער גרויסער טעמפּל פון גאָט יַהוָה.

דָויד האָט געשאַפן אַ שטאַרקע ארמיי און האָט געפירט גרויסע מלחמות מיט אַלע פעלקער, וואָס פלעגן אָנפאַלן אויף פּאַלעסטינע. ער האָט אינגאַנצן אַרויסגעטריבן די פלישתים פון אידישע שטעט און זיי אָפּגעשטופּט צום דרום־גרעניץ. ער האָט באַזיגט אויך די פיינדלעכע פעלקער מואָב, עמון און אֱדום אויפן מִזרָח־גרעניץ; זיין אַרמיי איז אַפילו אַריינגעדרונגען אין דַמֶשֶׂק, דער הויפּטשטאָט פון אֲרָם (סיריע). אַלע גרעניץ־פעלקער האָבן דערזעען, אַז עס שאַפט זיך אַ גרויסע אידישע מלוכה און האָבן מורא געהאַט זי אָנצורירן. פון דרויסן איז געוואָרן רויִק, אָבער אינעווייניק אין לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען אין קיניגס פאַמיליע גופא.

ווי עס האָט זיך געפירט אין יענער צייט, האָט דויד געהאַט עטלעכע ווייבער, חוץ זיין ערשטער פרוי, שָאולס טאָכטער מיכַל, און פיל קינדער. ווען ער איז שוין געווען מלך אין ירושלים, האָט ער זיך פאַרליבט אין איינער אַ שיינער פרוי בַת־שֶבַע, די ווייב פון זיין אָפיצער אוריה, און האָט זי אָפּגענומען ביי איר מאַן. דאָ איז צו אים געקומען דער „נביא“ נתָן און האָט אים דערציילט אַזאַ מעשה: אין איינער אַ שטאָט האָבן געלעבט צוויי מענטשן, אַ רייכער, וואָס האָט געהאַט פיל שאָף און רינדער, און אַן אָרימער, ביי וועמען עס איז געווען נאָר איין שעפעלע; איינמאָל, ווען צום רייכן איז געקומען אַ גאַסט, האָט ער צוגענומען ביי דעם אָרימען שָכן זיין איינציקע שעפעלע און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַרן גאַסט. אויסהערנדיק די מעשה, האָט דויד מיט צאָרן געזאָגט: „אַזאַ מענטש פאַרדינט מען זאָל אים טויטן און פאַר דער שעפעלע זאָל ער באַצאָלן דעם אָרימאַן פיר מאָל אַזויפיל, ווי זי איז ווערט“. דאָ האָט דער נביא אויסגעשריען: „דו ביסט אַליין אַזאַ מענטש! גאָט האָט דיר געגעבן אַ מלוכה און רייכקייט און פיל ווייבער, און דו האָסט אָפּגענומען די איינציקע ווייב ביי אוריהן!“ דער מלך האָט דערפילט אַ טיפע חַרָטה אין האַרצן און געזאָגט: „יאָ, איך האָב גע־זינדיקט“. דער נביא נתן האָט אים געענטפערט: „פאַר דיין זינד וועסטו באַשטראָפט ווערן מיט דעם, וואָס אין דיין הויז וועט ניט זיין רויִק

און עס וועט זיך אויפהויבן אַן אומגליק אויף דיר פון דיין אייגענער משפּחה".

פון יענער צייט אָן האָבן ניט אויפגעהערט שטרייטן און רייסענישן אין הויז פון דויד המלך. זיינע קינדער פון פאַרשיידענע פרויען האָבן זיך שטענדיק געקריגט. צוערשט האָבן זיך צוקריגט די צוויי עלטערע זין, אַ מ נ וֹ ן און אַ ב ש ָ ל וֹ ם, וואָס האָבן געהאַט פאַרשיידענע מוטערס. איינמאָל האָט אַמנון שווער באַליידיקט אבשלומס שוועסטער, די שיינע תּמר; אבשלום איז אַריין אין כּעס און האָט אָפּגעטאָן אַזאַ מעשׂה: ער האָט פאַררופן אַמנון אויף אַ מאָלצייט און געהייסן זיינע דינער, זיי זאָלן אים דערהרגענען. אויס מורא פאַרן פאָטער איז ער אַנטלאָפן. אבשלום האָט געוואַנדערט איבערן לאַנד און אומעטום האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט אומצופרידענע מענטשן, וואָס האָבן זיך געקלאָגט אויפן קיניג, אַז ער וויל ניט אויסהערן זייערע פאָדערונגען און בּקשות. אבשלום האָט צו זיי געזאָגט: „אַז איך וועל ווערן קיניג, וועט איר אַלע צופרידן זיין". אַזוי איז אַ טייל פון פאָלק צוגעשטאַנען צום בן־מלך, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן זיין פאָטער און געוואָלט ווערן קיניג נאָך בּיי זיין לעבן. אין חברון האָט מען זיך שוין געגרייט אויסצורופן אבשלומען פאַר אַ קיניג און גיין מיט אים קיין ירושלים.

דויד איז געווען גאַנץ דערשלאָגן פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס זיין אייגענער זון האָט אויפגעהויבן די האַנט אויפן פאָטער. ער האָט פאַרלאָזן ירושלים מיט זיין פאַמיליע און אַ טייל אַרמיי. מענטשן זיינען געשטאַנען אויף די גאַסן און זעענדיק ווי דער אַלטער קיניג גייט אַוועק פון דער הויפּטשטאָט, האָבן זיי שטאַרק געוויינט. די כּוהנים פון טעמפּל האָבן געוואָלט גיין צוזאַמען מיטן קיניג און טראָגן פאַר אים דעם הייליקן אָרון, נאָר דויד האָט זיי געהייסן בּלייבן אין ירושלים. „אויב גאָט וועט וועלן — האָט ער געזאָגט — און וועט מיך אומקערן אַהער, וועל איך ווידער זעען זיין הייליקן אָרט, און אויב ניט, זאָל ער מאַכן מיט מיר וואָס ער וויל". דער אויפשטאַנד האָט צעטיילט דאָס פאָלק אויף צוויי פּאַרטייען: איינע פאַר דָוידן, די אַנדערע פאַר אבשלומען. עס האָט זיך צעפלאַקערט דער בּרודער־קריג. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דָוידס אַרמיי, דער גיבּור יואָב, האָט זיך געיאָגט נאָך אבשלומס חיל און האָט אים אָנגעיאָגט אין וואַלד אפרים.

אַבשָלום איז אַנטלאָפן רייטנדיק אויף אַן אייזל אין אַ געדיכטן וואַלד, אָבער דאָרטן האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט זיינע לאַנגע האָר אָן די צווייגן פון די בּוימער; ווען דער אייזל איז פון אונטער אים אַוועקגעלאָפן, איז אַבשָלום געבּליבּן הייענגען אין דער לופטן. יואָב איז אונטערגעקומען און האָט אים אריינגעשאָסן דריי פיילן אין לייבּ. אינגעכן איז דער אויפשטאַנד אונטערדריקט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד. דער קיניג האָט זיך געקענט פרייען מיט דעם נצחון, אָבער ווען מען האָט אים דערציילט ווי אַבשָלום איז אומגעקומען, האָט ער זיך צעוויינט און געשריען: „מיין זון, מיין זון אַבשָלום! בּעסער וואָלט איך פריער געשטאָרבּן ווי דו!"

12. אַבשלומס טויט

דאָס לאַנד האָט זיך נאָך ניט אַזוי גיך בּארואיקט. עטלעכע שבָטים האָבּן זיך צעבּונטעוועט קעגן דער הערשאַפט פון דָוידן דערפאַר, וואָס ער האָט זיין שבט יהודה אַוועקגעשטעלט העכער פאַר אַלע אַנדערע טיילן פון פאָלק. דעם קיניגס אַרמיי, אונטער יואָבס פירונג, האָט זיך געטראָגן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, געכאַפּט אָדער פאַרטריבּן די מורדים. אפילו רואיק שטאַרבּן איז ניט בּאַשערט געווען דעם גרויסן אידישן קיניג. מען האָט זיך אין דער פאַמיליע אָנגעהויבּן קריגן, ווער זאָל ווערן קיניג נאָך דָוידס טויט. די מַלכָּה בַּת־שֶבע האָט געפאָדערט די קיניגלעכע קרוין פאַר איר זון שלומהן, אָבער איינער פון די עלטערע בּרידער, אַדוניָהו, האָט זיך געשאַפן אַ פאַרטיי, וואָס האָט אים אויסגערופן פאַר אַ מלך. דויד, וואָס איז שוין געלעגן אויפן קראַנקן בּעט, האָט דאַן געגעבּן אַ בּאַפעל, מען זאָל בּאַלד קרוינען פאַר

אַ מֶלך זיין געליבטן זון שלמהן. אינגעכן איז דויד געשטאָרבן, און נאָך אַ קורצן קאַמף פון פּאַרטייען האָט דאָס פאָלק אָנערקענט די הער־שאַפט פון שלמה המֶלך.

---

7. שלמה המֶלך און דער בית־המקדש

שלמה האָט געירשנט פון זיין פאָטער אַ גרויסע מלוכה, וואָס איז געווען פאַרזיכערט פון אויסערלעכע אָנפאַלן. דאָס פאָלק האָט שוין נים געדאַרפט פירן מִלחמות מיט די אַרומיקע פעלקער און האָט זיך געקענט אָפגעבן דער פרידלעכער אַרבעט. אין שלמהס צייטן האָבן מענטשן געלעבט רואיק „יעדערער ביי זיין וויינגאָרטן און אונטער זיין פייגנבוים". מען האָט זיך באַשעפטיקט מיט ערדאַרבעט, לאַנדווירט־שאַפט, מלאכה און האַנדל. שלמה האָט געשלאָסן אַ פריינדלעכן בונד מיט די שכנישע פיניקיער, דעם בעסטן האַנדלס־פאָלק אין דער אַלטער וועלט; די פיניקיער פון צור און צידון, צוויי האַפן־שטעט אויפן ברעג יַם, האָבן אויסגעלערנט אידן האַנדלען; סוחרים פוןביידע פעלקער פלעגן פאָרן אויף שיפן אין וויימע לענדער, פאַרקויפן אייגענע סחורות און איינקויפן פרעמדע. מיט דעם הערשער־הויז פון מִצְרַיִם איז שלמה געווען אַ מחותּן: איינע פון זיינע ווייבער איז געווען אַ טאָכטער פון עגיפּטישן קיניג.

שלמה המֶלך איז געווען באַרימט אויף דער וועלט ווי דער קליגסטער מענטש פון יענער צייט. פון וויימע לענדער פלעגט מען קומען הערן זיינע חָכמות, זיינע מְשָׁלים און שיינע געדאַנקען. מען דערציילט, ווי קלוג ער האָט איינמאָל אַלס ריכטער געפונען דעם ריכטיקן אורטייל. עס זיינען געקומען צו אים צוויי ווייבער און איינע פון זיי האָט געזאָגט: „מיר ביידע האָבן געלעבט אין איין הויז, און יעדע פון אונז האָט געהאַט אַ קליין קינד, אָבער איר קינד איז געשטאָרבן, ווייל זי האָט זיך ביינאַכט אין שלאָף אַרויפגעלעגט אויף אים און האָט אים דערשטיקט; דאַן האָט זי שטילערהייט, ווען איך בין געשלאָפן, צוגענומען פון מיין בעט מיין קינד און מיר אַוועקגעלעגט איר טויט קינד, און איצט זאָגט זי, אַז דער לעבעדיקער

אינגעלע איז איר זון און דער טויטער איז מיינער". די אַנדערע פרוי האָט געשריען: „דאָס איז ניט אמת, מיין זון איז דער לעבעדיקער, און דיינער דער טויטער!" כּדי אויסגעפינען דעם אמת האָט שלומה אַ זאָג געטאָן צו זיין דינער: „ברענג מיר אַ מעסער און מיר וועלן צעשניידן דאָס לעבעדיקע קינד אויף צווייען — אַ העלפט איין פרוי און אַ העלפט דער אַנדערער". דאָ האָט איינע פון די פרויען אויסגעשריען: „מיין האַר, לאָז ניט שניידן דאָס קינד, נאָר גיב אים שוין בעסער אָפּ אַ לעבעדיקן יענער פרוי!" די אַנדערע אָבער האָט געזאָגט: „ניין, זאָל זיין ניט מיר און ניט דיר — שניידט אים!" דאָ האָט שלומה געזאָגט: „איצט ווייס איך, ווער איז די אמתע מוטער פונם לעבעדיקן קינד. גיט אים אָפּ יענער פרוי, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף אים און ניט דערלאָזט שניידן". דאָס גאַנצע פאָלק האָט באַוואונדערט די קלוגשאַפט פון דעם קיניג.

ווי אַלע גרויסע מלכים פון יענער צייט, האָט שלומה אויך ליב געהאַט בויען אין זיין הויפּטשטאָט שיינע בנינים. ירושלים איז אין זיין צייט געוואָרן אַ שיינע שטאָט מיט קיניגלעכע פּאַלאַצן און גרויסע הייזער. צוערשט האָט דער קיניג געהייסן בויען אַ „הויז פאַר גאָט", אַ פּרעכטיקן בית=המקדש. טויזנטער אַרבעטער און קנעכט, אידישע און פיניקישע, האָבן געהאַקט שטיינער אין די בערג און האָלץ אין די צעדער=וועלדער פון לבנון און געפירט קיין ירושלים. שלומהס פריינד, דער פיניקישער קיניג חירם פון צור, האָט אים געשיקט די בעסטע פיניקישע בוי=מייסטער, וואָס האָבן מיט אידישע הענט אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ פאַר גאָט, פון דרויסן שטיין און פון אינעווייניק מיט ברעטער פון צעדער=האָלץ, מיט אויסגעשניצטער, גאָלד=באַדעקטער מאָלעריי אויף די ווענט. אין הויז איז געשטאַנען אַ גרויסער קופּערנער מזבח אָדער אַלטאַר פאַר קרבנות פון שאָף און רינד. אינעווייניק, אין אַ האַלבּטונקעלן זאַל, איז געשטאַנען דער הייליקער אָרון. אַהער האָבן זיך געצויגן מאַסן מענטשן פון גאַנצן לאַנד, באַזונדערס אין די גרויסע פייערטעג, ווי פּסח און סוכּות. דער טעמפּל אין ירושלים איז געווען אַזוי שיין, אַז אַפילו פרעמדע פון ווייטע לענדער פלעגן קומען אַ קוק טאָן אויף אים, ווי אויך אויף די פּרעכטיקע פּאַלאַצן, וואָס מען האָט אויסגעבויט פאַר שלומהן, זיינע ווייבער און זיינע דינער.

אָבער צו טייער האָט געקאָסט דעם פאָלק דער גלאַנץ פון דער הויפּט־שטאָט און דעם קיניגס הויז. מען האָט גענומען ביי יעדערן, רייכע און אָרעמע, גרויסע שטייערן, געטריבן טויזנטער מענטשן אויף שווערע אַרבעט; ערדאַרבעטער און האַנטווערקער זיינען פאַראָרעמט געוואָרן און גרויסע טיילן פון פאָלק זיינען געווען אומצופרידן. מיט דער דאָזיקער שטימונג אין פאָלק האָט זיך באַנוצט איינער פון דעם קיניגס באַאַמטער, יָרָבְעָם פון שֵבט אֶפרַיִם, און איז אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע רייד קעגן שלומהן. אים האָט געשטיצט דער נביא אַחִיָה פון שילה, וואָס האָט ניט ליב געהאַט דעם קיניג פאַר זיין פאַר־שווענדעריש לעבן. איינמאָל באַגעגנט אַחיָה יָרָבעמען אין פעלד, נעמט אַראָפּ זיין מאַנטל און צערייסט אויף צוועלף שטיקער, גיט אים אָפּ צען פון זיי און זאָגט: „צען שבטים וועלן זיך אָפּרייסן פון שלומהס מלוכה און וועלן אויסקלייבן דיך פאַר אַ מלך“. יָרבעם האָט שוין צוגעגרייט אַן אויפשטאַנד אין שֵבט אֶפרַיִם, נאָר שלומה האָט זיך דער־וואוסט דערפון און געגעבן אַ באַפעל צו טויטן אים. דעמאָלט איז יָרָבעם אַנטלאָפן קיין מִצרַיִם און האָט זיך דאָרטן באַהאַלטן ביז שלומהס טויט.

ווען שלומה איז געשטאָרבן און אויף זיין אָרט האָט געזאָלט ווערן קיניג זיין זון רחַבעם, האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד. יָרָבעם האָט זיך אומגעקערט פון מִצרַיִם און צו אים איז צוגעשטאַנען זיין שבט אֶפרַיִם. אין דער אַלטער שטאָט שְכֶם האָבן זיך פאַרזאַמלט די עלטסטע פון פאָלק, כּדי צו באַראָטען זיך וועגן דעם נייעם מלך. ווען רחַבעם איז געקומען קיין שכֶם, האָבן זיי אים געזאָגט: „דיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז אַ שווערן יאָך, מאַך אים גרינגער — וועלן מיר דיר דינען“. נאָר רחַבעם האָט זיי גראָב געענטפערט: „איך וועל דעם יאָך נאָך שווערער מאַכן“. דאָ האָבן די בני־אֶפרַיִם אַ געשריי געטאָן: „וואָס האָבן מיר צו טאָן מיטן הויז פון דויד! צעגייט זיך אהיים, אידן!“ אֶפרַיִם און נאָך ניין שבטים האָבן אויסגעקליבן יָרָבעמען פאַר אַ קיניג, און נאָר די צוויי שבטים יהודה און בִּניָמין האָבן אָנערקענט רחַבעמען. אַזוי האָט זיך די אידישע מלוכה צעטיילט אויף צוויי מלוכות: יהודָה און אפרים, אָדער „מַלכות יהודָה“ און „מַלכות יִשׂרָאֵל“ (אַרום 930 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג).

8. די צעטיילטע מלוכה: מַלכות ישׂרָאֵל

די מלוכה פון די צען שבטים, אָדער „מַלכות ישראל", האָט פאַרנומען דעם גאַנצן צָפון און מיטל פּאַלעסטינע. איר ערשטער מלך איז געווען יָרָבעם, וואָס האָט געמאַכט זיין הויפּט-שטאָט אין שכם, אין לאַנד אֶפרַיִם. ירבעם האָט מורא געהאַט, אַז מענטשן פון זיין לאַנד וועלן גיין דינען גאָט אין גרויסן בית-הַמִקדָש, וואָס איז אין ירושלים, און דאָרטן וועלן זיי צושטיין צו רחַבעמען, האָט ער באַשלאָסן שאַפן צוויי טעמפּלען אין זיין אייגענער מלוכה: איינעם אין מיטן לאַנד, אין דער שטאָט בית-אֵל („גאָטס הויז"), און דעם אַנדערן אין דער צפון-שטאָט דָן. דאָ האָט ער געענדערט אויך די פאָרם פון גאָטס-דינסט: ער האָט אַוועקגעשטעלט אין יעדן טעמפּל אַ פיגור פון אַ קאַלב, אויסגעגאָסן פון גאָלד, און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געשטאַלט פון אַ גאָט, וואָס מען דאַרף זיך צו איר בוקן. דאָס האָט ער נאָכגעגעבן דעם פּשוטן פאָלק, וואָס האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, ווי קען מען דינען אַ גאָט אין הימל, וואָס מען זעט אים ניט. אַזוי האָט מען זיך אין מַלכות יִשרָאֵל צונויפגעמישט מיט די אַרומיקע פעלקער, וואָס האָבן געהאַט זייערע אָפּגעטער.

13. פיניקישער בַעַל

באַזונדערס האָבן זיך די אידן באַפריינדעט מיט זייערע שכנים, די פיניקיער. דאָס איז געווען אין דער צייט פונם אידישן מֶלֶך אַחאָב, וואָס האָט געמאַכט פאַר זיין הויפּטשטאָט שומרון, ניט ווייט פון שכֶם. שומרון האָט זיך גרויס אויסגעבויט, ווי אַ צווייטע ירושָלים. דאָ האָבן געוואוינט אויך אויסלענדער: פיניקיער און אַראַמייער. אחאָבס ווייב, איזֶבֶל, איז געווען אַ טאָכטער פון דעם פיניקישן קיניג. זי האָט אַריינגעבראַכט אין שומרון די מִנהָגים פון איר פאָטערלאַנד. אַרום דער קיניגין האָבן זיך געשאַרט פּריסטער פון דעם

אָפּגאָט בַּעַל. אין די העכערע קלאַסן איז געוואָרן אַ מאָדע דינען גלייכצייטיק אין די טעמפּלען פֿון אידישן יַהְוֶה און פֿיניקישן בַּעַל. אויסערדעם האָט מען געדינט דער געטין אַסטאַרטאַ (עַשְׁתּוֹרֶת, אֲשֵׁרָה).

עס זיינען אָבער נאָך געווען אין פֿאָלק מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען, ווי מיאוס דאָס איז — דינען צו צוויי געטער, צונויפֿמישן זיך מיט געצנדינער און אָפּזאָגן זיך פֿון די געזעצן פֿון דער אידישער תּוֹרה. ווידער איז געקומען אַ באַגייסטערטער מענטש, דער „נביא" אֵלִיָּהוּ פֿון דער שטאָט תּישבּי, אויף יענער זייט יַרְדֵן, און האָט אָנגעהויבן ריידן אין שוֹמרוֹן, אַז דער מֶלֶך און די מַלְכָּה פֿאַרפֿירן דאָס פֿאָלק אויף פֿאַלשע וועגן. די מַלְכָּה איזֶבֶל איז בייז געוואָרן און האָט געהייסן באַשטראָפֿן אֵלִיָּהוּ און זיינע פֿריינד, וואָס האָבן זיך גערופֿן „נביאים פֿון אידישן גאָט" (נביאֵי יַהְוֶה). פֿיל פֿון זיי האָט מען געכאַפּט און געשלאָגן, אַנדערע זיינען זיך צעלאָפֿן. אֵלִיָּהוּ האָט זיך באַהאַלטן אַרום דעם יַרְדֵן אָדער אין דעם מִדְבָּר פֿון סיני, וואו מוֹשה רַבֵּנוּ האָט אַמאָל דעם פֿאָלק די תּוֹרה געגעבן. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער קומען אין שוֹמרוֹן און זאָגן אַחאָבן דעם אֶמֶת אין די אויגן.

14. אַסטאַרטאַ

איינמאָל האָט זיך אֵלִיָּהוּ דערוואוסט, אַז אַחאָב און איזֶבֶל האָבן אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה. נאָענט צום קיניגס פּאַלאַץ איז געווען אַ ווייַנגאָרטן, וואָס האָט געהערט אַן ערלעכן ערדאַרבעטער נבות. אַחאָב האָט געוואָלט קויפֿן דעם ווייַנגאָרטן און מאַכן פֿון אים אַ שיינעם גאָרטן אַרום פּאַלאַץ, אָבער נבות האָט ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן זיין נַחֲלָה. האָט די שלעכטע איזֶבֶל געהייסן איבערגעבן נבוֹתן צום געריכט און געשטעלט פֿאַלשע עדוֹת, וואָס האָבן געזאָגט, אַז נבוֹת האָט

געלעסטערט גאָט און דעם קיניג; דאָס געריכט האָט אים פאַרמישפּט לויטן געזעץ צו טויט־שטראָף, און זיין שיינער וויינגאָרטן איז אָנגעקו־מען דעם קיניג. דאָ איז אֵלִיָּהוּ געקומען צו אַחאָבן און האָט מיט צאָרן אויסגעשריען: „דו האָסט געהַרגעט אַן אומשולדיקן מענטשן און באַקומסט נאָך זיין ירושה! דערפאַר וועט דיך גאָט שטראָפן: אויף דעם פּלאַץ, וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן זיי לעקן דאָס בלוט פון דיר און דיין הויזגעזינד".

שפּעטער האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעלאָזט. אַחאָב האָט געפירט מִלחָמות מיט דעם מֶלֶך פון אֲרָם, בֶּן־הֲדַד, וואָס איז געוואָרן הערשער איבער די אַרומיקע לענדער און געוואָלט אָפּנעמען אויך אַ שטיק לאַנד ביי מַלכות ישׂרָאֵל. צוויי מאָל האָבן זיך די אַראַמייער אריינגעריסן אין לאַנד, האָבן באַלאַגערט שומרון, און אַחאָבס ארמיי האָט זיי פאַרטריבן, אָבער צום דריטן מאָל האָבן די פיינד געזיגט און אַחאָב אליין איז גע־פאַלן אין קריג. מען האָט אים אַ שווער פאַרוואונדעטן אין אַ וואָגן, פאַרגאָסן מיט בלוט, אָפּגעפירט אין שומרון, און דאָרטן האָבן די הינט געלעקט דאָס בלוט פון וואָגן אויף יענעם אָרט ביים קיניגס פּאַלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געווען דער וויינגאָרטן פון נבות.

אַזוי איז מקוים געוואָרן אֵלִיָּהוּס נביאות. אָבער די שלעכטע איזֶבֶל האָט נאָך געלעבט און צוזאַמען מיט איר זון יוֹרָם געפירט די מלוכה. דאָ איז אַרויסגעטראָטן אֵלִיָּהוּס תַּלמִיד, אֱלִישָׁע הַנָבִיא. נאָך דעם טויט פון אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא (אין פאָלק האָט מען געגלויבט, אַז אַ שטורעמווינד האָט אים אַוועקגעטראָגן לעבעדיקערהייט אין הימל אַריין), האָט אֱלִישָׁע ווייטער געפירט דעם קאַמף קעגן דעם קיניגסהויז אין שומרון. אֱלִישָׁע האָט איינגערעדט איינעם אַ קריג־פירער יֵהוּא, ער זאָל מיט דער הילף פון זיינע סאָלדאַטן אַראָפּוואַרפן אַחאָבס יורשים פון טראָן און ווערן אַליין אַ מֶלֶך, מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל פאַרניכטן דעם קולט (גאָטס־דינסט) פון בַּעַל און ווידער איינפירן דעם איינציקן קולט פון יַהוֶה. דער סאָלדאַטן־פירער האָט געמאַכט די זאַך מיט בלו־טיקע הענט: ער האָט אויסגעהרגעט די גאַנצע משפחה אַחאָבס און די אָנהענגער פון בעל־קולט . יהוא איז געוואָרן קיניג און האָט ווייטער גע־פירט די מלחמות מיט אֲרָם, וואָס האָבן זיך געצויגן אויך אונטער

דער הערשאַפֿט פֿון זיין זון און אייניקל, אַמאָל מיט גליק, אַמאָל מיט שווערע מַפָּלות.

נאָר אויף אַ קורצער צייט איז געוואָרן רואיק אין מַלכות ישׂרָאֵל דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון מֶלך יָרָבְעָם דעם צווייטן, יהואס אוראייניקל, וואָס האָט געקיניגט מער ווי פֿופֿציק יאָר. ער האָט אויפֿגעשטעלט דעם פֿרידן אין לאַנד. אַזוי ווי אַמאָל שלומה המלך, האָט זיך ירבעם דער צווייטער אָפּגעגעבן מיט בויען שיינע הייזער אין זיין הויפּטשטאָט שומרון; פֿאַר זיך אַליין האָט ער געבויט צוויי פּאַלאַצן: אַ ווינטערדיקן און אַ זומערדיקן. אין די פֿרידנס־יאָרן האָט ווידער אויפֿגעלעבט דער האַנדל מיט פֿיניקיע און אַנדערע לענ־דער; פֿיל מענטשן זיינען רייך געוואָרן און האָבן געפֿירט אַ גבירישן לעבן: געבויט זיך פּרעכטיקע הייזער, מיט מעבל, באַפּוצט מיט גאָלד און עלעפֿאַנטן־ביין, געטראָגן קליידער פֿון די טייערסטע געוואַנטן, געגעסן די בעסטע מַאכָלים, געטרונקען די טייערסטע ויינען; באַזונדערס האָבן זיך אָנגעטאָן וואוילטאָג די רייכע ווייבער, וואָס האָבן זיך אָפּט געפֿירט גאָר לייכטזיניק. צום גרעסטן טייל האָבן די רייכע געשאַפֿן זייערע פֿאַרמעגנס ניט מיט ריינע מיטלען: זיי פֿלעגן אונטערדריקן זייערע אַרבעטער, פֿלעגן פֿאַרלייען געלט אויף גרויסע פּראָצענטן, און אַז דער אָרימער בעל־חוב האָט ניט געקענט אָפּצאָלן צו דער צייט, פֿלעגן זיי ביי אים אָפּנעמען דאָס לעצטע אייגנטום אָדער מאַכן אים פֿאַר אַ קנעכט. אין יאָרן פֿון אומגערעטעניש פֿלעגן די תבואה־הענד־לער געבן אויף באָרג די אָרימע ערדאַרבעטער ברויט פֿאַר הויכע פּרייזן און דערנאָך אָפּנעמען ביי זיי פֿאַרן חוב זייערע פֿעלדער און וויינגערט־נער. אַפֿילו די כּוהנים אין די טעמפּלען האָבן זיך געיאָגט נאָך געלט און פֿאַרגעניגנס. די אמתע גייסטיקע פֿירער, די נביאים, האָבן ניט געקענט צוזען אַזאַ פֿאַרדאָרבנקייט און פֿלעגן אָפֿט דערמאָנען, אַז אַזאַ לעבן קען ברענגען צו אַן אומגליק פֿאַרן אידישן פֿאָלק.

דער בעסטער פֿון די נביאים צו יענער צייט איז געווען עָמוֹס, אַן ערלעכער ערדאַרבעטער פֿון אַ שטעטל אין יהודה. ווען ער איז געקומען פֿון זיין שטעטל אין דער גרויסער שטאָט בֵּית־אֵל, וואו עס איז געשטאַנען דער טעמפּל פֿון ירבעם דעם ערשטן, און האָט דערזעען די צולאָזנקייט פֿון די איינוואוינער, האָט ער זיי אָנגעהויבן אויסריידן,

אַז זיי לעבן ניט נאָך די געזעצן פון אֱמֶת און יוֹשֶר, און געזאָגט נביאות, אַז זיי וועלן אָפּקומען פאַר זייערע זינד. צו די רייכע האָט ער געזאָגט: „דערפאַר וואָס איר טרעט דעם אָרעמאַן מיט די פיס, וועט איר בויען הייזער פון בעסטן שטיין, נאָר וואוינען אין זיי וועט איר ניט". צו די צולאָזענע פרויען האָט ער געשריען: „הערט אויס, איר פעטע בהֵמוֹת, וואָס איר באַרויבט די אָרימע, פאַרטרייבט די בעטלער און פאָדערט ביי אייערע מענער: גיב נאָך — מיר וועלן טרינקען! עס וועלן קומען טעג און מען וועט אייך אַוועקפירן אויף שיפלעך (אין גָלוּת)". דער נביא וויזט אויף, אַז אין מַלכוּת יהוּדָה לעבט מען ערלעכער ווי אין מלכוּת ישרָאֵל, און זאָגט פאָראויס, אַז דאָס פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד. איינער פון די כּוֹהַנים אין טעמפּל בֵית־אֵל האָט אָנגעזאָגט דעם קיניג, אַז דאָ גייט אַרום אַ נביא פון יהוּדה און שרעקט דאָס פאָלק מיט אַלערליי אומגליקן. צו עמוסן האָט ער געזאָגט: „לויף צוריק קיין יהוּדה, דאָרטן זאָג נביאוֹת, אָבער אין בית־אֵל זאָלסטו זיך מער ניט באַווייזן". עמוס האָט אים רואיק געענטפערט: „איך בין ניט קיין נביא און ניט אַ זון פון אַ נביא. איך בין אַ פּראָסטער פּאַסטוך און פלאַנצער פון פייגנבוימער; אָבער גאָט האָט מיך צוגענומען פון מיין שאָף און געזאָגט: גיי זאָג נביאוֹת צו מיין פאָלק ישרָאֵל!"

15. געפאַנגענע אידן אין אַשור

נאָך דעם טויט פון ירָבעָם דעם צווייטן האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע צייט. אַ גרויסע און שטאַרקע מלוּכה אין אַזיע, אַשוּר אָדער אַסיריע, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַלע קליינע לענדער, צווישן זיי אויך אויף מַלכוּת ישרָאֵל, און האָט זיי געוואָלט איינעמען. די שוואַכע מלכים, וואָס האָבן געקיניגט נאָך ירָבעמען, האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן דעם גרויסן אַסירישן קיניג תיגלַת־פּילאֶסר. אַ נייער נביא, הוֹשֵעַ, האָט פאָר־

אויסגעזוען, אַז דאָס פֿאָלק ישראל און זײַנע הערשער װעלן ניט בײַשטײן קעגן דעם מעכטיקן זיגער. די מלכים פֿון שומרון האָבן געפּרוּווט פֿאַרבינדן זיך מיט די אַראַמיקע קלײנע הערשער און מלחמה האַלטן קעגן אַשור. אָבער זײ האָבן געהאַט אַ מפּלה. צוערשט האָט דער מעכטיקער קיניג פֿון אַשור תּיגלת-פּילאֶסר אָפּגענומען אַ העלפֿט לאַנד פֿון מלכות ישׂראל און פֿאַרשיקט טויזנטער געפֿאַנגענע אין פֿרעמדע לענדער. שפּעטער האָבן זײַנע נאָכפֿאָלגער שלמנאֶסר און סרגון דרײַ יאָר נאָכאַנאַנד באַלאַגערט די באַפֿעסטיקטע שטאָט שומרון און צום סוף זי אײַנגענומען. די באַזיגער האָבן חרוב געמאַכט די הויפּטשטאָט און די אַראַמיקע ערטער און האָבן פֿאַרטריבן די אײַנוואוינער אין די װײַטע מדינות פֿון מיטל-אַזיע. אין די חרובע אידישע שטעט האָבן זײ באַזעצט אַסירער און אַנדערע מענטשן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער, װאָס האָבן זיך שפּעטער צונויפֿגעמישט מיט די רעשטן פֿון ישׂראל און האָבן געבילדעט אַ מיש-פֿאָלק מיט דעם נאָמען „שומרונים“ (סאַמאַריטאַנער).



15a. געפֿאַנגענע אידן אין אַשור בעטן גאָט

די מלכות ישראל האָט עקזיסטירט כּמעט צװײ הונדערט יאָר. זי איז צעשטערט געוואָרן מיט 2650 יאָר פֿאַר אונזער צײַט (אין יאָר 720 פֿאַר דער קריסטלעכער צײַטרעכנונג).

9. מלכות יהודה ביז דעם ערשטן חורבן

אין די צװײ הונדערט יאָר, װען עס האָט עקזיסטירט די מלכות ישׂראל, איז אין מלכות יהודה אין דרום-פּאַלעסטינע געװען פֿיל רואיקער. דאָ האָט געהערשט אײן אײנציגע דינאַסטיע: דאָס קיניגס-הויז דוד, און עס האָבן זיך ניט געביטן מלכים פֿון פֿאַרשײדענע דינאַסטיעס אַזױ װי אין מלכות ישׂראל. פּסח איז געשטאַנען די

הויפּטשטאָט ירושלַים מיט דעם גרויסן בית־המקדש, וואוּהין עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען „עולֵי־רגל" (פּיליגרימען) פונם גאַנצן לאַנד. דאָס לאַנד יהודה איז געלעגן אָן אַ זייט פון די גרויסע קריגערישע מלוכות אַרם און אשור און האָט ניט געדאַרפט אויסהאַלטן אַזוי פיל מלחמות ווי דאָס לאַנד ישׂראל. אין דער צייט פון שלומהס זון רחבעם איז דער עגיפּטישער קיניג שישק מיט זיין חיל אָנגעפאַלן אויף ירושלַים און אַנדערע שטעט, אָבער רחבעם האָט זיך ביי אים אויסגעקויפט מיט געלט, און די אָנפאַלער זיינען אַוועק צוריק. ווען אַחאָב האָט געהערשט אין שומרון האָט דער קיניג פון יהודה יהושפט אים געהאָלפן אין דער מלחמה קעגן אַרם. די צוויי מלכים זיינען אַפילו געוואָרן מחותנים: אַחאָבס טאָכטער עתַליָה האָט חתונה געהאַט מיט יהושפטס זון יהורם. אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן אַריינפירן אין ירושלַים דעם בעל־קולט נאָך דער מאָדע פון שומרון, האָט דאָס פאָלק צעבראָכן אַלע בילדער פון בעל און געהרגעט די קיניגין עתַליָה. שפּעטער האָבן זיך די הערשער פון ביידע אידישע מלוכות אָפט געקריגט און אַפילו געגאַנגען אויף מלחמות איינער קעגן דעם אַנדערן. בשעת די אַסיריער האָבן באַלאַגערט שומרון און צעשטערט די מלכות ישׂראל, זיינען איר די מלכים פון יהודה ניט געקומען צו הילף. דער יהודישער מלך אָחז האָט זיך אונטערגעגעבן דעם גרויסן אַסירישן קיניג תיגלַת־פּילאָסר און דערמיט האָט ער געראַטעוועט זיין לאַנד פון דעם גרויסן חורבן, וואָס די אַסיריער האָבן אָנגעמאַכט אין דעם ברודער־לאַנד.

צו יענער צייט איז אויך מלכות יהודה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער וועלט־פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות. אין די העכערע קלאַסן האָט מען אָנגעהויבן נאָכמאַכן דעם לעבן־שטייגער פון פרעמדע פעלקער. דער אונטערשיד צווישן אָרים און רייך איז דאָ אויך געוואָרן אַזוי שטאַרק, ווי פריער אין מלכות ישׂראל, און די נביאים האָבן געפילט, אַז עס קען קומען צו אַ סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע. באַזונדערס זיינען זיי געוועזן אויפגעבראַכט, ווען דער מלך אָחז האָט איינגעפירט אין ירושלַים אַסירישע מאָדעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַפילו אין רעליגיעזן קולט. דער גרויסער נביא ישעיָה בן אָמוץ, וואָס איז געוועזן נאָענט צו די העכערע קרייזן פון ירושלַים, האָט אין

זיינע פֿייערדיקע רעדעס אויפֿגעדעקט די מאָראַלישע פֿעלער פֿון די דאָזיקע קרייזן, האָט ניט געשאַנעוועט אויך דעם קיניג און די הויכע באַאַמטע. „ווי אויסגעלאַסן איז געוואָרן — האָט ער געשריען — די געטרייע שטאָט ירושָלים! אַמאָל האָבן אין איר געהערשט גערעכטיקייט און ערלעכקייט, און איצט — מערדער! דיינע פֿירסטן זיינען פֿאַר־דאָרבענע מענטשן, חַברן זיך מיט גַנבים, האָבן ליב נעמען מַתָנות, יאָגן זיך נאָך געלט, דעם יָתום גיבן זיי ניט זיין רעכט און ווילן ניט הערן די קלאָג פֿון דער אַלמנה... צו וואָס קומט איר — זאָגט גאָט — אין מיין טעמפּל און ברענגט מיר קָרבָנות? איך קען אייערע תּפֿילות ניט הערן, ווייל אייערע הענט זיינען פֿול מיט בלוט. רייניקט זיך, זאָגט זיך אָפּ פֿון אייערע שלעכטע מעשים, לערנט זיך גוטס טאָן, זוכט גערעכטיקייט, האַלט אויף דעם געדריקטן, גיט זיין רעכט דעם יָתום, שטעלט זיך איין פֿאַר דער אַלמנה!" באַזונדערס שאַרף האָט ישעיָה גערעדט קעגן די „בנות ציון", די פֿרויען פֿון ירושָלים, וואָס האָבן געהאַט אין זינען נאָר פּוצן זיך און קליידן זיך, אַרומגיין אין די גאַסן, באַדעקט מיט־צירונג, באַשמירט מיט פֿאַרשיידענע פּאַרפֿומען, און זיך ניט אומגעקוקט ווי דער אָרימאַן זיצט אָן ברויט און אָן אַ קלייד.

קעגן דעם מֶלֶך אָחָז איז ישַעיָה אַרויסגעטראָטן און האָט אים פֿאָרגעוואָרפֿן זיין פֿריינדשאַפֿט מיט דעם אַסירישן קיניג און זיין ניי־גונג צו אַסירישער לעבנספֿירונג. דער נביא האָט אים געזאָגט: „אשור איז נאָר אַ שטעקן אין גאָטס האַנד, מיט וועלכן גאָט שלאָגט די זינדיקע פֿעלקער; דו אָבער האָסט מורא פֿאַרן שטעקן און ניט פֿאַר דעם, וואָס האַלט אים אין דער האַנט". דערפֿאַר איז ישַעיָה געווען צופֿרידן, ווען אָחָז איז געשטאָרבן און דעם טראָן האָט פֿאַרנומען זיין זון חִיזְקִיָהוּ, וואָס האָט געוואָלט פֿירן די מלוכה אין דעם גייסט פֿון דער תּורה און פֿון די נביאים. חיזקיָהו האָט פֿאַרבאָטן אַלערליי געצנדינסט אין לאַנד, געהייסן צעברעכן אַלע בילדער פֿון האָלץ און מעטאַל, צו וועלכע פֿיל מענטשן האָבן זיך געבוקט אויף די אַלטאַרן (בָמות), און האָט אויפֿ־געשטעלט דעם ריינעם גאָטס־דינסט אין דעם בֵּית־הַמִקְדָש פֿון ירושָלים. דאָ האָט ער געפֿייערט פּסח און די גרויסע יָמים טובים צוזאַמען מיט די פֿאָלקס־מאַסן, וואָס פֿלעגן זיך צונויפֿקומען פֿון אַלע עקן לאַנד אין דער הייליקער שטאָט ירושָלים.

חיזקיָהו האָט געזאָרגט װעגן אײן זאַך: װי צו באַפרײַען דאָס לאַנד פון דעם אַסירישן יאָך, װאָס האָט אױף זיך גענומען זײַן פאָטער אָחָז. אין יענער צײַט האָט אין אַשור געהערשט דער קריגערישער מֶלֶך סַנחֵריב, װאָס האָט געװאָלט אײַננעמען אַלע לענדער צװישן מעסאָפּאָטאַמיע און מִצרַיִם. חיזקיָהו האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דעם עגיפּטישן קיניג, כּדי צוזאַמען צו קעמפן קעגן סַנחֵריבן. ער האָט באַפעסטיקט די שטאָט־מױערן פון ירושָלים, צוגעגרײט געװער און אַלע מיטלען, װאָס זײַנען נױטיק צו דער פאַרטײדיקונג פון דער הױפּטשטאָט אין פאַל פון אַ באַלאַגערונג. סַנחֵריב האָט זיך דערפון דערװוּסט בשעת ער איז געגאַנגען אױף אַ מִלחָמה מיט די עגיפּטער, און האָט פון װעג געשיקט שלוחים צו חיזקיָהו מיט דער פאָדערונג, ער זאָל באַלד איבערגעבן די שטאָט ירושָלים דעם אַסירישן חַיִל. די שטאָט־טױערן זײַנען געװען פאַרשלאָסן, און די שלוחים זײַנען געשטאַנען אינדרױסן, אונטער דעם פעסטונג־מױער, בשעת אױבן אױפן מױער זײַנען געשטאַנען די דערשראָקענע אײַנװױנער. אײנער פון די שלוחים האָט אױסגעשריגען: „זאָגט חיזקיָהון אין נאָמען פון דעם גרױסן קיניג פון אַשור: אױף װעמען פאַרלאָזט דו זיך, אױפהױבנדיק אַן אױפשטאַנד קעגן מיר? אױף מִצרַיִם, דעם צובראָכענעם שטעקן, װאָס שטעכט דורך די האַנט פון יענעם, װאָס שפּאַרט זיך אָן אױף אים? לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון אײַער מֶלֶך חיזקיָהו און גיט זיך אונטער דעם מֶלֶך פון אַשור!" חיזקיָהו האָט זיך דערשראָקן און געבעטן דעם נביא ישַעיה, ער זאָל בעטן גאָט ראַטעװען ירושָלים. ישעיה האָט אים באַרואיקט און אָנגעזאָגט, אַז גאָט װעט אָנשיקן אױף סַנחֵריבן אַ מַפָּלה. און אַזױ איז טאַקע געװען: מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז סַנחריב האָט זיך אומגעקערט פון װעג צוריק אַהײם. מען האָט דערצײלט, אַז אין זײַן גרױסער אַרמײ האָט זיך אָנגעהױבן אַ מַגֵיפה (עפּידעמיע), פון װעלכער עס זײַנען אױסגעשטאָרבן צענדליקער טױזנט מענטשן, און ער האָט געמוזט אַנטלױפן מיט דעם איבעריקן חַיִל צוריק קײן אַשור.

חיזקיָהוס זון מנַשֶׁה האָט זיך געפירט ניט װי זײַן פרומער פאָטער, נאָר װי זײַן זינדיקער זײדע אָחָז. ער האָט װידער צוגעלאָזן אומעטום אין לאַנד דעם קולט פון פרעמדע געטער; אַפילו אין ירושָלים זײַנען געבױט געװאָרן אַלטאַרן פאַרן בַּעל און אַנדערע אָפּגעטער, און

מען האָט אהער געבראַכט קרבנות אַזוי ווי אין בית־המקדש; איינעם אַן אָפּגאָט מולך פלעגט מען דינען דערמיט, וואָס מען פלעגט פאַר־ברענען אויף זיין אַלטאַר קליינע קינדער. מען האָט זיך אונטערגעגעבן דער הערשאַפט פון אשור און איבערגענומען אַלע שלעכטע מידות פון די אַרומיקע פעלקער. נאָר נאָך דעם טויט פון מנשהן און פון זיין זון האָט פאַרנומען דעם טראָן פון מלכות יהודה אַ רעפאָרמאַטאָר אין דעם גייסט פון די נביאים — י א ש י ה ו.

יאשיהו האָט פאַרענדיקט דאָס, וואָס זיין עלטערזיידע חיזקיהו האָט אָנגעהויבן: ער האָט מיט דער הילף פון די נביאים אויפגעשטעלט די הערשאַפט פון דעם געזעץ, פון דער תורה. די מעשה איז געווען אַזוי: איינמאָל האָט מען געפונען אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל פון בית־המקדש אַ בוך, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן געזעצן און רעדעס פון משה רבנו. ווען מען האָט פאָרגעלעגט דאָס בוך פאַרן מלך, איז ער פאַר־וואונדערט געוואָרן: אין בוך (דאָס איז געווען דער ספר ד ב ר י ם, דער פינפטער טייל פון תורת משה) איז געווען געשריבן, אַז ווען אידן וועלן ניט פאָלגן אַלע געזעצן, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן דורך משהן, וועלן זיי באַשטראָפט ווערן, זייער לאַנד וועט זיין פאַרנומען פון פרעמדע פעלקער און שפּעטער וועלן זיי גאָר פאַרטריבן ווערן אין פרעמדע לענדער. די נביאים האָבן געגעבן יאשיהון צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אמת: אָט איז דאָך די מלכות־ישראל גאָר צעשלאָגן געוואָרן און דער זיגער אשור הערשט אויך אין מלכות־יהודה; מסתמא וועט נאָך קומען דערצו, אַז ירושלים וועט אויך חרוב ווערן אַזוי ווי שומרון; מען דאַרף אָננעמען מיטלען, אַז דאָס זאָל ניט פּאַסירן, און דעריבער מוז מען אָפּרייניקן דאָס לאַנד פון פרעמדע גלויבנס און מיאוסן געצנ־דינסט. יאשיהו האָט גענומען ריינקן: כדי אויסצוראָטן דעם געצנדינסט, האָט ער אַרויסגעטריבן פון לאַנד די פרעמדע פריסטער; ער האָט צונויפגערופן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין ירושלים און דער־קלערט, אַז פון איצט אָן מוזן אַלע זיך פירן לויט די געזעצן פון תורת משה.

אין דער דאָזיקער רעפאָרם האָט דעם קיניג פיל מיטגעהאָלפן דער נביא י ר מ י ה ו. דאָס איז געווען איינער פון די האַרציקסטע נביאים, וואָס האָט טיף געפילט יעדן וויי טאָק פון פאָלק און האָט געזוכט מיט־

לען צו ראַטעווען זײַנע ברידער פֿון אומגליק. נאָר אַ קורצע צײַט האָט ער געהאַט נחת פֿון יאשיָהוס רעפֿאָרם און געהאָפֿט, אַז די מלכות־יהודה וועט זיך פֿעסט האַלטן אָן די געזעצן, וואָס זײַנען נויטיק פֿאַר אַ געזונטן סאָציאַלן לעבן. אינגיכן אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע קייט פֿון צרות. די גרויסע אַסירישע מלוכה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ סך צוזאַמענגעדריקטע לענדער און פֿעלקער, האָט זיך אָנגעהויבן צעפֿאַלן. די אַלטע שונאים פֿון אַשור, די הערשער פֿון מצרים, האָבן אויך געוואָלט אָפּנעמען עטלעכע לענדער בײַ דער אָפּגעשוואַכטער מלוכה און האָבן זיך גערוקט אַהין מיט זייער אַרמיי דורך דעם לאַנד יהודה. אָבער יאשיָהו האָט זיי ניט געוואָלט דורכלאָזן, מורא האָבנדיק, אַז די עגיפּטער וועלן פֿאַרכאַפּן אויך זײַן אייגן לאַנד. ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם עגיפּטישן חיל בײַ דער שטאָט מגידו, און דאָרטן האָט ער געהאַט אַ ביטערע מפּלה: די יידישע אַרמיי איז צעשלאָגן געוואָרן און יאשיהו אַליין איז געפֿאַלן אין דער מלחמה.

דער ניצחון פֿון די עגיפּטער האָט זיי געמאַכט פֿאַר הערשער אין מלכות יהודה. דער עגיפּטישער קיניג האָט געשטעלט פֿאַר אַ מלך אין ירושלים דעם עלטערן זון פֿון יאשיָהו, יהויָקים. דער נייער מלך, אָנשטאָט צו זאָרגן וועגן פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון זײַן פֿאָלק, האָט געזאָרגט נאָר וועגן דעם, ווי אויפֿצומאָנען די צינזן, וואָס די יידן האָבן געמוזט צאָלן זייער עגיפּטישן איבערהאַר, און אויספֿירן אַלץ וואָס ער הייסט. דאָ איז ירמיָהו אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מלך און קעגן דער גאַנצער אַריסטאָקראַטיע פֿון ירושָלים. ער האָט אין בית־המקדש געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז אויב די פֿירער פֿון פֿאָלק וועלן ניט בעסער ווערן, וועט דער גרויסער טעמפּל אין ירושָלים חרוב ווערן אַזוי ווי אַמאָל דער קליינער טעמפּל אין שילה צו דער צײַט פֿון שמואל הנביא. מען האָט געכאַפּט ירמיָהון און איבערגעגעבן צום געריכט; מען האָט אים געוואָלט באַשטראָפֿן מיט טויט פֿאַר זײַנע ווערטער וועגן דעם הייליקן אָרט, אָבער זײַנע פֿרײַנד האָבן אים באַפֿרײַט.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז די אַסירישע מלוכה אינגאַנצן צעפֿאַלן געוואָרן. אויף איר אָרט האָט זיך געשטעלט אַן אַנדערע מעכטיקע מלוכה פֿון מעסאָפּאָטאַמיע: בבל, אָדער באַבילאָניע, וואָס איז גע-

וואָרן שטאַרק אונטער דער פירונג פון איר קיניג נ ב ו כ ַ ד נ ֶ צ אַ ר. אין אַ בלוטיקער שלאַכט אין סיריע האָט די גרויסע באַבילאָנישע אַרמיי צעשלאָגן די עגיפּטער און פאַרטריבן זיי אויך פון פּאַלעסטינע. יהויָקים האָט אויפגעהויבן אַ בונט קעגן דעם נייעם הערשער נבוכַדנֶצאַר, אָבער דער נביא ירמיָהו האָט אים געוואָרנט, אַז אומזיסט איז דער קאַמף, ווייל ער האָט פאָראויסגעזען, אַז די באַבילאָניער וועלן באַהערשן אַלע לענדער אַרום דעם מיטללענדישן יַם. אינגיכן איז יהויָקים געשטאָרבן און זיין אַכצעניאָריקער זון יהויָכין איז געוואָרן מֶלֶך פון ירושָלים. דענסטמאָל איז געקומען נבוכדנֶצאַר מיט זיין חַיִל און באַלאַגערט די שטאָט. דער יונגער מֶלֶך האָט זיך דערשראָקן און איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיין מוטער און זיינע שׂרָרות צום באַבילאָנישן לאַגער, כּדי איבערבעטן דעם צערייצטן הערשער; אָבער נבוכדנֶצאַר האָט אים ניט געגלויבט און געהייסן פאַרשיקן אים מיט זיין פאַמיליע און די רייכסטע מענטשן פון ירושָלים קיין בָּבֶל. פאַר אַ מֶלֶך אין ירושָלים האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם אינגערן ברודער יהויָקימס, צ י ד ק י ָ ה ו , וואָס האָט געשוואָרן צו זיין שטענדיק געטריי דעם באַבילאָנישן הערשער.

זיבן יאָר האָט צידקיָהו אָפּגעהיט זיין שבועה, אָבער צום סוף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און אויפגעהערט צאָלן צינז דעם באַבילאָנישן קיניג. ווען נבוכדנֶצאַר האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט אַ גרויסן חַיִל קיין יהודָה. די באַבילאָנער האָבן איינגענומען אַלע באַפעסטיקטע שטעט אויפן וועג צו ירושָלים און דערנאָך באַלאַגערט די הויפּטשטאָט. די שטאָט איז געווען פול מיט מענטשן, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן פון די קלענערע שטעט אין דער האָפענונג, אַז די שטאַרקע פעסטונגען פון ירושָלים וועלן אויסהאַלטן די באַלאַגערונג. די דיקע מויערן האָבן טאַקע אויסגעהאַלטן מער ווי אַ יאָר, אָבער די מענטשן, וואָס זיינען געווען הינטער זיי פאַרשפּאַרט, האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן. אין ירושָלים איז אויסגעגאַנגען די צוגעגרייטע שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער הונגער: מענטשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן, אומעטום האָט זיך געהערט דער געשריי פון קינדער צו די מוטערס: „ברויט, ברויט!“

„מער זיינען געווען די געפאַלענע פון הונגער, ווי די געפאַלענע פון שווערד". די פאַרמאַטערטע קריגסלייט אויף די פעסטונג־מויערן האָבן שוין קיין כוח ניט געהאַט פאַרטיידיקן די שטאָט. די באַבילאָנער האָבן דורכגעבראָכן די מויערן, זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און האָבן גע־הרגעט, גערויבט, געבּרענט הייזער; ס'איז פאַרברענט געוואָרן אויך דער פּראַכטפולער בית־המקדש. דעם מלך צדקיהו, וואָס איז אַנטלאָפן פון ירושלים, האָט מען געכאַפּט אין וועג, געבּראַכט צו נבוכדנצאַרן און אויף זיין באַפעל האָט מען אים אויסגעשטאָכן די אויגן. טויזנטער געפאַנגענע יידן האָט מען פאַרשיקט אין בבל, אַזוי אַז ירושלים איז געוואָרן אַ פּוסטע שטאָט. דאָס איז געווען „דער ערשטער חורבן" פון דער הייליקער שטאָט (מיט 2500 יאָר פאַר אונזער צייט; אין יאָר 586 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג).

16. ירמיהו קלאָגט אויף די חורבות פון ירושלים

צווישן די חורבות פון ירושלים איז אומגעגאַנגען און געוויינט דער נביא ירמיהו. „ווי איינזאַם איז געבליבן די גרויס באַפעלקערטע

שטאָט! זי איז געוואָרן אַן אַלמנה און קיינער קומט זי ניט טרייסטן!"
ירמיהו האָט פאָראויסגעזעען דעם גרויסן אומגליק און געוואָרנט דאָס פאָלק פון אַן אויפשטאַנד קעגן דעם באַבילאָנישן קיניג. דערפאַר האָט אים נבוכדנעצאַר געלאָזן פריי. ירמיהוס פריינד, דער נשיא (פירסט) גדליה, איז אויף נבוכדנעצאַרס באַפעל געוואָרן פאַרוואַלטער פון לאַנד יהודה און האָט זיך באַזעצט אין מיצפּה, ניט ווייט פון ירושלים. אָבער ניט לאַנג האָט זיך געהאַלטן דער דאָזיקער קליינער רעשט פון דער אידישער מלוכה. קעגן גדליהן, אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דער פיינדלעכער מאַכט, האָבן זיך צעבונטעוועט עטלעכע איבערגעבליבענע אידישע אָפיצערן מיט זייערע זעלנער און האָבן אים געהרגעט.
דאַן האָט ירמיהו מיט אַ גרויסער גרופּע מענטשן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איז אַוועק קיין מצרים. אַזוי האָט זיך געבילדעט אַ צווייטער אידישער ישוב אין „גלות", חוץ דעם גרעסערן ישוב, וואָס איז געווען אין גלות־בבל. אין דעם חורבן לאַנד יהודה האָט נבוכדנעצאַר אָנגעמאַכט אַ נייעם חורבן, פאַרשיקט נאָך טויזנטער מענטשן אין פרעמדע לענדער. דאָס פאָלק איז געווען צעזייט און צעשפּרייט. אָבער אַ גרויסן טייל פון די פאַרוואָגלטע איז נאָך באַשערט געווען שפּעטער, אין בעסערע צייטן, אומקערן זיך אין זייער אייגן לאַנד.

10. ווי האָבן אידן געלעבט אין דער אַלטער צייט

אין דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אין זיין אייגענעם לאַנד כנען־פּאַלעסטינע אָדער ארץ־ישׂראל, איז ע ר ד ־ אַ ר ב ע ט געווען ביי אים די הויפּט־באַשעפטיקונג. „זיצן אין זיין וויינגאָרטן, אונטער זיין פייגנבוים" — דאָס האָט מען געהאַלטן פאַרן שענסטן און רואיקסטן אַרט לעבן. פון דעם ערדאַרבעטער־קלאַס זיינען אַרויס אַזעלכע גרויסע מענטשן, ווי שאול המלך, דוד המלך, די נביאים אלישע און עמוס. צו לאַנדווירטשאַפט זיינען געווען צוגעפּאַסט די גרויסע יערלעכע ימים טובים: פּ ס ח — דער יום־טוב פון פרילינג („חג האָביב"), ווען עס הויבט אָן וואַקסן תבואה אויפן פעלד; דער זומער־יום־טוב ש ב ו ע ו ת, ווען מען הויבט אָן שניידן די תבואה („חג הקציר"), און ס ו כ ו ת אין האַרבסט, ווען מען זאַמלט איין אַלץ,

וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן פעלד און אין ווייַנגאָרטן („חַג הָאָסִיף“).
אין שפּעטערע צייטן זיינען די דאָזיקע דאָרפישע ימים־טובים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין היסטאָרישע און רעליגיעזע. פּסח איז געוואָרן דער יום־טוב פון „יציאַת מִצרים“, צום אָנדענק, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך באַפרייט פון עגיפּטישער קנעכטשאַפט; שבועות — צום אָנדענק פון „מַתּן תּוֹרָה“, ווען מושה האָט איבערגעגעבן דעם פאָלק נאָטס געבאָטן ביים באַרג סיני; סוכות — צום אָנדענק פון די וואַנדערונגען אין מדבּר, ווען אידן האָבן געוואוינט אין געצעלטן אָדער ביידלעך (סוכּות).

אַלע וואָך האָט יעדע אידישע פאַמיליע געהאַט איין אָפּרו־טאָג: שַׁבָּת (דאָס וואָרט אין העבּרעאיש הייסט אָפּרו). „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן זאָלסטו אָפּרוען“ — דאָס איז געוואָרן אַ הייליקער געבאָט. דער שבּת־אָפּרו האָט געהאַט אַ גרויסן עקאָנאָמישן און גייסטיקן איינפלוס אויפן לעבן: אַ זיבעטן טייל פון זיין לעבן האָט דער מענטש אָפּגעגעבן העכערע גייסטיקע אינטערעסן און דערפרישט זיינע כּוחות פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך אידן באַשעפטיקט אויך מיט האַנדל. האַנדלען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ביי זייערע שכנים, די פיניקיער. אַמאָל פלעגט מען זאָגן: „דער פיניקיער (כּנַעֲנִי) האַלט אין די הענט פאַלשע וואָג און האָט ליב באַרייסן דעם קויפער“; אָבער שפּעטער האָט מען זיך שוין ניט געשעמט מיט מִסחָר. מען האָט אפילו געהאַנדלט מיט געלט: רייכע מענטשן פלעגן אָפּגעבן געלט אויף צינזן (פּראָצענט) און אָפט, ווי מיר האָבן שוין געזען, אָפּנעמען דאָס לעצטע ביים אָרעמאַן. די אידישע תּורָה האָט דאָס פאַרבאָטן. „אויב דו וועסט לייען געלט אַן אָרעמען מענטשן, לייג אויף אים ניט אַרויף קיין שווערע צינזן. אויב דו וועסט ביי אים נעמען פאַר אַ מַשכּון זיין מאַנטל, גיב דאָס אים אָפּ צוריק איידער עס פאַרגייט די זון, וואָרעם דאָס איז זיין צודעק, ווי וועט ער שלאָפן?“

דאָס פאַמיליע־לעבן ביי אַמאָליקע אידן איז געווען צוגעפּאַסט צום אָריענטאַלישן (מזרח) שטייגער, אָבער דאָס געזעץ האָט אויסגעבעסערט פיל פעלערן אין דעם דאָזיקן שטייגער. אַ מאַן האָט געמעגט האָבן צוויי ווייבער, און ביי רייכע נאָך מער, אָבער גע־

ווינטלעך האָט בײַ אידן געהערשט די פאָרם פֿון מאָנאָגאַמיע — אײן־ווײַבערײַ. צוויי ווײַבער אין איין הויז פלעגן זיך שטענדיק קריגן צווישן זיך, און דער מאַן האָט געהאַט צָרות; דעם ניט רײַכן איז דערצו געווען שווער אויסצוהאַלטן אַ הויז מיט פיל קינדער פֿון בײדע ווײַבער; דעריבער האָבן קליגערע מענטשן געהאַלטן פֿון מאָנאָגאַמיע. דאָס געזעץ האָט געשטעלט די מוטער גלײַך מיט דעם פֿאָטער אין דער פֿאַמיליע: „דו זאָלסט אָכטן דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער" — בײדע גלײַך.

אין פֿאַרמעגלעכע הײַזער זײַנען געווען קנעכט און דינסטן, אָבער די שקלאַפֿערײַ (קנעכטשאַפֿט) האָט בײַ אידן ניט אָנגענומען אַזעלכע מיאוסע פֿאָרמען, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, וואו מען פֿלעגט זיך מיט אַ קנעכט באַגײן אַזוי ווי מיט אַ בהמה. אײביקע קנעכטשאַפֿט איז געווען פֿאַרבאָטן. אַ אידישער קנעכט האָט געדאַרפֿט דינען זײַן האַר ניט מער ווי זעקס יאָר, אויפֿן זיבעטן יאָר האָט אים דער האַר געמוזט אַרויסלאָזן פֿרײַ; אויב אָבער דער קנעכט האָט ניט געוואָלט אַוועקגײן, ווײַל ער איז צוגעבונדן צו דער פֿאַמיליע, האָט מען זײַן אויער אויף אַ ווײַלע צוגעפֿעסטיקט צו דער טיר פֿון הויז — אַ סימן, אַז ער וויל אַלײן בלײַבן אין דעם הויז. פֿרעמדע קנעכט (פֿון אַנדערע פֿעלקער) פֿלעגט מען האַלטן שטענדיק, אָדער מען פֿלעגט זײ פֿאַרקויפֿן פֿון אײן האַר צו דעם אַנדערן.

אַלע פֿרײַע אײַנוואוינער פֿון לאַנד האָבן געהאַט בירגער־רעכט, אַפֿילו אויסלענדער אָדער „גֵרים". די תּורה זאָגט: „דעם גֵר זאָלט איר ניט דריקן. איר דאַרפֿט פֿאַרשטײן דאָס האַרץ פֿון אַ גֵר, ווײַל איר זײַט אַלײן אַמאָל געווען גֵרים אין מצרים". זאָרגן וועגן אָרימעלײַט איז געווען אַ חוב פֿאַר יעדער געמײנדע. די אָרימע האָבן געהאַט רעכט צו קלײַבן די רעשטן פֿון תּבֿואה־שניט אויף די פֿעלדער פֿון די פֿאַרמעגלעכע (לֶקט, שִכחָה, פֵּאָה). לויטן געזעץ פֿון דער תּוֹרָה האָט מען געמוזט אײן מאָל אין זיבן יאָר מאַכן אַ „שַבּת־יאָר" אָדער שמיטה, ווען אַלע ערדבאַזיצער דאַרפֿן לאָזן זײערע פֿעלדער און גערטענער פֿרײַ פֿאַר אָרימעלײַט, און רײַכע לײַט דאַרפֿן ניט מאָנען חובֿות בײַ ניט פֿאַרמעגלעכע.

דער מֶלֶך בײַ אידן האָט ניט געהאַט אומבאַגרעניצטע מאַכט, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער. דעספּאָטן און טיראַנען זײַנען צווישן אידישע

מלכים געווען אַ זעלטנהייט. דער מלך האָט זיך אין מלוכה=זאַכן געמוזט באַראַטן מיט די „זקנים“, מיט די עלטסטע, סענאַטאָרן. ווען אַ מלך האָט געטאָן עפּעס ניט געזעצלעך אָדער האָט געפירט אַ פאַלשע פּאָליטיק, פלעגט אים דער נ ב י א שאַרף אויסריידן. אַזוי האָט זיך אַמאָל שמואל הנביא באַגאַנגען מיט שאולן, נתן הנביא מיט דווידן, אליהו מיט אַחאבען, ישעיה מיט אָחזן און ירמיהו מיט יהויקימען און צדקיהון. דער נביא האָט גערעדט אין נאָמען פון גאָט, און מען האָט זיך צו זיינע רייד צוגעהערט, ווען אַפילו מען איז מיט אים ניט געווען צופרידן.

די אידישע ר ע ל י ג י ע האָט זיך אין יענער אַלטער תקופה לאַנגזאַם אַנטוויקלט. זי איז געווען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע שיכטן פון פאָלק. עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער גאָט פון אידישן פאָלק („אלוהי ישׂראל“) איז מער ניט ווי איינער פון די פילע געטער, וואָס פאַרשיידענע פעלקער האָבן אין זיי געגלויבט; עס זיינען אָבער געווען אַנדערע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ איין איינציקער גאָט פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און האָט זיך צוערשט אַנטפּלעקט דעם אידישן פאָלק, כּדי שפּעטער צוציען צום אמתן גלויבן אויך אַנדערע פעלקער. דעם געדאַנק פון אַ וועלט=גאָט האָבן די נביאים דערקלערט דעם פאָלק אין זייערע פייערדיקע רעדעס. זיי האָבן פאַרבונדן דעם גאָט=גלויבן מיט אַ הויכער מאָראַלישער לערע: גאָט וויל, אַז מענטשן זאָלן זיין ריין און ערלעך, זיי זאָלן ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, ס'זאָל ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן רייך און אָרים, מענטשן זאָלן לעבן ווי ברידער, ווי קינדער פון איין גאָט; אָט אַזעלכע מענטשן זיינען גאָט ליב און טייער, און ניט יענע, וואָס ברענגען אים קרבּנות אין די טעמפּלען. דאָ איז געווען אַ קעגנזאַץ צווישן נ ב י א י ם און כּ ו ה נ י ם (פּריסטער): די כּוהנים האָבן געהאַלטן, אַז גאָט מוז מען דינען דורך תּפילות און קרבּנות אין בית=המקדש, די נביאים אָבער (ווי דער אויבנדערמאָנטער ישעיה און אַנדערע) פלעגן שטענדיק דערמאָנען, אַז מען דאַרף דינען גאָט מיט גוטע מעשׂים, מיט אַ גוט האַרץ און ליבע צו מענטשן, מיט גערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן.

— אין די אַלטע הייליקע ביכער פֿון אידישן פֿאָלק — אין די פֿינף ביכער פֿון דער „תּורה“ (חומש) און אין די ביכער פֿון „נביאים“ — זיינען געוועזן פֿאַרשריבן ביידע לעגענדעס, די פּוֹהנישע און די נביאישע, אויך אַלע געזעצן און פֿאָלקס-פֿאַרשטעלונגען וועגן גאָט און וועלט, לעבן און טויט, וועגן דער געשיכטע פֿונם אידישן פֿאָלק און זיין לאַגע צווישן אַנדערע פֿעלקער.

11. ווי האָט זיך דאָס פֿאָלק פֿאָרגעשטעלט גאָט, וועלט און געשיכטע

וועגן דעם, ווי די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן און ווי עס האָבן געלעבט די ערשטע דורות פֿון דער מענטשהייט, דערציילט אונז דער ערשטער ספֿר פֿון דער תּורה — ספֿר „בראשית“ („אין אָנהויב“). מען דאַרף ניט מיינען, אַז דאָס זיינען נאָר שיינע קינדער-מעשׂהס: דאָ זיינען באַהאַלטן גלויבנס און פֿאָרשטעלונגען פֿון אוראַלטע דורות ניט נאָר ביי אידן, נאָר אויך ביי אַנדערע פֿעלקער; אין דער אידישער תּורה אָבער זיינען אַלע דערציילונגען פֿאַרבונדן מיט טיפֿע געדאַנקען, וואָס דערקלערן דעם גאַנג פֿון דער וועלט און דער מענטשהייט.

די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן אין זעקס טעג. פֿריער איז די ערד געווען פּוסט און וויסט און באַדעקט מיט פֿינסטערניש. גאָט האָט אַ זאָג געטאָן: זאָל ווערן ליכט! — און עס איז ליכטיק געוואָרן. אויפֿן צווייטן טאָג האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל. אויפֿן דריטן טאָג האָט זיך דאָס וואַסער אָפּגעטיילט פֿון דער טרוקענער ערד (יבשה), עס האָבן זיך געבילדעט ימים און טייכן אויף איין זייט, גראָזן, תּבֿואות און ביימער אויף דער אַנדערער. דעם פֿערטן טאָג האָבן זיך באַוויזן אויפֿן הימל די זון, די לבֿנה און די שטערן. אויפֿן פֿינפֿטן טאָג האָבן אין דער לופֿט אָנגעהויבן פֿליען אַלערליי פֿויגלען און אין וואַסער שווימען פֿישן. אויפֿן זעקסטן טאָג האָבן זיך אויף דער ערד באַוויזן אַלערליי לעבעדיקע באַשעפֿענישן; און צום סוף דער ערשטער מענטש. גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אַזוי: ער האָט גענומען אַ הייפֿל ערד און אַריינגעבלאָזן אין אים אַ לעבעדיקע נשמה; דערנאָך האָט גאָט ביי אים אין שלאָף אַרויסגענומען אַ ריפּ פֿון דער זייט און פֿון דעם שטיק פֿלייש

באַשאַפן די פרוי. דעם ערשטן מענטשן האָט ער אַ נאָמען געגעבן אָדָם, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן פון דער „אַדָמה" (ערד), און די ערשטע פרוי האָט געהייסן חַוָה, ווייל זי איז די מוטער פון אַלע לעבעדיקע מענטשן (חַי). אַזוי איז אין זעקס טעג באַשאַפן געוואָרן די גאַנצע וועלט אין אַזאַ סֵדר: צוערשט די ניט־לעבעדיקע נאַטור (ערד, וואַסער), ווייטער די וואַקסנדיקע נאַטור (בוימער, גראָזן), די לעבעדיקע און באַוועגלעכע נאַטור (חַיות, עופות, פיש) און צולעצט דער מענטש, וואָס דאַרף הערשן איבער דער גאַנצער נאַטור. די תורה גיט צו, אַז נאָכדעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, האָט ער אויפן זיבעטן טאָג אָפּגערוט, און דערפאַר דאַרף דער מענטש אויך אָפּרוען איין טאָג אין דער וואָך — שַבָּת.

די ערשטע פּאָר מענטשן, אָדם און חַוה, האָבן געלעבט גליקלעך אין גַן־עֵדן, אַ שיינעם גאָרטן, וווּ עס זיינען געוואַקסן אַלערליי פירות צום עסן. צווישן די בוימער זיינען געווען צוויי, דער בוים פון לעבן („עֵץ הַחַיים") און דער בוים פון וויסן („עֵץ הַדַעת"). גאָט האָט אָנגעזאָגט אָדָמען, אַז ער מעג עסן פרוכטן פון אַלע בוימער, נאָר ניט פון בוים פון וויסן. אָבער חַוָה האָט דערזען אַ שיינע פרוכט אויפן בוים פון וויסן, האָט אָפּגעריסן און אויפגעגעסן; דאָס איז געווען זייער געשמאַק, און זי האָט איינגערעדט אָדָמען, ער זאָל אויך פאַרזוכן; אָדָם האָט איר געפאָלגט. דאָ האָבן זיך ביי ביידן די אויגן געעפנט: זיי האָבן אָנגעהויבן וויסן און פאַרשטיין דאָס, וואָס זיי האָבן פריער ניט פאַר־שטאַנען. אַזוי האָבן זיי צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז זיי גייען אַרום נאַקעט, און האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען; זיי האָבן זיך אויף גיך גע־מאַכט גאַרטלען פון פייגנבלעטער און צוגעדעקט דאָס לייב. מיטאַמאָל האָט אָדָם דערהערט גאָטס קול אין גאָרטן: „פאַרוואָס האָסטו געגעסן פונם פאַרבאָטענעם בוים?" אָדָם האָט געענטפערט: „די ווייב האָט מיך איינגערעדט"; חַוָה האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די קלוגע שלאַנג, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן, האָט זי איינגערעדט. און גאָט האָט געזאָגט: „פאַר דיין זינד, חַוָה, וועסטו באַשטראָפט ווערן דערמיט, וואָס דו וועסט מיט שמערצן געווינען קינדער; און דו, אָדָם, וועסט מיט שווערער מי באַאַרבעטן די ערד, מיט שוויים פון דיין פנים וועסטו אַרויסנעמען פון איר דיין ברויט, ביז דו וועסט זיך אומקערן צו דער

ערד נאָך דיין טויט". נאָכדעם זיינען די ערשטע פּאָר מענטשן פאַר־טריבן געוואָרן פון גן־עדן און האָבן געמוזט מיט שווערער אַרבעט און ליידן אונטערהאַלטן זייער לעבן.

די ערשטע קינדער פון אָדם און חוה זיינען געווען צוויי זין: קַיִן און הֶבֶל. קַיִן איז געווען אַן ערדאַרבעטער, הֶבל אַ פּאַסטוך. איינמאָל האָבן זיך די ברידער צוקריגט אין פעלד; דער שטאַרקערער קַיִן האָט זיך געוואָרפן אויף הֶבלן און אים דערהרגעט. דאָ האָט דער מערדער דערהערט גאָטס קול: „וואו איז דיין ברודער הֶבל?" קַיִן האָט גע־ענטפערט: „איך ווייס ניט, איך בין דאָך ניט מיין ברודערס שׁוֹמֵר (היטער)". גאָט האָט קַיִנען פאַרשאָלטן פאַר זיין שרעקלעכן פאַרברעך און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער וועט זיין גאַנצן לעבן זיין פאַרוואָגלט (נָע ונָד) און ניט האָבן קיין רו אויף דער ערד. אין דער דאָזיקער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ פון איין זייט דער אַלטער קאַמף צווישן דעם איינגעזעסענעם ערדאַרבעטער און דעם וואַנדערנדיקן פּאַסטוך, פון דער אַנדערער זייט — די אייביקע מִלחָמה צווישן מענטש און מענטש, פאָלק און פאָלק.

אָדָם און חַוָה האָבן געהאַט נאָך קינדער, זין און טעכטער. עס זיינען אויסגעוואַקסן גאַנצע מִשפָּחות מענטשן, שפּעטער גאַנצע דוֹרוֹת, אָבער געלעבט האָבן זיי צווישן זיך ווי חַיוֹת: דער שטאַרקער האָט געשלאָגן און געדריקט דעם שוואַכערן; עס איז ניט געווען אֱמֶת און יוֹשֶר אויף דער ערד. זעענדיק אַזוינס האָט גאָט באַשלאָסן ברענגען אַ מַבּוּל, אַ פאַרפלייצונג, אויף דער ערד, כּדי דער שלעכטער דוֹר זאָל אויסשטאַרבן און מאַכן פּלאַץ פאַר אַ בעסערן מין מענטשן. גאָט האָט געוואָלט לאָזן לעבן נאָר דעם איינציקן ערלעכן מענטשן, מיטן נאָמען נ ֹ חַ (נואַח), און האָט אים געזאָגט: „מאַך זיך אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן („תֵּיבָה") און גיי אַהין אַריין מיט דיין הויזגעזינד און מיט איין פּאָר פון יעדער מין לעבעדיקע באַשעפענישן, חַיוֹת און עוֹפוֹת". נוֹח האָט אַזוי געטאָן, און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מַבּוּל און די גאַנצע ערד איז פאַרפלייצט געוואָרן, האָט זיך די תֵיבה אויפגעהויבן און געשוואומען איבער די הויכע וואַסערן. ווי נאָר די וואַסערן זיינען אָפּגעפאַלן, איז נוֹח אַרויס פון דער תֵיבה מיט זיין הויזגעזינד און מיט אַלע חַיוֹת, וואָס פון זיי האָט געזאָלט געבאָרן ווערן אַ נייע לעבעדיקע

וועלט. גאָט האָט צוגעזאָגט נוחן מער ניט ברענגען קיין מבול אויף דער ערד און האָט באַוויזן אויף דעם רעגנבויגן אין די וואָלקנס, אַלס אַ סימן פון פרידן צווישן גאָט און מענטשן. — אַזאַ דערציילונג וועגן אַ וועלט־מבול איז געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע פעלקער פון אַזיע, אָבער אין דער תּורה האָט מען דערצו געגעבן אַ דערקלערונג: כּדי אַ שלעכטן דור פאַרבייטן מיט אַ גוטן.

נוח האָט געהאַט דריי זין: שֵׁם, חָם און יֶפֶת. פון זיי, זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָט זיך צעוואַקסן אַ נייע וועלט מיט מענטשן, מִשְׁפָּחוֹת, שְׁבָטִים און פעלקער. פון אָנהויב האָבן אַלע גערעדט אויף אֵיין שפּראַך און האָבן גוט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן. איינמאָל האָבן זיך מענטשן פאַרזאַמלט אין בָּבֶל און האָבן דאָרט אָנגעהויבן בויען אַ הויכן טורעם, וואָס זיין שפּיץ זאָל דערגרייכן צום הימל; דאָס האָט געזאָלט זיין אַ צייכן פאַר אַלע מענטשן, זיי זאָלן זען פון ווייטן דעם טורעם און ניט צעשפּרייטן זיך אויף דער ערד. אָבער בּשעת דער אַרבעט, וואָס האָט לאַנג געדויערט, האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך: די בויער האָבן אָנגעהויבן ריידן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און איינער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער אַנדערער רעדט. דעמאָלט האָט זיך דער בוי אָפּגעשטעלט און מענטשן האָבן זיך פון בָּבֶל צעשאָטן אויף דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן זיך צעטיילט אויף פעלקער אין פאַרשיידענע לענדער. יעדער פאָלק האָט גערעדט אין זיין שפּראַך. פון נוחס דריי זין זיינען אַרויסגעקומען דריי גרופּעס פעלקער: ס ע מ י ט ן פון שֵׁם, חַ מ י ט ן פון חָם, יֶ פ ת י ט ן פון יֶפֶת. צו די סעמיטן האָבן געהערט די אַזיאַטישע פעלקער: אַסיריער, באַבילאָניער, אַראַמייער, אידן און אַראַבער; צו די חַמיטן — די עגיפּטער, די כּושים (אַבעסיניער) און די שוואַרצע פעלקער אין אַפריקע; צו די יֶפתיטן — די ווייסע איי־ראָפּעאישע פעלקער. דאָס אידישע פאָלק האָט געשטאַמט פון דעם סעמיטישן שֵׁבט עִ ב ר י ם (העברייער), און זיין ערשטער שטאַמפאָטער איז געווען „אברהם העברי“, וועגן וועלכן מיר האָבן דערציילט אין אָנהויב פון אונזער געשיכטע.

12. גָלות־בָבל

נאָך דעם חורבן פון ירושָלים איז דער גרעסטער טייל איינוואוינער פאַרטריבן געוואָרן קיין בָבל. דאָ האָבן זיי זיך אָבער ניט צעשאָטן איבערן גאַנצן לאַנד און ניט צונויפגעמישט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג; זיי האָבן זיך באַזעצט אין עטלעכע שטעט און געבילדעט געשלאָסענע קהילות (געמיינדעס). די „גולים" (פאַרטריבענע, עמיגראַנטן) האָבן געהאַט זייערע תפילה־הייזער, וואו זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען, לייענען זייערע הייליקע ביכער, זינגען פסאַלמען (תהילים), הערן רעדעס פון זייערע לערער און נביאים. ביים געבעט פלעגן זיי זיך שטעלן מיטן פנים צו דער זייט פון ירושלים, אַזוי ווי זיי וואָלטן געקוקט אויפן בית־המקדש. מען האָט דאָרטן געזונגען פאָלקס־לידער, פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם פאָטערלאַנד, צום ביישפיל דאָס ליד „על נהרות בבל":

בײַ די טייכן פון בָבל זיינן מיר געזעסן און געוויינט, דערמאָנענדיק ציון.

אויף די ווערבעס דאָרטן האָבן מיר אויפגעהאַנגען אונזערע פידלען.

דאָרטן האָבן אונזערע פאַנגער געפאָדערט בײַ אונז לידער...
אָבער ווי זאָלן מיר זינגען גאָטס ליד אין אַ פרעמד לאַנד?
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרדאַרט ווערן מיין האַנט!...

אין בָבל האָבן זיך די נייע „גולי־יהודה" געטראָפן מיט גרופעס אוראייניקלעך פון די „גולֵי־ישׂרָאל", וואָס זיינען אַמאָל פאַרטריבן געוואָרן פון שומרון קיין אַשור און בָבל. אין דער פרעמד האָבן זיך צונויפגעגאָסן רעשטן פון צוויי אידישע מלוכות. אַזוי האָט זיך אין בָבֶל געשאַפן אַ גאַנץ גרויסער אידישער ישוב. מען האָט געלעבט רואיק, זיך באַשעפטיקט מיט ערדאַרבעט, מלאכה און האַנדל. עטלעכע אידישע קינדער פון אַריסטאָקראַטישע הייזער אין ירושלים, דָניאֵל מיט זיינע דריי חברים, האָבן געוואוינט ביים הויף פון דעם גרויסן באַבילאָנישן קיניג נבוכַדנֶצאַר. מען דערציילט, אַז נבוכדנצאַר האָט זיי אַמאָל געהייסן, זיי זאָלן זיך בוקן צום באַבילאָנישן אָפגאָט, און ווען

17. על נַהֲרוֹת בָּבֶל

זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אַ ברענענדיקן קאַלך־אויוון; אָבער דאָ האָט זיך געטראָפֿן אַ נס: די יונגעלייט זיינען אַרויס פֿון פֿייער אומבאַשעדיקט, אַפֿילו די האָר ניט אָפּגעברענט. דאָ האָט נבוכדנצאַר פֿאַרשטאַנען, ווי גרויס איז דער אידישער גאָט, און האָט אויפֿגעהערט צווינגען אידישע קינדער צום גוישן גאָטס־דינסט.

אין דער ערשטער צייט פֿון גלות־בבל האָט דאָרטן געלעבט דער אידישער נביא יחזקאל. מען האָט אים אַהין אַוועקגעפֿירט נאָך מיט דעם יונגן קיניג יהויכין אין דער ערשטער גרופּע געפֿאַנגענע פֿון ירושלים. יחזקאל איז געוואָרן דער גייסטיקער פֿירער פֿון די פֿאַרטריבענע; ער פֿלעגט זיי טרייסטן אין זייער טרויער, לערנען זיי ווי צו לעבן אין אַ פֿרעמד לאַנד בלייבנדיק געטריי דעם אייגענעם פֿאָלק. איינמאָל האָט ער זיי דערציילט אַזאַ נביאישן חלום: „עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און מיך פֿאַרטראָגן אין אַ טאָל, פֿול מיט ביינער פֿון פֿאַרשטאָרבענע מענטשן; מיטאַמאָל האָבן זיך די צעשאָטענע ביינער אָנגעהויבן צורוקן איינע צו די אַנדערע, אויף זיי האָט זיך אַרויפֿגעצויגן פֿלייש און הויט, און עס איז אַריין אין זיי אַ לעבעדיקער גייסט — און עס האָבן זיך געשטעלט אויף די פֿיס אַ מאַסע לעבעדיקע מענטשן. איך האָב געפֿרעגט, ווער זיינען זיי, און האָב דערהערט אַ קול פֿון גאָט: דאָס זיינען אידישע קינדער; זיי קלאָגן זיך, אַז זיי זיינען אויסגעטריקנטע ביינער, אַ געשטאָרבן פֿאָלק, אָבער איך וועל די צעוואָרפֿענע ביינער צונויפֿזאַמלען און באַלעבן זיי מיט מיין גייסט, און וועל זיי אַרויספֿירן צוריק אין זייער לאַנד, און זיי וועלן ווידער זיין מיין פֿאָלק“.

עס זיינען אַריבער כמעט פֿופֿציק יאָר. נבוכדנצאַר איז שוין געשטאָרבן, זיינע נאָכפֿאָלגער זיינען געווען צו שוואַך כּדי אויפֿצוהאַלטן אַזאַ גרויסע מלוכה, ווי די באַבילאָנישע אימפּעריע. דער געוואַלטיקער בונד פֿון פֿאַרשידענע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן צעפֿאַלן. אין מיטל־אַזיע האָט זיך באַוויזן אַ ניי שטאַרק פֿאָלק — די פּערסער; זייער העלדישער פֿירער כּורש (קירוס) האָט אָפּגענומען אַ סך לענדער ביי די באַבילאָנישע הערשער און זיך ענדלעך אַ לאָז געטאָן צו דער הויפּט־שטאָט בבל. די שטאָט איז געווען שטאַרק באַפֿעסטיקט מיט דיקע ווענט אַרום און אַרום, און דער באַבילאָנישער קיניג בלשאצר איז

געוועזן זיכער, אַז דער פֿיינד וועט אין שטאָט ניט אַריינדרינגען. אין קיניגלעכן פּאַלאַץ איז מען זיך געזעסן רויִק, געמאַכט פֿריילאכע מאָלצייטן און געוואָלט פֿאַרגעסן וועגן דער בלוטיקער מלחמה. איינמאָל האָט בלשאצַר איינגעלאַדן פֿיל געסט אויף אַ גרויסער סעודה; ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען געטרונקען ווײַן פֿון די גילדערנע בעכערס, וואָס נבוכדנֶצאַר האָט אַמאָל אָנגערויבט אין בית־המִקדָש פֿון ירושלים. דאָ, ווי עס דערציילט די לעגענדע, האָט זיך באַוויזן אַ האַנט און האָט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט פֿון סעודה־זאַל עטלעכע ווערטער, וואָס קיינער האָט זיי ניט געקענט איבערלייענען. מען האָט גערופֿן דעם אידישן חָכָם דָניִאֵל, און ער האָט באַלד איבערגעלייענט די אַראַמעאישע ווערטער: „געציילט, אָפּגעוואויגן און צעטיילט"; דאָס האָט ער דער־קלערט דעם קיניג אַזוי: געציילט זיינען די טעג פֿון דיין הערשאַפֿט, אָפּגעוואוינן דיינע שלעכטע מעשׂים און צעטיילט איז דיין מלוכה צווישן פֿיינדלעכע פֿעלקער. די נבואה איז טאַקע באַלד מקוים געוואָרן. אין דער זעלביקער נאַכט האָבן זיך די פּערסער אַריינגעריסן אין שטאָט און האָבן געהַרגעט דעם קיניג בלשאצר.

אין גאַנצן לאַנד איז אויסגערופֿן געוואָרן, אַז כּורֶשׁ איז איצט קיניג פֿון בָּבל. די אידישע באַפֿעלקערונג האָט מיט פֿרייד באַגעגנט דעם נייעם פּערסישן הערשער. אַ גרויסער נביא, וואָס האָט דאַן געלעבט אין בָּבל (מען רופֿט אים ישעיה דער צווייטער), האָט אויסגערופֿן אין נאָמען פֿון גאָט: „טרייסט, טרייסט מיין פֿאָלק. זאָג אָן דער שטאָט ירושלים, אַז די שווערע צייט איז שוין פֿאַרביי... איך האָב געגעבן כּורֶשׁן די גרויסע מאַכט צוליב מיין ליבן פֿאָלק ישׂראל... ער וועט אויפֿבויען מיין שטאָט און באַפֿרייען מיינע געפֿאַנגענע". כּורֶשׁן איז זייער געפֿעלן געוואָרן, וואָס די אידן לייגן אויף אים אַזוינע האָפֿענונגען, און ער האָט צוגעזאָגט אָפּלאָזן די געפֿאַנגענע פֿון מַלכוּת יהודה צוריק אין זייער לאַנד. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפֿעל, אַז די וואָס ווילן זיך אומקערן קיין יהודה מעגן דאָרטן ווידער אויפֿבויען די חָרובע שטאָט ירושָלים און דעם בית־המִקדָשׁ; ער האָט געהייסן, מען זאָל דערויף אַרויסגעבן געלט פֿון זיינע קיניגלעכע אוצרות און אָפּגעבן צוריק אַלע טייערע כֵּלים, וואָס נבוכדנֶצר האָט אָנגערויבט אין בית־המִקדש. צענדליקער טויזנט אידן האָבן זיך געלאָזט אין וועג קיין

יהודה, אונטער דער פירונג פון דעם פירשט זרובבל, אַן אייניקל פון מֶלֶך יהויָכין. נאָך פופציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין בבל זיינען זיי מיט פרייד געגאַנגען צוריק אַהיים. שפּעטער האָט מען וועגן דעם געזונגען דאָס שיינע ליד (אין תהילים):

אַז גאָט האָט אומגעקערט די געפאַנגענע פון ציון,
זיינען מיר אַזוי ווי אין חָלום געווען,
מיט פריילעכן געלעכטער איז געווען פול אונזער מויל
און אונזער צונג מיט געזאַנג.

13. יהודה אונטער פּערסישער הערשאַפט

ווען די פאַרטריבענע האָבן זיך אומגעקערט קיין יהודה, האָבן זיי דערזעען אַ חָרוב לאַנד. ירושָלים און די אַרומיקע ערטער האָבן זיך נאָך ניט אויפגעבויט נאָך דעם חורבן; אין די פּראָווינצן האָבן זיך באַזעצט מענטשן פון פרעמדע פעלקער: פלישתים (אַשדודים), מואָבים, עמונים און די האַלב־אידישע שומרונים; צווישן זיי האָבן געוואוינט אָרימע אידישע משפָחות, וואָס האָבן זיך אָפט צונויפגעמישט מיט די פרעמדע און גערעדט אין זייער שפּראַך.

די פירער פון די אָנגעקומענע גולֵי־בָבל, דער פירשט זרובָבל און דער כּוהן גדול יהושוע, האָבן פאַרשטאַנען, אַז כּדי אויפצולעבן און פאַראייניקן דאָס פאָלק מוז מען צוערשט אויפבויען די הויפּטשטאָט ירושָלים מיט דעם בית־המִקדָש און שאַפן דאָרטן אַ נייע רעגירונג. אויף גיך האָט מען אויפן פלאַץ פון אַלטן בית־המקדש אויפגעשטעלט אַן אַלטאַר (מִזבֵח) פאַר קָרבָנות און אָנגעהויבן לייגן גרונדשטיינער פאַר אַ קליינעם טעמפּל, ווייל צו אַ גרויסן בנין האָבן געפעלט מיטלען ביי דעם פאַראָרימטן פאָלק. צו דעם דאָזיקן יום־טוב זיינען געקומען מענטשן פון אַלע שטעט, די כּוהנים האָבן געזונגען פּסאַלמען (תהילים), די נביאים האָבן באַגייסטערט דאָס פאָלק מיט זייערע פייערדיקע רעדעס. גרויס איז געווען די שימחָה. אָבער דערביי זיינען געשטאַנען אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך געזען דעם ערשטן בית־המִקדָש פון שלומה המֶלֶך, און געוויינט: דער פונדאַמענט פון דעם נייעם „גאָטסהויז" איז געווען זייער קליין אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטן, און מען האָט שוין

געזען, אַז דער אַמאָליקער גלאַנץ איז פאַרביי. אָבער אַפילו דער קליינער בנין איז אָנגעקומען מיט גרויסע צרות. די שומרונים זיינען געקומען צו זרובבלען און האָבן געזאָגט: „לאָמיר צוזאַמען בויען דעם בית־המקדש“. אָבער זרובבל האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל מען האָט זיי געהאַלטן פאַר האַלבע אידן. זיינען זיי געגאַנגען צו די פערסישע הערשער און האָבן געמסרט, אַז אידן גרייטן צו אַן אויפשטאַנד קעגן די פערסער כדי צו באַפרייען די שטאָט ירושלים. די בוי־אַרבעטן האָבן זיך אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט; ערשט אין צוואַנציקסטן יאָר נאָך דעם צוריקקומען פון גלות בבל און אין זיבעציקסטן יאָר נאָכן חורבן פון „בית ראשון“ איז פאַרטיק געוואָרן דער צווייטער בית־המקדש, דער „בית שני“.

דאָס לאַנד יהודה, וואָס איז געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער גרויסער פערסישער אימפּעריע, האָט קיין אייגענעם קיניג ניט געהאַט. אָנשטאָט אַ מלך איז בראש פון פאָלק געשטאַנען אַ כהן גדול, אַ פאָרשטייער פון דער אידישער רעליגיע. נאָך זרובבלס טויט איז דער כהן גדול (גרויס־פּריסטער) יהושע בן צדוק געבליבן דער איינציקער פירער פון פאָלק, און נאָך אים האָבן געהערשט זיינע קינדער און קינדס־קינדער, די כהנים גדולים פון צדוקס משפחה. אָבער קיין רעכטע אָרדענונג אין לאַנד איז נאָך ניט געווען. די הויפּטשטאָט ירושלים איז נאָך ניט געווען צוריק אויפגעבויט און ניט באַפעסטיקט אַרום מיט מויערן; פרעמדע באַנדעס פלעגן זיך אַהין אַריינרייסן און רויבן די באַפעלקערונג. ניט אַלע אידן האָבן געפאָלגט די געזעצן פון דער תורה, ווייל נאָר ווייניקע מענטשן — די כוהנים, נביאים און געלערנטע — האָבן געקענט לייענען און פאַרשטיין די הייליקע ביכער. דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג אויפגעהערט ריידן אין דער אַלטער העברעאישער שפּראַך, וואָס איז געבליבן נאָר אַ בוך־שפּראַך: מען האָט גערעדט אין דער פערסישער מלוכה־שפּראַך — אַראַמיש. איצט האָט מען געדאַרפט, כדי צו שאַפן אָרדענונג אין לאַנד, באַקאַנט מאַכן דאָס פאָלק מיט זיין נאַציאָנאַלן געזעצבוך, דער תורה, כדי אַלע זאָלן וויסן ווי צו פירן זיך, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן דערפילט צוויי גרויסע מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון בבל און פערסיע: ע ז ר א און נ ח מ י ה.

עזרא איז געווען אַ געלערנטער אין דער אידישער קהילה, וואָס איז געבליבן אין בּבל, נאָכדעם ווי די ערשטע געפאַנגענע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים מיט זרובּבלן. ער האָט געהייסן „עזרא הסופר", ווייל ער פלעגט זאַמלען און איבּערשרייבּן די הייליקע בּיכער פון דער תּורה און פאַרשפּרייטן זיי אין פאָלק. נחמיה איז געווען אַ גרויסער תּקיף בּיים הויף פון פּערסישן קיניג אַרטאַקסערקס אין דער הויפּטשטאָט שושן (סוזי). בּיידע האָבן בּאַקומען פולמאַכט פון קיניג צו פאָרן קיין ירושלים און צו שאַפן דאָרטן אָרדענונג, אָנשטעלן אידישע בּאַאַמטע און ריכטער און אויסרופן די תּורת-משה אַלס דאָס געזעצבּוך פון אידישן פאָלק. עזרא איז געקומען קיין ירושלים מיט אַ גרויסער גרופּע אידן פון בּבל און האָט צונויפגערופן אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג אויפן פּלאַץ פון בּית-המקדש. אין אַ פייערדיקער רעדע האָט ער דערמאָנט, אַז נאָך אַלע איבּערגעלעבּטע צרות דאַרף שוין דאָס פאָלק אָנהויבּן פירן אַ ניי לעבּן, לויט די געזעצן פון דער הייליגער תּורה, און ניט אויסמישן זיך מיט פרעמדע פעלקער. ער האָט געפאָדערט, אַז יענע, וואָס האָבן גענומען ניט אידישע פרויען, זאָלן זיך מיט זיי בּאַלד צעשיידן. אין פיל משפּחות האָט מען אַזוי געטאָן; עס האָט זיך געהערט אַ בּיטערער יאָמער אין אַזעלכע הייזער, וואו מוטערס האָבן זיך געמוזט שיידן מיט זייערע מענער און קינדער. דאָס איז געווען אַ שווערער קרבּן צוליבּ דער ריינקייט און גאַנצקייט פון אידישן פאָלק.

נחמיה האָט בּאַלד נאָך זיין קומען אָנגעהויבּן בּויען אַ מויער ארום ירושלים, כּדי צו בּאַפעסטיקן די שטאָט. טויזנטער מענטשן האָבן געשלעפּט די שטיינער. בּיי דער אַרבּעט פלעגן אויף זיי אָפט אָנפאַלן די שומרונים און אַנדערע שונאים, פון די פרעמדע פעלקער, אָבּער די אַרבּעטער זיינען געווען בּאַוואָפנט און האָבּן די אָנפאַלער אָפּגעטריבּן. ווען די פעסטונג-וואַנט איז שוין געווען פאַרטיק, האָבן עזרא און נחמיה ווידער צונויפגערופן אַ גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמלונג. עזרא האָט פאָרגעלייענט קאַפּיטלעך פון דער תּורה און דערנאָך דעם כּתב פון אַ שבועה, וואָס אַלע האָבן געדאַרפט געבּן, אַז זיי וועלן פאָלגן די געזעצן פון דער תּורה. אויף דעם כּתב האָבן זיך געחתמעט די עלטסטע פון די פאַמיליעס. אַזוי האָט דאָס פאָלק געשוואוירן אָפּצוהיטן די תּורה, וואָס איז געוואָרן אַ מלוכה-געזעצבּוך.

די שומרונים, וואָס זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן פון יידישן פאָלק, האָבן זיך אויפגעבויט אַ באַזונדער טעמפל אויפן באַרג גריזים, אַרום דער שטאָט שכם. זיי האָבן אויך געהאַלטן די תורה פאַר אַ הייליק בוך, אָבער זייערע מנהגים זיינען געווען אַנדערע. זיי זיינען געבליבן שטענדיק פיינדלעך דעם אידישן פאָלק.

אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך ווידער אויפגעבויט דאָס לאַנד יהודה, האָבן יידן געלעבט אויך אין אַנדערע לענדער פון דער גרויסער פערסישער אימפעריע: אין בבל און אין די עכט־פערסישע שטעט, באַזונדערס אין דער הויפּטשטאָט שושן. דאָ האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַזאַ מעשה. ביי דעם פערסישן קיניג אַחשורוש (קסערקס) איז געווען אַ מיניסטער המן, וואָס האָט זייער פיינט געהאַט אידן. איינמאָל זאָגט ער צום קיניג: „אין דיין לאַנד איז דאָ אַ פאָלק (די אידן), וואָס איז אומעטום צעזייט און צעשפּרייט, זייערע געזעצן זיינען גאָר אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער און דיינע געזעצן פאָלגן זיי ניט. אויב דו ווילסט, גיב אַרויס אַ בעפעל, מען זאָל אַלע אידן טויטן". אַחשורוש האָט אַזאַ באַפעל אַרויסגעגעבן, און די אידן אין פערסיע האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער סכנה. דעמאָלט איז געקומען צו הילף איינער פון די אָנגעזעענע אידן אין שושן, מרדכי, וואָס איז געווען נאָענט צום קיניגלעכן הויף. זיין יונגע קרובה, אֶסתּר, איז צוליב איר גרויסער שיינקייט געוואָרן אַ קיניגין, איינע פון אַחשורושעס ווייבער; זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אויף איר פאָלק און האָט ניט געזאָרגט וועגן דעם אומגליק, וואָס קומט אויף אים. דאָ האָט איר מרדכי דערמאָנט, אַז זי שטאַמט אַליין פון אידישן פאָלק און אויב זי וועט ניט בעטן דעם קיניג ער זאָל צוריקנעמען זיין מערדערישן באַפעל, וועט זי אויך פאַרפאַלן ווערן מיט איר גאַנצער אידישער משפּחה. אסתר האָט זיך דערשראָקן און האָט געזאָגט דעם קיניג, אַז זי איז אַ אידיש קינד, און אויב מען וועט אויספירן זיין באַפעל, וועט מען זי אויך טויטן; דערביי האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין אַחשורושן, וואָס פאַר אַ שלעכטער מענטש המן איז. דענסטמאָל האָט דער נאַרישער קיניג פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ צרה ער האָט אָנגעטאָן; ער האָט געהייסן מען זאָל דעם רשע המנען אויפהענגען און די אידן ערלויבן באַוואָפענען זיך און שלאָגן זייערע פיינד. אַזוי זיינען טויזנטער אידן געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. צום

אָנדענק פֿון דער דאָזיקער ישועה האָט מען שפּעטער איינגעפֿירט אַ יום־טובֿ אין חודש אָדר, מיט דעם נאָמען פּורים.

אַ אידישע קאָלאָניע איז אין יענער צייט געווען אויך אין מִ צ ר י ם, וואָס איז דאַן געוואָרן אַ טייל פֿון דער פּערסישער אימפּעריע. דאָס זיינען געווען די קינדס־קינדער פֿון יענע אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד יהודה נאָך דעם גרויסן חורבן און דעם טויט פֿון גדליָהן און זיינען אַוועק קיין מִצרים צוזאַמען מיט דעם נביא יִרמיָהו. אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דעם דָרום־גרעניץ פֿון מִצרים, אין אַ פֿעסטונג־שטאָט ע ל ע פֿ אַ נ ט י נ ע (די העלפֿאַנ־־שטאָט), און האָבן געדינט אין דער עגיפּטישער אַרמיי. די אידישע קהילה האָט זיך אויסגעבויט אַ קליינעם טעמפּל, נאָך דעם מוסטער פֿון בֵּית־הַמִקְדָש, מיט כּוהנים און קָרבָנות. זיי האָבן גערעדט אַראַמעאיש און האָבן אין דער דאָזיקער שפּראַך געשריבן בריוו צו זייערע ברידער אין ירושָלים.

14. כּוהנים־רעגירונג. דער תּנ"ך (תּורָה־נבִיאים־כתובים)

צוויי הונדערט יאָר האָט געדויערט די פּערסישע הערשאַפֿט אין לאַנד יהודה (לערך פֿון 2500 ביז 2300 יאָר פֿאַר אונזער צייט). אין פּאַלעסטינע איז געזעסן אַ פּערסישער גובערנאַטאָר, אַ פֶּחָה, וואָס האָט אויפֿגענומען די מלוכה־שטייערן ביי דער באַפֿעלקערונג און געזאָרגט וועגן רו און אָרדענונג אין לאַנד. אין זייער אינווייניקסטן לעבן זיינען אידן געווען פֿריי און זעלבשטענדיק. אַזוי ווי זייער געזעצבוך איז געווען די תּורה, וואָס לויט דעם פֿאָלקס־גלויבן איז זי געגעבן געוואָרן פֿון גאָט דורך מושה רבנו, האָבן די מאַכט אין לאַנד געדאַרפֿט האָבן די גייסטלעכע פֿירער, די כּוהנים גדולים פֿון הייליקן טעמפּל אין ירושלים. אין דער מִשפָּחָה צָ ד ו ק, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דעם ערשטן כּוהן־גָדול יהושוע בן־צדוק, פֿלעגט די מאַכט אַריבערגיין פֿון פֿאָטער צום זון. דער כּוהן גָדול האָט געהאַט אַרום זיך אַ ראַט פֿון ז ק נ י ם (עלטסטע, חֲשובֿע מענטשן) און פֿלעגט זיך מיט זיי מְיַשבֿ זיין וועגן די ענִיָנים פֿון די קהילות. אַ גרויסן איינפֿלוס אויף דער פֿאַרוואַלטונג האָבן געהאַט די געלערנטע אָדער שרייבער, די „סופֿרים", וואָס פֿלעגן דערקלערן דעם פֿאָלק די געזעצן פֿון דער תּורה. די „זקנים" צוזאַמען מיט די

„סופרים" האָבן געשאַפן אַ גרויסן פאָלקס־ראַט, וואָס האָט געהייסן „כּנֶסֶת הגדוֹלָה" און פלעגט באַטראַכטן די וויכטיקסטע פראַגן פון דער פאַרוואַלטונג.

דער לאָזונג פון דער כּנֶסֶת הגדוֹלָה איז געווען: „זייט פאָרזיכטיק אין זאַכן פון געריכט, שטעלט אויף וואָס מער לערנער און מאַכט אַ צוים אַרום דער תּורה", — דאָס הייסט מען זאָל באַשטימען ערלעכע ריכטער, מען זאָל שאַפן שולן פאַר קינדער און יונגע לייט, כּדי אַלע זאָלן קענען לייענען און שרייבן, און מען זאָל אָפּהיטן די געזעצן פון דער תּורה און צופּאַסן זיי צום לעבן. די כּנֶסֶת הגדולה האָט אַרויס־געגעבן אַ ריי נייע געזעצן; מען זאָגט, אַז פון איר שטאַמט דער סֵדר פון דאַוונען, די תּפילות „שמַע ישראל" און „שמונה עֶשרה", וואָס דער איד איז מחויב געווען זאָגן יעדן טאָג. די תּפילות זיינען אין בית־המקדש געווען נאָר אַ צוגאָב צו דעם אַלטן סֵדר פון קָרבָּנות, אָבער אין די קליינע „בָּתי־הַכּנֶסֶת" (פאַרזאַמלונג־הייזער, תּפילה־הייזער) איז דער גאַנצער גאָטס־דינסט באַשטאַנען פון דאַוונען און לייענען קאַפּיטלעך פון דער תּורה. וויכטיקער איז געווען דאָס לערנען אין די שולן: אין יענע צייטן, ווען נאָר געציילטע מענטשן האָבן געקענט לייענען און שרייבן, האָבן די אידישע „סופרים" געזאָרגט, אַז יעדער פאָלקסמענטש זאָל לערנען און קענען לייענען די תּורה. דאָס האָט אויפגעהאַלטן אין פאָלק די אַלטע שריפטלעכע שפּראַך, ע ב ר י ת, אין דער צייט ווען די אומגאַנג־שפּראַך אין לעבן איז געווען אַ ר אַ מ ע א י ש, אויף וועלכער מען האָט גערעדט און געשריבן אין אַלע לענדער פון דער פּערסישער מלוכה. צו ביידע שפּראַכן האָבן די סופרים צוגעפּאַסט אַ נייע האַנט־שריפט: „כּתַב אשורי" (אַסירישע שריפט), אָדער „כּתַב מרוּבָּע" — קוואַדראַט־אותיות, וואָס מען באַנוצט זיי אין געשריבענע ספרי תּורות און געדרוקטע ספרים ביז היינטיקן טאָג.

פון דעם גרויסן רעפאָרמאַטאָר עזרָא הַסופר און זיינע תּלמידים, די „סופרים", שטאַמט דער סֵדר פון אונזער אַלטער ביבל־ליטעראַטור, וואָס באַשטייט פון דריי טיילן: ת ו ר ה, נ ב י א י ם און כּ ת ו ב י ם (געקירצט תַּנַ"ך). עזרא האָט געזאַמלט אַלץ, וואָס עס האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן געשריבן די כּוהנים, נביאים און מחַבּרים פון געשיכטע־ביכער, האָט אויסגעבעסערט די פאַרגרייזטע טעקסטן און



18. העברעאישע שריפט. אלטע און נייע

צונויפגעשטעלט גאַנצע ווערק פון שטיקלעך האַנטשריפטן. ער האָט צונויפגעשטעלט דעם גאַנצן טעקסט פון דער תּוֹרה אין פינף ביכער: 1) בּראשית, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט ביז אַבֿרָהָם אָבינו און וועגן דעם לעבן פון אידישן פאָלק אין דער צייט פון די אָבות (פּאַטריאַרכן): אברהם, יצחק און יעקוב; 2) שמות, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דער קנעכטשאַפט פון אידן אין מצרים און זייער אויסלייזונג דורך מושהן, וועגן די געבאָטן פון באַרג סיני און אַנדערע וויכטיקסטע געזעצן פון דער תּורה; 3) וַיִּקְרָא אָדער „תּורת־כּוהנים" — געזעצן וועגן גאָטס־דינסט אין בית־המקדש, יָמים־טובים און אויפּפיר פון דעם מענטשן אין דער פאַמיליע און געזעלשאַפט; 4) בּמִדבָּר — אַ באַשרייבונג פון די וואַנדערונגען אין מִדבָּר אונטער מושהס פירונג; 5) דבָרים אָדער מִשנֶה־תּורה (איבערגעחזרטע תּורה) — יענעם בוך, וואָס מען האָט געפונען אין בית־המקדש אין מלך יאשיהוס צייטן: הויכע מאָראַלישע געזעצן אין גייסט פון די נביאים און אין דער פאָרם פון מושה רבנוס צוואה פאַר זיין טויט. די דאָזיקע פינף ביכער הייסן נאָך ביז היינט חוּמָש (גרופּע פון פינף).

די „סופרים", וואָס האָבן ווייטער געפירט עזראס אַרבעט האָבן געבראַכט אין אָרדענונג די היסטאָרישע ביכער, וואָס דערציילן די געשיכטע פון אידישן פאָלק פון דער צייט, ווען אידן האָבן זיך באַזעצט אין כּנען, ביזן ערשטן חורבן פון ירושלים און גלות בָּבל; די דאָזיקע ביכער הייסן „נביאים ראשונים" און באַשטייען פון פיר טיילן: „יהושע" און „שופטים", „שמואל" און „מלכים". נאָך זיי קומען די „נביאים אחרונים" — פּופצען ביכער מיט רעדעס פון דריי גרויסע נביאים (ישעיה, ירמיָה, יחֶזקאל) און פון צוועלף קלענערע נביאים (הושע, יואֵל, עמוס, עובדיָה, יונה, מיכָה, נחום, חבַקוק, צפניה, חַגי, זכריה, מלאַכי).

„תּורה" און „נביאים" — דאָס זיינען די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען פון דער בּיבּל אָדער תּנ"ך. די דריטע אָפּטיילונג הייסט כּתוּבים, שריפטן, ליטעראַטור. אַהער גייען אַריין פאַרשיידענע ווערק, וואָס אַ טייל פון זיי איז שוין געווען פאַרטיק אין דער צייט פון עזרָא און די סופרים, און דער אַנדער טייל איז געשריבן געוואָרן אין שפּעטערע צייטן. צו די עלטערע שריפטן געהערט דער גרויסער זאַמלבוך

„תהילים“ — רעליגיעזע שירים (לידער) און תפילות (פסאַלמען), וואָס פיל פון זיי פלעגט מען זינגען אין בית־המקדש און אין די שולן; אַ טייל פון די פסאַלמען טראָגן דעם נאָמען פון דָוִד המלך, ווייל זיי זיינען פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין לעבן. די פסאַלמען דריקן אויס אַזוי טיף די ליידן און פריידן פון דער מענטשלעכער נשמה, אַז מען האָט זיי שפּעטער אַריינגענומען אויך אין די קריסטלעכע תפילות. דריי ביכער אין די „כתובים“ זיינען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון שלומה המלך: 1) „שיר השירים“ — אַ וואונדערשיינע אידיליע, וואו עס ווערט באַזונגען די ליבע פון אַ יונגער דאָרף־מיידל שולַמית, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון שלומה המלכס פּאַלאַץ און צונויפקומען זיך אויפן פעלד מיט איר געליבטן פּאַסטוך; 2) משלי שלומה“ — משלים און שפּריכווערטער וועגן אַלערליי ערשיינונגען פון לעבן און קלוגע עצות, ווי מען זאָל זיך פירן; 3) „קוהלת“ — טרויעריקע באַטראַכטונגען וועגן לעבן און טויט, וועגן דער נישטיקייט פון דעם מענטשן, וואָס קען קיינמאָל ניט וויסן דעם אמת און גליקלעך זיין. אַזעלכע געדאַנקען קומען אויך אין בוך „איוב“, וואו עס ווערט דערציילט, ווי דער צדיק איוב איז געוואָרן באַשטראָפט פון גאָט, אָנשטאָט צו באַלוינט ווערן פאַר זיינע גוטע מעשים, און ווי ער טענהט זיך אויס מיט גאָט, פאָדערט גערעכטיקייט אויף דער וועלט. ווייטער קומען דריי קליינע ספרים, וואָס ווערן גערופן „מגילות“: „איכה“ — טרויער־לידער אויף דעם חורבן פון ירושלים, וואָס לויט דער טראַדיציע שטאַמען זיי פון ירמיהו הנביא; „אסתר“ — וועגן דער מעשה פון אחשורוש, המן און מרדכי; „רות“ — אַ בילד פון דאָרף־לעבן אין דער צייט פון די שופטים. צו די נביאישע ביכער געהערט דאָס שפּעטערע בוך „דניאל“ — אַ באַשרייבונג אין דער אַראַמעאישער שפּראַך פון דעם, וואָס דער באַבילאַנישער צדיק דניאל האָט געזען אין חלום וועגן דעם גורל פון אַלע מלוכות און פון דעם אידישן פאָלק ביז דער צייט פון גריכישער הערשאַפט. די לעצטע דריי ביכער פון די „כתובים“ זיינען היסטאָרישע כראָניקעס: „ספר עזרא“ און „ספר נחמיה“ דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָבן אויפגעטאָן די דאָזיקע ביידע פאָלקס־פירער, און דאָס בוך „דברי הימים“ איז אין גרונד אַ כראָניק וועגן די מלכי בית־דויד, פון דויד המלך ביז צדקיהו.

15. גריכישע הערשאַפט: פּטאָלעמייער

אַרום צוויי און צוואַנציק הונדערט יאָר פאַר אונזער צייט האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע אין די מזרח־לענדער איינגאַנצן געביטן. פון גריכנלאַנד, דעם געבילדעטסטן לאַנד אין אייראָפּע, איז אַרויס מיט אַ מעכטיקער אַרמיי דער גרויסער העלד אַלכּסנדר מוקדון (מאַקעדאָנער) און האָט אין אַ קורצער צייט איינגענומען אַלע לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וואָס ליגן ביים מיטללענדישן ים. ער האָט דאָרטן אַראָפּגעוואָרפן די פּערסישע הערשאַפט און אויפגעשטעלט הערשער פון זיינע קריגפירער. אַ פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז ווען אַלכּסנדר איז צוגעגאַנגען מיט זיין חיל צו ירושלים, איז צו אים אַרויס אַנטקעגן דער כּוהן גדול ידוע מיט אַנדערע כּוהנים און חשובסטע לייט פון דער שטאָט. ווי נאָר אַלכּסנדר, ריי־טנדיק אויף אַ פערד, האָט דער־זען די אידישע דעפּוטאַציע, איז ער אַראָפּגעשפרונגען און האָט זיך פאַרנייגט פאַרן כּוהן גדול. די אַרומיקע קריגסלייט האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס גיט ער אָפּ אַזאַ כּבוד דעם אידישן פּריסטער, האָט אַלכּסנדר



19. אלכסנדר מוקדון

געענטפערט: „ווען איך בין נאָך געווען אין מאַקעדאָניע און האָב גע־טרוימט וועגן איינגעמען די מזרח־לענדער, האָט זיך מיר איינמאָל אין חלום באַוויזן אַזאַ געשטאַלט, ווי ביי דעם דאָזיקן כּוהן גדול, און האָט מיר פאָראויסגעזאָגט, אַז איך וועל דערגרייכן מיין ציל; איצט זע איך ווידער די זעלביקע געשטאַלט אויף דער וואָר און איך פאַרנייג זיך פאַר גאָט, וואָס האָט גערעדט דורך אים“. ווען אַלכּסנדר איז אַריין אין ירושלים, האָט ער באַזוכט דעם בית־המקדש און געבראַכט אַ קרבן דעם אידישן גאָט.

דערפאַר וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך פרייוויליק אונ־טערגעגעבן, האָט אַלכסנדר געלאָזן איר די פרייהייט, וואָס זי האָט געהאַט אונטער דער פּערסישער הערשאַפט. ער האָט געהייסן זיין פאַר־וואַלטער אין פּאַלעסטינע, ער זאָל די אידן ניט דריקן מיט שווערע שטייערן און זאָל זיך מיט זיי גוט באַגיין. די אידן האָבן אים אָפּגע־דאַנקט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַלע זייערע אינגלעך, געבאָרענע אין יענעם יאָר, אַ נאָמען געגעבן אַלכּסנדר. ווען אלכסנדר מוקדון האָט איינגענומען מִצרַים און האָט דאָרטן געגרינדעט די גרויסע האַנדל־שטאָט אַלכּסנדריה (אַלעקסאַנדריע), האָט ער זי באַזעצט מיט גריכן און מיט אידן און זיי געגעבן גלייכע בירגער־רעכט.

נאָכן טויט פון אַלכסנדר האָבן זיינע גענעראַלן צעטיילט צווישן זיך די איינגענומענע לענדער. איינער פּטאָלעמיי (תַּלמַי) לאַגאָס איז געוואָרן הערשער פון מִצרַים. דאָס לאַנד יהוּדָה האָט ער אָפּגענומען ביי אַן אַנדער גענעראַל: ער האָט באַלאַגערט די שטאָט ירושלים אין אַ שבת־טאָג, ווען די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך ניט געקענט פאַרטיידיקן מיט געווער, איז אַריין אין שטאָט און פון דאָרטן אַוועק־געפירט אַ סך מענטשן קיין אלכסנדריה. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אַן אַנדער גריכישער קריגפירער סעלעווק געמאַכט פאַר אַ הערשער אין סיריע, קליין־אַזיע און מעסאָפּאָטאַמיע (בָּבל), וווּ עס האָבן אויך געוואוינט אַ סך אידן. זיין הויפּטשטאָט איז געוואָרן אַנטיאָכיע (אנטיוכיה). אַזוי האָבן זיך געבילדעט צוויי גרויסע מלוכות מיט צוויי דינאַסטיעס (קיניגלעכע משפחות): די פּטאָלע־מייער און די סעלעווקידן. אַזוי ווי דאָס לאַנד יהודה איז געלעגן צווישן ביידע מלוכות, האָבן זיך די צוויי דינאַסטיעס שטענדיק געקריגט פאַר דער הערשאַפט אין דעם דאָזיקן לאַנד.

מער ווי הונדערט יאָר האָבן אין יהודה געהערשט די פּטאָלעמייער. די ערשטע מלכים פון דער דאָזיקער דינאַסטיע האָבן זיך באַצויגן גוט צו אידן. אין ירושלים איז געבליבן די כּוהנים־רעגירונג. דער כּוהן גדול האָט באַקומען אַ גריכישן נאָמען „עטנאַרך“, פאָלקס־פאָרשטייער, און זיין עלטסטן־ראַט — „גערוסיאַ“. דער עטנאַרך האָט געמוזט צושטעלן דעם פּטאָלעמייאישן הערשער די יערלעכע שטייער פון יהודה־לאַנד, און ווייטער איז ער געווען פריי אין דער פאַרוואַלטונג.

אין דער הויפטשטאָט פון די פּטאָלעמייער, אַלכּסנדריָה, זיינען אָנגע־פאָרן אַזוי פיל אידן, אַז זיי האָבן דאָרטן פאַרנומען אַ גאַנצע ריי גאַסן. דאָס צוזאַמענלעבן מיט די גריכן האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלכּסנדריער אידן האָבן אָנגעהויבן ריידן גריכיש אַנשטאָט אַראַמעאיש. דער צווייטער הערשער פון דער גריכישער דינאַסטיע, פּטאָלעמיי פילאַדעלף, האָט זיך באַזונדערס גוט באַצויגן צו אידן. ער איז געווען אַ פריינד פון וויסנשאַפט און קונסט און האָט ביי זיין הויף איינגעאָרדנט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַ מוזיי; דאָרטן זיינען געווען אויפגעזאַמלט ביכער פון אַלע פעלקער, עס האָבן נאָך געפעלט די אידישע הייליקע שריפטן. דאַן האָט דער קיניג געשיקט אַ בריוו צום כּוהן גדול אליעזר אין ירושלים און געבעטן שיקן קיין אַלכּסנדריה געלערנטע לייט, וואָס זאָלן איבערזעצן די תּורה פון העברעאיש אויף גריכיש. עס זיינען גע־קומען זיבעציק „זקנים", אַלטע געלערנטע; מען האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף אַן אינזל הינטערן שטאָט און יעדערן אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער; יעדער איינער האָט איבערגעזעצט די גאַנצע תּורה פאַר זיך, און ווען אַלע האָבן געענדיקט די אַרבעט און מ׳האָט פאַרגליכן אַלע איבער־זעצונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי שטימען וואָרט אין וואָרט. פּטאָלעמיי האָט געדאַנקט די זקנים פאַר זייער אַרבעט און האָט זיי געגעבן אַ קאָפּיע פון דער איבערזעצונג כּדי צו פאַרשפּרייטן זי אין די אידישע קהילות, וואו מען האָט גערעדט גריכיש. דאָס איז אַ פאָלקס־לעגענדע. אין דער אמתן האָט מען טאַקע אַרום יענער צייט אָנגעהויבן איבערזעצן די תּורה, און שפּעטער האָט מען צוביסלעכווייז איבער־געזעצט אַלע ביכער פון תּנ״ך אויף גריכיש, ווייל די שפּעטערע דורות האָבן שוין גאָרניט געקענט לייענען העברעאיש. די איבערזעצונג האָט געהייסן „סעפּטואַגינטאַ", די זיבעציקערין, ווייל לויט דער לעגענדע האָבן זי אָנגעהויבן שרייבן די זיבעציק זקנים.

אין דער צייט פון פּטאָלעמיי דעם דריטן און דעם פערטן איז שוין אין יהודה געוואָרן אומרואיק. די סירישע מלכים, די סעלעוקידן, האָבן זיך אָנגעהויבן צורוקן צו פּאַלעסטינע, כּדי אָפּצונעמען דאָס לאַנד ביי די פּטאָלעמייער. אין ירושלים אַליין האָט זיך געבילדעט אַ אידישע פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָלט איבערגעבן דאָס לאַנד דעם סירישן קיניג; צו איר האָט געהערט אויך דער כּוהן גדול חוניו דער צווייטער. איינ־

מאָל האָט חוניו ניט אָפּגעשיקט קיין אַלכּסנדריה די יערלעכע שטייער־געלדער; פון פּטאָלעמיי דעם דריטן איז געקומען אַ שליח מיט דער פאָדערונג באַלד באַצאָלן דאָס געלט, און אויב ניט וועט ער שווער באַשטראָפן דאָס אידישע פאָלק. אין ירושלים האָט מען זיך דערשראָקן, און דער פּלימעניק פון כּוהן גדול יוסף בן טוביה איז אַוועקגעפאָרן קיין אַלכּסנדריה כּדי צו פאַרענטפערן זיך פאַר דעם קיניג. דער יונגער יוסף איז אַזוי געפעלן געוואָרן אַלעמען אין קיניגלעכן הויף, אַז פּטאָלעמיי האָט אים באַשטימט פאַר אַ שטייער־זאַמלער אין גאַנץ פּאַלעסטינע. מער ווי צוואַנציק יאָר האָט יוסף געטריי געדינט דעם עגיפּטישן הערשער און האָט באַרייכערט זיין קאַסע מיט שטייער־געלדער, אָבער ער אַליין און זיינע אַגענטן זיינען אויך דערפון רייך געוואָרן. אין ירושלים האָבן די רייכע נאָכגעמאַכט די גריכישע מאָדע: מען האָט געלעבט פריילעך, זיך אָנגעטאָן פאַרגעניגנס און מען האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער פאָלקס־מאַסע.

פּטאָלעמיי דער פערטער האָט געפירט מלחמה מיט דעם סירישן קיניג און איז איינמאָל געקומען קיין ירושלים אַ קוק טאָן דעם בית־המקדש. די כּוהנים האָבן אים באַוויזן די פאָדערשטע צימערן, אָבער ניט געלאָזן ווייטער אין דעם אינעווייניקסטן הייליקסטן צימער („קודש הקדשים"), וואוהין עס האָט געמעגט אַריינגיין נאָר דער כּוהן גדול. דער קיניג אָבער האָט זיך מיט געוואָלט אַריינגעריסן אין דעם פאַרמאַכטן צימער — און איז באַשטראָפט געוואָרן: אויפן שוועל איז ער געפאַלן אין אָנמאַכט און מען האָט אים קוים אַ לעבעדיקן אַרויסגעטראָגן. פון דעמאָלט אָן האָט ער פיינט געקראָגן דאָס אידישע פאָלק און זיין גלויבן. ביי זיך אין אַלכּסנדריה האָט ער אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אידן. איינמאָל האָט ער געהייסן צונויפטרייבן אַ מאַסע אידן אויפן שפּיל־פּלאַץ און אַרויפלאָזן אויף זיי ווילדע העלפאַנטן, אָבער די אידן האָבן אויפגעהויבן אַזאַ שרעקלעכן געשריי, אַז די ווילדע חיות האָבן זיך דערשראָקן און געוואָרפן זיך צוריק אויף זייערע טרייבער, דעם קיניגס דינער, און האָבן זיי צוטראָטן.

די פיינדשאַפט פון דעם לעצטן עגיפּטישן הערשער האָט אָפּגעשטויסן די אידישע פאָלקס־מאַסן פון די פּטאָלעמייער. מען האָט געמיינט, אַז אונטער דער הערשאַפט פון די סירישע סעלעווקידן וועט

זיין בעסער. ווען דער סירישער קיניג אַנטיוכוס (אַנטיאָך) דער גרויסער האָט צושלאָגן די עגיפּטישע אַרמיי ביים יַרדן איז אַריין אין ירושלים, האָבן אים די חשובסטע פאָרשטייער פון דער שטאָט פריינדלעך באַגעגנט און האָבן אָנערקענט די הערשאַפט פון די סעלעווקידן. זיי האָבן זיך אָבער גענאַרט אין זייערע האָפענונגען אויף בעסערע צייטן.

16. די סעלעווקידן און דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים

דער ערשטער סעלעווקידישער הערשער אין יהודה, אַנטיוכוס דער דריטער אָדער דער גרויסער, איז זיך גוט באַגאַנגען מיט אידן. ער האָט געהייסן אַרויסגעבן דעם כוהן גדול שמעון הַצַדיק אַ היבשע סומע געלט פאַרן בית-המקדש, פאַר דער באַפעסטיקונג און פאַרשענערונג פון ירושלַיִם; ער האָט אויך פאַרבעסערט די לאַגע פון די אידישע קהילות אין בָּבל און סיריע. אָבער ער האָט אינגעכן געהאַט אַ מַפָּלה בשַעַת אַ מלחמה מיט די רוימער און איז דערנאָך געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָט עטלעכע יאָר געקיניגט זיין זון סעלעווק דער פערטער, און דאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן שלעכטע צייטן. דער קיניג האָט זיך גענויטיקט אין געלט אויף צו באַצאָלן די גרויסע קאָנטריבוציע (שטראָף-געלט) דער רוימישער רעגירונג און ער פלעגט אויספּרעסן שווערע שטייערן ביי אידן. איינמאָל האָט ער געשיקט זיין שאַצמייסטער העליאָדאָרן קיין ירושלים מיט אַ באַפעל אַרויסצונעמען פון בית-המקדש די געלט-סומעס, וואָס זיינען געווען דאָרט באַהאַלטן. דער שָליח האָט זיך אַריינגעריסן אין הייליקן אָרט, און דאָ האָט זיך מיט אים געטראָפן עטוואָס ענלעכעס צו דעם, וואָס אַמאָל מיט דעם פּטאָלע-מייער: צוויי געזונטע יונגען האָבן אים געכאַפט און אָפגעשמיסן. אַ קראַנקער האָט ער זיך אומגעקערט קיין אַנטיאָכיע. דער כוהן גדול פון ירושלים חוניו דער דריטער איז אויך געקומען אַהין, כדי צו פאַר-ענטפערן זיך פאַרן קיניג. אָבער אינגעכן איז סעלעווק געשטאָרבן און זיין אָרט האָט פאַרנומען זיין ברודער אַנטיוכוס דער פערטער.

די גריכן האָבן געגעבן דעם דאָזיקן אַנטיוכוסן אַ צונעמעניש עפּיפאַן, „דער פון גאָט געשיקטער", אָבער אַנדערע האָבן אים

גערופן עפימאן, „דער משוגענער"; בײַ אידן האָט מען אים גערופן „אנטיוכוס הָרָשע", ווייל ער האָט זיי אָנגעטאָן פיל צרות. אנטיוכוס האָט געוואָלט מאַכן אַלע פעלקער אין זיין מלוכה, באַזונדערס די אידן, פאַר גריכן, זיי זאָלן אָננעמען די גריכישע רעליגיע מיט אירע געטער און געטינס: זעוס, אַפּאָלאָן, אַפראָדיטע און אַנדערע, זיי זאָלן זיך בוקן צו זייערע בילדער און סטאַטועס און זאָלן זיך אין היימישן לעבן פירן ווי גריכן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, וואָס צווישן אידן אַליין האָט זיך אין יענער צייט באַוויזן אַ פּאַרטיי, מיט דעם נאָמען „העלע־ניסטען", ליבהאָבער פון העלענישן אָדער גריכישן אַרט לעבן. די העלעניסטן, דאָס רוב יונגעלייט פון רייכע משפחות, פלעגן נאָכמאַכן די גריכן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן: געגאַנגען אין טעאַטערס, אויף ספּאָרט־שפּילן, געטרונקען וויין, צוזאַמען מיטנער און פרויען, און געמאַכט זיך פריילעך. די שטרענגע אידישע מידות האָבן דאָס ניט דערלאָזט און קעגן די העלעניסטן האָבן שטאַרק געקעמפט די פרומע, די „חסידים". אַפילו אין דער משפחה פון די כוהנים זיינען אויך געווען אָנהענגער פון ביידע פּאַרטייען: דער כוהן גדול חוניו האָט געהאַלטן מיט די חסידים — און זיין ברודער יהושע, וואָס האָט איבערגעמאַכט זיין אידישן נאָמען אויפן גריכישן יאַסאָן, איז געווען דער פירער פון די העלעניסטן.

יאַסאָן האָט געוואָלט אָפּנעמען ביים ברודער דעם אמט פון כוהן גדול, איז ער געקומען צו אַנטיוכוסן און האָט אים צוגעזאָגט איינפירן גריכישע מאָדעס אין ירושלים און צאָלן מער שטייערן, אויב מען וועט אים באַשטימען פאַר אַ כוהן גדול. דער גריכישער קיניג האָט דאָס גערן געטאָן, און יאַסאָן האָט תיכף אָנגעהויבן איינפירן זיינע נייע אָר־דענונגען. ער האָט געענדערט די ערציאונג פון דער אידישער יוגנט אויפן גריכישן שטייגער, האָט געעפנט אַ „גימנאַזיע", וואו נאַקעטע אידישע קינדער האָבן זיך געלערנט גימנאַסטיק און געמאַכט מי־ליטערישע איבונגען. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך געפונען אין ירושלים אַן אַנדערער העלעניסט, מיטן נאָמען מענעלאי, וואָס האָט אויך געוואָלט ווערן אַ כוהן גדול. איינמאָל, ווען יאַסאָן האָט דורך אים געשיקט די יערלעכע שטייער־געלט קיין אַנטיאָכיע, האָט מענעלאי אויסגעבעטן ביים קיניג, ער זאָל אָפּנעמען די כהונה ביי יאַסאָנען און זאָל

אים, מענעלאיען, שטעלן אויף זיין אָרט, וועט ער אים צאָלן נאָך מער שטייערן. באַקומענדיק דעם הויכן אַמט, האָט דער שווינדלער געהייסן אַרויסנעמען פון ירושלימער בית־המקדש טייערע גאָלדענע כּלים און אַוועקשיקן קיין אַנטיאָכיע. דאָ האָט דעם גנב געכאַפּט דער געוועזענער כּוהן גדול חוניו און האָט אים שטאַרק געזידלט. דאַן האָט מענעלאַי אונטערגעשיקט צו חוניון אַ מערדער, וואָס האָט דעם אַלטן דערהרגעט. אַז מען האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט אין ירושלים, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד: דער המון האָט געהרגעט מענעלאַיס ברודער, וואָס האָט דאָס גערויבטע גאָלד פון בית־המקדש אָפּגעשיקט צום ברודער אין אַנטיאָכיע.

דער אויפשטאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער צערייצטער אַנטיוכוס האָט זיך אַריינגעריסן מיט זיין אַרמיי אין ירושלים, אויסגעהרגעט הונדערטער אידן און ווידער אויסגערויבט דעם בית־המקדש. נאָר דערמיט האָט ער זיך נאָך ניט באַנוגנט: ער האָט געוואָלט אינגאַנצן אויסוואָרצלען די אידישע אֶמונה און נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס אונטערשיידן אידן פון גריכן, און האָט באַשלאָסן מיט געוואַלט צונויפמישן זיי מיט די אַרומיקע פעלקער. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן אין יהודה טאָרן ניט דינען זייער אייגענעם גאָט און האַלטן זיינע געבאָטן און מוזן דינען די געטער פון דעם הערשנדיקן גריכישן פאָלק. אין בית־המקדש פון ירושלים האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסע סטאַטויע פון דעם גריכישן גאָט זעווס; אַזעלכע סטאַטויעס האָט מען געשטעלט אויך אין אַנדערע שטעט און מען האָט גענויט די אידן, זיי זאָלן זיך בוקן צו די דאָזיקע אָפּגעטער און ברענגען זיי קָרבּנות פון חיות, באַזונדערס פון חזירים, וואָס זיינען געווען טמא (אומריין) ביי אידן. פאַר פאַרזאַמלען זיך צו דאַווענען אין די שולן, אָפּהיטן שבּת און יום־טוב אָדער עסן כּשר פלייש פלעגט מען אידן באַשטראָפן מיט טויט.


20. גריכישער גאָט זעווס

פיל מענטשן האָבן אין יענער צייט געליטן פאַר זייער גלויבן און האָבן אָפּגעגעבן פאַר אים זייער לעבן. מען דערציילט וועגן אַ מוטער מיט זיבן זין, וואָס מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין תפיסה און געפּייניקט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער גלויבן. דער רשע אַנטיוכוס האָט צוגערופן דעם עלטערן זון און געזאָגט: „פאַרזוך אַ שטיקל פלייש פון אַ חזיר, וועט מען דיך אויפהערן שלאָגן". נאָך דער יונג האָט געענטפערט: „גיכער וועל איך זיך דערוועגן איידער עסן דאָס, וואָס אונזער געזעץ האָט פאַרבאָטן". דאַן האָט אַנטיוכוס גע-הייסן אָפּהאַקן אים די צונג און אַריינוואַרפן אים אין אַ קעסל מיט זודיקע וואַסער. דערנאָך האָט דער קיניג אַרויסגערופן די איבעריקע זין איינעם נאָך דעם אַנדערן, אָבער קיינער האָט ניט געפאָלגט, און ער האָט געהייסן פּייניקן זיי און טויטן. אַז עס איז געקומען צום אינגסטן זון האָט דער רשע געזאָגט צו דער מוטער: „רייד איין דיין זון, ער זאָל מיך פאָלגן, וועט ער בלייבן לעבן". די מוטער אָבער האָט זיך גע-ווענדעט צום זון און געזאָגט: „מיין קינד, ניט האָב קיין מורא פאַר דעם דאָזיקן מערדער און טו אַזוי ווי דיינע ברידער האָבן געטאָן". און דעם קיניגס תליונים האָבן געטויט דעם אינגערן ברודער צוזאַמען מיט דער מוטער.

דאָס פאָלק האָט שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די אַכזריות פון אַנטיוכוס הרשע. ניט אין ירושלים, וואו די סירישע סאָלדאַטן האָבן אונטערדריקט דעם ערשטן אויפשטאַנד, נאָר אין די קלענערע שטעט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפשטאַנד, אַן אמתע רעוואָלוציע. אין אַ קליין שטעטל מודיעין האָט געלעבט אַן אַלטער כּוהן מתתיהו, פון דער משפּחה חשמונאים, מיט זיינע פינף זין. איינמאָל איז אַהער געקומען אַ סירישער אָפיציר מיט סאָלדאַטן, אויפגעשטעלט אינמיטן מאַרק אַן אַלטאַר מיט אַן אָפּגאָט און גע-פאָדערט פון מתתיהו, ער זאָל ברענגען אַ קרבן דעם גריכישן גאָט, דעם גאָט פון דער מלוכה, וועמען אַלע פעלקער מוזן דינען. מתתיהו האָט געענטפערט: „זאָלן אַלע פעלקער פאָלגן אייער קיניג, איך אָבער און מיינע ברידער וועלן קיינמאָל ניט אָפּטרעטן פון אונזער גלויבן". דאָ איז צוגעגאַנגען צום אַלטאַר איינער פון די אידישע העלעניסטן און געוואָלט ברענגען אַ קרבן, האָט זיך אויף אים מתתיהו געוואָרפן

און געטויט אויפן אָרט. דעם סירישן אָפיצער האָבן מתתיהוס קינדער אויך געהרגעט און דעם אַלטאַר צעשטערט.

דאָס איז שוין געווען אַן אָפענער אויפשטאַנד. מתתיהו האָט אויסגערופן אין גאַנצן לאַנד: „ווער איז פאַר גאָט און זיין תורה זאָל קומען צו מיר!“ און עס האָבן זיך אָפגערופן טויזנטער אידישע פאַטריאָטן און פרומע לייט („חסידים“), האָבן געביידעט אומעטום קליינע בונטאַרישע מחנות, וואָס פלעגן זיך באַהאַלטן אין די בערג און אָנפאַלן אויף פאַרביי־גייענדיקע גריכישע סאָלדאַטן.

אינגעבן איז דער אַלטער מתתיהו געשטאָרבן, און זיינע זין האָבן אויף זיך גענומען פירן דעם קאַמף. דער שטאַרקסטער העלד צווישן זיי איז געווען יהודה, וועלכער האָט געקראָגן אַ צונעמעניש מכבי אָדער מקבי (דער האַמער) נאָכדעם ווי ער האָט צעשלאָגן די פיינד אין עטלעכע שלאַכטן. צוערשט איז קעגן די אידישע קעמפער אַרויסגעטראָטן דער סירישער פאַרוואַלטער אין פּאַלעסטינע אַפּאַלאָניוס מיט זיין חיל; יהודהס לייט האָבן זיך געשלאָגן ווי צערייצטע לייבן. אַפּאַלאָניוס איז געפאַלן, און יהודה האָט ביי אים אַראָפּגענומען דעם גרויסן שווערד. מיט דעם דאָזיקן גריכישן שווערד האָט דער אידישער העלד שפּעטער געשלאָגן די פיינד פון זיין פאָלק. נאָך דעם ערשטען ניצחון האָט זיך אַרום יהודה מכבי צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע אידישע אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט שוין געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן די נאָך גרעסערע אַרמייען פון אַנטיוכוס. ער האָט פאַרטריבן די סירישע מחנות פון דעם גאַנצן געביט אַרום ירושלים און האָט געקענט אַריינגיין אין דער הייליקער שטאָט. דאָ איז געבליבן בלויז אַ קליינער סירישער גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט אין דער פעסטונג. יהודה מיט זיינע לייט זיינען אַרויף אויפן הר־הבית, דעם באַרג פון בית־המקדש, און האָבן דערזעען אַ טרויעריק בילד: דאָס הייליקע הויז וויסט און צערויבט, אויפן מזבח די „עקלדיקע פיגור“ פון דעם אָפּגאָט זעוס, אַרום און אַרום חורבות און שמוץ. מען האָט גענומען ריניקן דעם הייליקן אָרט, אַרויסוואַרפן די געצנבילדער, אויפשטעלן די פריערדיקע אָרדענונג, און ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען געמאַכט אַ יום־טוב פון חנוכת־הבית, באַנייאונג פון גאָטס הויז. אַכט טאָג האָט געדויערט די שימחה; יעדן אָוונט האָט

 6*

מען אילומינירט דעם בית־המקדש מיט העלע פייערן. מען האָט דער־ציילט וועגן אַזאַ נֶס: צו דער אילומינאַציע האָט מען געזוכט אין בית־המקדש און געפונען אין אַ ווינקל נאָר אַ קליין קריגל מיט בוימל, וואָס איז געווען קנאַפּ אפילו פאַר איין אָוונט, אָבער אַז מען האָט אים אָנגעגאָסן אין דער מנורה האָט זי העל געברענט אַכט אָוונטן נאָכ־אַנאַנד. אין אַנדערע שטעט האָט מען אויך געמאַכט אילומינאַציעס. אַזוי איז דער יום־טוב פון חֲנוּכָּה מיט אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך אַ גאַנצע וואָך (פון 25 טאָג אין חודש כיסלו און ווייטער) פאַרבליבן ביי אידן אויף צוויי טויזנט יאָר, ביז היינטיקע צייטן.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נאָר אַן אָנהויב פון אַ לאַנגן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון פאָלק, וואָס האָט געדויערט נאָך פינף און צוואַנציק יאָר. דער רָשע אַנטיוכוס איז געשטאָרבן אין שרעקלעכע יסורים, אָבער זיינע נאָכפאָלגער האָבן ווייטער געפירט דעם קריג. אין איינער אַ שווערער שלאַכט איז געפאַלן דער גבור יהודה מַכַּבִי. אויף זיין אָרט איז געוואָרן קריגפירער זיין ברודער יוֹנָתָן חַשמוֹנאי. יונתן איז געווען אויך אַ קלוגער פּאָליטיקער; ער האָט אויסגענוצט יעדן צופאַל אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, כדי ביסלעכווייז צו פאַר־טרייבן די סיריער פון אידישן לאַנד. צום גליק פון אידישן פאָלק האָבן זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן גרויסע מהומות אין דער סע־לעווקידן־מלוכה. די יורשים פון אַנטיוכוסן האָבן זיך געקריגט פאַר דער קיניגס־קרוין, און דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט גאָר פרעמדע און אָפּט פאַרכאַפּט די מאַכט. יעדערער פון די פרעטענדענטן אויפן קיניג־טיטול האָט זיך באַמיט שליסן אַ בונד מיט יונתָנען, כדי ער זאָל אים העלפן מיט זיין אַרמיי קעגן דעם אַנדערן צד, און דערפאַר האָט ער דעם אידישן פירער געגעבן אַלערליי הַנחות. אַזוי אַרום איז יונתן געוואָרן אַ כוהן גדול מיט פולמאַכטן פון אַ לאַנד־פירשט. צו ביסלעכ־ווייז האָט ער מיט דער הילף פון זיין ברודער שִמעוֹן אָפּגענומען שטיקער אידיש לאַנד ביי די סיריער. ווען יונתן איז געפאַלן אין קריג, האָט שמעון איבערגענומען די פירונג פון דער אידישער אַרמיי. אים איז באַשערט געווען אַרויסטרייבן דעם סירישן גאַרניזאָן פון דער פעסטונג פון ירושלים און דערמיט מאַכן אַ סוף צו דער פרעמדער הערשאַפט אין לאַנד יהודה. אין אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין

ירושלים איז שמעון אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ כּוהן גדול און אַ נשיא (עטנאַרך) פון דעם באַפרייטן פאָלק.

17. די פרייע חשמונאים־מלוכה

נאָך פיר הונדערט יאָר פּערסישער און גריכישער הערשאַפט איז יהודה ווידער געוואָרן אַ פרייע מלוכה, אונטער אַן אייגענעם הערשער, אַ „נשיא" פון דער העלדישער חשמונאישער משפחה, וואָס האָט אויסגעקעמפט די נאַציאָנאַלע פרייהייט.

דער נשיא שמעון חשמונאי האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט באַרויִקן דאָס לאַנד נאָך דרייסיק יאָר מלחמות און חורבנות. ער האָט געזאָרגט וועגן דעם אויפלעבן פון ערדאַרבעט אין די דערפער און פון האַנדל אין די שטעט. ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסן האַפן אין דער שטאָט יפו ביים מיטללענדישן ים, וועלכע ער האָט אָפּגענומען בײַ די סיריער, כּדי צו פאַראייניקן ירושלים מיט דעם ברעג ים. דאָס האָט אים אָבער אַרײַנגעצויגן אין אַ נייעם קריג מיט דעם סירישן קיניג פון יענער צייט אַנטיוכוס סידעט. שמעון איז שוין געווען אַלט, און דעם קריג האָבן געפירט זיינע זין, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט יוחנן הורקנוס. דאָ האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק. בײַ שמעון חשמונאי איז געווען אַן איידעם מיט אַ גריכישן נאָמען פּטאָלעמיי, אַ פאַרוואַלטער פון דער שטאָט יריחו; אָט דער האַלבער איד האָט זיך פאַרבונדן מיט אַנטיוכוסן און האָט אומגעבראַכט זיין איינענעם שווער. איינמאָל האָט ער איינגעלאַדן דעם נשיא און זיין פרוי אויף אַ מאָלצייט אין יריחו; נאָכדעם ווי די געסט האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט וויין, האָט ער געהייסן זיינע קנעכט טויטן דעם שווער און פאַרשפּאַרן די שוויגער אין אַ פעסטונג אַרום יריחו. יוחנן הורקנוס האָט מיט זיין אַרמיי באַלאַגערט די פעסטונג און געוואָלט כאַפּן דעם מערדער, אָבער פּטאָלעמיי האָט אַרויסגעפירט אויף דעם פעסטונגס־מויער זיין געפאַנגענע שוויגער, הורקנוסעס מוטער, און האָט גע־סטראַשעט אַראָפּוואַרפן זי פון מויער, אויב הורקנוס וועט ניט אָפּ־טרעטן. הורקנוס האָט געמוזט אַוועקגיין קיין ירושלים, וואו מען

האָט אים אויסגערופן פאַר אַ נשיא און כּוהן גדול. דער מערדער פּטאָלעמיי איז שפּעטער אַנטלאָפן צו די סיריער.

יוחנן הורקנוס, וואָס האָט געהערשט דרייסיק יאָר, איז געווען דער ערשטער נשיא פון דעם חשמונאים־הויז, וואָס האָט געשאַפן אַ גאָר זעלבסטשטענדיקע מלוכה. פון זיינע סירישע פיינד איז ער ענדלעך פּטור געוואָרן, ווייל די סעלעווקידן אַליין זיינען געווען צווישן זיך צעריסן. די אַראַמיקע קליינע פעלקער אין פּאַלעסטינע, וואָס פלעגן זיך אָפט פאַראייניקן מיט דעם פיינד און אָנטאָן צרות דעם אידישן פאָלק, האָט ער אונטערטעניק געמאַכט. ער האָט באַשטראָפט די שומרונים, וואָס האָבן געלעבט אינמיטן פון לאַנד אַרום דער שטאָט שכם; זייער טעמפּל אויף דעם באַרג גריזים האָט ער צעשטערט. דאָס קליינע פאָלק אֶדום, וואָס האָט געלעבט אין דרום־פּאַלעסטינע, האָט זיך געמוזט אינגאַנצן אונטערגעבן דעם הערשער פון יהודה און אפילו אָננעמען דעם אידישן



21. פּאַלעסטינע אין דער חשמונאים־צייט.

גלויבן: אַלע אֶדוֹמישע מענער האָבן זיך מגַיר געווען; זיי זיינען אָבער געבליבן האַלבע אידן.

גרויסע רעפאָרמעס האָט יוֹחָנן הוּרקנוֹס געמאַכט אין דער מלוּכה־פאַרוואַלטוּנג. אין זיין צייט איז געשאַפן געוואָרן דער גרויסער מלוּכה־ראַט, וואָס האָט זיך גערוּפן מיט דעם גריכישן נאָמען סַ נ הֶ ד ר י ן און מיט דעם אידישן „בית־דין הגדול" (דאָס גרויסע געריכטס־הויז). דער סַנהדרין איז באַשטאַנען פוּן זיבעציק מיטגלידער און איין פאָרזיצער (אב בית־דין). דאָרטן פלעגט מען באַטראַכטן אַלע נייע געזעצן, וואָס מען האָט געדאַרפט אַרויסגעבן אויפן גרוּנד פוּן די דינים פוּן דער תּוֹרה; אויסער דעם איז דער סַנהדרין געווען דער העכסטער געריכט (בית־דין) פאַר אַלע מִשפָּטים און פּראָצעסן. אין דעם סַנהדרין, דעם אידישן פּאַרלאַמענט, האָבן אָפט געפירט אַ קאַמף פאַרשטייער פוּן צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך צוּ יענער צייט געבילדעט אין ירוּשלים: צ ד וּ ק י ם און פּ ר וּ ש י ם. די צדוּקים (פוּן דער כּוֹהנישער משפּחה צָ ד וֹ ק) זיינען געווען אַ וועלטלעכע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָלט, אַז די אידישע מלוּכה זאָל זיין אַזוי ווי אַלע אַנדערע מלוּכוֹת פוּן יענער צייט, וואָס האָבן גרויסע אַרמייען און פירן מלחמוֹת, כּדי איינצוּנעמען פרעמדע לענדער און פאַרגרעסערן זייער מאַכט אין דער וועלט. זיי האָבן געהאַלטן די תּוֹרה אַלס גרוּנד־געזעץ פוּן דער אידישער מלוּכה, אָבער האָבן ניט געוואָלט צוּגעבן צוּ איר נייע רעליגיעזע געזעצן און דערמיט „שאַפן אַ צוים אַרוּם דער תּוֹרה". צוּ דער צדוּקישער פּאַרטיי האָט געהערט דער העכערער קלאַס, רייכע לייט און באַאַמטע. דער מיטעלער קלאַס האָט געהערט צוּ דער פּאַרטיי פוּן די „פּרוּשים", וואָס זייער נאָמען הייסט „אָפּגעזוּנדערטע". זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף זיין אָפּגעטיילט פוּן פרעמדע פעלקער, ווייל דאָס איז אַ גייסטיקע נאַציע, אַ גאָטס־פאָלק, וואָס דאַרף פירן גאָר אַן אַנדער אַרט לעבן; אַלע מיינוּנגען און געזעצן מוּז מען אַרויסדרינגען פוּן דער הייליקער תּוֹרה, שאַפן וואָס מער שטרענגע געזעצן, כּדי צוּ פאַרהיטן דאָס פאָלק פוּן צוּנויפמישן זיך מיט די אַרוּמיקע פעלקער. דערצוּ מוּז מען די תּוֹרה ל ע ר נ ע ן, וויסן גענוֹי יעדעס געזעץ, קענען אויסטייטשן יעדעס וואָרט, ווי דאָס האָבן געטאָן די „סוֹפרים". אַזוי איז פאַר די פּרוּשים דער עיקר געווען דאָס פ אָ ל ק, פאַר די צדוּקים — די מלוּכה.

דער נשיא יוחנן הורקנוס איז מער געניגט געווען צו די צדוקים איידער צו די פרושים. איינמאָל בשעת אַ מאָלצייט האָט ער געשטעלט די פירער פון ביידע פּאַרטייען אַ פראַגע, צי האַלטן זיי, אַז ער איז געטריי דער תורה און אירע געזעצן. אַלע האָבן געענטפערט: יאָ. אָבער איינער פון די פרושים, אֶלעזר, האָט אויסגעשריען: „גענוג פאַר דיר, וואָס דו ביסט אַ נשיא, צו וואָס דאַרפסטו נאָך זיין כּוהן גדול!" ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז פאַר אַ הערשער, וואָס פירט בלוטיקע מלחמות, פּאַסט נישט צו זיין אַ פאָרבעטער פאַר גאָט אין בית־המקדש. דער נשיא האָט זיך באַליידיקט, און פון יענער צייט האָט ער זיך נאָך מער דער־נעענטערט צו די צדוקים און געזאָרגט, אַז זיי זאָלן זיין די מערהייט אין סנהדרין.

די יורשים פון יוחנן הורקנוס, זיינע צוויי זין אַ ר י ס ט אָ ב ו ל און אַ ל כּ ס נ ד ר ־ י נ א י זיינען שוין געווען אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער צדוקים־פּאַרטיי. דער עלטערער האָט צו זיין אידישן נאָמען „יהודה" צוגעגעבן דעם גריכישן „אַריסטאָבול" און האָט אָנגענומען דעם טיטול "מֶלֶך" אַנשטאָט „נשיא". ער האָט אָנגעהויבן פירן מלחמות מיט די אַרומיקע פעלקער, נאָר ער איז געווען שוואַך אין געזונט און איז צו פרי געשטאָרבן. זיין ברודער און נאָכפאָלגער אַלכּסנדר־ינאי איז געווען אַן אמתער „איש מִלְחָמָה", אַ סאָלדאַט, און אַ שאַרפער קעגנער פון די פרושים. אין משך פון זיין גאַנצער רעגירונג־צייט (27 יאָר) האָט ער אָן אויפהער געפירט צווייערליי מלחמות — קעגן פרעמדע פעלקער: סיריער און אַראַבער, און קעגן אַ גרויסן טייל פון זיין אייגענעם פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויפן צד פון די פרושים. אין די אויסערלעכע מלחמות האָט אַלכּסנדר־ינאי געהאַט אי גוטע אי שלעכטע צייטן, אָבער צום סוף האָט ער דאָך פאַרגרעסערט די טע־ריטאָריע פון מלכות יהודה אַזוי, אַז זי איז ווידער געוואָרן גרויס ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן. דער אינערלעכער בירגער־קריג איז אָבער געווען זייער אַ שווערער און אַ טרויעריקער. דער מלך האָט געהאַט אויף זיין צד נאָר די מיליטער, די כּוהנים און די גבירים, וואָס האָבן געהערט צו דער צדוקים־פּאַרטיי; קעגן אים און זיין קריגערישער פּאָליטיק איז געווען דער מיטלשטאַנד און דאָס אָרים פאָלק, וואָס האָט געהאַלטן מיט די פרושים.

איינמאָל אין יום־טוב סוכּות האָט אלכּסנדר־ינאי אַלס כּוהן גדול געפירט דעם גאָטס־דינסט אין בית־המקדש; מען האָט אים דערלאַנגט אַ כּלי מיט וואַסער, ער זאָל אויסגיסן אויף דעם מזבּח, אַזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די פּרושים; אָבער דער צדוקישער מלך האָט אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויף דער ערד, כּדי צו באַווייזן, אַז ער האַלט נישט פון דעם מנהג. דער אויפגעבראַכטער עולם האָט פאַר־וואָרפן דעם מלך מיט אתרוגים. דאַן האָבן זיך אין בית־המקדש אַריינגעריסן דעם קיניגס זעלנער און האָבן אויסגעהרגעט פיל מענטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענער אויפשטאַנד קעגן דעם גרויזאַמען מלך. זעקס יאָר האָט געדויערט דער בירגער־קריג. ברידער האָבן געקעמפט קעגן ברידער, אָפט מיט דער הילף פון געדונגענע פרעמדע זעלנער. צום סוף פון זיין לעבן האָט דער מלך חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך צוקריגט מיט זיין פאָלק, און האָט פאַרן טויט אַן עצה געגעבן זיין ווייב, זי זאָל שלום מאַכן מיט די פּרושים, וואָרעם פאַר זיי שטייט דאָס רוב פאָלק.

די קיניגין, שלומית־אלכּסנדרה, האָט טאַקע אַזוי געטאָן. זי האָט געמאַכט פאַר אַ פאָרזיצער אין דעם סנהדרין איר ברודער, שמעון בן שטח, וואָס איז געווען פירער פון די פּרושים. דער נייער סנהדרין האָט ווידער אויפגעשטעלט די געזעצן, וואָס דער פריערדיקער צדוקישער סנהדרין האָט אָפּגעשאַפט. אויף דער זייט פון די פּרושים איז געווען דער עלטערער זון פון דער מלכּה, הורקנוס, וואָס האָט באַקומען דעם טיטול כּוהן גדול. אָבער דעם אינגערן, אַריסטאָבול, אַ מיליטערישן פירער, האָט געצויגן צו די צדוקים, וואָס זיינען געווען שטאַרק אין דער אַרמיי. ווען די אַלטע קיניגין איז שוין געווען נאָענט צום טויט און דער קיניג־טיטול האָט געזאָלט אַריבערגיין צו הורקנוסן, האָט אַריסטאָבול צוגעגרייט אַ מיליטערישן בונט, כּדי זיך אַליין אויס־רופן פאַר אַ קיניג און הערשן מיט דער הילף פון די צדוקים. ווען די קיניגין איז געשטאָרבן, איז דער ברידער־קריג געווען אין רעכטן ברען.

הורקנוס האָט געהאַט אַ שוואַכן כּאַראַקטער און האָט נישט געטויגט צו פירן אַ מלוכה, זיין ברודער אָבער איז געווען צו קריגעריש און האָט געקענט אָנמאַכן די זעלביקע צרות, ווי זיין פאָטער אלכּסנדר־ינאי. נאָך דער ערשטער מלחמה צווישן די אַרמייען פון די צוויי ברידער,

האָט אַריסטאָבּול געזיגט, און הורקנוס האָט אים געמוזט אָפּגעבן זיין מֶלֶך־טיטל. אינגעבן אָבער האָבן הורקנוסן זיינע פריינד איינגערעדט, ער זאָל אַנטלויפן צום אַראַבּישן קיניג אַרעט און מיט זיין הילף אָפּנעמען די מאַכט ביים אייגענעם ברודער. די אַראַבער צוזאַמען מיט הורקנוסעס לייט האָבן זיך אַריינגעריסן אין ירושָלים און באַלאַגערט דעם הַר־הַבַּיִת (טעמפּל־באַרג), וואו עס האָבן זיך אַרום בֵּית־הַמקדש באַפעסטיקט אַריסטאָבּול מיט זיינע אָנהענגער. דאָס איז געווען פּסח־צייט. די באַלאַגערטע האָבן נית געהאַט גענוג שעפּסן אויף יום־טובדיקע קָרבָּנות אין בֵּית־הַמִקדש, האָבן זיי דאָס געמוזט קויפן ביי זייערע פיינד. יעדן טאָג פלעגן זיי אַראָפּלאָזן אויף קייטן פון דעם הויכן פעסטונג־מויער אַ קאָרב מיט גאָלדענע מַטבְּעוֹת און די באַלאַגערער האָבן זיי צוריקגעשיקט שעפּסן; איינמאָל האָבן די אַראַבער צוריקגעשיקט אַנשטאָט אַ שעפּס אַ חַזיר, וואָס איז געווען אַן אומריינע חַיָה פאַר אידן; די באַלאַגערטע האָבן זיך באַליידיקט, און די מלחמה האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט. אין הורקנוסעס לאַגער איז געווען אַ פרומער מאַן מיטן נאָמען חוֹניו; מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן און געגלויבט, אַז זיינע תפילות ווערן אָנגענומען אין הימל. הורקנוס לייט האָבן פון אים געפאָדערט, ער זאָל אויסבעטן ביי גאָט אַ מַפָּלה אויף אַריסטאָבּולס לייט. דער גוטער מאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגערופן: „אָ, גאָט, אי די באַלאַגערטע אי די באַלאַגערער זיינען דיינע קינדער, בעט איך דיך, דו זאָלסט ניט טאָן דאָס, וואָס זיי ווינטשן איינע די אַנדערע!“ די סאָלדאַטן האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער.

צו יענער צייט האָט אַ גרויסע געשעעניש געענדערט די גאַנצע לאַגע אין אַזיע: דער פירער פון דער מעכטיקער רוימישער אַרמיי, פּאָמפּיי, האָט איינגענומען סיריע און די גאַנצע סעלעווקידישע מלוכה. נאָך די פּערסן און די גריכן האָבן איצט די רוימער איינגענומען די וועלט. דאָס קליין פאָלק פון איטאַליע האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זיין הערשאַפט אין מערב־אייראָפּע פון איין זייט און אין אַזיע־אַפריקע פון דער אַנדערער. באַקומען סיריע, האָט פּאָמפּיי זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין אַרמיי אין דער סירישער שטאָט דַמֶשק, אויפן גרעניץ פון פּאַלעסטינע, און האָט זיך געגרייט צו פאַרנעמען אויך דאָס לאַנד יהודה.

אהער זיינען געקומען צו פּאָמפּייען בײדע חשמונאים־ברידער, הורקנוס און אַריסטאָבול, און געבעטן, ער זאָל אַנטשיידן, ווער פון זיי האָט רעכט אויף דעם קיניגס־טיטול. פּאָמפּיי האָט צוגעזאָגט געבן אַ תשובה שפּעטער, און דערווייל האָט ער אַ רוק געטאָן זיין אַרמיי קיין ירושלים. ער האָט איינגענומען די פעסטונג פון הר הבית אין דעם הייליקן טאָג פון יום־כפור, ווען דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין בית־המקדש און די כּוהנים זיינען געשטאַנען ביי דער „עבודה". רוימישע סאָלדאַטן האָבן געהרגעט עטלעכע כּוהנים און יענע אַריסטאָבולס לייט, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. פּאָמפּיי האָט אויסגערופן, אַז פון איצט אָן איז דאָס לאַנד יהודה אונטערטעניק דער רוימישער רעפּובליק; דעם שטילן הורקנוסן האָט ער געלאָזט דעם טיטול פון אַ כּוהן גדול און „עטנאַרך" (פאָלקס־פירער), אָבער נישט דעם טיטול „מלך"; דעם שטורעמדיקן אַריסטאָבולן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גרייטן זיך צו אַן אויפשטאַנד קעגן רוים, האָט ער אַוועקגעפירט קיין רוים אַלס אַ געפאַנגענעם מיט זיין פאַמיליע.

אויף אַזאַ אופן איז געפאַלן די פרייע חשמונאישע מלוכה, וואָס האָט זיך געהאַלטן קוים אַכציק יאָר. דאָס איז געווען מיט צוויי טויזנט יאָר פאַר אונזער צייט (אין יאָר 63 פאַר דער קריסטלעכער צייט).

18. יהודה אונטער רוימישער השגחה; דער קיניג הורדוס

דאָס לאַנד יהודה איז ווידער געוואָרן אָפּהענגיק פון אַ פרעמדער מאַכט. הורקנוס האָט געמוזט טאָן דאָס, וואָס רוים האָט געוואָלט. ער אַליין האָט נישט געקענט פירן אַלע פּאָליטישע ענינים אין אַזאַ שווערער צייט, האָט אים דערין שטענדיק געהאָלפן זיין פאַרוואַלטער אַנטיפּאַטער, וואָס האָט געשטאַמט פון די האַלב־אידישע אדומים. אַנטיפּאַטערן זיינען נישט געווען טייער די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, אים האָט מער געלוינט צו טאָן דעם רצון פון די אויבערהערשער, די רוימער, און ער האָט אין נאָמען פון הורקנוסן אָפּגעטאָן אַזוינע זאַכן, וואָס זיינען געווען שעדלעך פאַר זיין אייגענעם לאַנד. ביז וואַנען פּאָמפּיי איז געווען דער הערשער איז אַזיע, איז אַנטיפּאַטער אים געווען אַ געטרייער דינער, און ווי נאָר דער אַנדערער פירער פון דער רוימישער אַרמיי, י ו ל י ו ס צ ע ז אַ ר, האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט

אים דער אידישער פֿאַרוואַלטער געהאָלפֿן מיט חיל אין זיינע מלחמות. דערפֿאַר האָט אים צעזאַר געמאַכט פֿאַר אַן „אַפּוטראָפּוס“ פֿון יהודה, ד. ה. אַ משגיח אויף דער פֿאַרוואַלטונג און אויף הורקנוסן אַליין.

אַנטיפּאַטער האָט אָפּגעגעבן די פֿאַרוואַלטונג אין דער צפֿונדיקער העלפֿט פֿון יהודה, וואָס האָט געהייסן גליל (גאַליליִיע), זיין זון הורדוסן, אַ שטאַרקן און ענערגישן יונגענמאַן, וואָס איז געווען מער פֿאַרבונדן מיט די רוימער און גריכן, ווי מיט די אידן. אין גליל האָבן זיך נאָך געפֿונען קרייזלעך פֿון אידישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געוואָלט באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון דער פֿרעמדער הערשאַפֿט, האָט הורדוס געכאַפּט זייער פֿירער חיזקיה און זיינע פֿריינד און האָט זיי געהייסן טויטן. דער סנהדרין האָט אים גערופֿן און געפֿרעגט: ווי האָסטו דאָס געטאָן אָן אַן אורטייל פֿון געריכט? הורדוס איז געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט זיין מיליטערישער וואַך, און האָט געשוויגן. דער סנהדרין האָט מורא געהאַט אים צו פֿאַרמשפּטן. נאָר איינער פֿון די פּרושים, שמעיה, האָט זיך אויפֿגעהויבן און געזאָגט: „איר האָט איצט מורא פֿאַר הורדוסן, אָבער עס וועט קומען אַ טאָג, ווען ער וועט אייך אַלעמען פֿאַרמשפּטן צום טויט“. די דאָזיקע נבואה איז שפּעטער מקוים געוואָרן.

הורדוס האָט תמיד געשטרעבט צו מאַכט. ווערן אַ מלך אין יהודה מיט דער הילף פֿון די רוימער — דאָס איז געווען זיין טרוים. ער האָט אָבער געהאַט אַ געגנער: דער חשמונאישער פּרינץ אַנטיגאָן, אַ זון פֿון דעם געפֿאַנגענעם אַריסטאָבולן, וואָס איז געשטאָרבן אין רוים, האָט געוואָלט באַקומען דעם מלך־טיטול קעגן די רוימער, דורך קאַמף מיט די פֿרעמדע הערשער. אים איז טאַקע געלונגען, מיט דער הילף פֿון אידישע רעוואָלוציאָנערן און געדונגענע פּערסישע סאָלדאַטן, פֿאַרטריבן פֿון ירושלים הורדוסן מיט זיינע לייט, און אויף פֿיר יאָר ווערן אַ קיניג. הורדוס אָבער איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן רוימישן חיל און האָט איינגענומען די הויפּט־שטאָט. די רוימער האָבן אַנטיגאָנען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אויסגערופֿן הורדוסן פֿאַר אַ קיניג אין יהודה. געקומען צו דער מאַכט, האָט הורדוס אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן אַלע אָנהענגער פֿון דער חשמונאים־פּאַרטיי און פֿונאַנדערגעלאָזט דעם סנהדרין.

צו יענער צייט האָבן זיך אין רוים אָפֿט געביטן די הערשער. פֿאַרשיידענע קריגפֿירער האָבן איינער ביי דעם אַנדערן אָפּגענומען

די מאַכט. יוליוס צעזאַרן האָבן זיינע געגנער דערהרגעט אין רוים. אינגעכען איז פון דער רוימישער רעפובליק געוואָרן אַ מאָנאַרכיע. אָקטאַוויאַן אַווגוסט איז געוואָרן דער ערשטער רוימישער „קיסר" (צעזאַר) אָדער אימפּעראַטאָר, אַ הערשער פון צענדליקער לענדער אין אַלע טיילן פון דער וועלט: אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. הורדוס האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו יעדן רוימישן הערשער, חנפענען אים, אונטערקויפן מיט געלט אָדער מיליטערישער הילף, כּדי דער הער־שער זאָל אים האַלטן אויפן יהודהשן טראָן קעגן דעם ווילן פון פאָלק.

הורדוס איז געווען ניט באַליבט אין זיין אייגענער פאַמיליע. כּדי צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער איז דער געזעצלעכער יורש פון די חשמונאים, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שיינער מ ר י ם, אַן אייניקל פון גע־וועזענעם מלך הורקנוס. די גאַנצע פאַמיליע אירע האָט ער געהאַלטן אין זיין קיניגלעכן פּאַלאַץ: איר זיידן, דעם אַלטן הורקנוס, איר מוטער אַלכּסנדרה און איר אינגערן ברודער אַריסטאָבול III. הורדוס האָט דאָס געטאָן ניט פון ליבשאַפט צו זיינע חשמונאישע קרובים, נאָר כּדי צו האַלטן זיי אונטערן אויג, זיי זאָלן זיך שטילערהייט ניט צונויפריידן מיט די אידישע פּאַטריאָטן וועגן אַ נייעם אויפשטאַנד. זיין שוואָגער אַריסטאָבולן, אַן איידעלן זיבצעניאָריקן אינגל, האָט הורדוס באַשטימט פאַר אַ כּהן גדול, כּדי צופרידנשטעלן די פאַמיליע; אָבער אַז ער האָט דערזעען, ווי דאָס פאָלק פאַרגעטערט דעם שיינעם פּרינץ בשעת זיין אַרויסטרעטן אין בית־המקדש, איז ער געוואָרן אומרואיק. איינמאָל, אין יום־טוב סוכּות, האָט דער מלך פאַרזאַמלט פיל געסט אויף אַ מאָל־צייט אין יריחו; עס איז געווען אַ הייסער טאָג, און אַריסטאָבול מיט זיינע חברים פון דער יוגנט זיינען געגאַנגען באָדן זיך אין טייך; בשעתן שווימען האָבן אַ פּאָר חברים צוגעהאַלטן אַריסטאָבולן אַביסל אונטערן וואַסער, און ער איז דערטרונקען געוואָרן. עס איז אַרוים אַ קלאַנג, אַז דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל, אָבער אומעטום האָט מען גערעדט, אַז שולדיק איז דערין הורדוס, וואָס האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן פּטור ווערן פון זיין שוואָגער, דעם באַליבטן ביים פאָלק.

פון יענער צייט אָן האָט הורדוס אין זיין פאַמיליע קיין רו ניט געהאַט. די שוויגער אַלכּסנדרה האָט אים שוין לאַנג פיינט געהאַט און האָט זיך געקלאָגט אויף אים אין רוים. די קיניגין מרים האָט אויך

נאָכן טויט פון איר ברודער באַקומען צום מאַן אַ שינאָה, וואָס איז געוואָרן באַזונדערס שטאַרק שפּעטער, ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן זיינעם אַ מערדערישן פּלאַן. צוויי מאָל האָט מען הורדוסן אַרויסגערופן צו די רוימישע הערשער, ער זאָל זיך פאַרענטפערן פאַר זיינע מעשים אין דער היים, און ביידע מאָל האָט ער פאַרן אַוועקפאָרן פון ירושלים בסוד געהייסן זיין פּאַלאַץ־אויפזעער האַלטן מרים און איר מוטער פאַרשפּאַרט אין פּאַלאַץ און טויטן זיי, אויב מיט אים וועט פּאַסירן אַן אומגליק. ער איז ביידע מאָל געקומען צוריק בשלום, אָבער די פרויען האָבן זיך דערוואוסט וועגן זיין מערדערישן פּלאַן און האָבן אים נאָך מער פיינט געקראָגן.

שינאָה פון איין זייט און מורא פון דער אַנדערער האָבן פאַרוואַנדלט דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ אין אַ גיהינום. הורדוס האָט געציטערט, טאָמער וועט ווער עס איז פון די איבערגעבליבענע חשמונאים אָפּנעמען ביי אים דעם טראָן, האָט ער געהייסן טויטן דעם אַכציקיעריקן זקן הורקנוסן, וואָס האָט געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון דעם פאַמיליע־גיהינום און אַנטלויפן מיט דער הילף פון זיינע פריינד. נאָכדעם האָט הורדוס באַשולדיקט די קיניגין מרים אַליין, אַז זי האָט געוואָלט צוטראָגן אים סם דורך אַ דינער, און נאָך אין אַזעלכע חטאים. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זי פאַרמשפּט צום טויט, און מרים האָט געמוזט אַוועקלייגן דעם קאָפּ אונטער דער האַק פון אַ תליון. אַזאַ ביטערן סוף האָט אויך געהאַט די מוטער אַלכסנדרה, וואָס האָט ביז צולעצט געזוכט מיטלען נקמה צו נעמען פון דעם מערדער פון איר משפּחה.

דאָס פאָלק האָט מיט ביטערע קללות געשאָלטן הורדוסן, דעם „אדומישן קנעכט" און „האַלבן אידן", ווי מען האָט אים גערופן. הורדוס האָט געוואָלט צוציען צו זיך דאָס פאָלק דורך דעם, וואָס ער האָט געהייסן איבערבויען דעם בית־המקדש אין ירושלים און געמאַכט פון אים אַ פּרעכטיקן טעמפּל, אַזוי ווי ס'איז געווען דער ערשטער בית־המקדש פון שלמה המלך; אָבער אויף די טויערן פון דעם בנין האָט געשיינט אַ גרויסער גאָלדענער אָדלער, אַלס אַ הערב פון דער רוימישער אימפּעריע, און דאָס האָט באַליידיקט דעם אידישן נאַציאָנאַלן געפיל. אויסער דעם זיינען פרומע לייט געווען אין כעס אויף הורדוסן, פאַרוואָס ער האָט געבויט אין דער הייליקער שטאָט

טעאַטערס און צירקן, וואו מען האָט זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט אויפן גריכישן שטייגער. הורדוס האָט אויך אויסגעבויט נייע שטעט און האָט זיי געגעבן נעמען לכבוד דעם רוימישן קיסר. אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן אויפן ברעג ים די שטאָט קיסריה, וועלכע איז געווען באַזעצט מיט גריכן און רוימער; דער אַלטער שטאָט שומרון האָט מען אַ נאָמען געגעבן „סעבאַסטע“ (טיטול פון קיסר אַווגוסט, וואָס האָט געהייסן אויף גריכיש: דער הייליקער).

הורדוס האָט געהאַט קינדער פון עטלעכע ווייבער, נאָר פאַר זיינע יורשים האָט ער געהאַלטן די צוויי זין פון מרימען, אַלכּסנדר און אַריסטאָבול. די יונגע פּרינצן האָבן זיך געהאָדעוועט אין רוים ביים קיסרס הויף, און דאָך האָבן זיי ניט פאַרגעסן, אַז זיי זיינען קינדער פון אַ חשמונאישער מלכּה, וואָס איז אומגעקומען פאַר איר איבערגעגעבנקייט דער נאַציאָנאַלער דינאַסטיע. הורדוס האָט באַמערקט, אַז דיביידע זין האָבן אים ניט ליב; זיין זון פון אַן אַנדער פרוי, אַנטיפּאַטער, וואָס האָט מקנא געווען די פּריווילעגירטע פּרינצן, האָט אָנגערעדט ביים פאָטער, אַז אַלכּסנדר און אַריסטאָבול טראַכטן אים צו טויטן, כּדי נקמה צו נעמען פאַרן טויט פון דער מוטער. דער אָנגעשראָקענער הורדוס האָט איבערגעגעבן ביידע זין צום געריכט, און מען האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט. אַנטיפּאַטער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ יורש פון טראָן. אָבער באַלד האָט הורדוס זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער יורש האָט אויך געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון אים; אַזוי איז אַנטיפּאַטער אויך געפאַלן. מען דערציילט, אַז ווען דער קיסר אַווגוסט האָט דערהערט וועגן דעם טויט פון דריטן הורדוסעס זון, האָט ער אויסגערופן: „אין הויז פון דעם אידישן קיניג איז בעסער צו זיין אַ חזיר איידער אַ זון“ (ווייל זיינע זין האָט ער געבראַכט פאַר אַ קרבן און אַ חזיר טאָר ביי אידן קיין קרבן ניט זיין).

הורדוס איז געשטאָרבן נאָכדעם ווי ער האָט געקיניגט דריי און דרייסיק יאָר. פאַרן טויט האָט ער צעטיילט די מלוכה צווישן זיינע איבערגעבליבענע דריי זין, אָבער די יורשים האָבן געמוזט פאָרן קיין רוים צו באַקומען אַ צושטימונג פון קיסר אַווגוסט. דער קיסר האָט תחילת מסכּים געווען, אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז אין יהודה הערן ניט אויף אויפשטאַנדן און מהומות, האָט ער באַשלאָסן איבער-

געבן די פאַרוואַלטונג אין די הענט פון רוימישע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך גערופן „פּראָקוראַטאָרס". אַזוי איז דאָס לאַנד יהודה געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער רוימישער אימפּעריע.

19. די פּראָקוראַטאָרס, דער נאַציאָנאַלער קריג און דער צווייטער חורבן

אין דער שטאָט קיסריה, ניט ווייט פון ירושלים, איז געזעסן אַ רוימישער פּראָקוראַטאָר, אָדער גובערנאַטאָר, און אַרום אים האָבן געלאַגערט גאַנצע מחנות רוימישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געזאָלט אָפּהיטן די אָרדענונג אין יהודה. אין די טעג פון גרויסע ימים טובים, ווי פּסח און סוכּות, ווען ירושלים איז געווען פול מיט „עולי־רגל" (טעמפּל־באַזוכער) פון גאַנצן לאַנד, פלעגט דער פּראָקוראַטאָר מיט זיינע סאָלדאַטן קומען אַהער, כּדי ניט דערלאָזן אַן אויפשטאַנד פון פאָלק קעגן דער פרעמדער הערשאַפט. די רוימער פלעגן זיך צוקוקן צום אידישן לעבן און צו די רעליגיעזע מנהגים, וואָס זיינען זיי געווען אַזוי פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, למשל ווי מענטשן בעטן צו אַ גאָט, וואָס מען זעט אים ניט, אין אַ טעמפּל אָן בילדער, מיט וועלכע די גריכישע און רוימישע טעמפּלען זיינען געווען פול. פיינדלעך האָבן געקוקט אידישע אויגן אויף די ניט געבעטענע פרעמדע געסט. דאָס פאָלק האָט שוין געפילט דעם ביטערן טעם פון פרעמד־הערשאַפט: מען האָט געמאָנט ביי אים שווערע שטייערן פאַרן רוימישן קיסר און פאַר זיינע פאַרוואַלטער אין יהודה; מען האָט געריסן די הויט פון אָרימעלייט. דאָס האָט שוין באַמערקט דער קיסר טיבעריוס, דער נאָכפאָלגער פון אַווגוסט, און האָט אָנגעזאָגט איינעם אַ פּראָקוראַטאָר, ווען ער האָט אים געשיקט קיין יהודה: „אַ גוטער פּאַסטוך נעמט אַראָפּ די וואָל, אָבער ניט די הויט ביי זיינע שעפּסן". עס זיינען אָבער געווען אויך אַזעלכע פּראָקוראַטאָרס, וואָס האָבן גערייצט דאָס פאָלק און באַליידיקט זיין רעליגיעזן געפיל. אַזוי האָט דער בייזער פּילאַטוס געהייסן זיינע סאָלדאַטן טראָגן איבער די גאַסן פון ירושלים רוימישע פאָנען מיט דעם קיסרס בילד, וואָס מען האָט ניט געטאָרט אין דער הייליקער אידישער

שטאָט, ווייל אין רוים האָט מען דעם קיסרס בילד פאַרערט אַלס אַן אָפּגאָט און אין ירושלים איז געצנדינסט געווען שטרענג פאַרבאָטן.

איינמאָל האָט זיך אַ רוימישער קיסר, דער משוגענער קאַי קאַליגולאַ, דערוועגט צו פאָדערן, אַז מען זאָל זיין בילד אַריינשטעלן אין בית-המקדש. קאַליגולאַ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געטלעכער פּערזאָן און געהייסן מען זאָל זיך בוקן צו זיין בילד אין אַלע טעמפּלען פון דער אימפּעריע. אומעטום איז מען געשטאַנען אויף די קני פאַר דעם קיסרס סטאַטועס, אָבער אידן האָבן דאָס ניט געטאָן, ווייל זייער אמונה לאָזט ניט צו קיין בילדער-קולט. דאַן האָט קאַליגולאַ געשיקט אַ באַפעל צו זיין אַרמיי-קאָמאַנדיר אין סיריע, ער זאָל אַריינשטעלן אין בית-המקדש פון ירושלים דעם קיסרס סטאַטוע און צווינגען אידן בוקן זיך צו איר. דאָ האָבן זיך אויפגעהויבן אידישע מאַסן און האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן דאָס ניט דערלאָזן: „דו וועסט ביי אונז דעם קיסרס באַפעל ניט אויספירן, סיידן דו וועסט אַלעמען אויסקוילען" — האָבן געשריען די אידן צום קאָמאַנדיר. ער האָט געשריבן קיין רוים, אַז ס'איז אוממעגלעך אויספירן דעם קיסרס פאָדערונג אָן אַ שרעקלעכער בלוט-פאַרגיסונג. צום גליק איז אינגעכן אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער משוגענער קאַליגולאַ איז געשטאָרבן: אָפיצערן פון זיין אייגענער אַרמיי האָבן אים געהרגעט.

אויף אַ קורצער צייט האָט זיך אין יהודה אויפגעשטעלט עפּעס אַזוי ווי אַן אייגענע מלוכה. אַן אייניקל הורדוסעס, מיטן נאָמען אַגריפּאַ, האָט זיך געהאָדעוועט אין רוים און האָט געהאַט פיל פריינד אין קיסרס הויף; אפילו קאַליגולאַ אַליין האָט אים געשטיצט און האָט אים באַשטימט פאַר אַ פאַרוואַלטער פון גליל. קאַליגולאַס יורש, דער קיסר קלאַודיוס, האָט אָפּגעגעבן אַגריפּאַן אויך די פאַרוואַלטונג פון יהודה מיט דעם טיטול „מלך". אַזוי אַרום איז אַגריפּאַ געוואָרן כמעט אַ זעלבשטענדיקער הערשער, אַזוי ווי אַמאָל זיין זיידע הורדוס. ער איז אָבער ניט געגאַנגען אין דעם זיידנס דרכים; פאַרקערט, ער האָט געוואָלט דערנעענטערן זיך צום פאָלק און זיין אַן אמתער אידישער מלך, ניט אַ רוימישער אָנגעשטעלטער. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט די דעמאָקראַטישע פּרושים, פלעגט אָפט קומען צום גאָטס-דינסט אין בית-המקדש. און שבועות פלעגט ער אַליין טראָגן

אין בית־המקדש זיין קאָרבּ מיט פרוכטן (לויט דעם מנהג פון ביכורים) גלייך מיט פּראָסטע דאָרפסלייט. איינמאָל האָט אַגריפּאַ געלייענט פאַרן עולם אַ קאַפּיטל פון דער תורה. ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פּסוק אין דבָרים (קאַפּ. 17): „פון דיינע ברידער זאָלסטו אויפשטעלן אויף זיך אַ קיניג, ניט פון פרעמדע" — האָט ער זיך צעוויינט: ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין שטאַמט ניט פון ריינע יהודים, נאָר פון געמישטע אֱדומים. דער עולם האָט אים צוגערופן: „ניט האָב קיין צַער, אַגריפּאַ! דו ביסט אונזער ברודער!" אַגריפּאַ האָט דאָך טאַקע געהאַט אין זיך חַשמונאיש בלוט: ער איז געווען דער זון פון אַריסטאָבּולן אין דער אייניקל פון דער קיניגין מִריָם, וואָס ביידן האָט הורדוס געשיקט אויפן עשאַפאָט. ווי די ערשטע חַשמונאים האָט אַגריפּאַ געזאָרגט וועגן פאַרזיכערן ירושלים קעגן פיינדלעכע אָנפאַלן. ער האָט אָנגעהויבּן בויען אַ נייע פעסטונג אַרום דער שטאָט, אָבער ער האָט געמוזט די אַרבעט אָפּשטעלן, ווייל אין רוים האָט מען געמיינט, אַז אַגריפּאַ גרייט צו אַן אויפשטאַנד, כּדי צו באַפרייען זיין לאַנד פון רוימישער הערשאַפט.

נאָר פיר יאָר האָט געדויערט אַגריפּאַס מלוכה. ער איז געשטאָרבּן און האָט איבּערגעלאָזט אַ זיבּעצניאָריקן זון, וואָס האָט אויך געהייסן אַגריפּאַ („אַגריפּאַ דער צווייטער"). אָבּער אים האָט דער רוימישער קיסר שוין ניט איבּערגעגעבּן די פאַרוואַלטונג אין יהודה: מען האָט אין רוים מורא געהאַט פאַר אַ אידישן מלך, ער זאָל ניט אָנהויבּן קעמפן קעגן דעם קיסר... ערשט שפּעטער האָט מען אין רוים אים געשיינקט נאָר דעם טיטול „מלך", אָבּער ניט די רעכט פון אַ פאַרוואַלטער. די פאַרוואַלטונג איז ווידער אַריבּערגעגאַנגען צו אַ פּראָקוראַטאָר, וואָס דער קיסר האָט געשיקט פון רוים.

די נייע פּראָקוראַטאָרס, וואָס האָבּן זיך אָפט געביטן אויף זייער שטעלע, זיינען געווען נאָך ערגער ווי די אַלטע. די דאָזיקע באַאַמטע, גריכן אָדער רוימער, האָבּן זיך שלעכט באַצויגן צו אידן. אין זייער רעזידענץ קיסריָה האָבּן זיי דערלאָזט, אַז די גריכישע באַפעלקערונג זאָל באַליידיקן אידישע איינוואוינער. מען האָט זיך געקלאָגט אויף זיי אין רוים, אָבּער דער בייזער קיסר נירון (נעראָן) האָט זיך ניט געוואָלט איינשטעלן פאַר אידן. אין פאָלק האָט זיך פאַרשטאַרקט די

פּאַטריאָטישע באַוועגונג פון די „זעלאָטן" אָדער „קנאים", וואָס האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם פרעמדן יאָך. די געדולד האָט ענדלעך געפּלאַצט ביים פאָלק, ווען נירון האָט געשיקט קיין יהודה אַ נייעם פּראָקוראַטאָר, מיטן נאָמען פלאָרוס, „וואָס איז געקומען ווי אַ תּליון צו באַשטראָפן פאַרברעכער". פאַר אים איז די אומצופרידנקייט פון אידישן פאָלק שוין געווען אַ פאַרברעך. ער האָט אָנגעריצט גריכן אויף אידן, געפאָדערט גאָלד פון די אוצרות פון בית־המקדש, און אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער געהייסן זיינע סאָלדאַטן צעראַבעווען אידישע הייזער אין ירושלים. די באַפעלקערונג אָבער האָט זיך געוואָרפן אויף די רויבער און האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שטאָט. עס האָט אויסגעבראָכן אַן אָפענער אויפשטאַנד. די זעלאָטן האָבן גערופן דאָס פאָלק צו אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דער פרעמדער הערשאַפט. און אַז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוימישער אַרמיי האָט צוגעפירט זיינע לעגיאָנען קיין ירושלים, האָט זיך דאָס באַגייסטערטע פאָלק געוואָרפן אויף זיי מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן: אידישע העלדן האָבן זיי נאָכגעיאָגט און צעשלאָגן.

אין ירושלים האָט מען פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַזאַ אויפשטאַנד איז שוין ניט אויסצומיידן אַ שווערע מלחמה מיט דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע. צו דער מלחמה האָט מען זיך געגרייט. דער סנהדרין האָט געשאַפן אַ צייטווייליקע רעגירונג, וואָס האָט געהייסן בויען נייע פעסטונגען אַרום ירושלים און אַנדערע שטעט, אָרגאַניזירן אַ פרייוויליקע אַרמיי און אָנשטעלן געניטע קריגספירער. מען האָט געוואַרט, אַז די רוימישע לעגיאָנען וועלן קומען פון דער גליל־זייט. דעריבער האָט מען צוערשט אין גליל קאָנצענטרירט די אידישע אַרמיי. אַלס פירער איז באַשטימט געוואָרן יוסף בן מתתיהו, אַ מענטש מיט אַ גרויסער אידישער און רוימישער בילדונג, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטער דעם נאָמען יוסיפוס פלאַוויוס אַלס פאַרפאַסער פון אידישער געשיכטע. פריער איז ער קיינמאָל קיין קריגספירער ניט געווען; ער האָט אַפילו פאַרשטאַנען, אַז פירן אַ קריג מיט דעם מעכטיקן רוים איז געפערלעך; אָבער ער האָט זיך אין דעם מאָמענט פון אַלגעמיינער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג ניט געקענט אָפּזאָגן צו דינען דעם פאָטערלאַנד.

באַלד ווי דער קיסר נירון האָט זיך דערוואוּסט וועגן דעם אויפֿשטאַנד אין יהודה, האָט ער אַהין אַוועקגעשיקט זיין בעסטן קריגפֿירער וועספּאַסיאַן מיט אַ באַפֿעל באַשטראָפֿן דאָס בונטאַרישע פֿאָלק. וועספּאַסיאַן איז געקומען קיין גליל מיט אַ גרויסער אַרמיי, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען אויך דער פֿאַפּירענער „מלך“ אַגריפּאַ דער צווייטער, וואָס איז געווען אַ געגנער פֿון אידישן אויפֿשטאַנד. די אידישע באַפֿעלקערונג האָט זיך פֿאַרשלאָסן אין עטליכע באַפֿעסטיקטע שטעט (טבֿריה, גמלא, יודפת) און האָט זיך פֿאַרטיידיקט מיט דעם גרעסטן מוט און גבֿורה. אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן: די רוימער האָבן איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, ביז זיי האָבן באַזעצט דעם גאַנצן גליל. יוסיפֿוס אַליין האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון וועספּאַסיאַן; ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מ׳מוז שלום מאַכן מיט רוים.

אין ירושלים האָט מען זיך געגרייט צום לעצטן קאַמף. דער קיסר נירון איז אין יענער צייט געשטאָרבן און זיין אָרט האָט פֿאַרנומען וועספּאַסיאַן. דער פֿירער פֿון דער אַרמיי קעגן יהודה איז געוואָרן וועספּאַסיאַנס זון, טיטוס. מיט אַ מוראדיקער אַרמיי און מיט קריגס־מאַשינעס האָט ער באַלאַגערט ירושלים, וואָס איז געווען באַפֿעסטיקט מיט דריי דיקע ווענט פֿון אַלע זייטן. אין דער שטאָט האָבן געהערשט די פֿירער פֿון די זעלאָטן (קנאים), באַזונדערס יוחנן פֿון גליל און שמעון בר־גיורא. די זעלאָטן האָבן זיך געשלאָגן ווי גיבורים. זיי פֿלעגן אָפֿט אַרויסגיין פֿון שטאָט און מאַכן אָנפֿאַלן אויפֿן רוימישן לאַגער. די אייזערנע מאַשינעס פֿון די רוימער האָבן אָן אויפֿהער געבראָכן די פֿעסטונג־ווענט פֿון ירושלים, אָבער קוים האָבן זיי דורכגעבראָכן איין וואַנט איז פֿאַר זייערע אויגן אויסגעוואַקסן אַ צווייטע אינעווייניקסטע וואַנט.

די באַלאַגערונג האָט געדויערט עטליכע חדשים, און דערווייל איז אויסגעגאַנגען די צוגעגרייטע שפּייז אין דער פֿאַרשלאָסענער שטאָט. הונגעריקע מענטשן זיינען געפֿאַלן אין די גאַסן. מען דערציילט, אַז די רייכסטע און איידעלסטע פֿרויען פֿלעגן זוכן אין מיסט אויף די גאַסן ברעקלעך שפּייז צו שטילן דעם הונגער. די פֿאַרטיידיקער פֿון ירושלים האָבן שוין געקעמפֿט מיט די לעצטע קרעפֿטן.

ענדלעך האָבן זיך די רוימער אַריינגעריסן אין שטאָט און האָבן אונטערגעצונדן דעם בית־המקדש. פאַרצווייפלטע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין פייער, אַנדערע זיינען געפאַלן פון דער שווערד פון רוימישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויסגעהרגעט אָן אַ צאָל מענער, פרויען און קינדער. די זעלאָטן־פירער יוחנן און שמעון האָט מען געפאַנגען און אַוועקגעפירט קיין רוים געשמידטע אין קייטן. טויזנטער געפאַנגענע האָט מען געפירט אויף די מערק פון גאַנץ אַזיע און פאַרקויפט פאַר קנעכט. ירושלים איז געוואָרן אַ באַרג אַש און חורבות, יהודה איז געוואָרן אַ קליינע פּראָווינץ אין באַשטאַנד פון דער רוימישער אימפּעריע.

אין דער שטאָט רוים האָט מען געמאַכט אַ יום־טוב לכּבוד דעם גרויסן ניצחון. איבער די גאַסן זיינען געגאַנגען רוימישע לעגיאָנען אונטער דער פירונג פון וועספּאַסיאַן, וואָס איז שוין געוואָרן קיסר,



22. טריאומף־צוג פון טיטוס

און זיינע צוויי זין טיטוס און דאָמיציאַן, הינטער זיי די אידישע געפאַנגענע געשמידט אין קייטן; מען האָט געטראָגן די גערויבטע גאָלדענע און זילבערנע כּלים פון בית־המקדש. פון די געפאַנגענע האָט מען אַרויסגעפירט דעם זעלאָטישן גיבור שמעון בר גיורא, אַרויפגעוואָרפן אים אַ שטריק אויפן האַלז און אויפגעהאַנגען; דעם אַנדערן פירער, יוחנן, האָט מען פאַרמשפּט צו אייביקער תּפיסה. דאָס גאַנצע בילד פון „טריאומף“ האָט מען אויסגעמאָלט אויף דער „טריאומ-

פאָלער אַרקע", וואָס מען האָט אויפגעבויט אין דער שטאָט רוים לכּבֿוד „טיטוסן דעם באַזיגער פון יהודה". מען האָט געלאָזט אויסגיסן באַזונדערע מטבּעות מיט דעם בילד פון אַ וויינענדיקער פרוי און מיט דער לאַטיינישער אונטערשריפט: „יהודה באַזיגט, יהודה געפאַנגען".

מער ווי אַכצען יאָרהונדערטן זיינען אַריבער פון דער צייט פון „צווייטן חורבן" ביז אונזער צייט (טיטוס האָט איינגענומען ירושלים אין יאָר 70 נאָך קריסטוס־געבורט). דעם ערשטן חורבן פון ירושלים האָט געמאַכט בּבֿל, דעם צווייטן — רוים. צווישן איין חורבן און דעם אַנדערן האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אידישער „גלות", די פאַר־שפּרייטונג פונם אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, וואָס אויף גריכיש האָט דאָס געהייסן „דיאַספּאָראַ".

---

20. דאס גייסטיקע לעבן אין דער היים און אין דער פרעמד

דורך אויפשטאַנדן און מלחמות האָט דאָס אידישע פאָלק ניט געקענט שיצן זיין לאַנד קעגן פרעמדער הערשאַפט. אָבער אינם קאַמף פאַר זיין אינעווייניקסטער, גייסטיקער פרייהייט איז ער געווען שטאַרק. צווישן פרעמדע פעלקער איז ער געבליבן געטריי זיין נאַציאָנאַלער קולטור. זיינע גייסטיקע פירער האָבן אים שטענדיק דערמאָנט, אַז ניט פעסטונג־מויערן אַרום שטעט קענען פאַרזיכערן דעם קיום פון אַ פאָלק, נאָר באַפעסטיקונג פון גייסט, פון גלויבן, גוטע מידות, סאָציאַלע גערעכטיקייט. אַלץ העכער און העכער האָבן די פּרושים געבויט זייער אַלטן מויער, דעם „צוים אַרום דער תּורה", האָבן צו־געפּאַסט די אַלטע געזעצן צום נייעם לעבן־שטייגער. די פּרושים האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אין דעם סנהדרין פון ירושלים, וואו זיי פלעגן אָפט אָפּנעמען די מאַכט ביי די צדוקים. אין דער קאָלעגיע פון געלערנטע ביים סנהדרין, אין בית־המדרש, וואו מען פלעגט באַטראַכטן אַלע געזעצן אויפן גרונד פון דער הייליקער קאָנסטיטוציע, דער תּורה, האָבן די פּרושים געהאַט די אויבערהאַנט.

אין דער צייט פון הורדוסן איז דאָרטן געווען פאָרזיצער (נשיא) דער גרויסער לערער פון פאָלק הילל. וועגן זיין לעבן דערציילט מען, אַז געשטאַמט האָט ער פון בּבֿל און איז געקומען קיין ירושלים

לערנען תּורה בײַ די באַרימטע לערער. ער האָט געלערנט מיט גרויס חשק און ניט דורכגעלאָזט קיין איין שיעור (לעקציע) אין בית־המדרש. איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט איז הילל צוגעגאַנגען צום בית־המדרש און האָט ניט געהאַט אין קעשענע די קליינע מטבּע, וואָס יעדער תּלמיד האָט געדאַרפט באַצאָלן דעם דינער פאַר אַרײַנגעלאָזן ווערן אין הויז; האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויף דער וואַנט פון דרויסן, צוגעלייגט אַן אויער צום פענסטער און אַזוי אויסגעהערט די גאַנצע לעקציע; דאָרטן האָט מען אים געפונען אַ האַלב־דערפראָרענעם. אין אַ צייט אַרום איז הילל געוואָרן אַזאַ געלערנטער, אַז מען האָט אים אויסגעוויילט פאַר אַ נשיא אין דער געזעצגעבערישער קאָלעגיע בײַם סנהדרין. דאָ האָט ער אײַנגעפירט וויכטיקע תּקנות, ווי אויסצולייגן די געזעצן פון דער געשריבענער תּורה („תּורה שבּכּתב"), אַז מען זאָל פון זיי קענען אַרויסדרינגען די נויטיקע נײַע געזעצן, וואָס האָבן געהייסן "די מינדלעכע תּורה" (תּורה שבעל פּה). הילל האָט געהאַט אַ סך תּלמידים, וואָס מען האָט זיי גערופן „היללס הויז" (בית־הילל).

אַן אַנדער געלערנטער פון יענער צייט, שמאי, האָט געגרינדעט אַ באַזונדער שולע, וואָס האָט געהייסן „בית־שמאי". צווישן ביידע שולן האָט זיך שטענדיק געפירט אַ שטרייט וועגן אויסלייגן די געזעצן פון דער תּורה און אַרויסדרינגען פון זיי נײַע דינים. הילל און זײַנע תּלמידים פלעגן אויסלייגן יעדן געזעץ אַזוי, אַז עס זאָל זײַן ניט צו שווער אויספירן אים אין לעבן, בית־שמאי אָבער האָט געזוכט וואָס שווערער צו מאַכן דעם יאָך פון געזעץ.

הילל און שמאי זײַנען געווען פאַרשיידן אויך אין זייער כאַראַקטער. הילל איז געווען גוט צו מענטשן און פלעגט זאָגן, אַז ליבע צו מענטשן איז די גרעסטע מצווה פון דער תּורה. איינמאָל איז צו אים געקומען אַ גוי און האָט אים געזאָגט: „אויב דו קענסט מיך אויסלערנען די גאַנצע אידישע תּורה אין דער צייט ווען איך שטיי אויף איין פוס (דאָס הייסט אין עטלעכע ווערטער), וועל איך ווערן אַ איד". הילל האָט אים געענטפערט: „וואָס דיר איז ניט ליב זאָלסטו דעם אַנדערן ניט טאָן — אָט דאָס איז דער עיקר פון דער תּורה, און דאָס איבעריקע איז נאָר אַ צוגאָב דערצו". ווען דער גוי איז געקומען צו שמאי מיט דעם זעלביקן פאָרשלאַג, האָט דער שטרענגער לערער געכאַפּט אַ שטעקן

און אים אַרויסגעטריבן. הילל פלעגט געבן זיינע תּלמידים אַזעלכע עֵצות: „זאָלסט ליב האָבן דעם שָלום און אומעטום מאַכן שלום צווישן מענטשן", „זאָלסט ניט זאָגן אַ שלעכטע מיינונג וועגן אַ מענטשן ביז דו וועסט ניט זיין אין זיין לאַגע" (ד. ה. אפשר האָט דער מענטש אָפּ־געטאָן אַ מיאוסע זאַך, ווייל ער איז געווען אין אַזאַ שווערער לאַגע, אַז אַנדערש האָט ער ניט געקענט).

צו די צוויי פּאַרטייען, אויף וועלכע די אידישע געזעלשאַפט האָט זיך געטיילט, — צדוקים און פּרושים, איז צוגעקומען נאָך אַ דריטע פּאַר־טיי, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ רעליגיעזע סעקטע: די א י ס י י ם. די צדוקים פון די העכערע קלאַסן האָבן געהאַלטן, אַז דער עיקר איז אָפּהיטן די מ ל ו כ ה; די פּרושים פון די מיטעלע קלאַסן האָבן גע־שטעלט דאָס פ אָ ל ק העכער ווי די מלוכה, און די איסיים האָבן געזאָגט, אַז דער עיקר איז דער מ ע נ ט ש, דער יָחיד, וואָס דאַרף זאָרגן וועגן דער ריינקייט פון זיין נשמה, ערלעכקייט און גוטע מידות. די איסיים פלעגן זיך דערווייטערן פון די שטעט און האָבן געלעבט אין קליינע חֲברוֹת אָדער קאָמונעס אין דערפער, וואָס אין דָרום־יהודה, אַרום יַם־הַמֶלַח. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט, גע־לעבט ווי ברידער, געטיילט צווישן זיך אויף גלייך זייער פאַרמעגן, געטראָגן ווייסע קליידער, געגעסן בלויז ברויט און גרינסן און ניט געטרונקן קיין וויין. אַלע טאָג אין דער פרי פלעגן זיי זיך באָדן אין טייך כּדי צו האַלטן ריין דעם קערפּער. מען פלעגט די איסיים האַלטן פאַר הייליקע און מען פלעגט קומען צו זיי היילן זיך פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

איינער פון די איסיים, י וֹ חָ נ ן (יאָהאַן) ד ע ר ט ו י פ ע ר, פלעגט אַרומגיין אויף די ברעגעס פון יַרדן און שרייען: „מענטשן הערט אויף צו זינדיקן, וואָרעם עס איז שוין נאָענט די מלוכה פון הימל". די וואָס זיינען געקומען צו אים פלעגט ער באָדן (טויפן) אין טייך יַרדן, כּדי אָפּריייניקן זיי פון אַלע זינד; דערפאַר האָט ער געהייסן „דער טויפער" איינמאָל איז צו אים געקומען אַ יונגערמאַן פון דער שטאָט נַצרת (נאַזאַרעט) אין גָליל, מיטן נאָמען יֵשוּ אָדער ישוּע, און יוחנן האָט אים געטויפט אין ירדן. ישוּ האָט געגלויבט, אַז די „מלוכה פון הימל" איז שוין געקומען און אַז ער אַליין איז באַרופן אַראָפּפירן זי אויף דער

ערד, אָנזאָגן אַ נײַ װאָרט פֿון גאָט, װי מען דאַרף לעבן אױף דער װעלט. אין גָליל פֿלעגט ער אַרומגײן צװישן פּראָסטע לײַט און לערנען זײ, אַז „אונזער פֿאָטער אין הימל“ װיל גאָר ניט מען זאָל אים דינען מיט צערעמאָניעס אין די טעמפּלען און מיט אָפּהיטן שטרענגע רעליגיעזע געזעצן; ער פֿאָדערט נאָר מענטשן זאָלן ליב האָבן אײנער דעם אַנדערן, שיצן די שװאַכע און פֿאַרלאָזן זיך נאָר אױף גאָט. ישו פֿלעגט אױך הײלן קראַנקע מיט תּפֿילות צו גאָט, און דאָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען פֿון אַ „הײליקן“. פֿון גָליל איז ער געקומען קײן ירושָלים, װען דאָרט האָט געהערשט אַ גרױסע אױפֿרעגונג קעגן דעם פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס, װאָס האָט גערײצט דאָס פֿאָלק מיט זײַנע רױמישע פֿאָנען און דעם קיסרס בילדער. ישו האָט שאַרף גערעדט קעגן אַלע פּאַרטײען: קעגן די פּרושים, װײַל זײ טראַכטן אױס נײַע געזעצן און רעליגיעזע צערעמאָניעס; קעגן די צדוקים, װאָס גלױבן ניט אין דער אומשטערבליכקײט פֿון דער נשָמה און אין תּחיַת המֵתים אױף יענער װעלט; קעגן די פּאַטריאָטן, װאָס קעמפֿן פֿאַר באַפֿרײַונג פֿון דער פֿרעמדער הערשאַפֿט. אַזױ איז ישו געװען קעגן אַלעמען און אַלע קעגן אים. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ „זון פֿון גאָט“ (װײַל ער האָט אָפֿט געברױכט דעם אױסדרוק: „מײַן פֿאָטער אין הימל“), פֿאַר אַ „אידישן קיניג“ און אַ „משיח“. מען האָט אים איבערגעגעבן צום געריכט פֿון סַנהֶדרין; דאָס געריכט האָט אים פֿאַרמִשפּט װי אַ „פֿאַלשן נביא“ און איבערגעגעבן אים דעם רױמישן פֿאַרװאַלטער; פּילאַטוס האָט געהײסן באַשטראָפֿן אים מיט אַ שרעקלעכן טױט דורך קרײַציקונג (ד. ה. אױפֿהענגען אױף אַ האָלץ אין פֿאָרם פֿון אַ קרײַץ, צושלאָגנדיק די הענט און די פֿיס צום האָלץ).

צװישן די אָנהענגער פֿון ישו הַנוֹצרי (ישו פֿון נַצרת) האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז עטלעכע טעג נאָך זײַן טױט איז ער אױפֿגעשטאַנען פֿון קֶבֶר און האָט זיך אױפֿגעהױבן אױפֿן הימל. עס האָט זיך געבילדעט אַ סעקטע, װאָס האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ „משיח“, פֿאַר אַ *קריסטוס* (אַזױ הײסט דאָס װאָרט „משיח“, אַ געזאַלבטער, געקרױנטער, אין גריכיש). די פֿירער פֿון דער סעקטע האָבן זיך גערופֿן *אַפּאָסטלען* (שליחים). דער גרעסטער פֿון זײ איז געװען דער אַפּאָסטאָל *פּאַול*, װאָס האָט געשטאַמט פֿון אַ אידישער געמײנדע

אין קליין־אַזיע און האָט געערדט גריכיש. זיין אידישער נאָמען איז געווען שָ א ו ל. פריער האָט ער געהערט צו די פּרושים אין ירושָלים און איז געווען אַ געגנער פון ישו און זיינע תּלמידים; אָבער שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן גלויבן, אַז ישו איז טאַקע גאָטס זון, וואָס דער פאָטער האָט אים אַראָפּגעשיקט פון הימל אויף דער ערד, כּדי צו שטאַרבן אין שרעקלעכע יסורים און דערמיט אויסלייזן אַלע מענטשן פון זינד און שלעכטס. ניט צו אידן אַליין האָט גאָט געשיקט ישון, נאָר צו אַלע פעלקער, כּדי אָנצוזאָגן זיי, אַז דער עיקר איז ג ל ו י ב ן אין גאָט און ניט אָנפילן דאָס לעבן מיט מצוות און מנהגים. פּאַול האָט געהאַט אין זינען די גויים, גריכן און רוימער, וואָס וואָלטן אָנגענומען דעם גלויבן אין איין אייניקן גאָט, ניט נעמענדיק אויף זיך דעם יאָך פון מצוות און געזעצן, ווי למשל מילה, שבת, כּשר־שפּייזן און דאָס גלייכן. דער אידיש־גריכישער אַפּאָסטאַל איז אַרומגעפאָרן אין פיל לענדער און האָט געפּרעדיקט זיין נייע תּורה פאַר אידן און גויים; אומעטום האָבן זיך געגרינדעט קריסטלעכע קהילות; אַפילו אין דער שטאָט רוים אַליין איז אין דער צייט פון קיסר נירון געווען אַ קריסטלעכע סעקטע, וואָס האָט געגלויבט אין י ע ז ו ס ק ר י ס־ט ו ס, דעם זון פון גאָט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די נייע אמונה, וואָס האָט שפּעטער איינגענומען די גאַנצע גריכיש־רוימישע וועלט. עס זיינען געווען אויך פאַרשיידענע אידישע קריסטן, אָבער דאָס אידישע פאָלק אינגאַנצן האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אָננעמען אַזאַ אמונה, וואָס האָט געשאַפן אַ מענטשלעכן גאָט, אַ „גאָט־מענטש" אין דער פּערזאָן פון ישו, האָט אָפּגעוואָרפן די אַלטע תּורה און ניט געוואָלט וויסן פון אַ באַזונדער אידיש פאָלק אין דער צייט, ווען דאָס פאָלק איז געשטאַנען אין אַ העלדישן קאַמף מיט דער רוימישער אימפּעריע. דער אָנהויב פון קריסטנטום איז דאָך געווען אין דעם זעלביקן יאָרהונדערט, ווען די רוימער האָבן געהערשט אין יהודה און דערנאָך חרוב געמאַכט ירושָלים.

צו יענער צייט איז דאָס אידישע פאָלק שוין געווען צעשפּרייט אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע און אַפילו איבער אירע גרעניצן. עס איז שוין לאַנג אויסגעוואַקסן די גרויסע ד י אַ ס פּ אָ ר אַ, ווי מען האָט גערופן אויף גריכיש די אידישע ישובים אויסער פּאַלעסטינע.

אין דער עגיפּטישער הויפּטשטאָט אַלכּסנדריה, אין דער סירישער אַנטיוֹכיה, אין דער קיסר־שטאָט רוים, אין פיל שטעט פוּן גריכנלאַנד און קליין־אַזיע זיינען געווען פרייע אידישע קהילות, וואָס האָבן זיך געפירט לויט אייגענע געזעצן און מִנהָגים, ניט צוּנויפמישנדיק זיך מיט דער גויישער באַפעלקערונג. די רוימישע קיסרים האָבן שטענדיק גע־שטיצט די דאָזיקע אידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג (אַווטאָנאָמיע). נאָר איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער משוגענער קיסר קאַליגולאַ האָט געהייסן אַריינשטעלן זיינע בילדער אין די סינאַגאָגן פון אַלכּסנדריה, דערמיט האָבן זיך באַנוּצט די דאָרטיקע גריכן און האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידן מיט דער הילף פון דעם רוימישן פאַרוואַלטער. די פיינדשאַפט צו אידן מצד דער רוימישער מאַכט האָט זיך פאַר־שטאַרקט ערשט אין דער צייט פון דעם לעצטן אויפשטאַנד אין יהודה און דער גרויסער מלחמה אַרום ירושלים.

אין אַלכּסנדריה האָבן אידן געוואוינט אין געדיכטע מאַסן אין באַ־זונדערע קוואַרטאַלן, נאָענט צום יַם; פיל פון זיי האָבן געפירט גרויסע האַנדלס־געשעפטן אין אַלכּסנדריער האַפן און געמאַכט קאָנקורענץ גרי־כישע סוחרים. דערפון האָט זיך גענומען די שינאָה צום אידן, כאָטש דאָ איז ער געווען ניט אַ פרעמדער: האָבן זיך דאָך גריכן און אידן באַזעצט אין אַלכּסנדריה אין איין צייט, באַלד ווי זי איז אויסגעבויט געוואָרן דורך אַלכּסנדר מוקדון און די ערשטע פּטאָלעמייער. אין בילדונג זיינען אידן געשטאַנען אויף דער זעלביקער הויך ווי די גריכן און אפשר נאָך העכער. זיי האָבן גערעדט און געשריבן גריכיש און האָבן געשאַפן אַ רייכע ליטעראַטור, דער גרויסער פילאָזאָף פ י ל אָ ן ד ע ר אַ ל כּ ס נ ד ר י ע ר איז געווען אַ הייסער איד, צוגעבונדן צו אידיש־קייט. אין זיינע ווערק האָט ער געזוכט צו פאַראייניקן די בעסטע גע־דאַנקען פון העלעניזם מיטן יודאַאיזם און באַווייזן, אַז די ביבלישע פאַר־שטעלונגען וועגן גאָט און וועלט שטימען מיט די אידייען פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפן, באַזונדערס פון פּלאַטאָן. נאָך דעם פּאָגראָם אין אַלכּסנדריה איז פילאָן געפאָרן מיט אַ דעפּוטאַציע קיין רוים צום קיסר קאַליגולאַ צו פּראָטעסטירן קעגן דעם רוימישן פאַרוואַלטער אין עגיפּטן, וואָס האָט געהאָלפן די פּאָגראָמשטשיקעס; אָבער דער קיסר האָט די דעפּוטאַציע אויפגענומען ניט פריינדלעך, ווייל ער איז געווען אין כּעס

אויף אידן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אויפֿשטעלן זייערע ביל־דער אין ירושלים און אַלכּסנדריה. נאָכן חורבן פֿון ירושלים זיינען אַ טייל זעלאָטן אַנטלאָפֿן קיין אַלכּסנדריה און געפּרוּבט דאָרטן אויפֿ־הויבן צווישן אידן אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער, אָבער די רוי־מישע פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און שווער באַשטראָפֿט.

די ליטעראַטור פֿון יענע צייטן, פֿאַר דעם צווייטן חורבן, קען מען אָנרופֿן די „נאָך־ביבלישע" אָדער „שפּעט־ביבלישע", ווייל די שרייבער פֿלעגן מייסטנס נאָכמאַכן דער אַלטער תנ"ך־ליטעראַטור. די שפּראַך האָט זיך געביטן: מען האָט געשריבן ניט העברעאיש אַליין, נאָר אויך אַראַמעאיש און גריכיש, אָבער מען האָט נאָכגעמאַכט דעם סטיל פֿון דער ביבל. דאָס איז געווען ווי אַ המשך צום דריטן טייל פֿון תנ"ך — צו די „כּתובֿים". מען האָט געשריבן נייע „תּהילים", נייע „משלי", נייע געשיכטלעכע ווערק, אויך נביאישע שריפֿטן אין דער פֿאָרם פֿון ספר דניאל. די דאָזיקע ספֿרים האָט מען ניט אַריינגע־נומען אין די „הייליקע ביכער" פֿון תנ"ך, און זיי האָבן געהייסן „ספֿרים גנוזים" אָדער „ספֿרים חיצונים", אין גריכיש „אַפּאָקריפֿן" (באַ־האַלטענע, זייטיקע ביכער). מען האָט זיי ניט אַזוי אָפּגעהיט ווי די הייליקע ביכער, און דעריבער זיינען אין משך פֿון הונדערטער יאָרן פֿיל פֿון זיי פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין זייער אָריגינאַל־שפּראַך, עבֿרית אָדער אַראַמעאיש, און צו אונדז איז דערגאַנגען בלויז די גריכישע אי־בערזעצונג. פֿון די ווערק, וואָס זיינען לכתּחילה געווען געשריבן גריכיש, באַזונדערס אין אַלכּסנדריה, זיינען גאַנץ געבליבן נאָר ווייניקע, און דאָס אויך אָפֿט אין שטיקלעך, פֿראַגמענטן. פֿון די „אַפּאָקריפֿן" זיינען באַזונדערס וויכטיק די פֿאָלגנדיקע ווערק:

1) „חכמת בן־סירא" — קלוגע רייד און משלים פֿון יהושע בן סירא, וואָס האָט געלעבט אין ירושלים אין דער צייט פֿון דער גריכישער הערשאַפֿט. דאָס איז אַ נאָכמאַכונג פֿון ביבלישן ספֿר „משלי שלמה". דער מחבר זאָגט מוסר יענע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דעם גריכישן לעבן־שטייגער און זיינען געוואָרן צו פֿריי אין זאַכן פֿון גלויבן און מאָראַל. ער גיט אויך קלוגע עצות, ווי צו פֿירן זיך אין דער משפּחה און אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס בוך איז געווען ביז אַהער באַקאַנט אין דעם אַלטן גריכישן טעקסט, נאָר דאָ ניט לאַנג האָט מען

געפֿונען אין מִצְרַיִם דעם גרעסטן טייל פֿון דעם העברעאישן אָריגינאַל, ווי ער איז געווען געשריבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

2) די „חַשמונאים־ביכער" — צוויי היסטאָרישע ביכער וועגן די רדיפות פֿון אַנטיוכוס און דעם אויפֿשטאַנד פֿון די חַשמונאים. ביידע זיינען געשריבן גריכיש, זייער שיין, אין דעם נוסח (סטיל) פֿון די היסטאָרישע ביכער אין תנ"ך.

3) „תהילות שלומה" — נייע פּסאַלמען אין דער אַרט פֿונם אַלטן „תהילים", געשריבן נאָכדעם ווי פּאָמפּיי מיט זיין אַרמיי האָט איינגענומען ירושלים און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוימישע הערשאַפֿט.

4) „ספר חֲנוֹך" — אַ מין נבואָה־בוך, וואו דער הייליקער מענטש חנוך, וואָס גאָט האָט אים גענומען אויפֿן הימל, דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט און געזעען וועגן משיחן, וואָס וועט קומען אויסלייזן די גאַנצע וועלט און באַזונדערס דאָס אידישע פֿאָלק.

פֿון דער אידיש־גריכישער ליטעראַטור זיינען דערגאַנגען צו אונז די גרויסע ווערק פֿון פֿילאָן אַלכּסנדריער, וואָס זיינען ווי אַ מין פֿילאָזאָפֿישער פּירוש צו דער תּורה: „וועגן דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט", „אַבְרָהָמס לעבן", „מושהס לעבן", „וועגן די עשֶׂרת הַדיבּרות" און נאָך פֿיל אַנדערע. צו דער אַלכּסנדריער ליטעראַטור געהערט אויך „דער בריוו פֿון אַריסטיי", אַ לאַנגע מגילה, וואו עס איז באַשריבן, ווי די זיבעציק זקנים זיינען געקומען פֿון ירושלים קיין אַלכּסנדריה און איבערגעזעצט די תּורה אין גריכיש, ווי עס האָט זיי אויפֿגענומען דער קיניג פּטאָלעמיי פֿילאַדעלף און אויסגעהערט זייערע קלוגע רייד. אין דריטן און פֿערטן „עֶזרָא־בוך", אין „בָּרוּך־בוך", „די צוואָה פֿון צוועלף פּאַטריאַרכן", „סיבּילישע זעאונגען" געפֿינען מיר נייע נביאות־רייד אין נאָמען פֿון אַלטע ביבּלישע אָדער גריכישע העלדן.

דאָס גרעסטע ווערק וועגן אידישער געשיכטע האָט אָנגעשריבן דער אויבּנדערמאָנטער קריגפֿירער אין גליל, יוסף פֿלאַוויוס. נאָכדעם ווי ער איז אַריבּערגעגאַנגען צו די רוימער, האָבן אים די קיסרים וועספּאַסיאַן און טיטוס געהאַלטן אין זייער פּאַלאַץ אין רוים. דאָרטן האָט ער נאָכן חורבּן־ירושלים געשריבן זיינע גרויסע ווערק: „דער אידישער קריג" און „אידישע אַלטערטימער", וואָס זיינען אַ הֶמשך פֿון

די ביבלישע געשיכטסביכער ביז דער צייט פון דעם מחבר. די דאָזיקע ביכער זיינען דערגאַנגען ביז אונזער צייט אין דער גריכישער שפּראַך און זיינען איבערגעזעצט אין אַלע גרעסערע שפּראַכן.

---

21. דער סנהדרין אין יבנה און דער אויפשטאַנד פון בר־כּוכבא

ירושלים איז געוואָרן אַ שטאָט פון חורבות. אידישע איינוואוינער זיינען דאָרטן ניט געבליבן, נאָר אַ לעגיאָן רוימישע סאָלדאַטן האָט געלאַגערט אין דער פאַרוויסטעטער שטאָט, וואָס איז געוואָרן אַ בית־עולם פאַר צענדליקער טויזנט אידישע קעמפער. די ווייניקע איבער־געבליבענע פירער פון פאָלק זיינען אַוועק אין דעם נאָענטן שטעטל יבנה, כּדי דאָרטן האַלטן זיך אַן עצה, ווי זאָל דאָס פאָלק ווייטער לעבן אונטער אַ פרעמדער שווערער הערשאַפט. נאָך אין די טעג, ווען אַרום ירושלים האָט געברענט דער קריג, האָט זיך איינער פון די סנהדרין־לייט, דער געלערנטער פון בית־הילל, רבי יוחנן בן־זכּאי, אַרויסגעריסן פון דער באַלאַגערטער שטאָט אויף אַזאַ אופן: זיינע תּלמידים האָבן אים אָנגעטאָן אין תּכריכים, ווי אַ געשטאָרבענעם, און אַרויסגעטראָגן אין אַ קאַסטן הינטערן שטאָט, וואו עס איז געשטאַנען דער רוימישער לאַגער. דאָ איז יוחנן געקומען צום רוימישן הויפּט־קאָמאַנדיר טיטוסן און געזאָגט: „לאָז מיך באַזעצן זיך מיט מיינע תּלמידים אין יבנה און גרינדן דאָרטן אַ לערן־הויז“. טיטוס האָט גערן דערפילט די בקשה פון דעם אידישן געלערנטן, וואָס איז געשטאַנען פאַר שלום מיט די רוימער.

איינגעכן איז צו דער קליינער חברה אין יבנה צוגעקומען אַ מאַסע אַנטלאָפענע פון ירושלים. עס האָט זיך געהערט אַ יאָמער: דער בית־המקדש איז פאַרברענט, די כּהנים געהרגעט, די גאַנצע שטאָט פאַר־וויסטעט, — וואָס זאָלן מיר איצטער טאָן? רבי יוחנן האָט געטרייסט די עלנדע: „יאָ, דער בית־המקדש איז חרוב און קרבּנות קענען מיר מער ניט ברענגען, אָבער גאָט איז דאָך אומעטום, און מיר קענען אים דינען מיט תּפילות, פאָלגן זיין הייליקער תּורה און פירן זיך ווי ער האָט געבאָטן“. רבי יוחנן און זיינע פריינד האָבן געגרינדעט אין יבנה ניט נאָר אַ „בית־הכּנסת“ פאַר דאַוונען און אַ בית־המדרש פאַר לערנען,

ניירט אויך אַ נייעם בית-דין אָדער סַנהֶדרין פאַר געזעצגעבונג און געריכט, ווייל דאָס פאָלק האָט נאָך ניט פאַרלאָרן דאָס רעכט צו לעבן נאָך זיינע אייגענע געזעצן. גראָד האָט זיך דאָ, אין יַבנה, געפונען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט רעכט צו פאַרנעמען דעם אָרט פון אַ „נשיא" (פּרעזידענט) אין סַנהדרין. דאָס איז געווען גַמליאֵל, אַן אוראייניקל פון דעם גרויסן הילל, וואָס ער און זיינע קינדס-קינדער זיינען תמיד געווען פּרעזידענט אין דער געזעצגעבערישער קאָלעגיע פון אַלטן ירושלימער סנהדרין. גַמליאֵלס פאָטער, דער נשיא שמעון, איז דערהרגעט געוואָרן בשעת דער מלחמה, און יוחָנן בן זַכּאי האָט אויפגעהאָדעוועט זיין קליינעם זון און אים צוגעגרייט צו דער הויכער שטעלע פון אַ נשיא אין דעם נייעם סַנהדרין. די רוימישע רעגירונג האָט גַמליאֵלן אָנערקענט פאַר אַ פאָרשטייער פון אידישן פאָלק מיט דעם טיטול פּאַטריאַרך, דער עלטסטער פון פאָלק.

אין דעם סַנהדרין פון יַבנה האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע אויפבוי-אַרבעט. איצט איז דער סַנהדרין באַשטאַנען פון לויטער פּרושים, ווייל די צדוקים זיינען שוין כּמעט פאַרשוואונדן; די געלערנטע פון בית-הילֵל און בית-שַמאי האָבן אויסגעאַרבעט נייע געזעצן, כּדי צופּאַסן די תורה צו דער נייער לאַגע פון פאָלק. בית-הילל און בית-שמאי פלעגן זיך אָפט קריגן: יעדע גרופּע פון געלערנטע האָט אויסגעטייטשט די ווערטער פון דער תורה אויף איר שטייגער; אָבער דער נשיא גמליאל האָט זיי געהאַלטן אין צוים און האָט געצוואונגען די מינדערהייטן אין סנהדרין זי זאָל פאָלגן די באַשלוסן פון דער מערהייט, וואָס איז געווענטלעך געווען פון בית-היללס צד. אַזוי האָט מען געמאַכט אַ סֵדר אין די טאָג-טעגליכע תּפילות, וואָס זיינען איצטער געוואָרן דער עיקר אין גאָטס-דינסט, נאָכדעם ווי עס זיינען בָטל געוואָרן די קָרבָּנות אין בית-המקדש. מען האָט אָנגענומען אַ געזעץ צו דאַווענען דריי מאָל אין טאָג: אין דער פרי (שַחרית), פאַרנאַכט (מִנחָה) און ביינאַכט (מַעריב). די לאַנגע תפילה „שמונה עֶשרה" (אַכצען בּרָכות) איז דערגאַנצט געוואָרן מיט אַ תפילה וועגן דער אויפלעבונג פון ירושָלַיִם אין דער צוקונפטיקער אידישער מלוכה. דער סַנהדרין האָט אָנגענומען נאָך אַ סך געזעצן, וואָס זייער צוועק איז געווען איינצואָרדנען דאָס לעבן אין דער מִשפָּחה און אין די קהילות.

אַזוי זיינען געלערנטע געזעצגעבער געוואָרן פירער פון פאָלק. נאָך דעם טויט פון רבי יוחנן בן זכאי איז געוואָרן באַרימט ר ב י ע ק י ב א. וועגן זיין לעבן דערציילט מען אַט וואָס: אין דער יוגנט איז עקיבא געווען אַן אָרימער פאַסטוך ביי אַ ירושלימער גביר און האָט זיך פאַרליבט אין זיין טאָכטער רָחל; דאָס יונגע מיידל האָט איינגעשטימט חתונה האָבן מיט אים, מיט איין תּנאַי: ער זאָל ווערן אַ געלערנטער. דער רייכער פאָטער, וואָס איז ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט אַ פאַסטוך, האָט אַרויסגעטריבן די טאָכטער פון שטוב און זי האָט געלעבט מיט עקיבאַן אין גרויסער נויט. עקיבא איז אומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און געלערנט תורה ביי די בעסטע לערער. אין פיל יאָרן אַרום האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פרוי אַלס אַ באַרימטער געלערנטער, מיט אַ גרויסער צאָל תּלמידים. רבי עקיבא האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דעם סַנהדרין פון יַבנה. מען פלעגט זאָגן וועגן אים, אַז „אויף יעדן צווייגל פון דער תורה האָט ער אָנגעהאַנגען בערג מיט הֲלָכוֹת", דאָס הייסט מיט סבָרות און באַווייזן פאַר נייע געזעצן. דאָס האָט ער געטאָן כּדי צו פאַרשטאַרקן דעם אידישן גלויבן און דורך דעם דאָס פאָלק. אָבער ער האָט אויך געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי גרינגער צו מאַכן דעם יאָך פון פרעמדער הערשאַפט.

שווער איז געווען די רוימישע הערשאַפט. טיטוס, וואָס האָט חָרוב געמאַכט ירושָלַים און איז געוואָרן קיסר נאָכן טויט פון זיין פאָטער וועספּאַסיאַן, איז ניט געווען קיין גוטער פריינד פון אידישן פאָלק. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ער געהאַט אַ אידישע געליבטע, די שיינע בערעניקאַ, אַ שוועסטער פון דעם פרינץ אַגריפּאַ דעם צווייטן; מען האָט גערעכנט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן און מיט דער צייט וועט זי ווערן אַ מַלכּה פון רוים; אָבער ווען טיטוס איז געוואָרן קיסר, האָט ער בערעניקאַן דערווייטערט, ווייל די רוימער וואָלטן ניט דערלאָזט, אַז אַ קינד פון דעם פיינדלעכן פאָלק זאָל זיין ביי זיי אַ מַלכּה. די קיסרים, וואָס זיינען געווען נאָך טיטוסן, האָבן זיך באַצויגן שלעכט צו אידן און האָבן בכלל געדריקט די פעלקער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זייער הערשאַפט. דער קיסר דאָמיציאַן, טיטוסעס ברודער, האָט זייער געדריקט די אידישע באַפעלקערונג מיט שווערע שטייערן און אַנדערע גזירות. דער נשיא גַמליאל, רבי עקיבא

און נאָך צוויי מיטגלידער פון סנהדרין זיינען געפאַרן קיין רוים בעטן, מען זאָל אָפּשאַפן די שווערע גזירות. ווען זיי האָבן דערזעען די לע־בעדיקע, פריילעכע וועלט־שטאָט, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זייער אייגענער חרובער הויפּט־שטאָט ירושלים און האָבן זיך צעוויינט; נאָר עקיבא האָט זיך איינגעהאַלטן און געזאָגט: „צו וואָס זאָלן מיר וויינען? אויב גאָט טוט אַזוי פיל גוטס צו די, וואָס טוען ניט זיין ווילן, וועט ער דאָך אַוודאי שפּעטער באַפרידיקן יענע, וואָס טוען זיינע געבאָטן און ליידן צוליב דעם צרות". אָבער צו לאַנג איז נאָך געבליבן צו וואַרטן אויף גאָטס ישועה. אין פאָלק האָבן נאָך געטליעט פונקען פון דער אַמאָליקער גרויסער שריפה, וואָס האָט געבראַכט צו דעם חורבן פון ירושלים, און אינגעכן האָבן זיך די פונקען ווידער צעפלאַקערט.

צוויי רוימישע קיסרים, טראַיאַן און אַדריאַן, וואָס האָבן געפירט מלחמות אין אַזיע און אַפריקע, האָבן צערייצט די אידן אומעטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן די רוימישע הערשער. די אידישע באַפעלקערונג אין די גלות־לענדער (דיאַספּאָראַ) איז אויפ־געשטאַנען קעגן טראַיאַנס סאָלדאַטן און האָט זיי אין פיל ערטער געשלאָגן; אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך אויפגעהויבן אויך די אידן אין יהודה קעגן דעם קיסר אַדריאַן. דעם דאָזיקן קיסר איז געקומען אויפן זינען אַ ווילדער געדאַנק: אויפבויען די שטאָט ירושלים ניט פאַר אידן, נאָר פאַר גויים, בויען דאָרטן אַ גוייִשן טעמפּל און אַריינשטעלן אין אים די גריכיש־רוימישע אָפּגעטער: זעוס־יופּיטער און אַנדערע. דאָס האָט דעם פאָלק דערמאָנט די אַמאָליקע צייטן פון דעם רשע אַנטיוכוס און דעם העלדישן אויפשטאַנד פון די חשמונאים. די געדולד פון פאָלק האָט געפּלאַצט. עס האָבן זיך באַוויזן נייע העלדן, וואָס האָבן אויפ־געהויבן די פאָן פון דער רעוואָלוציע מיט דעם לאָזונג: „שלאָגט די רוימער און באַפרייט דאָס אידישע פאָלק!"

דער פירער פון די רעוואָלוציאָנערן איז געווען בר־כוכבא (אַן אַראַמעאישער נאָמען, וואָס הייסט „דער זון פון אַ שטערן"). דאָס איז געווען אַ גיבור און אַ פייערדיקער פּאַטריאָט, אַזוי ווי דער אַמאָליקער זעלאָטן־פירער בר־גיורא. טויזנטער אידישע פּאַטריאָטן האָבן זיך געשטעלט אונטער זיין פאָן. זעענדיק די באַגייסטערונג פון די מאַסן, איז רבי עקיבא אויך צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד, און דאָ האָט זיך כמעט

דאָס גאַנצע פאָלק אַריינגעוואָרפן אין קריג קעגן די רוימער. אין פיל שטעט פון יהודה און גליל האָבן באַוואָפנטע אידישע קעמפער צושלאָגן און פאַרטריבן די רוימישע גאַרניזאָנען; עס איז גאָר נאָענט געווען דערצו, זיי זאָלן פאַרכאַפּן ירושלים. דאָ האָט אַדריאַן געשיקט קעגן זיי אַ גרויסע אַרמיי אונטער דער פירונג פון זיין בעסטן גענעראַל סעווערוס (אַסוירוס). דריי יאָר האָט געדויערט דער בלוטיקער קריג, ביז די רוימער האָבן אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד. נאָכדעם ווי טויזנטער אידישע קעמפער זיינען געפאַלן אין קריג, האָט זיך בר־כּוכבא מיט זיין אַרמיי באַפעסטיקט אין דער שטאָט בּיתּר, נית וויים פון ירושלים; די רוימער האָבן באַלאַגערט די פעסטונג און האָבן זיך אהין אַריינגעריסן נאָכדעם, ווי אַ שפּיאָן האָט זיי באַוויזן אַן אונ־טערערדישן דורכגאַנג. בר־כּוכבא און זיינע העלדן זיינען געפאַלן. די שטאָט ביתר איז צעשטערט געוואָרן אַזוי, אַז פון איר זיינען נאָר חורבות געבליבן (אין יאָר 135 נאָך קריסטוס־געבורט).

דער קיסר אַדריאַן האָט זיך שרעקלעך נוקם געווען אין אידן פאַר זייער אויפשטאַנד. ער האָט באַשלאָסן אויסצוּוואָרצלען די אידישע אמונה און אירע געזעצן, וואָס דער סנהדרין פון יבנה האָט דורך זיי פאַראייניקט און פאַרשטאַרקט דאָס אידישע פאָלק. ער האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז אידן טאָרן נים לערנען זייער תּורה אין די שולן, אָפּהיטן שבּת און די מצווה פון מילה פאַר געבאָרענע אינגלעך; די וואָס פאָלגן נים, ווערן באַשטראָפט מיט טויט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַרן גלויבן: פיל מענטשן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געפאָלגט גאָטס געבאָט און נים דעם קיסר.

באַזונדערס האָבן געליטן די סנהדרין־לייט, די גייסטיקע פירער פון פאָלק. ווען מען פלעגט זיי כאַפּן ביים לערנען תּורה, פלעגט מען זיי אַריינזעצן אין תּפיסה און פאַרמשפּטן צום טויט. רבי עקיבא האָט דערפון געהערט און פונדעסטוועגן האָט ער אָפן געלערנט תּורה מיט זיינע תּלמידים. זיינע פריינד האָבן אים געפרעגט: „האָסטו נים מורא פאַר די רוימער?" האָט זיי רבי עקיבא געענטפערט מיט אַ שיינעם משל: „איינמאָל איז אַ פוקס געשטאַנען ביים ברעג טייך און זעענדיק ווי די פישעלעך לויפן אום אין וואַסער, האָט ער זיי געפרעגט: פון וועמען אַנטלויפט איר? האָבן די פישעלעך געענטפערט: פון די נעצן,

מיט וועלכע מענטשן ווילן אונז פאַנגען. טאָ קומט-זשע — זאָגט דער כיטרער פוקס — צו מיר אויפן ברעג, וועט איר גאַנץ בלייבן. ניין — ענטפערן די קלוגע פישעלעך — אויב פאַר אונז איז אַ סכּנה אין וואַסער, וווּ מיר קענען אָטעמען, איז דאָך אויף דער ערד פאַר אונז אַ זיכערער טויט. אַזוי — האָט רבי עקיבא געזאָגט — איז אויך מיט אונז, אידן: ווי אַ פיש אָן וואַסער קענען מיר ניט לעבן אָן דער תּורה; אויב מיר זאָלן מורא האָבן לערנען תּורה, דאַרפן מיר נאָך מער מורא האָבן ניט צו לערנען".

באַלד האָט מען רבי עקיבאן געכאַפּט און פאַרמשפּט צו אַ שרעקלעכן טויט: מען האָט מיט אייזערנע צוואַנגען געריסן פון אים שטיקער לייב. ער איז געשטאָרבן מיט דעם געשריי: „שמע ישׂראל, אונזער גאָט איז דער איינציקער!" רבי עקיבא איז געווען איינער פון די צען גרויסע לערער, וואָס מען האָט באַשטראָפט מיט טויט נאָך דעם אויפשטאַנד („עשׂרה הרוגי מלכות"). אין אַ באַזונדער לאַנגער תּפילה יום-כּפּור און תּשעה-באָב באַוויינט נאָך ביז היינט דאָס אידישע פאָלק דעם מאַרטירער-טויט פון די דאָזיקע קדושים.

נאָך זיין בלוטיקן ניצחון האָט אַדריאַן אויסגעפירט זיין פּלאַן: ירושלים איז איבערגעבויט און באַזעצט געוואָרן מיט ניט-אידן; אַ איד האָט זיך דאַרטן ניט געטאָרט באַווייזן. אויף דעם אָרט פון בית-המקדש איז געשטאַנען אַ טעמפּל מיט אַ גרויסער סטאַטויע פון יופּיטער און פון דעם קיסר אַדריאַן. די שטאָט האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען: עליאַ קאַפּיטאָלינאַ, לכּבוד דעם קיסרס נאָמען עליאַ אַדריאַן און דעם באַרג קאַפּיטאָל אין רוים, וווּ עס איז געשטאַנען די גרעסטע סטאַטויע פון דעם רוימישן גאָט יופּיטער.

דאָס איז געווען לערך מיט אַכצענהונדערט יאָר צוריק (אין די יאָרן 132—138 נאָך דער קריסטלעכער רעכענונג).

---

22. פּאַטריאַרכן און אַקאַדעמיעס אין ארץ-ישׂראל. די קריסטלעכע מלוכה

נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר-כּוכבא איז דאָס לאַנד יהודה געווען פאַרוויסטעט, די איבערגעבליבענע אידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט

איבערוואַנדערן אין דעם אַנדערן טייל פֿון אֶרץ־ישראל — אין גָליל. פֿון דער חָרובֿער שטאָט יַבנה איז דער סַנהדרין מיט די גרויסע לערער־שולן (אַקאַדעמיעס) אַריבערגעגאַנגען צוערשט אין דער גָלילשער שטאָט אוּשָא און שפּעטער אין ציפּורי און טבַריָה. אַהער זיינען זיך צונויפֿגעקומען יענע פּירער פֿון די קהילות, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון אַדריאַנס רדיפֿות קיין אויסלאַנד, אין בָבֶל און אַנדערע לענדער.

נאָך אַדריאַנס טויט האָט דער נייער קיסר אַנטאָנין פּיוס אָפּגעשאַפֿט זיינע בייזע דעקרעטן; אידן האָבן ווידער באַקומען פֿרייהייט פֿון גלויבן און זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין זייערע קהילות. עס האָט זיך געבילדעט אַ נייער סַנהדרין; זיין פֿאָרזיצער מיט דעם אידישן טיטול „נשיא" און דעם רוימישן טיטול „פּאַטריאַרך" איז געוואָרן שמעון בֶן גַמליאֵל, אַ זון פֿון גמליאל, דעם פֿריערדיקן נשיא פֿון יַבנֶה. אין סנהדרין זיינען אריין רבי עקיבאס תּלמידים, וואָס מען פֿלעגט זיי רופֿן „תַּנאים" — לערער, געלערנטע. איינער פֿון די גרעסטע תַּנאים אין יענער צייט איז געווען רַבי מֵאיר.

דער נאָמען „מֵאיר" האָט געהייסן אין העברעאיש „דער ליכטיקער", און מען פֿלעגט זאָגן, אַז רבי מאיר איז געווען אַ ליכט פֿאַר זיין פֿאָלק. אין זיין אַקאַדעמיע, וואָס איז געווען פֿול מיט צוהערער, האָבן זיינע תּלמידים און חַבֵרים געפֿירט הייסע וויכּוחים וועגן אַלע פֿראַגן פֿון גלויבן און געזעצגעבונג, און ער האָט אויף אַלע פֿראַגן געגעבן קלאָרע תּשובֿות. רבי מֵאיר איז געגאַנגען אין דעם וועג פֿון זיין לערער רבי עקיבֿא: ער האָט געזוכט צו באַפֿעסטיקן אידישקייט אין פֿאָלק דורך שטרענגע געזעצן. נאָר איינער פֿון זיינע עלטערע חַבֵרים, אֶלישע בֶן אַבוּיָה, איז געגאַנגען מיט אַן אַנדערן וועג. ער האָט זיך אָנגעלייענט גריכישע ביכער און איז געקומען צו דער מיינונג, אַז די אידישע וויסנשאַפֿט, דאָס תּורה־לערנען, איז איינזייטיק; ער האָט ניט געהאַלטן פֿון דער שטרענגער אידישקייט און האָט אַלעמען אויפֿגעבראַכט מיט זיין פֿרייען אויפֿפֿיר. מען האָט אים גערופֿן „אַחֵר", דער אַנדערער, דער פֿרעמדער. אַלע האָבן זיך פֿון אֶלישען דערווייטערט; אײן רבי מאיר פֿלעגט אים נאָך באַזוכן און איינרעדן, ער זאָל תּשובה טאָן; אֶלישע האָט אים געענטפֿערט: „איך האָב געהערט נאָכט

קול: קערט זיך אום צו מיר, אַלע פֿאַרבלאָנדזשעטע, חוץ אַחֵרן, ווייל ער האָט דערקענט מיין מאַכט און האָט מיך דאָך פֿאַרלאָזן".

רבי מאיר האָט געהאַט אַ געלערנטע און קלוגע ווייב, ברוריָה. ווען איר פֿרומקייט דערציילט מען אַזאַ מעשה. איינמאָל שַבָּת איז זי געבליבן אין דער היים מיט צוויי שווער קראַנקע קינדער; מֵאיר איז זייער שפּעט געזעסן אין שול און ביז ער איז געקומען אַהיים, זיינען די קינדער געשטאָרבן. כּדי ניט צו פֿאַרשטערן דעם שַבָּת, האָט ברוריָה דעם גאַנצן טאָג גאָרניט דערציילט דעם מאַן, און ערשט מוֹצָאֵי שַבָּת האָט זי געפֿרעגט אַ שַאלה: „איינער האָט מיר געגעבן אַ פּיקָדון (אַ זאַך צו באַהאַלטן) און איצט וויל ער דאָס אָפּנעמען, — זאָל איך אים אָפּגעבן?" — „פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעבן", האָט מאיר געענטפֿערט. דאַן האָט ברוריָה אַריינגעפֿירט דעם מאַן און אים באַוויזן די ביידע טויטע קינדער. מאיר האָט אָנגעהויבן שטאַרק וויינען, אָבער ברוריָה האָט אים געטרייסט: „האָסטו מיר ניט ערשט געזאָגט, אַז מען מוז אומקערן דעם פּיקדון יענעם, פֿון וועמען מען האָט אים באַקומען? גאָט האָט אונז די קינדער געגעבן און איצט האָט ער זיי צוריק גענומען. געבענטשט זאָל זיין דער הייליקער נאָמען זיינער!"


23. חורבות פֿון אַ שול אין גָליל

נאָך פֿיל תַּנאים זיינען געווען צו יענער צייט. דער פּאַטריאַרך רבי שמעון בֶּן גַמליאל אַליין איז געווען אַ גרויסער תַּנא און האָט מיט רבי מאירן אָפֿט געאַרבעט אין דער אַקאַדעמיע. נאָך זיין טויט איז געוואָרן פּאַטריאַרך זיין זון רבי יהוּדָה הַנָשׂיא. רבי יהודה האָט געלעבט אין דער הויפּט-שטאָט פֿון גָליל, ציפּורי,

און אהין האָט זיך אין יענער צייט אַריבערגעטראָגן דער סַנהדרין מיט דער גרויסער אַקאַדעמיע. אין ביידע אַנשטאַלטן איז רבי יהודה געווען דער פירער. ער איז געווען צוגלייך אַ וועלטלעכער מענטש, וואָס האָט גערעדט גריכיש און לאַטייניש מיט די רוימישע הערשער (מען דער־ציילט, אַז ער איז געווען באַפריינדעט מיט דעם צווייטן קיסר פון אַנ־טאָנינס הויז), און אויך אַ גרויסער קענער אין אידישער וויסנשאַפט. יהודה הנשיא איז געווען זייער רייך און האָט אויסגעהאַלטן אויף זיינע קאָסטן אַ סך אָרימע געלערנטע און תּלמידים פון זיין אַקאַדעמיע. מען פלעגט פאָרן קיין ארץ־ישראל פון בּבל און אַנדערע לענדער, כּדי צו הערן די תּורה פון דעם געלערנטן נשיא. רבי יהודה האָט געזאָרגט ניט פאַר זיין צייט אַליין, נאָר אויך פאַר שפּעטערע צייטן: ער האָט באַמערקט, אַז די „תּורה שֶבּעל פּה", די ניט געשריבענע געזעצן און פּירושים צו דער אַלטער תּורה, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון פיל דורות, קענען מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן, אויב מען וועט זיי ניט פאַר־שרייבן אין אַ בּוך, וואָס זאָל זיין אָנערקענט פון אַלע תּנאים. אַזאַ זאַמלבּוך האָט רבי יהודה מיט דער הילף פון זיינע חבֵרים פאַרפאַסט און האָט עס אָנגערופן „מִשנָה", דאָס הייסט די צווייטע תּורה. דאָ זיינען געווען פאַרשריבן אי אַלע צוגאָב־געזעצן צו דער תּורה, אי די מיינונגען פון פאַרשיידענע תּנאים וועגן דער אָדער יענער פראַגע.

די „מִשנָה" איז געווען ווי אַ צווייטער שטאָק, אויפגעבּויט איבּער דעם ערשטן שטאָק, דער „תּוֹרַת־מוֹשה". פון איצט אָן האָט מען שוין געלערנט אין די שולן ביידע תּורות, און שאַרפע קעפּ האָבן געפאָרשט, אויף וויפיל די מִשנָה שטימט מיט דער תּורה און וועלכע פון די פאַר־שיידענע מיינונגען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט אין דער מִשנָה, זיינען די ריכטיקע. די דאָזיקע פאָרשער האָבן שוין ניט געהייסן „תּנאים", נאָר „אַמוֹרָאים" — זאָגער. עטלעכע דורות פון אמוֹרָאים האָבן אין די אַקאַדעמיעס פלייסיק שטודירט די מִשנה און פון איר אַרויסגעצויגן נייע געזעצן, וואָס מען האָט געמוזט שאַפן, כּדי צו רעגולירן דאָס לעבּן פון פאָלק. עס האָט זיך ווידער אָנגעזאַמלט אַ „תּורה שֶבּעל פּה", וואָס מען האָט זי געמוזט פאַרשרייבּן, כּדי זי זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. דער דאָזיקער דריטער שטאָק אויף דער אַלטער תּורה האָט געהייסן „גמרָא" — די פאַרענדיקונג (גמַר) פון דער מִשנה. די מִשנה און די גמרא צוזאַמען

האָבן געהייסן „תּלמוּד“ — די לערע, דאָס שטוּדיוּם. דער ערשטער תּלמוּד, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין די שוּלן פוּן אֶרץ־ישׂראל, האָט שפּעטער באַקוּמען דעם נאָמען „תּלמוּד ירוּשלמי“.

אין יענער צייט האָבן די פּאַטריאַרכן געלעבט אין דער שטאָט טבריה, וואוּהין עס האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער סנהדרין מיט דער הויפּט־אַקאַדעמיע. די שפּעטערע פּאַטריאַרכן, אייניקלעך און אוּר־אייניקלעך פוּן יהוּדה הנשׂיא, זיינען ניט געווען אַזוי געלערנט ווי ער; זיי האָבן נאָר געפירט די געשעפטן פוּן די פּאַלעסטינער קהילות, גע־מאָנט ביי זיי די שטייערן פאַר דער רוימישער רעגירוּנג, ווי אויך פאַר דער זעלבסטפאַרוואַלטוּנג. דאָס זיינען געווען העכערע אידישע באַ־אַמטע, פאַרמיטלער צווישן דער אידישער באַפעלקערוּנג און די רוימישע הערשער. מיט דער צייט אָבער איז די ראָלע פוּן די פּאַטרי־אַרכן געוואָרן אַלץ שווערער, ווייל עס האָט זיך בכלל פאַרערגערט די אידישע לאַגע אין אֶרץ־ישׂראל.

דריי הוּנדערט יאָר האָט זיך די קריסטלעכע רעליגיע לאַנגזאַם פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער פוּן דער רוימישער אימפּעריע; די הערשער און די מערהייט פוּן דער באַפעלקערוּנג פלעגן פאַרפאָלגן די קריסטן און אָנטאָן זיי צָרות. ערשט אין פערטן יאָרהוּנדערט האָט דער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין אָנגענוּמען די קריסטלעכע אֶמוּנה און האָט זי דערקלערט פאַר דער הערשנדיקער רעליגיע אין דער רוי־מישער אימפּעריע. זיינע נאָכפאָלגער, די שפּעטערע קיסרים, האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פאָרשטייער פוּן דער קריסטלעכער קירך, די בישאָפן, און אָנגעהויבן רודפן די אַנדערש גלויביקע גויים און אידן. קעגן אידן האָט מען אַרויסגעגעבן געזעצן, וואָס האָבן באַגרעניצט זייערע בירגערלעכע רעכט; מען האָט ניט געלאָזן בויען נייע סינאַ־גאָגעס; אָפט פלעגן פאַנאַטישע קריסטן אָנפאַלן אויף די סינאַגאָגעס און צעשטערן זיי. איין איינציקער קיסר, מיטן נאָמען יוּליאַן דער אַפּאָסטאַט (אַפּיקורס), וואָס איז געווען אַ געגנער פוּן קריסטן, האָט געוואָלט פאַרבעסערן די אידישע לאַגע און אַפילוּ צוגעזאָגט ווידער אויפבויען אין ירוּשלים דעם בית־המקדש, אָבער ער איז אינגיכן גע־פאַלן, און נאָך אים האָבן שוין געהערשט קריסטלעכע פאַנאַטיקער.

אין פינפטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס־געבורט איז די גרויסע רוימישע אימפּעריע געווען צעטיילט אין צוויי טיילן: די מערב־מלוכה מיט דער הויפּשטאָט רוים און די מזרח־מלוכה אָדער ב י ז אַ נ ץ מיט דער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. צו דער לעצטער האָט געהערט אויך דאָס לאַנד פּאַלעסטינע. די ביזאַנטישע קיסרים, זייער פרומע קריסטן, האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן, אַז אידן, וואָס האָבן אַמאָל אָפּגעוואָרפן די רעליגיע פון גאָטס זון ישו הנוצרי, זאָלן קענען אין דעם הייליקן לאַנד לעבן רואיק, האַלטן זייער אַלטן גלויבן, האָבן זייערע פּאַטריאַרכן, סנהדרין, אַקאַדעמיעס. דער קיסר טעאָדאָסיוס דער צווייטער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצונעמען ביים לעצטן פּאַטריאַרך, גמליאל דעם זיבעטן, דאָס רעכט פון אַ פאַרוואַלטער אין די אידישע קהילות (יאָר 429). פון יענער צייט אָן האָט דער אידישער צענטר אין אָרץ־ישראל פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן איינפלוס אויף די אידישע ישובים אין אַנדערע לענדער, אין דער דיאַספּאָרא. דאָ זיינען אויפגעוואַקסן נייע אידישע קיבוצים, וואו עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן איינגענע נאַציאָנאַלע קולטור אין דער זעלביקער ריכטונג, ווי אין אָרץ־ישראל.

---

23. דער אידישער צענטר אין בָּבֶל. דער תַּלמוּד

צו יענער צייט איז ב ָ ב ֶ ל געוואָרן דאָס צווייטע ארץ־ישראל. דאָס לאַנד מעסאָפּאָטאַמיע אָדער בָּבֶל איז ניט געשטאַנען אונטער רוימישער הערשאַפט. דאָ האָבן געהערשט פריער די פ אַ ר ט ע ר און שפּעטער די פ ע ר ס ע ר. אין די שטעט סורא, נהרדעא, פומבדיתא און אַנדערע זיינען געווען גרויסע אידישע קהילות; זייער פיל אידן האָבן געלעבט אין די דערפער. די קהילות האָבן געהאַט איבער זיך אַן אויבער־פאַרוואַלטער, וואָס האָט געהייסן ע ק ס י ל אַ ר ך אָדער אין אַראַמעאיש „ריש גלותא“ (דער פירשט פון גָלות). דער עקסילאַרך אין בָּבל האָט געשפּילט די זעלביקע ראָלע, ווי דער פּאַטריאַרך אין ארץ־ישראל. די עקסילאַרכן האָבן אויך גערעכנט זייער יחוס פון דויד המלך, און זייער מאַכט פלעגט אַריבערגיין אין איין משפּחה פון פאָטער צום זון. דער פערסישער קיניג פלעגט באַשטעטיקן אין אמט יעדן

נייעם עקסילאַרך, וואָס איז געווען מחויב צו זאַמלען פאַר אים די שטייערן בײַ אידן: דערפאַר איז ער געווען זייער אָנגענומען אין קיניגלעכן הויף און האָט געקענט אויסבעטן פאַר אידן מער רעכט און פּריווילעגיעס. דער עקסילאַרך איז געווען דער אויפזעער אויף אַלע אידישע קהילות; ער האָט דאָרטן באַשטימט באַאַמטע און ריכטער (דַייָנים) און האָט געהאַט די מאַכט צו שטראָפן יעדערן פאַר ניט פאָלגן די געזעצן פון דער מלוכה. אַליין האָט ער זיך געפירט ווי אַ קליינער אידישער מֶלֶך, געהאַט אַרום זיך פיל באַאַמטע און דינער, וואָס פלעגן אָפט שטאַרק דריקן דאָס אָרימע פאָלק.

מער ווי דער וועלטלעכער פירשט, דער עקסילאַרך, האָבן אין בָּבל אויפגעטאָן פאַרן פאָלק זיינע גייסטיקע פירער, די געלערנטע, וואָס האָבן דאָ אויך געהייסן אַמוֹרָאִים, ווי אין ארץ־ישראל. אין דער ציי‍ט, ווען רבי יהודה הַנשיא האָט צונויפגעשטעלט די משנה אין ארץ־ישראל, האָבן אין זיין שול געלערנט און אים געהאָלפן אין דער אַרבעט צוויי תּלמידים פון בָּבל: אַבַּא אַרִיכָא און שמוּאֵל. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי דאָ געשאַפן גרויסע תּלמודישע שולן נאָך דעם מוסטער פון די אַקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל. אַבָּא אַריכא, וועלכן מען האָט אויך גערופן מיט זיין טיטול רַב, האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין דער שטאָט סורא, און זיין חַבר שמוּאֵל איז געוואָרן ראָש־ישיבה אין נְהַרְדָעא. ביידע האָבן געפאָרשט די געזעצן פון דער תּורה און דער מִשנָה און האָבן זיי צוגעפּאַסט צו דעם נייעם לעבן אין בָּבל. אין די ישיבות האָבן געלערנט הונדערטער תּלמידים, וואָס זיינען געקומען פון גאַנצן לאַנד. דער תַּלמוד איז געווען די העכערע בילדונג פון יענער צייט, און אַלעמען האָט געצויגן צו איר — יונג און אַלט, רייך און אָרים. עס זיינען געווען לערער אויך מיט וועלטלעכע קענטעניש. אַזוי, למשל, איז שמוּאֵל געווען אַ גרויסער קענער אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „מיר זיינען די וועגן אין הימל (די לאַגע פון אַלע שטערן) אַזוי גוט באַקאַנט, ווי די גאַסן אין נְהַרְדָעא“. שמוּאל איז געווען באַפריינדעט מיט דעם פּערסישן קיניג שַאבּוּר און האָט געהאַלטן, אַז אידן דאַרפן זיין געטריי דער פּערסישער מאַכט און פאָלגן די געזעצן פון דער מלוכה אַזוי ווי זייערע אייגענע דינים („דינא דמלכותא דינא“).

רַב און שמואל זיינען געווען די באַגרינדער פון דער תַלמודישער בילדונג אין בָבל. נאָך זיי זיינען געקומען פיל אַנדערע לערער, וואָס זיינען געווען „רָאשי־ישיבות“ אין די אַקאַדעמישע שטעט סורא, נהַרדָעא און פומבדיתא. מען האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר תַלמידים אין די ישיבות און פאַר אַ גרעסערן עולם אין פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. אין די ישיבות פלעגט מען פירן שאַרפזיניקע וויכּוחים (דיסקוסיעס) וועגן יעדער פראַגע, אפילו וועגן יעדן וואָרט פון דער תורה און פון דער מִשנה. דאָס האָט געהייסן „פּילפּול“, שאַרפער פעפער. ווער עס האָט אַרויסגעוויזן מער קונצן אין פילפול, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן קאָפּ, אַן „עוקר הרים“, וואָס פירט צונויף אַ באַרג מיט אַ באַרג. אַלע מיינונגען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די שולן, פלעגן די געלערנטע איבערגעבן „בעל פה“, פון מויל צו מויל, אָדער פלעגן פאַרשרייבן פאַר זיך, אָבער ניט פאַרשפּרייטן אין פאָלק אין געשריבענע ביכער. אַזוי האָט זיך ווידער אָנגעזאַמלט אין משך פון צוויי הונדערט יאָר אַ נייע „גמרא“, אַ פירוש צו דער מִשנה, נאָך אַ גרעסערער ווי אַמאָל אין ארץ־ישראל. איז געקומען אַ גרויסער אַמורא, רַב אַשי, דער ראש־ישיבה אין סורא, און האָט מיט דער הילף פון זיינע חברים און תלמידים צונויפגעשטעלט די מִשנה מיט אַלע פירושים, וואָס זיינען אויף איר געמאַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע ישיבות, און דאָס אַלץ האָט מען פאַרשריבן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער געשריבענער טעקסט פון דער בַבלישער גמרא, וואָס צוזאַמען מיט דער מִשנה האָט זי באַקומען דעם נאָמען „תַלמוד־בַבלי“.

דער „תלמוד־בַבלי“ איז געווען פיל גרעסער ווי דער „תַלמוד־ירושַלמי“, וואָס איז געבליבן ניט פאַרענדיקט. דאָס איז געווען די פולשטענדיקע דריטע תורה נאָך דער תורת משה און דער מִשנה. דער תלמוד־בבלי, ווי מען האָט אים שפּעטער צונויפגעשטעלט, איז באַשטאַנען פון זעקס „סדָרים“ (אָפּטיילונגען); יעדער סֵדר האָט זיך געטיילט אויף „מסיכתות“ (טראַקטאַטן, ביכער), וואו נאָך יעדן זאַץ פון דער משנה גייט אַ לאַנגער פירוש פון דער גמרא. די גמרא באַשטייט אָבער ניט אַליין פון געזעצן און פאַרשיידענע מיינונגען וועגן זיי, נאָר אויך פון געדאַנקען און מיינונגען וועגן אַלערליי ענָינים און לעבנס־פראַגן. דער דאָזיקער טייל הייסט אַגָדה (מעשיות, לעגענדעס), צום

אונטערשייד פון דעם וויסנשאַפטלעכן טייל הֲלָכָה (געזעצפאָרשונג). אין דער אַגָדה ליגט אַ גאַנצער אוֹצָר פון געדאַנקען וועגן מאָראַל און באַציאונגען צווישן מענטשן, דערציילונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, מעשׂיות פון פאָלקס־לעבן, פאָרשטעלונגען פון דער נאַטור און אַלערליי רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע מיינונגען. דאָס איז דער אינטערעסאַנטסטער טייל פון דעם „תַלמוד“, ווייל אין אים שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון פאָלק אין יענע צייטן. דער „תַלמוד־בַבלי“ איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דעם ערשטן שריפטלעכן טעקסט ארום 1400 יאָר צוריק (ארום יאָר 500 נאָך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג).

מיטן תַלמוד האָט זיך פאַרענדיקט דער דריישטאָקיגער בנין פון דער אידישער תּוֹרה. עס זיינען צוגעקומען צו די ביבלישע געזעצן נאָך הונדערטער געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס יעדער איד האָט געמוזט אָפּהיטן. אַזוי, למשל, איז אין דער תּוֹרה געזאָגט געוואָרן קורץ, אַז מען זאָל רוען אום שַבָּת פון געוויינטלעכע אַרבעטן; אין תַלמוד אָבער ווערן אויפגעציילט אַלע אַרבעטן, אפילו גאָר גרינגע, וואָס מען טאָר ניט טאָן אום שַבָּת: מען טאָר ניט טראָגן אפילו קליינע זאַכן אין גאַס, אומגיין מער ווי אין אַ באַשטימטן „תחום“ (גרעניץ), צורירן זיך צו אַ סך זאַכן, אויסרייסן אַ גראָז אין פעלד. צו די מינים שפּייז, וואָס די תּוֹרה האָט פאַרבאָטן צו עסן, זיינען אין תלמוד צוגעקומען נאָך אַ גרויסע צאָל פאַרבאָטענע שפּייזן. שווער איז געווען דעם אידן אָפּ־צוהיטן אַלע שטרענגע געזעצן פון דעם תַלמוד, אָבער ער האָט דאָס געמוזט טאָן, כּדי צו האַלטן זיך פעסט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פאָלק, וואָס האָט זיך דורך אַ באַזונדערער לעבנספירונג געוואָלט אָפּשיידן פון די אַרומיקע פרעמדע פעלקער.

24. דאָס אידישע לעבן אין אֶרץ־יִשׂראֵל און בָּבֶל אין דער צייט פון תלמוד

פון דער גרויסער תַלמוד־ליטעראַטור קען מען זיך דערוויסן, ווי אידן האָבן געלעבט אין זייערעביידע צענטרען, ארץ־ישראל און בָּבל, אין די ערשטע פינף הונדערט יאָר נאָכדעם, ווי עס איז געפאַלן די אידישע מלוכה.

איןביידע לענדער זיינען די הויפּט־פּ ר נ ס ו ת געווען: ערדאַרבעט, האַנטווערק און האַנדל. ע ר ד אַ ר ב ע ט האָט מען געהאַלטן פאַר דער ערלעכסטער פּרנסה. „בעסער אַ קליין שטיקל פעלד, איידער אַ גרויסער סחורה־לאַגער" — פלעגט דער אַמורא רב זאָגן. „ווילסטו זאַט זיין, זאָלסטו דינען דער ערד" — זאָגט אַן אַנדערער. „אַ מענטש, וואָס האָט ניט קיין אייגן שטיקל ערד, איז גאָר קיין מענטש ניט". די, וואָס האָבן געהאַט גרעסערע שטיקער באָדן, פלעגן זי צעטיילן אין דריי טיילן: איין טייל האָט מען פאַרזייט מיט קאָרן אָדער ווייץ, דעם אַנדערן פאַר־פלאַנצט מיט אייילבוימער (זיתים, אָליוון), דעם דריטן — מיט וויינ־שטאָקן. גרעסערע ערדבאַזיצער פלעגן דינגען אַרבעטער („פּועלים") צו באַאַרבעטן די פעלדער און די גערטנער; די געזעצן פון משנה און תּלמוד האָבן רעגולירט די באַציאונגען צווישן בּעל־הבּית און אַרבעטער אַזוי, אַז דער פרייער אַרבעטער זאָל קריגן אַ גערעכטן לוין און זאָל ניט פאַרקנעכטעט ווערן. ה אַ נ ט װ ע ר ק ע ר זיינען געווען פיל אין די שטעט. מען פלעגט לערנען אַ מלאָכה פון קינדוייז אויף. אין תּלמוד שטייט: „ווער עס לערנט ניט אויס זיין זון עפּעס אַ האַנטווערק, מאַכט אים פאַר אַ רויבער"; „תּורה אָן מלאכה האַלט זיך ניט פעסט". צווישן די באַרימטע אַמוראים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט האַנטווערק: רבי יוחנן דער שוסטער (הסנדלר), רבי יצחק דער שמיד (נפּחה) און אַנדערע. — פון דעם תּלמוד איז צו זעען, אַז אויך ה אַ נ ד ל האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט ביי אידן צו יענער צייט. די רייכע האָבן געפירט סחורות צווישן איין לאַנד און דעם אַנדערן, איבערן ים אָדער מיט דעם טרוקענעם וועג; מיטעלע סוחרים האָבן געהאַנדלט אין די שטעט. די וואָס האָבן אָנגעזאַמלט געלט, פלעגן דערמיט האַנדלען, פאַרלייענדיק געלט אויף צינזן (פּראָ־צענטן); עס זיינען געווען געלטגעבער (מלווים), וואָס האָבן גענומען צו גרויסע צינזן און רואינירט דעם געלטנעמער (לווה), אָבער דאָס תּלמודישע געזעץ האָט באַגרעניצט דעם פּראָצענט־זאַץ.

דאָס פ אַ מ י ל י ע ־ ל ע ב ן איז געווען באַזונדערס רעגולירט דורך שטרענגע געזעצן. אין דעם עלטער פון 14 ביז 18 יאָר האָט מען שוין געמוזט חתונה האָבן. מען האָט געהאַלטן, אַז אַ שידוך איז באַשערט פון גאָט, אַז נאָך פאַרן געבוירן פון קינדער רופט מען אויס אין הימל:

אַזאַ און אַזאַ מיידל וועט חתונה האָבן מיט אַזאַ און אַזאַ אינגל! ווען אַ שידוך פאַר קינדער האָבן געזאָרגט די עלטערן, אָבער די יונגעלייט האָבן זיך געדאַרפט זען איידער מען האָט געמאַכט „תנאים“ (אָפּמאַך צווישן די עלטערן). נאָך דער חַתונה האָט שוין דאָס ווייבל געמוזט צודעקן די האָר פון קאָפּ, צום אונטערשייד פון אַ מיידל. האָבן וואָס מער קינדער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גליק. אַ פרוי אָן קינדער איז געווען אומגליקלעך: דער מאַן האָט געקענט שיידן זיך (גֶט) מיט איר, אָדער נעמען אַ צווייטע ווייב אין הויז. געוויינטלעך אָבער זיינען פאַמיליעס מיט צוויי ווייבער געווען זייער זעלטן. אין תלמוד געפינען מיר פאַרשיידענע מיינונגען וועגן פרויען. איינער שטעלט אַ פראַגע: פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן די ערשטע פרוי חַוָה פון אָדָמס ריפּ (זייט) און ניט פון אַן אַנדער קערפּער־טייל, און ענטפערט אַזוי: וואָלט ער זי באַשאַפן פון אָדָמס קאָפּ, וואָלט זי דעם קאָפּ פאַרריסן, זיך גרויס געהאַלטן; פון אויג אָדער פון אויער — וואָלט זי געווען נייגעריק אַלץ צו זען און צו הערן; פון מויל — וואָלט זי ניט אויפגעהערט צו ריידן, פון פוס — וואָלט זי געווען אַ אומלויפערקע; איז געבליבן נאָר די ריפּ. און פונדעסטוועגן — איז מוסיף דער אָפּלאַכער פון פרויען — זיינען ווייבער געבליבן ביי די אַלע אויסגערעכנטע פעלערן. עס זיינען אָבער אויך געווען פאַרטיידיקער פון פרויען. מען דערציילט, אַז דער רוימישער קיסר האָט איינמאָל געזאָגט דעם נשיא רבי גַמליאל פון יַבנֶה: אייער גאָט איז אַ גַנב, ווייל אין אייער תורה שטייט, אַז ער האָט אָפּגענומען ביי אָדָמען אַ ריפּ צו באַשאַפן אַ פרוי ביינאַכט, ווען אָדָם איז געשלאָפן. דערביי איז געשטאַנען גמליאלס טאָכטער, האָט זי דעם קיסר געענטפערט: אין אַ הויז איז געקומען ביינאַכט אַ מענטש, צוגענומען אַ זילבערנעם בעכער און אויף זיין אָרט אַוועקגעשטעלט אַ גאָלדענעם — איז דאָס אַ גַנב? אַזוי האָט דאָך אויך גאָט געטאָן: צוגענומען אַ שטיקל ריפּ ביי אָדָמען און געלאָזן אים אַ ווייב, אַ געהילף אין לעבן.

ביי קיין פאָלק אין דער וועלט האָט מען אין יענע צייטן אַזוי פיל ניט געזאָרגט וועגן לערנען קינדער אין דער שול, ווי ביי אידן. מיידלעך האָבן גאָר ווייניק געלערנט, און דאָס אויך אין דער היים; אינגלעך אָבער האָבן שוין פון פינפיאָריקן עלטער געמוזט לערנען אין

דער שול „מִקְרָא“, ד. ה. לייענען די תּורה אין העבּרעאיש, מיט אַן איבּערזעצונג אין דער הויז־שפּראַך, אַראַמעאיש. צעניאָריקע קינדער פלעגן לערנען מִשנה און גמרא. פאַר גוטע תַּלמודיסטן זיינען געווען באַזונדערע שולן, די ישיבות, אַקאַדעמיעס, וואו מען האָט געפאָרשט און געפירט וויכּוּחים וועגן אַלערליי פראַגן פון הֲלָכה און אַגָדה. אין תלמוד איז דאָ אַ כאַראַקטעריסטיק פון פירערליי תּלמידים: איינער פאַרשטייט באַלד וואָס דער רבי זאָגט, אָבּער ער פאַרגעסט אויך באַלד; דער אַנדערער פאַרשטייט שווער, אָבּער פאַרגעסט אויך שווער דאָס, וואָס ער האָט געלערנט; דער דריטער פאַרשטייט גוט און געדענקט גוט — דאָס איז דער בּעסטער; דער פערטער פאַרשטייט שווער און פאַרגעסט לייכט — דאָס איז דער ערגסטער. אין די שולן פלעגט מען מאַכן נאָך אַ פאַרגלייך. פאַראַן פירערליי תּלמידים: איינער איז ווי אַ שוואָם, וואָס זויגט אַלץ אַריין אין זיך; דער אַנדערער איז ווי אַ טריכטער (לַײקע), וואָס פון איין עק גיסט מען אַריין און פון דעם אַנדערן גיסט זיך אַרויס; דער דריטער איז ווי אַ זֵייער, וואָס לאָזט דורך דעם וויין און האַלט אויף די הֵיוון; דער פערטער איז ווי אַ זיפּ, וואָס לאָזט דורך די גוטע מעל און האַלט אויף די קלייען.

אין די שולן פלעגט מען לערנען תּורה און תּלמוד, אָבּער ניט וועלטלעכע קענטענישן, ווי מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנשאַפט אָדער פרעמדע שפּראַכן. די „גריכישע חכמה“ (חָכמה יונית) איז געווען פאַרבּאָטן. מען האָט געמיינט, אַז אין דער תּורה און אין דעם תּלמוד קען מען שוין געפינען אַלע וויסנשאַפטן. דאָ איז מען געווען זייער שטרענג: יעדערער מוז קענען לערנען, און דער וואָס קען ניט איז אַן „עם־האָרץ“, אַ פּראָסטער, נידעריקער מענטש. דעם געלערנטן, דעם „תַּלמיד חָכָם“ האָט מען אָפּגעגעבּן דעם גרעסטן כָּבוד. אין דער קהילה האָט ער פאַרנומען דעם שענסטן אָרט; מען האָט אים געשעצט העכער ווי דעם רייכן, דעם עשיר.

ניט אַלע האָבּן געקענט זיין געלערנטע, אָבּער פרום האָבּן אַלע געמוזט זיין, אָפּהיטן אַלע מִצוות פון דער תּורה און די דינים פון תּלמוד. די דינים פון אָפּרו אום שַבָּת און יום־טוב האָט מען אָפּגעהיט אַזוי שטרענג, אַז דאָס זיינען בּאמת געווען „הייליקע טעג“, ווען דער מענטש האָט זיך בּאַפרייט פון אַלע וואָכעדיקע זאָרגן און האָט זיך

אָפּגעגעבן נאָר מיט גייסטיקע זאַכן. באַזונדערס פייערלעך איז געוועזן די שטימונג אין די „יְמֵי־הַדין" — ראש הַשָנה און יום־כּיפּור. מען האָט געגלויבט, אַז אין די דאָזיקע טעג זעצט מען זיך אין הימל צום געריכט, צו מִשפּטן אַלע מענטשן. מען עֶפנט אויף די ביכער, וואו עס זיינען פאַרשריבן די גוטע און שלעכטע מעשים פון יעדן מענטשן פאַרן יאָר, און מען וועגט זיי אויפן וואָג צו וויסן וואָס איז מער: מצוות אָדער עבירות; דאָ שטייט אַ „קַטיגור", וואָס באַשולדיקט דעם מענטשן פאַרן געריכט, און אַ „סַניגור", וואָס פאַרטיידיקט אים, און דער הימלישער בית־דין טראָגט אַרויס אַ באַשלוס, אַז דער מענטש זאָל אין דעם קומענדיקן יאָר לעבן אָדער שטאַרבן, זיין גליקלעך אָדער האָבן צָרות. פרייילעך פלעגט מען פייערן די דריי גרויסע יָמים־טובים: פּסח, שבועות און סוכּות; אויך דער קליינער יום־טוב „פּורים", אָדער „הָמנסטאָג" איז געווען אַ פריילעכער טאָג: מען פלעגט טרינקען וויין און שילטן „הָמן דעם רָשָע", מיינענדיק אַלע רשָעים, פאַרפאָלגער פון אידישן פאָלק. אין די שווערע צייטן איז געווען אַ טרייסט פאַרן פאָלק צו גלויבן, אַז עס וועט דאָך אַמאָל קומען אַ גואֵל, מ ש י ח, וואָס וועט אויסלייזן אַלע אידן פון גָלות און וועט אויפשטעלן די אידישע מלוכה אין דעם באַפרייטן אֶרץ־ישראל.

25. דער סוף פון רוימיש־פּערסישער און דער אָנהויב פון אַראַבישער הערשאַפט

אין זעקסטן יאָרהונדערט נאָך דער קריסטלעכער ציטרעכנונג (ד. ה. מיט דרייצענהונדערט יאָר צוריק) זיינען ווידער געקומען שווערע צייטן פאַר דער אידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע און בָבל. די קריסטלעכע קיסרים פון דער רוימיש־ביזאַנטישער אימפּעריע, צו וועלכער פּאַלעסטינע האָט געהערט, האָבן שטענדיק געדריקט די אידן אין הייליקן לאַנד דורך באַזונדערע געזעצן און פלוצימדיקע גזירות. מען האָט באַגרעניצט זייערע בירגערלעכע רעכט און רעליגיעזע פרייהייט און אין דער זעלביקער צייט אַרויפגעלעגט אויף זיי אַלץ שווערערע שטייערן. דער קיסר יוסטיניאַן, וואָס האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו די עֵצות פון די קריסטלעכע גַלָחים, האָט זיך אָפט אַריינגעמישט אין

די געשעפטן פון אידישע קהילות. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל אין די סינאַגאָגעס לייענען די אַלטע תורה דווקא מיט אַ גריכישער איבערזעצונג און מען זאָל זי ניט אויסלייגן אין דעם זין פון דער „צווייטער תורה", דעם תּלמוד. ער האָט ניט געלאָזן בויען נייע סינאַגאָגעס און פייערן דעם אידישן פּסח גלייכצייטיק מיט דעם קריסטלעכן. אין פּאַלעסטינע האָבן אידן זייער פיל געליטן פון די קריסטלעכע גלחים, וואָס האָבן דאָרטן געבויט זייערע קלויסטערס און געוואָלט מאַכן פון דעם „אידישן לאַנד" (אֶרץ ישׂראל) אַ הייליק קריסטלעך לאַנד. אין ירושלים האָט קיין איד ניט געטאָרט וואוינען; מען פלעגט נאָר צולאָזן איינציקע אידן אויף אַ קורצער צייט מתפּלל זיין ביי דעם „כּותל מערבי", דער איבערגעבליבענער וואַנט פון דעם פאַרברענטן בית־המקדש, און באַגיסן מיט טרערן די הייליקע שטיינער (זעה בילד אויף ז. 137). די אַלע גזירות האָבן אויפגערייצט די אידן, און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַן אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן דעם ביזאַנטישן קיסר הערַאַקליוס און דעם פּערסישן קיניג. די פּערסישע אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַלעסטינע און באַלאַגערט ירושלים. צו איר זיינען צוגעשטאַנען טויזנטער אידן. די פּערסער האָבן איינגענומען אַ סך שטעט, צווישן זיי אויך ירושלים, און האָבן אַרויסגעטריבן די קריסטן מיט אידישער הילף. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס זיינען געקומען „משיחס צייטן" און דאָס אידישע פאָלק וועט באַקומען צוריק זיין הייליק לאַנד. אָבער ניט לאַנג האָבן געבליט די האָפענונגען. פערצן יאָר האָבן די פּערסער געהערשט אין פּאַלעסטינע, ביז וואַנען הערַאַקליוס האָט צונויפגעקליבן אַ גרויסן חיל, וואָס האָט זיי אַרויסגעטריבן פון לאַנד. דאָ האָבן שטאַרק געליטן אויך די אידישע פריינד פון די פּערסער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע רדיפות אויף אידן, און אפשר וואָלט דאָס געבראַכט צו אַ פולשטענדיקן גירוש פון דער אידישער באַפעלקערונג, ווען עס וואָלט ניט געקומען די גרויסע היסטאָרישע איבערקערעניש: צען יאָר נאָך דעם ניצחון פון די ביזאַנטינער זיינען געקומען די אַראַבער און האָבן איינגענומען גאַנץ פּאַלעסטינע און די אַרומיקע לענדער.

אין אַראַביע, אַ פּאַרוואָרפענעם ווינקל הינטער מעסאָפּאָטאַמיע, ניט ווייט פון די אידישע צענטערן אין בָּבֶל, האָבן אין מֶשֶך פון יאָר־הונדערטער רואיק געלעבט צוזאַמען אַראַבער און אידן. ביידע פעלקער האָבן גערעדט אַראַביש און האָבן געפירט אײַן אַרט לעבן: גרויסע מִשפָּחות אָדער שבָטים האָבן זיך פאַרנומען מיט פּלאַנטאַציעס, גערטנערײַ און פי־צוכט, אַביסל אויך מיט האַנדל. אידישע שבטים (בְּנֵי־נאַדיר, בְּנֵי־קײַנוקאַ און אַנדערע) האָבן געלעבט אין באַזונדערע פעסטונגען אַרום די שטעט יאַטריב (שפּעטער מעדינאַ) און כײַבאַר. די אַראַבער זײַנען נאָך געווען געצנדינער, אָבער פון די אידישע שכֵנים האָבן זיי זיך צו ביסלעכווײַז אָנגענומען מיט אידישע מִנהָגים און רעליגיעזע אידייען. אין דרום־אַראַביע, אין לאַנד ת י מ ן (יעמען), האָט אַ קלײנער אַראַבישער קיניג אַבו־קאַריבאַ מיט זײַן מִשפָּחָה אָנגענומען דעם אידישן גלויבן; דערצו האָט אים צוגערעדט איינער פון די אידישע געלערנטע (חֲכָמִים), וואָס פלעגן קומען אַהער פון בָּבֶל. זײַן זון, יוסף דו־נאָוואַס, איז געווען זייער צוגעבונדן צו אידישקייט; באַלד ווי ער איז געוואָרן קיניג האָט ער זיך אײַנגעשטעלט פאַר די אידן, וואָס מען האָט פאַרפאָלגט אין דער קריסטלעכער ביזאַנטיע, און האָט געהייסן באַשטראָפן אויסלענדישע קריסטלעכע סוחרים, וואָס זײַנען געקומען קיין אַראַביע. דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין צאָרן דעם קריסטלעכן מֶלֶך פון דעם נאָענטן לאַנד כ ו ש (עטהיאָפּיע), און ער איז געגאַנגען אויף אַ מִלחָמָה קעגן דו־נאָוואַסן. די אַראַביש־אידישע אַרמיי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף; אַרומגערינגעלט פון פײַנד, האָט זיך יוסף דו־נאָוואַס אַראָפּגעוואָרפן פון אַ הויכן באַרג אין יַם און איז דערטרונקען געוואָרן.

אַזוי האָבן זיך אידישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און לעגענדן פאַרשפּרייט צווישן אַראַבער און צוגעגרייט זיי צו דער נייער רעליגיע, דעם א י ש ל אַ ם, וואָס האָט געשאַפן זייער נביא מ ו כ אַ מ ע ד. דעם אַראַבישן „נביא“ איז געווען גאָר פרעמד דער גייסט פון די אידישע נביאים, דער אידעאַל פון פרידן און סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער איז געווען, ווי אַלע אַראַבער, אַ קריגערישער מענטש, וואָס האָט אַפילו זײַן נײַעם גלויבן געהייסן פאַרשפּרייטן מיט דער שווערד, אָבער ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן די העלדן פון דער ביבל, אַבְרָהָמען, מושהן און

9

אַנדערע, און האָט פאַרשטאַנען די נישטיקייט פון געצנדינערײַ. „עס איז דאָ איין איינציקער גאָט אין הימל און מוכאַמעד איז זיין נביא" — אַזוי איז געווען דער גרונד־געדאַנק פון דער נייער רעליגיע. מוכאַמעד האָט געגלויבט, אַז מושה רבינו און ישו הנוצרי זיינען אויך געווען נביאים, אָבער אים האָט גאָט געשיקט אָנצוזאָגן דער וועלט אַ בעסערע רעליגיע, דעם אישלאַם, און מאַכן אַלע מענטשן פאַר „מוסולמענער", רעכטגלויביקע. פריער האָט מוכאַמעד געפרובט צוציען צו זיין נייער אֱמונה די אידן, דאָס „פאָלק פון בוך"; אָבער ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צושטיין צו אים, האָט ער קעגן זיי דערקלערט דעם „הייליקן קריג", אַזוי ווי קעגן אַראַבער, וואָס האָבן ניט אָנגענומען די נייע אֱמונה. נאָכדעם ווי ער האָט צושלאָגן אַ גאַנצע אַרמיי פון אַזעלכע אַראַבער אַרום זיין געבורטס־שטאָט מעקקאַ, האָט ער זיך גענומען צו די אידן. אין דער שטאָט מעדינאַ (יאַטריב) האָט מוכאַמעד מיט זיינע פאַנאַטישע אָנהענגער באַלאַגערט די פעסטונג, וואו עס האָבן זיך פאַרטיידיקט די אידן פון שֵׁבֶט „בני־קיינוקאַאַ", און האָט זיי נאָך אַ בלוטיקן קאַמף אַרויסגעטריבן פון שטאָט. אַנדערע אידישע שְׁבָטים האָט ער פשוט אויסגעהרגעט אין „הייליקן קריג", אָדער געמאַכט זיי פאַר קנעכט. געפאַנגענע אידישע פרויען האָט ער צוגענומען אין זיין „האַרעם", אַ הויז פאַר זיינע ווייבער. איינע פון די געפאַנגענע, די שיינע זאַיינאַב, האָט געוואָלט פאַרסמען מוכאַמעדן און האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל פלייש מיט סַם, אָבער דער „נביא" האָט אויסגעשפיגן דעם סַם און איז געבליבן לעבן. אַז ער האָט ביי איר געפרעגט, פאַרוואָס האָט זי אַזוינס געטאָן, האָט זי געענטפערט: „דו האָסט אָנגעטאָן מיין פאָלק גרויסע צָרות, האָב איך אַזוי געטראַכט: אויב דו ביסט אַ געוויינטלעכער קריגפירער, וועל איך מיט דיין טויט באַרואיקן מיין פאָלק; אויב אָבער דו ביסט טאַקע אַ נביא, וועט דיר דאָך גאָט אָנזאָגן וועגן מיין פּלאַן און דו וועסט בלייבן לעבן". מוכאַמעד האָט באַלד געהייסן טויטן די אידישע העלדין.

וועגן דעם „הייליקן קריג" קעגן די אידן ווערט פיל דערציילט אין דער הייליקער תורה פון די מוסולמענער, אין „קאָראַן"; פון דאַנען נעמט זיך די שינאָה צו אידן אין דער שפּעטערדיקער אַראַבישער וועלט. באַלד נאָך מוכאַמעדס טויט האָט אָנגעהויבן דונערן אין גאַנץ אַזיע זיין

פייערדיקער רוף: פאַרשפּרייט דעם אישלאַם דורכן שווערד צווישן אַלע פעלקער, פירט דעם הייליקן קריג! די „קאַליפן", שטעלפאַרטרעטער פון מוכאַמעדן, זיינען געווען גרויסע קריגפירער, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם גלויבנס-פאַנאַטיזם פון די מוסולמענישע אַראַבער, כּדי צו פירן זיי אין בלוטיקע מלחמות קעגן די „אומגלויביקע". אין אַ קורצער צייט האָבן זיי איינגענומען אַלע לענדער פון ביידע גרויסע אימפּעריעס אין אַזיע: פּערסיע און ביזאַנטיע, אַראָפּגעוואָרפן די אַלע הערשער און אָנגעשטעלט אַראַבישע פאַרוואַלטער. דער קאַליף אָמאַר האָט איינגענומען בָּבֶל, פּאַלעסטינע און מִצרַיִם. אין ירושָלים איז אָמאַר אַרויפגעגאַנגען אויף דעם הַר-הַבַּיִת, דעם באַרג פון אַמאָליקן בית-המקדש, און האָט דאָרטן דערזען חורבות און הויפנס מיסט; ער האָט געהייסן אויפראַמען דעם מיסט און בויען אויף דעם אָרט פון בית-המקדש אַ מוסולמענישן טעמפּל, אַ „מעסגעד". דאָס איז די אַקסאַ-מעסגעד אָדער אָמאַרס טעמפּל, וואָס שטייט נאָך ביז היינט אין ירושָלים איבער דעם כּותל-מַעֲרָבִי.

26. דער אַראַבישער קאַליפאַט און די «גאונים». סוף פון דער מִזרָח-תּקופה

אין זיבעטן יאָרהונדערט (נאָך דער קריסטלעכער רעכענונג) האָט זיך פון אַלע לענדער צווישן פּערסיע און מִצרים געבילדעט אַ גרויסע אַראַבישע מלוכה מיט דעם נאָמען קאַליפאַט. אירע הערשער האָבן זיך גערעכנט פאַר יורשים פון די ערשטע קאַליפן, מוכאַמעדס קרובים און פריינד. אַרום הונדערט יאָר איז די רעזידענץ פון די קאַליפן געווען אין דער סירישער שטאָט דַּמֶּשֶׂק, אויפן גרעניץ פון פּאַלעסטינע, און דערנאָך האָט מען זי אַריבערגעטראָגן אין דער מעסאָפּאָטאַמישער שטאָט באַגדאַד, וואו זי האָט זיך געהאַלטן מער ווי דריי הונדערט יאָר. די לאַגע פון אידן און קריסטן אין די לענדער פון קאַליפאַט איז געווען ניט קיין געהויבענע: די ניט-מוסולמענער האָט מען ניט פאַרפאָלגט, נאָר מען האָט זיי געדריקט מיט שווערע שטייערן. דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען מוכאַמעדן פאַר גאָטס נביא און אָננעמען דעם „אֶמתן גלויבן", האָט מען זיי, לויטן געזעץ פון

קאָראַן, געהאַלטן אין דער לאַגע פֿון פרעמדע, וואָס מוזן צאָלן געלט פֿאַר דעם רעכט צו לעבן אין לאַנד. אידן האָבן געצאָלט צווייערליי שטייערן: קאָפּשטייער פֿון יעדער פּערזאָן און גרונדשטייער פֿון דעם ערד־באַזיץ. די שטייערן האָט מען אויפגעמאָנט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. גאָר פרומע קאַליפן פלעגן פאָדערן, אַז אידן זאָלן טראָגן באַזונדערע קליידער, ניט אַזעלכע ווי בײַ די מוסולמענער, — אַ קלייד אָדער אַ הוט פֿון אַ באַזונדער פאַרב, אָדער אַ שטיק געלן טוך אויפן ברוסט און אויפן רוקן, כּדי מען זאָל אין גאַס דערקענען די „ניט־גלויביקע“. אידן האָבן ניט אַלעמאָל געפאָלגט אַזעלכע מיאוסע פאָדערונגען. זיי זיינען געווען אַ גרויסע קראַפט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, און אַפילו פאַנאַטישע אַראַבישע הערשער האָבן געפילט, אַז מען קען אָן זיי ניט אויסקומען.

אין פאַלעסטינע און נאָך מער אין בּבל האָבן אידן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם גרויסהאַנדל אין די שטעט, באַזונדערס דעם האַנדל צווישן פאַרשיידענע לענדער. עס זיינען געווען סוחרים, וואָס האָבן געפירט זייערע סחורות קיין אייראָפּע, וואו עס האָבן שוין געלעבט גרויסע אידישע מאַסן. די אַראַבישע שפּראַך, וואָס איז געוואָרן אין יענע צייטן אַ וועלט־שפּראַך, האָט אַרויסגעשטופּט אויך בײַ אידן די פריערדיקע אַראַמעאישע; מען האָט אומעטום גערעדט אַראַביש מיט אַ צומיש פֿון העברעאישע ווערטער, אַ מין אַראַביש־העברעאישן זשאַרגאָן. די געלערנטע האָבן גערעדט און געשריבן ריין אַראַביש, אויף דער שפּראַך פֿון קאָראַן.

נאָכדעם ווי די מִזרח־לענדער האָבן זיך אַביסל באַרואיקט פֿון די „הייליקע מִלחָמות“, האָבן ווידער אויפגעלעבט די אידישע גרויסע קהילות אין בּבל. די אַראַבישע קאַליפן, באַזונדערס אין באַגדאַד, האָבן געמאַכט דעם עקסילאַרך, דעם „ריש־גָלותא“, פֿאַר אַ מין אידישן מיניסטער, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פאַרמיטלער צווישן זיין פאָלק און דער מוסולמענישער רעגירונג. ער האָט געזאָלט אויפמאָנען בײַ די אידישע קהילות אַלע מלוכה־שטייערן און אַכטונג געבן, אַז דאָרטן זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. דער עקסילאַרך פלעגט אָפט זיצן אין קיניגלעכן הויף, צוזאַמען מיט אַלע שׂרָרות; זיין באַזוך איז געווען זייער אָנגעלייגט בײַם קאַליף, ווייל דער אידישער מיניסטער האָט

אַלעמאָל מיטגעבראַכט גרויסע שטייער־געלטער פאַרן מוסולמענישן הערשער. דער עקסילאַרך איז אָבער געווען נאָר אַן אָפיציעלער פאָר־שטייער פון דער אידישער באַפעלקערונג ביי דער רעגירונג; די אמתע פאָלקס־פירער, זייער גייסטיקע פאָרשטייער, זיינען געווען די געלערנטע תּלמודיסטן, וואָס האָבן זיך אַמאָל גערופן „אַמוראים״, און איצט האָבן זיי באַקומען דעם טיטול גאונים, ד. ה. גרויסע מענטשן, קלוגע קעפּ.

צוויי גאונים זיינען געווען צו יענער צייט אין בּבל: איינער אין סורא, דער אַנדערער אין פּומבּדיתא. דאָ האָבן אויפגעלעבט די אַלטע ישיבות (אַקאַדעמיעס) פון דער תּלמודישער צייט, און דער רעקטאָר פון יעדער ישיבה, דער ראש־ישיבה, האָט געטראָגן דעם טיטול „גאון״. דאָס זיינען ניט געווען געוויינטלעכע הויכשולן, וואו מען האָט נאָר געלערנט און געפאָרשט: מען האָט דאָ אויך דערקלערט די געזעצן פון דער תּורה און תּלמוד און געשאַפן נייע געזעצן. דער תּלמוד איז דאָך געווען ניט קיין געזעצבוך, נאָר אַ גרויסע זאַמלונג פון מיינונגען און פאַרשיידענע פּירושים צו דער תּורה און דער משנה; פון דעם גאַנצן פלאָנטער סבֿרות און פּירושים האָט מען געדאַרפט אויספירן באַ־שטימטע דינים פאַר אַלע פאַלן פון פּראַקטישן לעבן. דאָס האָט מען געטאָן אין די ישיבות. צו די ראשי־ישיבות פלעגט מען זיך ווענדן פון אַלע אידישע קהילות אין אַלע לענדער מיט שאלות, ווי צו טאָן אין דעם און דעם פאַל פון רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין משפּחה־זאַכן (חתונות, גטן), אין באַציאונגען צו די אַרומיקע פעלקער; די ראשי־ישיבות, די גאונים, פלעגן פאָרשן דעם ענין אויפן גרונד פון תּלמוד און פסקענען דעם דין; זייערע „תּשובות״ אויף אַלע אַנפראַגן פלעגן זיי פונאַנדערשיקן אין פאַרשיידענע קהילות. די גאונים זיינען געווען די אויבערשטע ריכטער (דיינים), צו וועלכע מען פלעגט זיך ווענדן פון אומעטום אין וויכטיקע געריכטלעכע פּראָצעסן. צוזאַמען מיט דעם עקסילאַרך פלעגן זיי באַשטימען דיינים אין פאַרשיידענע קהילות. די גאונים פלעגן אַריינפירן יעדן נייעם עקסילאַרך אין זיין אַמט. דאָס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב. אין אַ שבּתדיקן טאָג פלעגט מען דעם נייעם עקסילאַרך אַוועקזעצן אויף אַ הויכער בּימה אין דער שול צווישן ביידע גאונים, פון סורא און פּומבּדיתא; מען פלעגט

אים אויפרופן צו דער תּורה, און ער האָט געהאַלטן אַ דרָשה; אויב ער איז ניט געווען אַ געלערנטער, פלעגט פאַר אים די דרָשה האַלטן דער סוראַער גאון. דערנאָך פלעגט דער חזן זאָגן די בּרָכות לכּבוד דעם „ריש־גָלותא“, די גאונים און אַלע פאָרשטייער פון די קהילות; נאָכן דאַווענען פלעגט מען גיין אויף אַ מאָלצייט אין דעם פּאַלאַץ פון עקסילאַרך. די שימחות פלעגן דויערן אַ גאַנצע וואָך.

ניט אַלע אָבער זיינען געווען צופרידן מיט דער הערשאַפט פון די גאונים. אין דער צווייטער העלפט פון אַכטן יאָרהונדערט האָט זיך געשאַפן אַ פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט מאַכן פון דעם תּלמוד אַ צווייטע הייליקע תּורה, אַז די דינים פון תּלמוד זיינען ניט פון גאָט, נאָר פון מענטשן, און קיינער איז ניט מחויב זיי צו פאָלגן. בּראָש פון דער פּאַרטיי האָט זיך געשטעלט עָנָן בֶּן־דָוִד, איינער פון דער עקסילאַרכישער מִשפּחה. ווען זיין קרוב, דער עקסילאַרך איז געשטאָרבּן אָן קינדער, האָט ענן געוואָלט פאַרנעמען זיין אָרט, אָבער די גאונים פון סורא און פומבּדיתא האָבן ניט דערלאָזן דעם אַפּיקורס צו דער הויכער שטעלע. דאַן איז ענן אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם תּלמוד און האָט געגרינדעט אַ סעקטע פון נייע צדוקים, וואָס האָבן דערנאָך בּאַקומען דעם נאָמען „בּנֵי־מִקרָא“ אָדער קָרָאִים (קאַראַימער), ווייל זיי האָבן געהאַלטן נאָר פון דעם „מקרא“, פון תּורת־מושה, אָבער ניט פון תּלמוד. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון פאָלק מיט זייערע בּאַזונדערע מנהגים, למשל: אין דער נאַכט צו שבּת פלעגן זיי זיצן אין דער פינסטער, ווייל אין דער תּורה שטייט, מען זאָל ניט אָנצינדן קיין ליכט אום שבּת, הייסט דאָס, אַז מען זאָל אַפילו פון פרייטאָג ניט אָנגרייטן קיין ליכט; אום שבּת האָבן זיי ניט געגעסן געוואַרעמטע שפּייזן און פלעגן זיך ניט רירן פון אָרט דעם גאַנצן טאָג, אויסער גיין אין שול דאַווענען. מַצות צו פּסח פלעגן זיי בּאַקן ניט פון ווייסע, נאָר פון טונקעלע מעל, ווייל דאָס מוז זיין לויט דער תּורה „בּרויט פון אָרימקייט“ (לֶחֶם עוני); שבועות האָבן זיי געפייערט, אַזוי ווי די אַלטע צדוקים, נאָר אין דעם ערשטן טאָג פון וואָך, זונטאָג, ווייל אין דער תּורה שטייט „אויף מאָרגן נאָך שבּת“. בּכלל האָבן די קָרָאִים זיך געהאַלטן שטרענג אָן די ווערטער, ניט אָן דעם זין פון דער תּורה. זיי האָבן ניט געקענט צופּאַסן די אַלטע בּיבּלישע געזעצן צום

לעבן פון דעם איינצלנעם מענטשן און נאָך ווייניקער צום לעבן פון גאַנצן פאָלק. אָפּטיילנדיק זיך פון פאָלק מיט זייערע מִנהָגים, האָבן די קַרָאים געבילדעט אַ פאַרשלאָסענע סעקטע און אין דער ווייטער־דיקער געשיכטע זיינען זיי געוואָרן אַזוי ווי אַ באַזונדער קליין פאָלק. זיי האָבן פיינט געהאַט די תַלמודיסטן אָדער „ראַבאַניטן", וואָס פאָלגן זייערע רַבָּנים, און די גאונים האָבן די סעקטאַנטן אויך גערודפט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ענן געמוזט פאַרלאָזן בָּבֶל און אַריבערפאָרן קיין אֶרץ־ישראל. אָבער אין דעם הייליקן לאַנד האָט זיך די סעקטע ניט פאַרשפּרייט, ווי אויך ניט אין בָּבל, און נאָר אין די ווייטע פּערסישע שטעט האָט זי געפונען מער אָנהענגער. קעגן די קַרָאים איז שאַרף אַרויסגעטראָטן אין זיין בוך איינער פון די באַרימטע גאונים, ס ע ד י ָ ה (אין דער ערשטער העלפט פון צענטן יאָרהונדערט). סעדיה, דער גאון פון סורא, איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער תלמודיסט, נאָר אויך אַ טיפער דענקער און שפּראַך־קענער. ער האָט געשאַפן אַ גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך און האָט אָנגעהויבן איבערזעצן אויף אַראַביש דעם גאַנצן תנ"ך, כדי געבילדעטע אַראַבער און אַראַביש ריידנדיקע אידן זאָלן קענען פאַרשטיין די הייליקע ביכער. זיין הויפּט־ווערק אָבער איז געווען דאָס פילאָזאָפישע בוך „אֱמונות ודיעות" (גלויבנס און מיינונגען), וואָס ער האָט געשריבן אין אַראַביש און וואָס מען האָט שפּעטער איבערגעזעצט אויף העברעאיש. סעדיָה גָאון האָט דאָ געוואָלט שָלום מאַכן צווישן אֱמונה און שֵׂכֶל, רעליגיע און פילאָזאָפיע. אַ גאָט מוז זיין אויף דער וועלט — האָט ער געטענהט, — ווייל אַ שאַפונג קאָן ניט זיין אָן אַ באַשאַפער. נאָר כדי מענטשן זאָלן דאָס פאַרשטיין און זאָלן וויסן, ווי צו פירן זיך אין לעבן, האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט אויף דעם באַרג סיני און האָט געגעבן מושהן זיין תּורה פאַרן פאָלק ישראל. דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן: פאָלגן אָדער ניט פאָלגן די געבאָטן פון דער תורה; דער וואָס פאָלגט, דער צַדיק, וועט באַלוינט ווערן אויף יענער וועלט, און דער רָשע וועט באַשטראָפט ווערן. עס איז דאָ אַ „יענע וועלט": נאָכן טויט פון גוף לעבן דאָרטן די נשָמות. עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען אַלע טויטע וועלן לעבעדיק ווערן (תחִיַת־הַמֵתים), און דאַן וועט קומען אַ נייע וועלט, די וועלט פון משיחן. אַזוי איז סעדיָה גאון געווען דער

ערשטער צווישן די תּלמודיסטן, וואָס האָט געשאַפֿן אַ סיסטעם פֿון אידישער דאַגמאַטיק, גלויבנס־פּרינציפּן. ער האָט געגרינדעט די מיטל־אַלטערלעכע רעליגיעזע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט שוין אין די אייראָפּעאישע לענדער.

סעדיה גאָון איז ניט לאַנג געבליבן אויף זיין הויכער שטעלע אין סורא. ער האָט זיך צעקריגט מיט דעם עקסילאַרך דוד בֶּן־זַכַּאי, און אין בָּבל האָבן זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען: דעם גאָונס און דעם עקסילאַרכס; איין פּאַרטיי האָט די אַנדערע פֿאַרמסרט ביי דעם קאַליף. סעדיה האָט געמוזט אויף אַ לענגערע צייט פֿאַרלאָזן די ישיבה אין סורא. אינגעכן איז ער געשטאָרבן (יאָר 942).

נאָך זיין טויט האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פֿון דער גרויסער ישיבה אין סורא. עס איז נאָר געבליבן די צווייטע ישיבה אין פּומבדיתא. צוויי ראָשי־ישיבות פֿון פּומבדיתא, רב שרירא און זיין זון רב האי, זיינען געווען די לעצטע גרויסע גאונים אין בָּבל. זיי זיינען געווען שטרענגע תּלמודיסטן און האָבן ניט פֿאַרמאָגט וועלט־לעכע וויסנשאַפֿטן ווי סעדיה. רב שרירא האָט אָנגעשריבן אַ קורצע געשיכטע פֿון דעם תּלמוד און זיינע שאַפֿער, די תּנאים, אמוראים און גאונים, אַזוי ווי ער וואָלט געפֿילט, אַז די גאַנצע תּלמודישע תּקופֿה אין בָּבל גייט שוין צו ענדע. זיין זון רב האַי איז טאַקע געווען דער לעצטער פּומבדיתישער גאון. נאָך זיין טויט האָט מען אויסגעוויילט פֿאַר אַ גאון דעם יונגן חזקיה, אַן אוראייניקל פֿון דעם עקסילאַרך דוד בֶּן־זַכַּאי. ער האָט געזאָלט פֿאַראייניקן אין זיין פּערזאָןביידע טיטולן: עקסילאַרך און גאון, אָבער אים איז באַשערט געווען ביידע צו פֿאַרלירן. מען האָט אָנגעגעבן דעם קאַליף פֿון באַגדאַד אַ מסירה, אַז דער עקסי־לאַרך וויל ווערן אַ נייער מֶלֶך ביי אידן; דער קאַליף האָט געהייסן אַריינוואַרפֿן חזקיהון אין געפֿענגעניש און אָפּנעמען ביי אים זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. אַזוי איז געפֿאַלן אין איין צייט די מאַכט פֿון די עקסילאַרכן און די גאונים (אין עלפֿטן יאָרהונדערט לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג).

צו יענער צייט איז זיך אויך צעפֿאַלן דער באַגדאַדישער קאַליפֿאַט. עס האָט זיך געבילדעט אַ נייער קאַליפֿאַט אין מִצרַיִם (פֿאַטימישע קאַליפֿן) און אין פּאַלעסטינע. אויף אַ קורצער צייט האָט אויפגעלעבט

דער אידישער צענטער אין ארץ־ישראל. אין ירושָלַים האָבּן זיך בּאַוויזן אָרטיקע גאוֹנים, וואָס האָבּן געוואָלט אַריבּערטראָגן אין הייליקן לאַנד די גייסטיקע פירערשאַפט (העגעמאָניע) פוּן צעפאַלענעם בָּבֶל. אָבּער זיי איז דאָס אויך ניט בּאַשערט געווען. צוּם סוֹף פוּן עלפטן יאָר־הוּנדערט זיינען געקוּמען קיין פּאַלעסטינע פוּן אייראָפּע די קריסטלעכע קרייצפאָרער צוּ בּאַפרייען דאָס הייליקע לאַנד פוּן מוּכאַמעדאַנער; זיי האָבּן איינגענוּמען ירוּשלים אוּן אַנדערע שטעט אוּן האָבּן פוּן דאָרטן אַרויסגעטריבּן כּמעט אַלע אידן (יאָר 1099).

אַזוֹי זיינען אין די מִזרָח־לענדער, אין אַזיע אוּן צָפוֹן־אַפריקע, חָרוּב געוואָרן די אַלטע אידישע צענטערן. אָבּער צוּ יענער צייט האָבּן זיך שוֹין צעוואַקסן די נייע צענטערן אין אֶ י ר אָ פּ ע: אין שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבּן אַ נייע תּקוּפה אין דער אידישער געשיכטע: נאָך דער מִ ז רָ ח ־ תּ ק וּ פָ ּה איז געקוּמען די מַ ע רָ ב ־ תּ ק וּ פָּ ה — די אייראָפּעאישע, אין וועלכער מיר לעבּן נאָך בּיז צוּ היינטיקער צייט.

24. כּותל מערבי

25. אַלטע אידישע מטבעות אין פּאַלעסטינע



1.



2.

1. א מַטבֵּע פון שמעון חַשמונאי: א פּאַלמע מיט צוויי פרוכט־קאָרבן און מיט דער אויפשריפט "לגאולת ציון" (צו דער גאולה פון ציון)׳
2. א מַטבֵּע פון בַּר־כוכבא מיט די אויפשריפטן "שמעון" און "לחרות יִשׂרָאֵל" (צו דער באפרייונג פון ישראל)·

---

26. אלטע פּוילישע מַטבעות מיט אידישע אויפשריפטן

.3 .2 .1

1־3. פּוילישע מַטבֵּעות מיט אויפשריפטן פון אידישע מינץ־מייסטערס: אברהם בַּר יצחק׳ ברוחה (ברוכה׳ ברוך?) הכהן׳ ברכיה.

צווייטער טייל

די מַעֲרָב־תקוּפָה

דאָס פאָלק אין אייראָפּע אין דער מיטעלער
און נייער צייט



27. קאַרטע פון די אַלטע אידישע ישובים אין אייראָפּע

27. די ערשטע אידישע ישובים אין אייראָפּע

ווי זיינען אידן געוואָרן פֿון אַ מזרח-פֿאָלק אַ מערב-פֿאָלק, פֿון אַזיאַטן — אייראָפּעער? דאָס האָט געמאַכט די ר ו י מ י ש ע א י מ פּ ע ר י ע, וואָס האָט געהאַט איר הויפּט-לאַנד אין אייראָפּע (איטאַליע) און האָט פֿאַרשפּרייט איר הערשאַפֿט אויף די לענדער פֿון אַזיע און אַפֿריקע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. ווען דער רוימישער הערשער אין אַזיע פּאָמפּיי האָט איינגענומען ירושלים, האָט ער פֿאַרשיקט קיין רוים דעם מלך אַריסטאָבול מיט זיין משפּחה און נאָך אַ גרופּע געפֿאַנגענע. אינגעכן האָט זיך שוין געבילדעט אַ אידישער ישוב אין דער שטאָט רוים. נאָכן גרויסן חורבן פֿון ירושלים האָט דער פֿירער פֿון דער רוימישער אַרמיי טיטוס פֿאַרטריבן קיין רוים און אַנדערע איטאַליענישע שטעט נאָך אַ מאַסע אידישע געפֿאַנגענע. פֿיל אידן פֿון פּאַלעסטינע, סיריע און מצרים האָבן זיך פֿרייוויליק באַזעצט אין איטאַליע, צוליב האַנדל-געשעפֿטן, וואָס די מזרח-האַפֿנס פֿון מיטללענדישן ים (אַלכּסנדריה און אַנדערע) האָבן געפֿירט מיט די אייראָפּעאישע האַפֿנס. שוין אין די ערשטע יאָרהונדערטן נאָך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג זיינען געווען גרויסע אידישע קהילות אָדער „סינאַגאָגן" אין רוים און אין עטלעכע שטעט פֿון דרום-איטאַליע (ווענאָזאַ, נעאַפּאָל און אַנדערע). יעדע „סינאַגאָגע" האָט געהאַט אירע פֿאָרשטייער, „אַרכאָנטן", איר רב מיט דעם טיטול „אַרכי-סינאַגאָג", אירע ריכטער (דיינים) און געלערנטע אָדער שרייבער („גראַמאַטייוס", סופֿר). די איטאַליענישע אידן האָבן גערעדט אין דער שפּראַך פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג: גריכיש אָדער לאַטייניש, מיט אַ צומיש פֿון העבּרעאישע ווערטער. די אויפֿשריפֿטן אויף אידישע מצבֿות פֿון

יענע צייטן, וואָס מען האָט געפונען אין די אונטערערדישע „קאַטאַ־קאָמבעס“ פון רוים, זיינען געשריבן מייסטנס גריכיש. די נעמען פון די באַגראָבענע זיינען העברעאישע (יהודה, שמואל, בינימין, שׂרה, ריבקה, אסתר) און רוימישע (טיבעריוס, מאַרצעלוס, סאַבינאַ, יוליאַ, לוקרעציאַ). זעלטן ווען מען געפינט מצבות אין ריין־העברעאיש, נאָר דאָס וואָרט „שלום“ (פרידן) איז אָפט אויסגעקריצט צום סוף אויף די גריכיש און לאַטייניש געשריבענע מצבות.

זייער אַלטע אידישע קהילות האָבן זיך געפונען אויך אין גריכנ־לאַנד, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אַ טייל פון דער רוימישער אימפעריע. ווען דער אַפּאָסטאָל פּאַול איז אומגעפאָרן איבער דער וועלט צו פאַרשפּרייטן דעם קריסטלעכן גלויבן, פלעגט ער האַלטן רעדעס אין די אידישע „סינאַגאָגן“ פון די גריכישע שטעט קאָרינט, אַטהען, טעסאַלאָניק (סאַלאָניק) און אַנדערע. ווען די גרויסע אימפעריע איז זיך צעפאַלן אויף צוויי העלפטן: די לאַטיינישע מיט דער הויפּטשטאָט רוים און די ביזאַנטיש־גריכישע מיט דער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, האָט זיך געשאַפן אַ אידישע קהילה אויך אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל. אין דער דאָזיקער שטאָט, צווישן שוואַרצן און מיטללענדישן ים, האָבן אידישע סוחרים געפירט גרויסע האַנדל־געשעפטן מיט אַלכּסנדריה און די פּאַלעסטינישע פּאָרטן. דער מזרח און דער מערב, ארץ־ישראל און „חוץ לאָרץ“ (אויסלאַנד פאַר פּאַלעסטינער אידן) זיינען געווען ענג פאַרבונדן אין דער ביזאַנטישער אימפעריע, ביז וואַנען די אַראַבער האָבן נישט אָפּגענומען פּאַלעסטינע ביי די ביזאַנ־טינער. אָבער אויך שפּעטער, ווען ביזאַנטיע איז געוואָרן אַ קליינע מלוכה אויף דעם באַלקאַנישן האַלבאינזל, האָבן די דאָרטיקע אידן אָנ־געהאַלטן שטענדיקע באַציאונגען מיט זייערע ברידער אין פּאַלעסטינע און בבל.

אין פינפטן יאָרהונדערט איז די מערב־רוימישע אימפעריע זיך צעפאַלן. די „באַרבאַרן“ פון מיטל־אייראָפּע, די גאָטן און גערמאַנען, האָבן זיך עטלעכע מאָל אַריינגעריסן אין איטאַליע און חרוב געמאַכט רוים, אַזוי ווי רוים האָט אַמאָל חרוב געמאַכט ירושלים. גאָטישע און לאַנגאָבאַרדישע מלכים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָבן אַ לאַנגע צייט געהערשט אין איטאַליע; רוים איז געוואָרן די

הייליקע שטאָט פֿון די פּויפּסטן, די „כּוהנים גדולים“ פֿון דער קריסט־לעכער קירך. זיי האָבן געזאָרגט וועגן דעם, אַז די אידן זאָלן חלילה ניט אָפּציען די נייע קריסטן פֿון זייער גלויבן, אָבער זיי האָבן אויך ניט גענויט די אידן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, אַזוי ווי מען האָט דאָס געטאָן אין דער נאָענטער „באַרבאַרישער“ מלוכה, פראַנקרייך.

אין דער אַמאָליקער רוימישער פּראָווינץ גאַלליע, וווּ קליינע אידישע ישובים האָבן עקזיסטירט נאָך פֿון גאָר אַלטע צייטן (למשל, אין דער שטאָט מאַרסעל, וואָס האָט געפירט אַ ברייטן האַנדל מיט אַלכּסנדריה), האָבן געהערשט די פראַנקן. דער פראַנקישער פירער כלאָדוויג האָט מיט דער הילף פֿון די קאַטוילישע קריסטן פאַרכאַפּט די מאַכט און האָט געגרינדעט אין גאַלליע די פראַנקישע מלוכה — פראַנקרייך (אַרום יאָר 500 נאָכן קריסט). אַלע מלכים פֿון כלאָדוויגס משפּחה, דער מעראָווינגישער דינאַסטיע, זיינען געווען פאַרבונדן מיט די קריסטלעכע בישאָפן, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין זאָרג: מאַכן אַלע „באַרבאַרישע“ גלייבנדינער פאַר קריסטן. גרויסע הײדנישע מאַסן אין שטעט און דערפער האָבן אָנגענומען דעם קאַ־טוילישן גלויבן, אָבער פֿון די אידן, וואָס האָבן געלעבט צווישן זיי, האָט זיך קיינער ניט געוואָלט לאָזן שמדן. דאָס האָט אויפגעבראַכט קעגן זיי די קאַטוילישע גלחים און די ניי־געטויפטע פראַנקישע הערשער. די גלחים פלעגן אין זייערע פאַרזאַמלונגען (סינאָדן, קאָנצילן) אַרויס־געבן באַשלוסן (קאַנאָנס), אַז קריסטן זאָלן זיך דערווייטערן פֿון אידן ווי נאָר מעגלעך, ניט עסן און ניט טרינקען מיט זיי, ניט פירן מיט זיי קיין פריינדשאַפט, אויסלייזן ביי זיי די קריסטלעכע דינער און דינסטן, וואָס קענען זיך „אָנשטעקן“ מיט אידישקייט. עס זיינען געווען פאַלן, ווען מען האָט אידן געטויפט מיט געוואַלט.

אַזאַ מעשה האָט אָפּגעטאָן דער בישאָף אַוויטוס אין דער שטאָט קלערמאָן. ער פלעגט שטענדיק איינרעדן די דאָרטיקע אידן, זיי זאָלן זיך טויפן; אַלע האָבן אים אויסגעלאַכט, נאָר איינער האָט זיך געשמדט. אַמאָל, בשעת דער משומד איז געגאַנגען אין אַ קירך־פּראָ־צעסיע מיטן קרייץ אין דער האַנט, האָט מען פֿון אַ אידיש הויז אויס־געגאָסן אים אויפן קאָפּ אַ טאָפּ מיט פאַרשטונקענעם אייל. דאָס האָט אויפגעבראַכט די קריסטן: זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער סינאַגאָגע

און האָבן זי אינגאַנצן צעשטערט. דער בישאָף האָט צונויפגערופן די אידישע פאָרשטייער און געזאָגט, אַז אויב די אידן וועלן זיך ניט טויפן, וועט מען תיכף אַלעמען פאַרטרייבן פון שטאָט. פינף הונדערט אידן האָבן באַשלאָסן צו טויפן זיך אויף אַ צייט, ביז עס וועט מעגלעך זיין ווידער אומקערן זיך צום אידישן גלויבן. — נאָך אַזאַ מעשׂה האָט זיך געטראָפן אין דער הויפּטשטאָט פּ אַ ר י ז. דאָרטן האָט געלעבט אַ רייכער איד פּ ר י ס ק ו ס, וואָס איז געווען אַ פינאַנץ-אַגענט ביים הויף פון דעם קיניג כילפּעריק. דער קיניג און דער בישאָף גרעגאָר פלעגן אים שטענדיק איינרעדן, ער זאָל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער ער האָט וועגן דעם אפילו ניט געוואָלט הערן. איינמאָל, ווען זיי זיינען געזעסן אַזוי זאַלבעדריט, האָט דער קיניג געהייסן דעם בישאָף אַרויפלעגן דעם אידן די האַנט אויפן קאָפּ און מאַכן אַ קריסט-לעכע ברכה. פּריסקוס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. כילפּעריק האָט אַ געשריי געטאָן מיט כּעס: „אָ, דאָס אומגלויביק פאָלק, וואָס וויל ניט אָנערקענען גאָטס זון (יעזוס)!" פּריסקוס האָט געענטפערט: „גאָט האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי און ניט געקאָנט האָבן אַ זון". דאָ איז דער קיניג גאָר בייז געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן סטראַשען, אַז ער וועט אַרויסטרייבן פון לאַנד אַלע אידן, וואָס וועלן זיך ניט טויפן; אַ סך האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך געטויפט, אָבער פּריסקוס איז געבליבן פעסט אין זיין אמונה, און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה. ווען מען האָט אים אויף אַ צייט באַפרייט פון תפיסה, איז אויף אים אָנגעפאַלן איינער פון זיינע פיינד, אַ געשמדטער איד, און האָט אים געהרגעט.

דער לעצטער מעראָווינגישער קיניג דאַגאָבערט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע ניט געטויפטע אידן זאָלן פאַרלאָזן פראַנקרייך (יאָר 629). דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען קיין פראַנקרייך זיינען אָנ-געלאָפן מאַסן אידן פון דער שכנישער שפּאַניע, וואו מען האָט זיי שרעקלעך געפייניקט. אָבער דעם באַפעל דאַגאָבערטס איז שווער געווען אויסצופירן: אַ טייל אידן האָבן זיך געמאַכט פאַר קריסטן, בלייבנדיק אין האַרצן ביי זייער אמונה; אַ טייל זיינען אַריבערגעפאָרן אין די דרום-פּראָווינצן. אידישע קהילות זיינען געבליבן אין מאַרסעל, באָרדאָ און נאָך עטלעכע שטעט. עס האָבן זיך געבילדעט נייע אידישע

ישובֿים אין די שטעט פֿון דייטשלאַנד, וואָס איז דאַן געווען אַ טייל פֿון פֿראַנקרייך, אָבער איז געווען אומאָפּהענגיק פֿון פֿאַריזער צענטער.

גאָר שלעכט איז געווען די לאַגע אין שפּאַניע. דאָ האָבן אידן געלעבט נאָך פֿון דער צייט, ווען דאָס לאַנד האָט געהערט צו דער רוימישער אימפּעריע. אין דער זעלביקער צייט, ווען אין גאַלליע האָבן געהערשט די פֿראַנקן, האָבן אין שפּאַניע די וועסטגאָטן אָפּגענומען די מאַכט בײַ די רוימער. די ערשטע וועסטגאָטישע מלכים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, זײַנען געווען ניט קאַטאָליקן, נאָר אַריאַנער, וואָס האָבן געהאַלטן דעם גרינדער פֿון קריסטנטום ניט פֿאַר אַ גאָט, נאָר בלויז פֿאַר אַ הייליקן מענטשן; בײַ די קאַטאָליקן האָט מען די אַריאַנער געהאַלטן פֿאַר האַלבע אידן; זיי זײַנען טאַקע געווען באַ־פֿרײַנדעט מיט אידן און געלעבט מיט זיי בשלום. אָבער צום סוף פֿון זעקסטן יאָרהונדערט האָט דער וועסטגאָטישער קיניג רעקאַרעד אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן און אַרײַנגענומען אין דער מלוכה־פֿאַרוואַלטונג די קאַטוילישע בישאָפֿן. די קירכן־סינאָדן פֿון טאָלעדאָ, דער שפּאַנישער הויפּטשטאָט פֿון יענער צייט, זײַנען געוואָרן אַ מין פֿאַרלאַמענט, וואָס האָט אונטער דער פֿירונג פֿון דעם קיניג אַרויס־געגעבן געזעצן פֿאַרן פֿאָלק. פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ די הערשנדיקע גלחים איז געווען נאָר איין וווּנטש: שאַפֿן אַ ריינע קריסטלעך־קאַטוילישע מלוכה. די גוישע באַפֿעלקערונג האָט מען שוין כּמעט אינגאַנצן געמאַכט פֿאַר קריסטן, און נאָר די אידן האָבן זיך ניט געוואָלט טויפֿן. האָט מען זיי אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן מיט גזירות פֿון די אַמאָליקע בײַ־זאַנטישע קיסרים: אידישע ערדבאַזיצער האָט מען פֿאַרבאָטן האַלטן קריסטלעכע קנעכט, אָן וועלכע מען האָט ניט געקענט אויסקומען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט; דער טאָלעדער סינאָד האָט בכלל פֿאַרבאָטן קריסטן פֿירן געשעפֿטן מיט אידן. אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, האָט מען זיך גענומען פֿאַר אַ מיטל, וואָס איז געוואָרן אַ מאָדע אין יענע צייטן: טויפֿן אידן מיט געוואַלט.

דער קיניג סיזעבוט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל (יאָר 613), אַז אידן, וואָס ווילן זיך ניט טויפֿן, זאָל מען אַרויסטרייבן פֿון לאַנד. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע גזירה: אין שפּאַניע האָבן געלעבט

גרויסע אידישע מאַסן, פיל פון זיי האָבן זיך פאַרנומען ניט מיט האַנדל, נאָר מיט לאַנדווירטשאַפט, אַזוי אַז דער גירוש וואָלט זיי איַנ־גאַנצן געמאַכט פאַר אָרימעלייט. האָבן זיך טאַקע אַ סך אידן געלאָזט שמדן, בלייבנדיק אין האַרצן ביי זייער אַלטן גלויבן; אַנדערע האָבן געפּרוּבט עמיגרירן קיין פראַנקרייך, אָבער דאָ האָט זיך דער פראַנ־קישער קיניג דאַגאָבערט דערשראָקן און, ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, געהייסן טרייבן אידן אויך פון זיין לאַנד. איז ווידער גע־בליבן נאָר איין וועג: ווערן פאַלשע קריסטן. אָבער מיט דער צייט איז די לאַגע פון אַזעלכע אַ נ ו ס י ם, געצוואונגענע צום שמד, געוואָרן ערגער ווי די לאַגע פון יידן, וואָס האָבן זיך אָפן געהאַלטן ביי זייער גלויבן. אין איינעם פון די טאָלעדער סינאָדן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז אויף להבא זאָל מען ניט טויפן אידן מיט געוואַלט, אָבער די, וואָס האָבן זיך שוין געטויפט, טאָרן זיך ניט אומקערן צו אידישקייט, און אויב זיי וועלן דאָס טאָן, מוזן זיי האַרט באַשטראָפט ווערן. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די גרעסטע יסורים פאַר די שפּאַנישע אידן. מען האָט נאָכגעשפּירט נאָך די פאַלשע קריסטן, ווי פירן זיי זיך, צי גייען זיי זונטאָג אין דער קירך אָדער זיי היטן אָפּ שבת ביי זיך אין הויז, ווי ערציען זיי זייערע קינדער, צי עסן זיי טרייפע שפּייזן אָדער נאָר כּשר. האָט מען וועמען עס איז געכאַפּט ביי אָפּהיטן אידישע מנהגים, פלעגט מען אים אַריינוואַרפן אין תּפיסה, שלאָגן און שמייסן, אויסרייסן די האָר פון קאָפּ, אָפּנעמען ביי אים די קינדער און אַוועק־געבן אין די קלויסטערס פון די קאַטוילישע מאָנאַכן. פיל מאָל האָבן די פאַלשע קריסטן אָנגעגעבן אין די טאָלעדער סינאָדן אונטערטעניקע בקשות, אַז זיי וועלן שוין זיין גוט און פרום, דאַווענען אין דער קירך און אָפּהיטן אַלע קריסטלעכע מנהגים, נאָר מען זאָל זיי ניט נויטן עסן חזיר־פלייש, ווייל זיי קענען דאָס ניט פאַרטראָגן.

אַזוי האָבן זיך די שפּאַנישע אידן געפּלאָגט גאַנצע הונדערט יאָר, ביז וואַנען זיי האָבן דערהערט, אַז פון אַפריקע גייט אויף שפּאַניע די אַראַבישע אַרמיי. האָבן זי זיך דורך זייערע אַפריקאַנישע ברידער צו־נויפגערעדט מיט די אַראַבער און צוגעזאָגט זיי הילף ביי דער עראָבע־רונג פון לאַנד. די אַראַבער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שפּאַניע דורך דעם שמאָלן ים־פּאַס פון גיבראַלטאַר, האָבן איינגענומען די הויפּט־

שטאָט טאָלעדאָ, דעם נעסט פון פאַנאַטישע נלָחים, און נאָך אַנדערע שטעט (יאָר 711). אידן האָבן מיט פרייד באַגריסט די נייע אַראַבישע הערשער, מיט דער האָפענונג, אַז דער מוסולמענישער פאַנאַטיזם וועט ניט זיין אַזוי שרעקלעך ווי דער קריסטלעכער. און זייער האָפענונג האָט זיי טאַקע ניט אָפּגענאַרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויפבלי-צייט פון אַראַביש-אידישער קולטור אין שפּאַניע.

עס איז געווען נאָך אַ ווינקל אין אייראָפּע, וואו אידישע ישובים האָבן זיך געגרינדעט אין דער גאַר אַלטער גריכיש-רוימישער צייט. אויף די ברעגעס פון שוואַרצן ים צו צפון-זייט, אויף דעם האַלבאינזל טאַווורידאַ אָדער קרים האָבן זיך אידן באַזעצט אין די גריכישע קאָלאָניעס, ווי אומעטום אין דער העלעניסטישער דיאַספּאָראַ. ווען די רוימער האָבן חרוב געמאַכט ירושלים, זיינען שוין געווען אידישע קהילות אין דער קרימער באָספּאָראַנישער מלוכה, אין די שטעט פאַנטי-קאַפּיי (היינט קערטש), טעאָדאָסיע (פעאָדאָסיע) און כערסאָנעס (היינט סעוואַסטאָפּאָל). זיי האָבן געשטאַמט פון גריכנלאַנד, גערופן זיך מיט גריכישע נעמען און גערעדט גריכיש, ווי עס איז צו זען פון זייערע אויפשריפטן אויף מצבות און אַנדערע דענקמעלער. די קהילות האָבן געהייסן אויף גריכיש: „סינאַגאָגעס“ (פאַרזאַמלונגען). אונטער דעם אידישן איינפלוס זיינען אַ סך גריכישע געצנדינער געוואָרן האַלבע אידן: זיי האָבן זיך גערופן „פאַרערער פון דעם העכסטן גאָט“; אָבער שפּע-טער, ווען אין קרים האָט אַריינגעדרונגען דאָס קריסטנטום, זיינען זיי געוואָרן קריסטן. קרים האָט דאַן געהערט צו דער ביזאַנטישער אימ-פּעריע, און די גריכישע בישאָפן האָבן אויך געפּרובט צווינגען אידן צו טויפן זיך; אָבער דער פּרוב האָט זיך ניט איינגעגעבן.

שפּעטער, פון אַכטן ביז סוף צענטן יאָרהונדערט, האָט אין יענע לענדער, צווישן דעם קאַספּישן און דעם שוואַרצן ים, געהערשט אַ פאָלק, וואָס איז געקומען פון פּערסיע און קאַווקאַז און איז געוואָרן אַ נאָענטער מחותן מיטן אידישן פאָלק. דאָס זיינען געווען די כאַזאַרן (כוזרים). זייער קיניג, אַ געצנדינער, און אַ טייל פון פאָלק האָבן אָנ-גענומען דעם אידישן גלויבן; דער קיניג האָט זיך גערופן כאַגאַן (פון העבּרעאישן כּוהן אָדער טאָטערישן „קהאַן“) און האָט געשיצט אין זיינע לענדער אידן, קריסטן און מוסולמענער. די קריגערישע כאַ-

זאַרן האָבן פאַרשפּרייט זייער הערשאַפט אויך אויף די סלאַווישע לענ־
דער, ביז דער גרויסער שטאָט קיעוו, וואו צו יענער צייט האָבן
שוין געלעבט אידן. ערשט צום סוף פון צענטן יאָרהונדערט האָבן די
סלאַוויש־רוסישע פירשטן חרוב געמאַכט די הויפּטשטאָט פון די כאַ־
זאַרן אויפן ברעג פון קאַספּישן ים, וואו עס פאַלט אַריין דער גרוי־
סער רוסישער טייך וואָלגאַ. דער לעצטער כאַזאַרישער קיניג איז גע־
ווען יוסף, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט געהאַלטן ביי דער־
נעענטערן זיך מיט די שפּאַנישע אידן. די כאַזאַרן האָבן אינגיכן פאַר־
לאָרן זייער מאַכט און האָבן זיך צונויפגעמישט מיט אַנדערע פעלקער,
אַ טייל אויך מיט אידן.

---

28. אידן אין דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן און זיינע נאָכפאָלגער

(פון אַכטן ביז עלפטן יאָרהונדערט נאָכן קריסט)

אין דער צווייטער העלפט פון אַכטן יאָרהונדערט האָט דער פראַנ־
קישער קיניג קאַרל דער גרויסער פאַראייניקט אונטער זיין
הערשאַפט אַלע לענדער פון מיטל־אייראָפּע צוזאַמען מיט איטאַליע
און האָט אַזוי אַרום געשאַפן די נייע קריסטלעכע אימפּעריע. דער
רוימישער פּויפּסט האָט געקרוינט קאַרלען מיט דעם טיטול „אימפּע־
ראַטאָר“ (קיסר), און די קריסטלעכע בישאָפן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן
איינפלוס אויף דער מלוכה־פירונג; אָבער די וועלטלעכע מאַכט איז גע־
ווען שטאַרקער פון דער קירכלעכער און האָט ניט דערלאָזט צו אַזעלכע
מיאוסע מעשים, ווי געוואַלט־טויפן פון אידן. אין דער צייט פון קאַרל
דעם גרויסן האָט זיך די לאַגע פון אידן פאַרבעסערט אין דריי פאַר־
אייניקטע לענדער: פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע.
אידישע רייכע סוחרים האָבן געפירט האַנדל־געשעפטן אין די דאָזיקע
לענדער און אויך מיט דעם אַזיאַטישן און אַפריקאַנישן אויסלאַנד, מיט
בבל, ארץ־ישראל און מצרים, וואו עס האָט נאָך געבליט דער אַראַ־
בישער קאַליפאַט. אַראַבישע רייזנדע פון יענער צייט באַשרייבן, ווי
אידישע גרויסהענדלער פלעגן אַרומפאָרן מיט זייערע סחורות פון פראַנק־
רייך ביז בבל און צוריקפירן אַהיים סחורות פון וויטן מזרח. אַזוי האָט

דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פֿאָלק פֿאַרבונדן דורך וועלט־האַנדל די אַלטע און די נייע וועלט, אַזיע מיט אייראָפּע.

די אידישע ישובים אין אייראָפּע האָבן זיך פֿאַרגרעסערט. עס זיי־נען אויסגעוואַקסן גרויסע און קליינע קהילות, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענע פֿאַרוואַלטונג. איבער אַלע קהילות איז געשטאַנען אַ מלוכה־באַאַמטער מיטן טיטול „מאַגיסטער פֿאַר אידן", וואָס האָט געזאָלט שיצן די אידישע בירגער־רעכט און האַנדלס־אינטערעסן. דער קיסר לודוויק דער פֿרומער, קאַרל דעם גרויסנס זון, האָט אַליין געשיצט די אידן קעגן פֿיינדלעכע קאַטוילישע גלחים. דער בישאָף פֿון ליאָן, אַגאָבאַרד, האָט געפֿירט אין לאַנד אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן אידן: ער האָט געהאַלטן רעדעס אין די קלויסטערס און געשריבן ביכער צו באַווייזן, אַז די אידישע באַפֿעלקערונג איז אַ סכּנה פֿאַר קריסטן, אַז די „פֿאַרפֿלוכטע אַלטע סינאַגאָגע" קען פֿאַרפֿירן און פֿאַרדאַרבן די „ריינע יונגע קירך". אָבער לודוויק, כאָטש ער איז געווען פֿרום, האָט נישט דערלאָזט, אַז פֿון דעם בישאָפֿס רייד זאָל אַרויסקומען עפּעס שלעכטס פֿאַר אידן.

פֿאַר זיין טויט האָט לודוויק דער פֿרומער צעטיילט זיין אימפּעריע צווישן זיינע זין. איינער האָט באַקומען דעם טיטול פֿון אַ קיניג אין פֿראַנקרייך, דער אַנדערער אין איטאַליע, דער דריטער אין דייטשלאַנד. די נייע מלכים פֿון זייער זייט האָבן אויך פֿונאַנדערגעטיילט די מאַכט צווישן זייערע פֿעאָדאַלן — די גרויסע לאַנדבאַזיצער, די גראַפֿן און באַראָנען, וואָס האָבן געהאַט אַ סך ערד און מאַיאָנטקעס, פּויערים און קנעכט. אַזוי זיינען די אמתע הערשער אומעטום געווען די פֿעאָדאַלן. יעדער גראַף אין זיינע שטעט און דערפֿער האָט געטאָן וואָס ער וויל. האָט אים געלוינט, האָט ער געשיצט דעם אידן, וואָס פֿלעגט אים רייך באַצאָלן אי פֿאַר די אַרענדירטע ערד־חלקים, אי פֿאַר דער ערלויבעניש צו פֿירן האַנדל; און אויב נישט, אָדער אויב די פֿאַנאַטישע גלחים האָבן דעם פֿריץ אויפֿגערייצט, האָט ער דעם אידן געדריקט. אַזוי, למשל, האָט דער גראַף פֿון טולוז (דרום־פֿראַנקרייך) איינגעפֿירט אַזאַ מנהג: איינמאָל אין יאָר, פֿאַר דעם קריסטלעכן פּסח, פֿלעגט ער רופֿן צו זיך דעם פֿאָרשטייער פֿון דער אידישער קהילה אין טולוז און דערלאַנגען אים אַ פּאַטש אין פּנים, כּדי צו דערמאָנען אים, ווי אידן

האָבן געפּייניקט קריסטוּסן; פוּן דעם פּאַטש האָט זיך די קהילה געמוּזט אויסקויפן מיט אַ באַזוּנדערן אָפּצאָל. אין אַנדערע שטעט פלעגט די קריסטלעכע באַפעלקערוּנג, אויפגעהעצט פוּן די גַלָחים, אָנפאַלן אין די פּסח־טעג אויף אידן אין די גאַסן, שלאָגן זיי און וואַרפן שטיינער אין זייערע הייזער.

אין צענטן יאָרהוּנדערט האָט זיך אין מיטל־אייראָפּע באַזוּנדערס פאַרשטאַרקט דייטשלאַנד, אוּנטער דער הערשאַפט פוּן אַן איי־גענער קיניג־דינאַסטיע. דער דייטשער קיניג אָטאָ דער גרויסער, פוּן דער זאַקסישער דינאַסטיע, האָט זיך געלאָזט קרוינען אין רוים מיט דעם טיטוּל „אימפּעראַטאָר", האַלטנדיק זיך פאַר אַ יורש פוּן קאַרל דעם גרויסן און די אַלטע רוימישע קיסרים. אָטאָ דער ערשטער און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געלאָזן די אידן פריי לעבן אין דייטשלאַנד; דאָס אייגענע האָבן געטאָן די פעאָדאַלן, אי די וועלטלעכע (גראַפן, באַראָנען) אי די קירכלעכע (בישאָפן), וואָס האָבן געקוּקט אויף די אידן אין זייערע שטעט ווי אויף אַן אייגנטוּם. עס פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז אַיין גראַף פלעגט פאַרקויפן דעם אַנדערן זיין שטיק לאַנד צוּזאַמען מיט די אידן, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט, ווייל אידן זיינען געווען אַ קוואַל פוּן הכנסה: זיי האָבן געצאָלט דעם לאַנדבאַזיצער גרויסע שטייערן און אָרענדע־געלט. אָרגאַניזירטע אידישע קהילות זיינען אין יענער צייט געווען אין די שטעט פוּן ריינלאַנד און אין דער פּראָווינץ לאָטרינגען, צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך (מאַינץ, וואָרמס, קעלן, מעץ).

מיט די קהילות האָבן אָנגעפירט די רַבָּנים, וואָס האָבן דאָ גע־שפּילט די ראָלע פוּן די גאונים אין בָּבל. דער ערשטער פוּן די באַ־רימטע רַבָּנים אין אייראָפּע איז געווען גֶרשום מאור הַגוֹלָה (דער שיין פוּן גָלוּת), דער באַגרינדער פוּן אַ תּלמוּדישער ישיבה אין מאַינץ. ער האָט אַרויסגעגעבן נייע „תַּקָנוֹת", געזעצן, וואָס זיינען געווען צוּגעפּאַסט צוּם לעבן פוּן די אייראָפּעאישע אידן. אַזוי, למשל, האָט ער פאַרבאָטן האָבן מער ווי אַיין ווייב (חרם דרבנוּ גרשום), צוּם אוּנטערשייד פוּן די אַזיאַטישע אידן, וואָס פלעגן אין געוויסע פאַלן נעמען אַ צווייטע ווייב ביים לעבן פוּן דער ערשטער. פוּן רַבּי גֶרשומס ישיבה זיינען אַרויס גרויסע געלערנטע, וואָס מען האָט זיי גערוּפן „חַכמֵי לוּתיר", ד. ה. געלערנטע פוּן לאָטרינגען. זיי זיינען געוואָרן

רבנים אין די קהילות פון מעץ, וואָרמס, מאַינץ און אין די נאָענטע שטעט פון פראַנקרייך. דער גרעסטער פון זיי איז געווען רַש״י (אַ פאַרקירצטער נאָמען, ראשי תיבות פון רבי שלמה יצחקי). אין דער יוגנט האָט רַש״י געלערנט אין די תלמודישע ישיבות פון וואָרמס און מאַינץ און שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין געבורטשטאָט טרואַ (טראָיעס) אין פראַנקרייך. דאָרטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ זייער וויכטיקער אַרבעט: שרייבן אַ פּירוש (קאָמענטאַר) צום תַּלמוד. פריער פלעגט מען דעם תַּלמוד מוזן לערנען מיט דער הילף פון אַ לערער, ווייל ס׳איז געווען שווער צו פאַרשטיין די אַראַמעאישע שפּראַך פון דער גמרא און די טיפע געדאַנקען פון די פאַרצייטיקע אַמוֹרָאים. רַש״י האָט מיט זיין קלאָרער העבּרעאישער שפּראַך קורץ דערקלערט אַלע שווערע אויסדרוקן פון תלמודישן טעקסט, אַזוי אַז יעדערער האָט אים געקענט פאַרשטיין. מיט רעכט האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט געגעבן אַ שליסל צום פאַרשלאָסענעם תַּלמוד. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש צו דער תּורה און אַנדערע בּיכער פון דער בּיבל; דאָ האָט ער אָפט איבערגעזעצט די שווערע ווערטער אויף פראַנצויזיש מיט העבּרעאישע אותיות. די פראַנצויזישע און דייטשע אידן האָבן גערעדט אין דער לאַנד-שפּראַך, און מען האָט בּיים לערנען אין די שולן געמוזט פאַרטייטשן אויף דער שפּראַך אַלע טעקסטן פון די הייליקע בּיכער. שפּעטער פלעגט מען אין אַלע חֲדָרים לערנען קינדער „חומש מיט רַש״י“, „גמרא מיט רַש״י“; רש״ים פּירוש האָט זיך געדרוקט צוזאַמען מיט דעם טעקסט פון דעם תַּנַ״ך און פון דעם תַּלמוד-בַּבלי.

אויך איטאַליע איז אין יענער צייט געוואָרן אַ צענטער פאַר אידישער קולטור. די אַלטע אידישע קהילה אין רוים איז געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון דעם פּויפּסט, דעם קיסר פון דער קריסטלעכער קירך; די קהילות אין צָפון-איטאַליע אָדער לאָמבּאַרדיע (ווערָאנאַ, פּאַוויאַ און אַנדערע) זיינען געווען אַ צייט אונטערטעניק די דייטשע קיסרים; אין דרום-איטאַליע זיינען די גרויסע אידישע קהילות אין נעאַפּאָל, סאַלערנאָ, בּאַרי און אַנדערע שטעט געווען אָפּהענגיק פון די בּיזאַנטישע הערשער, און אין די שטעט פון סיציליע (פּאַלערמאָ, מעסינאַ און אַנדערע) האָבן גע-

הערשט די אַראַבער. אַזוי זיינען זיך אין איטאַליע צונויפגעקומען פאַרשיידענע פעלקער, רעליגיעס און קולטורן, און צווישן זיי האָט זיך ברייט אַנטוויקלט אויך די אידישע קולטור. מען הערט צו יענער צייט פון תּלמודישע ישיבות און גרויסע געלערנטע אין איטאַליע; עס באַווייזן זיך סימנים פון אַ העברעאישער ליטעראַטור. איינער האָט איבערגעאַרבעט אויף העברעאיש די גריכיש געשריבענע אידישע געשיכטע פון יוסף פלאַוויוס (דאָס בוך „יוסיפון", וואָס מען האָט שפּעטער איבערגעזעצט אויף אידיש פאַר דייטשע און פּוילישע אידן). מען האָט געשריבן תּפילות און סליחות אין העברעאיש. אָבער די בעסטע ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור זיינען געשאַפן געוואָרן ניט אין איטאַליע, נאָר אין אַן אַנדער טייל פון דרום-אייראָפּע — אין שפּאַניע.

28. „יוסיפון", ערשטע אויסגאַבע אין אידיש (ציריך 1546)

29. די „גאָלדענע צייט" אין אַראַבישער שפּאַניע

נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן זיך איינגעריסן אין שפּאַניע, האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז וואַנען זיי האָבן דורך בלוטיקע מלחמות אַרויסגעשטופּט די קריסטלעכע הערשער פון דרום-טייל און האָבן דאָרט געגרינדעט זייער אייגענע מלוכה. אין צענטן יאָרהונדערט האָט

זיך דאָ געבילדעט אַן אַראַבישער קאַליפאַט מיט דער הויפּטשטאָט קאָרדאָווא און מיט נאָך גרויסע שטעט: סעווילא, גראַנאַדאַ, לוסענאַ; אַפילו די געוועזענע הויפּטשטאָט פון די וועסטגאָטן, טאָלעדאָ, אין מיטל־שפּאַניע האָט אויך געהערט צום אַראַבישן קאַליפאַט. אין דער צייט, ווען אַ סך קריסטן האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם און האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די אַראַבער, זיינען די אידן געבליבן ביי זייער גלויבן און פאָלק. זיי האָבן געלעבט מיט די אַראַבער אין פריינדשאַפט און געבילדעטע אידן פלעגן אָפט פאַרנעמען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג.

ביי דעם קאָרדאָווער קאַליף אַבד־ראַכמאַן איז געווען אַ אידישער מיניסטער חיסדאַי אִבּן־שאַפּרוט, אַ קענער פון פרעמדע שפּראַכן און פון דער „חָכמַת הָרפוּאָה״, מעדיצין. קיין קאָרדאָווא פלעגן קומען פאַר־טרעטער (אַמבאַסאַדן) פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע מלכים צוליב פּאָליטישע ענינים, איז חיסדאַי געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיי און דעם קאַליף; ער פלעגט אויך ענטפערן אויף די בריוו, וואָס דער קאַליף האָט באַקומען פון פרעמדע רעגירונגען. דער אידישער מי־ניסטער האָט געדינט אויך זיין אייגענעם פאָלק: ער האָט געזאָרגט וועגן דער אויפהאַלטונג פון אידישע קהילות און שולן און איז אָנער־קענט געוואָרן אַלס „נשיא״ אָדער עקסילאַרך פון שפּאַנישע אידן. אין זיין צייט האָט זיך געגרינדעט אין קאָרדאָווא אַ תּלמודישע ישיבה דורך איינעם אַ רָב, וואָס איז געקומען פון בָּבל. וועגן דעם דערציילט מען אַזאַ מעשה:

נאָכן טויט פון רבי סעדיָה גָאון, ווען די ישיבות אין בָּבל זיינען געפאַלן, האָבן זיך פון דאָרטן אַוועקגעלאָזט אויף דער וועלט פיר גע־לערנטע רבָּנים צו קלייבן געלט אויף אויסהאַלטן די ישיבות. אין וועג אויפן ים איז זייער שיף פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַראַבישע מאַטראָסן, וואָס האָבן די אידישע משולָחים געפאַנגען און פאַרקויפט פאַר קנעכט אין פאַרשיידענע לענדער. איינער פון די „פיר געפאַנגענע״ רבי מושה בן חָנוך, איז אויסגעקויפט געוואָרן דורך קאָרדאָווער אידן. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז, און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָסטן אָרימאַן. איינמאָל זיצט רבי מושה אין קאָרדאָווער בית־המדרש און הערט זיך צו, ווי דער רָב פון דער קהילה לייענט אַ שיעור

(לעקציע) אין תּלמוד און דערקלערט דעם טעקסט ניט ריכטיק; איז ער אויפגעשטאַנען און האָט געגעבן אַ ריכטיקע דערקלערונג. מען האָט דעם אָרימאַן געשטעלט עטלעכע שווערע קשיות, און ער האָט זיי אַלע פאַרענטפערט. דאָ האָט דער אַלטער רב געזאָגט צום עולם: „איך קען מער ניט זיין אייער רב, אָט דער אָרימער וואַנדערער איז אַ גרע־סערער קענער ווי איך און ער האָט רעכט צו זיין אייער פירער". די קאָרדאָווער קהילה האָט טאַקע אָנגענומען רבי מושהן פאַר אַ רב; ער האָט דאָרטן געגרינדעט אַ ישיבה און אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין שפּאַניע יענע תּלמודישע וויסנשאַפט, וואָס ער האָט געבראַכט פון בּבל. דער מיניסטער חיסדאַי האָט אים געשטיצט, ווי אויך אַנדערע געלערנטע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין שפּאַניע.

חיסדאַי האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער אידישער וועלט. איינמאָל האָט ער געהערט, אַז ערגעץ וואו צווישן אַזיע און אייראָפּע האָט זיך געבילדעט „אַ אידישע מלוכה", דאָס אויבנדערמאָנטע כאַזאַרן־לאַנד צווישן קאַספּישן און שוואַרצן ים. דורך רייזנדע פון ווייטע מדינות האָט חיסדאַי געשיקט אַ בּריוו צום כאַזאַרישן קיניג און געבעטן אים מודיע זיין, צי איז דאָס אמת, אַז אידן האָבן אויף דער וועלט אַ שטיק לאַנד מיט אַן אייגענער רעגירונג. ער האָט באַקומען אַ תּשובה פון דעם לעצטן כאַזאַרישן קיניג יוסף, עטלעכע יאָר איידער די רוסן האָבן חרוב געמאַכט זיין הויפּטשטאָט אויף דער וואָלגאַ (אויבן, קאַפּיטל 27, צום סוף). דעם אידישן מיניסטער איז שוין ניט באַשערט געווען צו טרייסטן זיך מיטן טרוים וועגן אַ זעלבּסטשטענדיקער אידישער מלוכה.

אין אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט איז דער קאָרדאָווער קאַליפאַט צעטיילט געוואָרן צווישן עטלעכע קליינע מלכים. איינער פון זיי, דער קיניג פון גראַנאַדאַ, האָט אויך געהאַלטן בּיי זיך אַ אידישן מיניסטער, דעם באַרימטן שרייבער, רבי שמואל הנגיד. דער געלערנטער תּלמודיסט שמואל, וואָס האָט געשריבן זייער שיין העבּרעאיש און אַראַביש, האָט געלעבּט פריער אין דער שטאָט מאַלאַגאַ, נאָענט צו גראַנאַדאַ; זיין פּרנסה האָט ער געצויגן פון אַ קרעמל מיט בּשמים (געווירצן). איינמאָל איז צו אים געקומען די דינסט פון גראַנאַדישן וויזיר (ערשטן מיניסטער), וועמעס פאַמיליע האָט געוואוינט אין

שכנות מיט שמואלס הויז, און האָט אים געפּעטן אָנשרייבן פאַר איר א בריוו צו איר בעל־הבית אין גראַנאַדאַ. דער וויזיר איז געווען אַנטציקט פון דעם שיינעם אַראַבישן סטיל און פון דער פיינער האַנט־שריפט אין בריוו, און קומענדיק קיין מאַלאַגאַ האָט ער זיך באַקאָנט מיט שמואלן. אין דעם אידישן קרעמער האָט ער דערזעען אַ הויך גע־בילדעטן און קלוגן מאַן און האָט אים מיטגענומען קיין גראַנאַדאַ אַלס סעקרעטאַר. אינגעכן איז דער אַלטער וויזיר געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער אַן עצה געגעבן דעם גראַנאַדישן קיניג, ער זאָל באַשטימען פאַר אַ וויזיר שמואלן, און דער קיניג האָט טאַקע אַזוי געטאָן. כמעט דרייסיק יאָר האָט רבי שמואל פאַרנומען די שטעלע פון אַ וויזיר אין גראַנאַדאַ און האָט געפירט אַלע פּאָליטישע געשעפטן פון דער קליינער מלוכה. די פרומע מוסולמענער זיינען ניט געווען צופרידן מיט זייער קיניג, וואָס האַלט אַ אידישן מיניסטער; אין לאַנד האָט מען שטאַרק אַגיטירט קעגן שמואלן און קעגן אידן בכלל, וואָס האָבן זיך פאַרמערט אין לאַנד און האָבן באַקומען אַ אייגענעם „נגיד“: אַזאַ טיטול, דאָס זעלבע וואָס „נשיא“ (פירשט), האָט רבי שמואל באַקומען אַלס פירער פון די אידישע קהילות. די געבילדעטע אַראַבער האָבן אָבער אויך געשעצט די גרויסע קענטעניישן פון דעם וויזיר אין שפּראַכן און וויסנ־שאַפטן. אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז שמואל הנגיד באַרימט געוואָרן אַלס ערשטער דיכטער, וואָס האָט אין שפּאַניע געשריבן גערייםטע שירים אין דער באַנייטער נאַציאָנאַלער שפּראַך (געזאַמלט אין זיינע ביכער „בֶּן־תהילים“, „בֶּן־מִשלי“ און בֶּן־קוהֶלֶת“).

די פיינדשאַפט פון די מוסולמענישע פאַנאַטיקער צו אַ אידישן וויזיר האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכן טויט פון רבי שמואלן, ווען זיין זון יוֹסֵף הַנגיד האָט פאַרנומען זיין הויכע שטעלע. איינמאָל, בשעת אַ מִלחמה צווישן דעם גראַנאַדישן קיניג און דעם פירשט פון אַ נאָענטער קליינער מלוכה, האָט זיך אַ באַנדע אַראַבער אַריינגעריסן אין פּאַלאַץ פון יוסף הנגיד, האָט אים געהרגעט און אויסגערויבט הונדערטער אידישע הייזער אין גראַנאַדאַ (אין יאָר 1066).

אויך ביי אַנדערע הערשער פון די קליינע אַראַבישע מלוכות אין שפּאַניע (סעווילאַ, סאַראַגאָסאַ) האָבן געבילדעטע אידן פאַרנומען הויכע שטעלעס, אַלס וויזירס און פינאַנץ־אַגענטן. אַפילו אין קאַסטיליע, דער

קריסטלעכער מלוכה אין צְפון־שפּאַניע, האָט דער קיניג אַלפאָנס VI געמוזט אָנקומען צו אידישע דיפּלאָמאַטן ביי זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט די שכנישע אַראַבישע הערשער. ער האָט באַקומען דערפאַר אַ שאַרפן בריוו פון רוימישן פויפּסט, וואָס האָט אים פירגעהאַלטן, אַז ער „דערהויבט דעם שָטנס סינאַגאָגע און דערנידעריקט די קריסטלעכע קירך"; אָבער אַלפאָנס האָט דעם „הייליקן פאָטער" ניט געפאָלגט און זיינע אידישע באַאַמטע ניט אָפּגעזאָגט.

אין יענער צייט האָט אויפגעבליט די אַראַביש־אידישע ליטעראַטור. דער עלפטער און צוועלפטער יאָרהונדערט הייסן „די גאָלדענע צייט פון דער אידישער ליטעראַטור". נאָך שמואל הַנגיד האָבן זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל געלערנטע, פּאָעטן און דענקער, וואָס האָבן געשריבן העבּרעאיש און אַראַביש. אין שפּאַניע האָט מען זיך ניט אַזוי פיל פאַרנומען מיטן תּלמוד ווי אין בָבל, נאָר מען האָט פריי געפאָרשט רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראַגן און געשריבן שיינע שירים מיט אַ רעליגיעזן אָדער וועלטלעכן אינהאַלט. שלומה בֶן גבירול (גאַבּיראָל) פון מאַלאַגאַ האָט פאַרפאַסט אין העבּרעאיש יענע טרויעריקע תּפילות וועגן דעם גורל פון אידישן פאָלק, וואָס ביז היינט לייענט מען זיי נאָך אין די שולן, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. אין איינער פון די דאָזיקע תּפילות פאַרגלייכט ער די אידישע נאַציע מיט אַ טויב צווישן ווילדע חַיות אין דער קריסטלעכער און מוסולמענישער וועלט. „ישמעאל (דער אַראַבער) איז ווי אַ לייב און עֵשָו (דער קריסט) ווי אַ רויבפויגל: לאָזט איינער אָפּ אַ ווילע—כאַפּט אונז דער אַנדערער". גבירול האָט אויך געשריבן אין אַראַביש זיין פילאָזאָפיש ווערק „דער קוואַל פון לעבן", וואָס איז שפּעטער פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן געלערנטע קריסטן אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג אונטער אַ פאַלשן נאָמען אַוויצעבראָן. נאָך גבירולס מוסטער האָט אויך געשריבן פיל טרויעריקע נאַציאָנאַלע תּפילות אָדער „סליחות" דער גראַנאַדער פּאָעט משה אבן עזרא. אין אַנדערע שירים באַזינגט אבן עזרא אויך די זאָרגן און צָרות פון דעם יָחיד, פון יעדן מענטש, וואָס טראַכט וועגן די העכערע פראַגן, וועגן דעם זין פון לעבן. די אידישע געבעט־ביכער זיינען פול מיט זיינע סליחות. אָבער זיינע פילאָזאָפישע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן, זיינען ווייניק באַקאַנט.

דער גרעסטער אידישער דיכטער און דענקער פון יענער צייט איז געווען יהודה הלוי פון טאָלעדאָ. אין זיינע ציון־לידער (ציאָנידן) האָט ער אויסגעגאָסן זיין הייסע בענקשאַפט נאָך דעם הייליקן לאַנד, ארץ־ישראל, פאַר וועלכן עס האָבן דאַן געפירט אַ מלחמה אדום און ערב, די קריסטלעכע קרייצטרעגער און די מוסולמענער. דאָס ליד „ציון הלא תשאלי", וואָס מען לייענט נאָך היינט אין אַלע אידישע שולן אין טאָג פון תשעה־באָב, הויבט זיך אָן מיט אַ פראַגע פון דעם דיכטער:

בענקסט דו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?

און ווייטער גיסט אויס דער דיכטער זיין האַרץ פאַר זיין געליבטער ציון:

מיך ציט צו דיר. מיין האַרץ גייט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאָכים,
וואו די שכינה האָט גערוט...
וואו נעמט מען פליגלען? שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט, ווייט אין דיינע ווילדע בערג פאַרטראָגן,
כ'וואָלט צוגעפאַלן צו דער ערד, וואָלט זי אויסגעקושט,
איר יעדן פוסטריט, יעדעם שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אויף דיינע חורבות!...

יהודה הלוי האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אויף דער עלטער אוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער עס איז געווען אַ סכּנה אַריינצוקומען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, וואָס איז דאַן געווען אין די הענט פון די פאַנאַטישע קרייצפאָרער. דער דיכטער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין מצרים און דאָרטן געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. מען דערציילט, אַז ער איז טאַקע אַהין געקומען, דערגאַנגען ביז די טויערן פון ירושלים און, דערזעענדיק די חרובע שטאָט, האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געקושט די שטיינער און באַגאָסן זיי מיט טרערן, זינגענדיק איינע פון זיינע „ציאָנידן"; דאָ איז אויף אים אָנגעפאָרן אַן אַראַבישער (אפשר

אַ קריסטלעכער) רייטער און האָט אים צעטראָטן מיט די פיס פון זיין פערד.

חוץ אַ גרויסער צאָל שירים אין אַ גלענצנדער העברעאישער שפּראַך, האָט יהודה הלֵוי געשריבן אין אַראַביש אַ פילאָזאָפיש ווערק וועגן אידישקייט. אין אַ העברעאישער איבערזעצונג הייסט דאָס בוך „סֵפר הַכּוּזרי“, ווייל עס איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ שמועס צווישן אַ אידישן געלערנטן און דעם כּאַזארישן (כּוזרישן) מֶלֶך, וואָס האָט געוואָלט אָננעמען דעם אידישן גלויבן. דער מחַבּר וויל דאָ באַווייזן, אַז אידישקייט איז ניט אַ זאַך פון מענטשלעכן שֵׂכל, נאָר פון געפיל און צוטרוי צו דעם, וואָס עס האָבן אונז איבערגעגעבן אונזערע אורעלטערן, די אָבות אֲבותינו, פון דור צו דור אין משך פון טויזנטער יאָרן. דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד וואָלט ניט געקענט ברענגען אונז צום אֶמתן גאָט, צום באַשאַפער פון הימל און ערד, ווען גאָט אַליין וואָלט זיך ניט אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני און געגעבן דורך מושהן זיינע געזעצן דעם אידישן פאָלק. דאָס אידישע פאָלק איז באַרופן פאַרשפּרייטן דעם אֶמתן גלויבן צווישן אַלע פעלקער און איז צווישן די פעלקער אַזוי ווי דאָס האַרץ צווישן די גלידער פון מענטש־לעכן גוף, דער קוואַל פון בלוט, וואָס באַלעבט דעם גאַנצן גוף. אידן האָבן געפונען דעם אֶמת, אין דער צייט ווען די אַלטע גריכן האָבן געפונען נאָר די שיינקייט; אין דער גריכישער חָכמה וואַקסן בלויז בלומען, אָבער ניט קיין פרוכטן.

גאָר אַנדערש האָט פאַרשטאַנען דעם וועזן פון אידישקייט דער גרויסער דענקער מ ו ש ה ב ן ־ מַ י מ ו ן, באַרימט אונטער דעם נאָמען מַ יי מ אָ נ י ד און רַ מ בַּ ״ם (ראשי תיבות פון רבי מושה בן־מימון). ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז דער ריינער אידישער גלויבן שטימט אײנאַנצן מיט דעם מענטשלעכן שֵׂכל, וואָס איז אַליין אַ חֵלק פון גאָט. מען דאַרף ניט ג ל ו י ב ן אין דעם, וואָס מען קען ניט פ אַ ר ש ט יי ן. דער שֵׂכל רייניקט די אֶמונה און דערלאָזט זי ניט צום אָבערגלויבן. דעם לעצטן געדאַנק האָט דער רמבּ״ם גענומען ביי דעם אַלטן גריכישן פילאָזאָף אַריסטאָטעל (אריסטו), וועמעס תּורה איז גע־ווען פאַרשפּרייט אין דער אַראַבישער ליטעראַטור פון יענער צייט. אין זיין אַראַביש געשריבענעם ווערק „מורה נבוכים“ (דער פירער פון

די פאַרבלאָנדזשעטע) באַמיט זיך דער רמב״ם צופּאַסן די גרונד-געזעצן פון תּורת-מושה צו דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, אַזוי ווי אַמאָל האָט פילאָן דער אַלעקסאַנדריער צוגעפּאַסט די תּורה צו דער פילאָזאָפיע פון דעם אַלטן גריכישן דענקער פּלאַטאָן. דער רמב״ם האָט אויך סיסטעמאַטיש באַאַרבעט די צווייטע תּורה: דעם תּלמוד. אין זיין גרויסן בוך „מִשנֶה-תּוֹרה״ אָדער „יָד הַחֲזָקָה״ (די צווייטע תּורה, די שטאַרקע האַנט), וואָס איז שוין געווען געשריבן העבּרעאיש, האָט ער צונויפגעשטעלט אַלע געזעצן פון דער יידישער רעליגיע, פאַמיליע-לעבן און געזעלשאַפט, ווי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין ביידע תּורות. אין דער ערשטער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „סֵפֶר-הַמַדָע״ (בוך פון וויסן) האָט דער רַמבּ״ם דערקלערט, ווי עס לעגן זיך אויפן שכל אַלע גרונד-געדאַנקען פון אידישקייט. אַזעלכע „עיקרים״ (דאָגמעס) פון גלויבן האָט ער אויפגעציילט דרייצען: 1) גאָט איז דער באַשאַפער פון דער וועלט, 2) ער איז איין איינציקער, 3) ער האָט ניט קיין גוף און קיין קערפּערלעכע פאָרם, 4) ער איז אייביק, 5) מען דאַרף בעטן נאָר צו אים, 6) אַלע רייד פון די אידישע נביאים זיינען אֶמֶת, 7) תּורת מושה איז אֶמֶת, 8) גאָט אַליין האָט געגעבן די תּורה דורך מושהן און 9) זי וועט קיינמאָל ניט פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדער תּורה, 10) גאָט ווייס אַלע מעשים און געדאַנקען פון מענטשן, 11) ער באַלוינט פאַר גוטע מעשים און באַשטראָפט פאַר שלעכטע, 12) ווען עס איז וועט קומען משיח און מען דאַרף אויף אים שטענדיק וואַרטן, 13) ווען עס איז וועלן די טויטע לעבעדיק ווערן. די דאָזיקע דרייצן עיקרים ווערן נאָך ביז היינט געלייענט אין פיל שולן אַלע טאָג אין דער פרי נאָכן דאַווענען און יעדערער פון זיי הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אֲני מַאמִין״ (איך גלויב).

דער רמבּ״ם האָט פאַרבראַכט זיין לעבן אין מַעֲרָב און מִזְרָח. געבאָרן אין קאָרדאָווע, האָט ער נאָך אין די יונגע יאָרן געמוזט פאַרלאָזן שפּאַניע, ווייל אַהין האָבן זיך אַריינגעריסן פון אַפריקע פאַנאַטישע מוסולמענער, די אַלמאָהאַדן, וואָס האָבן אומעטום געשלאָגן אידן און גענויט זיי צום שמד. נאָכדעם ווי ער האָט געוואַנדערט אין פאַרשיידענע לענדער און באַזוכט אויך אֶרֶץ-ישרָאֵל, האָט ער זיך באַזעצט אין דער הויפּט-שטאָט פון מִצרַים, קאַאירע (פאָסטאַט), און איז געוואָרן

הויף־אַרצט בײַ דעם באַרימטן סולטאַן סאַלאַדין (ער האָט געלערנט מעדיצין און האָט געשריבן מעדיצינישע ווערק אין אַראַביש). בײַ די עגיפּטישע אידן האָט ער פאַרנומען די שטעלע פון אַ „נגיד", אַן עקסילאַרך. דער רמב"ם איז געווען באַרימט אין אַלע לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט. ווען ער איז געשטאָרבן אין קאַהירע (יאָר 1204), האָבן זיין טויט באַוויינט אי אידן אי געבילדעטע אַראַבער. זיין קערפּער האָט מען אַריבערגעפירט אין דעם הייליקן לאַנד און באַגראָבן אין דער שטאָט טבריה.

29. רמב"ם

נאָך פיל געלערנטע און שרײַבער האָט דאָס שפּאַנישע אידנטום געגעבן דער וועלט אין יענער „גאָלדענער צייט". דער שאַרפזיניקער א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א, וואָס האָט געשריבן אַ קלוגן פּירוש צו דער תורה און שיינע העבּרעאישע שירים, איז געווען אויך אַ קענער אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע. דער פילאָזאָף א ב ר ה ם א ב ן דאַוד פון טאָלעדאָ איז געווען אויך אַ היסטאָריקער און האָט פאַרפאַסט דאָס בוך „ספר הקבלה", וואו ער דערציילט, ווי די אידישע וויסנשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט פריער אין בבל און שפּעטער אין שפּאַניע, ווי נאָך דורות פון „גאונים" זיינען געקומען „רבנים". דער וועלט־רייזנדער ב נ י מ י ן פ ו ן ט ו ד ע ל א האָט דרייצן יאָר (פון 1160 ביז 1173) אומגערייזט אין אַלע לענדער, וואו עס געפינען זיך אידישע קהילות. איז זיין בוך „מסעות בנימין" דערציילט ער וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין איראָפּע, אַזיע און אַפריקע. זיין בוך גיט אַ בילד פון אידישן לעבן אין דער גאַנצער וועלט אין דער צווייטער העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט.

30. די קרייץ־צוגן אין מיטל־אייראָפּע

די גאָלדענע צייט פֿאַר די שפּאַנישע אידן איז געווען אַ פֿינסטערע צייט פֿאַר די דייטשע און פֿראַנצויזישע ייִדן. צום סוף פֿון עלפֿטן יאָר־הונדערט האָט זיך דאָ אויפֿגעהויבן צווישן די קריסטן אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע וועלט. אין אייראָפּע האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין הייליקן לאַנד פּאַלעסטינע ווערן קריסטן פֿאַרפֿאָלגט פֿון מוסולמענער. דער רוימישער פּויפּסט אורבאַן האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו אַלע קריסטן, זיי זאָלן אויסטיילן פֿון זיך פֿרייוויליקע זעלנער און שיקן קיין פּאַלעסטינע אָפּצונעמען בײַ די טערקן די הייליקע שטאָט ירושלים מיט קריסטוסעס קבֿר. אין פֿראַנק־רייך און דייטשלאַנד האָבן זיך אויף דעם רוף פֿון פּויפּסט אָפּגערופֿן צענדליקער טויזנט קריסטן פֿון אַלע קלאַסן. עס זיינען געגאַנגען פּויערים, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט באַפֿרייען פֿון קנעכטשאַפֿט בײַ די פּריצים, און פּריצישע „ריטער", וואָס האָבן געהאָפֿט אָנרויבן פֿיל גוטס בײַ די אַראַבער אין אַזיע; צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אַלערליי אוואַנטיו־ריסטן און באַנדיטן. גאַנצע מחנות „קרייצטרעגער" (מען האָט זיי אַזוי גערופֿן, ווייל זיי האָבן געטראָגן אויף די אויבערשטע קליידער צוגע־נייטע רויטע קרייצן, צלמים) האָבן זיך צעגאָסן איבער די לענדער וואָס אַרום רהיין, אויף דער גרעניץ פֿון פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד, גרייט צו גיין צום הייליקן לאַנד. דערווייל אָבער האָבן ווילדע באַנדעס קרייצ־טרעגער געראַבעוועט די באַפֿעלקערונג אין די ערטער, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגעגאַנגען. די אידישע באַפֿעלקערונג פֿלעגט מען ניט נאָר ראַבעווען, נאָר אָפֿט אויך טויטן אָדער נויטן צו שמד. דורכגייענדיק די שטעט, וואו אידן האָבן געלעבט, פֿלעגן די באַנדיטן זאָגן: „מיר גייען שלאָגן מוסולמענער אין ווייטע לענדער און דאָ לעבן זיך רואיק אידן, וואָס האָבן געלאָזט טויטן אונזער קריסטוסן. לאָמיר זיך פֿריער מיט זיי אָפּרעכענען!"

אין די טעג צווישן פּסח און שבֿועות פֿון יאָר 1096 האָבן זיך אין די רהיין־לענדער אָפּגעטאָן שרעקלעכע מעשים. אין די שטעט וואָרמס, קעלן, מאַינץ און פֿיל אַנדערע האָבן די קרייצטרעגער חרובֿ געמאַכט גרויסע אידישע קהילות. מען האָט געכאַפּט אידן און געפּאָדערט,

זיי זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן; ווער עס האָט דאָס ניט געטאָן, יענעם האָט מען געהרגעט אויפן אָרט. עס זיינען געקוילעט געוואָרן טויזנטער אידן; אָפּגייענדיק מיט בלוט, פלעגן זיי שרייען: שמע ישראל! אַנדערע פלעגן זיך אַליין נעמען דאָס לעבן, כדי ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די מערדער; עלטערן פלעגן קוילענען זייערע געליבטע קינדער פאַר מורא, אַז מען זאָל זיי ניט אָפּשמדן. אין דער אַלטער שטאָט וואָרמס האָט זיך אַ טייל פון דער אידישער קהילה באַהאַלטן אין דעם באַפעסטיקטן פּאַלאַץ פון דעם דאָרטיקן בישאָף. די קרייצטרעגער האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין פּאַלאַץ, אָבער דער בישאָף האָט זיי אָפּגעהאַלטן און צוגעזאָגט, אַז ער וועט איינרעדן די אידן זיי זאָלן זיך טויפן. דער בישאָף האָט געזאָגט צו די אידן: „ווילט איר ראַטעווען אייער לעבן, נעמט אָן דעם קריסטלעכן גלויבן“. זיי האָבן אים געענטפערט: „גיב אונז צייט צו באַטראַכטן די זאַך“. די קרייצטרעגער זיינען געשטאַנען אַרום פּאַלאַץ, וואַרטנדיק אויף אַ תשובה. די פאַרשלאָסענע אידן האָבן אָבער צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז „אַלע זאָלן זיך ברענגען פאַר אַ קרבן אין נאָמען פונם איינציקן גאָט“. זיי האָבן זיך אַלע אַליין אויסגעקוילעט, און ווען די באַנדיטן האָבן געעפנט די טירן פון פּאַלאַץ, האָבן זיי געפונען נאָר טויטע קערפּערס. אַזוי איז געווען אויך אין אַנדערע קהילות. פיל אידן אָבער האָבן אונטער דעם מעסער פון די קרייצטרעגער געלאָזט זיך טויפן, מיט דעם געדאַנק אומקערן זיך צום אידנטום באַלד ווי די רוצחים וועלן אַוועקגיין. אַז די באַנדעס זיינען זיך צעלאָפן און אין דייטשלאַנד איז רואיק געוואָרן, האָט דער דייטשער קיסר היינריך IV ערלויבט אַלע אידן, וואָס זיינען געטויפט געוואָרן מיט געוואַלט, אומקערן זיך צו זייער אמונה.

אין דריי יאָר אַרום האָבן די קרייצטרעגער איינגענומען די הייליקע שטאָט ירושלים, אויסגעהרגעט דאָרטן מוסולמענער און אידן און האָבן געגרינדעט די קריסטלעכע „מלוכה פון ירושלים“. די קליינע מלוכה איז אָבער געווען אַרומגערינגלט פון מחנות פיינדלעכע מוסולמענער, און אירע קריסטלעכע הערשער האָבן געמוזט פון צייט צו צייט אַרויסרופן הילף פון אייראָפּע. אַזוי איז אין פופציק יאָר אַרום נאָך דעם ערשטן קרייץ־צוג צוגעגרייט געוואָרן דער צווייטער (1147).

דאָס מאָל האָבן די קרייצטרעגער אויפֿן וועג געשלאָגן אידן נאָר אין עטלעכע שטעט פֿוּן פֿראַנקרייך אוּן דייטשלאַנד; גרעסערע אידישע קהילות האָבן זיך אין דער צייט, ווען די בּאַנדיטן זיינען דוּרכגעגאַנגען, בּאַהאַלטן אין די בּאַפֿעסטיקטע פּאַלאַצן אוּן הויפֿן פֿוּן שטאַרקע פֿעאָ־דאַלן, צאָלנדיק זיי גרויסע סוּמעס געלט פֿאַר דעם שוּץ.

דער דריטער קרייץ־צוּג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבּן מיט פֿערציק יאָר שפּעטער (1189), האָט אָנגערירט דעם נייעם אידישן ישוּב אין ע נ ג ל א נ ד. דאָ האָבּן זיך בּאַזעצט אידן פֿוּן פֿראַנקרייך אוּן האָבּן געגרינדעט קהילות אין לאָנדאָן אוּן נאָך עטלעכע גרעסערע שטעט (אָקספֿאָרד, קעמבּרידזש, יאָרק). נאָך די ערשטע צוויי קרייץ־צוּגן האָבּן זיך די קהילות פֿאַרגרעסערט, ווייל עס זיינען אַהער אָנגעלאָפֿן נאָך אידן פֿוּן פֿראַנקרייך אוּן דייטשלאַנד. די ענגלישע מלכים האָבּן זיי געגעבּן רעכט צוּ קויפֿן ערד אוּן הייזער אוּן האַנדלען איבּערן גאַנצן לאַנד, אָבּער דערפֿאַר האָבּן זיי געמוּזט צאָלן דעם קיניג גרויסע שטייערן. דאָך זיינען אַ סך אידישע סוחרים רייך געוואָרן; אין לאָנדאָן האָבּן אַזעלכע גבירים געלעבּט אין שיינע געמויערטע הייזער אוּן האָבּן אויפֿגעוועקט אַ געפֿיל פֿוּן קינאה בּיי קריסטן. דאָס האָט צוּגעגרייט דעם בּאָדן צוּ אַ שרעקלעכן פּאָגראָם אין דער צייט, ווען דער ענגלישער קיניג ריטשאַרד I. האָט זיך געגרייט צוּ אַ קרייץ־צוּג צוּזאַמען מיט די מלכים פֿוּן פֿראַנקרייך אוּן דייטשלאַנד.

אין לאָנדאָן איז געווען אַ יום־טוב: דער קרוינוּנג־טאָג פֿוּן דעם קיניג ריטשאַרד. אין דער גרויסער קירך בּיים קיניגליכן פּאַלאַץ זיינען אָנגעקוּמען אַ סך דעפּוּטאַציעס צוּ בּאַגריסן דעם נייעם הערשער; געווען אויך אַ אידישע דעפּוּטאַציע. „ווי קוּמען דאָס אידן אין אַ קריסטלעכער קירך?‟ — האָט דער לאָנדאָנער בּישאָף געזאָגט צוּם קיניג, — אוּן תּיכּף האָט מען געהייסן אַרויספֿירן די אידישע דעפּוּטאַטן פֿוּן פּאַלאַץ. אין שטאָט האָט מען געלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער פֿרוּמער קיניג האָט די אידישע פֿאָרשטייער אַרויסגעטריבּן, אוּן די לאָנדאָנער בּירגער צוּזאַמען מיט די קרייצטרעגער האָבּן זיך גענוּמען שלאָגן אידן, אוּנ־טערצינדן זייערע הייזער אוּן ראַבּעווען זייער פֿאַרמעגן. פֿיל מענטשן זיינען פֿאַרבּרענט געוואָרן אין זייערע הייזער. נאָכדעם ווי ריטשאַרד איז אַוועק מיט די קרייצטרעגער קיין פּאַלעסטינע, זיינען אַזעלכע

פֿאָגראָמען פֿאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעט פֿון ענגלאַנד. דער שרעקלעכסטער פּאָגראָם איז געווען אין יאָרק. דאָ האָט זיך דער רָב און נאָך פֿיל פֿון דער אידישער קהילה פֿאַרשפּאַרט אין דעם טורעם פֿון אַ פֿעסטונג. זעקס טעג האָבן די קריסטן באַלאַגערט די פֿעסטונג און ניט געקענט אַריינדרינגען אין דעם טורעם; איינער אַ מאָנאַך, וואָס האָט געררייצט צו אַ פּאָגראָם, איז געהרגעט געוואָרן פֿון אַ שטיין, וואָס די באַלאַגערטע האָבן געוואָרפֿן פֿון דער הויך פֿון טורעם. אָבער אינגעכן איז אויסגעגאַנגען די שפּייז אין דער פֿעסטונג; די באַלאַגערטע, פֿאַרמאַטערט פֿון הונגער, האָבן שוין ניט געקענט קעמפֿן, און אָפּגעבן זיך אין די הענט פֿון די פֿיינד האָבן זיי אויך ניט געוואָלט. דאַן האָט דער רָב, רבי יום־טוב, געזאָגט: „ברידער, עס זעט אויס, אַז אונז איז באַשערט צו שטאַרבן פֿאַר אונזער הייליקער תּורה. גאָט האָט אונז געגעבן דאָס לעבן, לאָמיר עס אים אַליין צוריקגעבן מיט אונזערע הענט, ווי עס האָבן געטאָן אונזערע ברידער אין אַנדערע קהילות" (אין דייטשלאַנד). דער רָב און די חשובֿסטע מענטשן פֿון דער קהילה האָבן זיך אַליין געקוילעט מיט מעסערס; די איבעריקע האָבן באַקומען דעם טויט פֿון די הענט פֿון די שונאים, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פֿעסטונג.

די שרעקלעכע צייט פֿון די קרייץ־צוגן האָבן באַשריבן מענטשן, וואָס האָבן זי אַליין איבערגעלעבט (אליעזר בן נתן און שלומה בן שמעון פֿון מאַינץ, אפרים פֿון באָן און אַנדערע). דיכטער האָבן די צרות באַזונגען אין קלאָג־לידער, אין „קינות", וואָס מען האָט געלייענט אין די שולן. אַלע יאָר, דעם צוואַנציקסטן טאָג פֿון סיון, פֿלעגט מען אין די קהילות מאַכן אַ תּענית און לייענען מיט גרויס געוויין אַזעלכע קינות און סליחות, ווי צום ביישפּיל:

מיט בלוטיקע טרערן באַקלאָג איך די הייליקע קהילה פֿון וואָרמס,
אַ ווייגעשריי רייסט זיך פֿון האַרץ אויף די הרוגים פֿון מאַינץ,
די העלדן פֿון גייסט, וואָס זיינען פֿאַרן הייליקן נאָמען געשטאָרבן.
אָ גאָט, ניט פֿאַרשווייג מיין פֿאַרגאָסן בלוט,
בלוט פֿון קינדער, וואָס עלטערן האָבן פֿאַר אַ קרבן געבראַכט...

31. פראַנצויזישע און ענגלישע אידן ביז צום גירוש

נאָך די קרייץ־צוגן איז די לאַגע פון אידן צווישן קריסטן ערגער געוואָרן. שווערער איז געוואָרן דאָס לעבן מיט פיינדלעכע שכנים, און מען האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט איינע פון די אַנדערע. אידן האָבן זיך באַזעצט אין באַזונדערע גאַסן פון די שטעט, ווייטער פון די קריסטלעכע גאַסן. די אידישע שטאָט מיט אירע שולן און קראָמען איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער קריסטלעכער שטאָט מיט אירע קלויסטערס און ראַטהייזער (ראַטושע). די אידישע פרנסות האָבן זיך אויך געביטן. פריער האָבן זיך פיל אידן באַשעפטיקט מיט לאַנד־ווירטשאַפט און מיט גרויסהאַנדל צווישן אייראָפּע און אַזיע. נאָך די קרייץ־צוגן, וואָס האָבן פאַרבונדן אייראָפּע מיט דעם ווייטן מזרח, האָבן קריסטן אַליין אָנגעהויבן פירן מסחר מיט אויסלאַנד און האָבן שוין נית געדאַרפט אָנקומען צו אידישע פאַרמיטלער. אידישע ערד־באַזיצער אָדער אַרענדאַרעס אין די דערפער האָבן זיך געפילט נית זיכער צווישן קריסטלעכע פריצים און פויערים און פלעגן אַוועקגיין אין די שטעט צו זייערע ברידער. אַזוי זיינען ביי אידן געבליבן נאָר דריי פרנסות: קליינהאַנדל, האַנטווערק און געלט־האַנדל (לייען געלט אויף פראָצענט). מיט די ערשטע צוויי פרנסות האָבן זיך פאַרנומען דער מיטעלער און אָרימער קלאַס, מיט געלט־האַנדל — די פאַר־מעגלעכע. אין דעם קרעדיט־געשעפט האָבן אידן געהאַט ווייניק קאָנקורענטן, ווייל די קריסטלעכע קירך האָט פאַרבאָטן אירע אָנהענגער געבן געלט אויף פראָצענט און מען האָט דאָס בכלל געהאַלטן פאַר אַ מיאוסער פרנסה. פאַר אידן אָבער האָט דער געשעפט גראָד געפּאַסט, ווייל אין אַ צייט פון פאַרפאָלגונגען, ווען מען מוז לויפן פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן, איז געלט לייכט אַריבערצופירן אין דעם נייעם אָרט און מאַכן דאָרטן אַ נייעם געשעפט. אין יענע צייטן פלעגן די געלטגעבער נעמען זייער גרויסע פראָצענטן, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט פלעגן זיי אויסמאָנען צוויי און דריי מאָל אַזוי פיל, ווי זיי האָבן פאַרליען; פראָצענטניקעס זיינען דערפון רייך געוואָרן, אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן געריסן די הויט, האָט מען פיינט געהאַט, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שינאה פון די קריסטן צו זייערע אידישע

קרעדיטאָרן. דאָס איז געווען אי אַ מיאוּסע, אי אַ געפערלעכע פּרנסה.

קריסטלעכע הערשער האָבן געשטוּפּט דעם אידן צוּם קרעדיט־געשעפט, ווייל זיי אַליין פלעגן צוּנעמען אַ גרויסן חלק פוּן פאַרדינסט. פוּן יעדער הלוואה האָט דער איד געמוּזט צאָלן שטייער דעם קיניג אָדער דעם פעאָדאַלן פירשט, אויף וועמעס ערד ער האָט געוואוינט. ווען דער הערשער האָט זיך גענויטיקט אין געלט, פלעגט ער פּשוּט אָפּנעמען ביי רייכע אידן אַ גרויסן טייל פוּן זייער פאַרמעגן. אַזוי האָט דער פראַנצויזישער קיניג פ י ל י פּ ־ א וו ג ו ס ט געהייסן אַרעסטירן אַלע אידן אין פּאַריז אין אַ שבת־טאָג, ווען זיי האָבן געדאַוונט אין די שוּלן, אוּן האָט זיי באַפרייט ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן אים באַצאָלט פּוּפצען טויזנט גאָלד־מאַרק (יאָר 1181), אַ גרויסע סוּמע פאַר יענער צייט. אין אַ יאָר אַרוּם האָט ער געהייסן אַרויסטרייבן אַלע אידן פוּן פאַריזער קרייז אוּן קאָנפיסקירן זייערע הייזער, גערטנער אוּן ווייינקעלער; שפּעטער, ווען ער האָט ווידער געבּרויכט געלט, האָט ער זיי ערלויבּט אוּמקערן זיך אוּן האָט באַקוּמען אַ גרויסע סוּמע געלט פאַר דעם דאָזיקן „חסד“ (1198).

וועלטלעכע הערשער האָבן זיך געיאָגט נאָך אידיש געלט, קירכלעכע הערשער — נאָך דער אידישער נשמה. אין אָנהויב פוּן דרייצענטן יאָרהוּנדערט האָט זיך דער רוימישער פּויפּסט א י נ אָ ־ צ ע נ ץ III גענוּמען פאַר אידן. זיין געדאַנק איז געווען אַזאַ: אויב מען קען ניט מאַכן אידן פאַר קריסטן, דאַרף מען זיי אַוועקשטעלן אין אַזאַ נידעריקער לאַגע, אַז אַלע זאָלן זעען אין זיי פאַרשאָלטענע מענטשן, וואָס גאָט האָט זיי באַשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי גלויבן ניט אין זיין קריסטוּסן. מען דאַרף זיי אָפּטיילן פוּן דער קריסטלעכער באַפעלקערוּנג, כּדי יעדערער זאָל זעען·דעם אוּנטערשייד „צווישן די געטרייע קינדער פוּן דער קירך אוּן די פאַרשטויסענע קינדער פוּן דער סינאַגאָגע“. אין יאָר 1215 האָט דער פּויפּסט צוּנויפגערוּפן אין רוים אַ גרויסע פאַרזאַמלוּנג פוּן בּישאָפן, וואָס האָט אָנגענוּמען אַ באַשלוּס, אַז אידן אין אַלע לענדער זאָלן טראָגן באַזוּנדערע קליידער, ניט אַזוינע ווי די קריסטן. שפּעטער האָט מען דעם געזעץ אַזוי אויסגעטייטשט אין פראַנקרייך אוּן אין אַנדערע לענדער, אַז אידן דאַרפן טראָגן אויף

זייערע קליידער אַ באַזונדערן צייכן: אַ געלע לאַטע אויפן הוט אָדער אויפן מאַנטל. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ שאַנד־פלעק פאַר אידן, אַ מין קַין־צייכן פאַר דעם אידישן פאָלק. ניט אומעטום האָט מען דורכ־געפירט דעם בייזן געזעץ פון די שונאי־ישׂראל, אָבער אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד האָבן די גלחים שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז אידן זאָלן ניט אַרויסגיין אין גאַס אָן דער געלער לאַטע אָדער אָן דעם שפּיציקן הוט מיט הערנער.

30. דער איד מיט דעם שפּיציקן הוט



31. דער איד מיט דער געלער לאַטע

דער פרומער פראַנצויזישער קיסר ל ו ד וו י ק דער ה יי ל י ק ע ר האָט אַלץ געטאָן, וואָס די גלחים האָבן אים געהייסן. אין יענער צייט האָבן די גלחים אָפט געפירט וויכּוחים (דיספּוטן) מיט רבנים וועגן אמונה־זאַכן. איינמאָל האָט אַ געטויפטער איד, ניקאָלאַי דאָנין, אָנגע־געבן דעם פויפּסט אַ מסירה, אַז אין תּלמוד געפינען זיך שעדלעכע מיינונגען און מיאוסע אויסדרוקן קעגן קריסטוס און קריסטן. אין פּאַריז האָט מען אָפּגענומען ביי עטלעכע אידן די געשריבענע ביכער

פון תלמוד און גערופן די רבנים צו אַ וויכוח מיט דאָנינען און די גלחים. דער פּאַריזער רב יחיאל האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער משומד האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אויפן תלמוד, אַז דאָרטן זיינען גאָר ניטאָ קיין שלעכטע מיינונגען קעגן דער קריסטלעכער אמונה; אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. די גלחים האָבן פאַראויס באַשלאָסן צו פאַרברענען די ביכער פון תלמוד. זיי האָבן דערצו באַקומען אַן ער־לויבעניש פון דעם פרומען קיניג. מען האָט אַוועקגענומען די תלמוד־ביכער אין אַלע אידישע הייזער אין פּאַריז, געבראַכט זיי אויף פיר און צוואַנציק פורן אויפן שטאָט־פּלאַץ און עפנטלעך פאַרברענט (יאָר 1242). לודוויק האָט געהייסן, מען זאָל צווינגען אידן צו הערן דרשות פון קריסטלעכע גלחים און מען זאָל אָפּהיטן דעם געזעץ וועגן דעם אידישן צייכן אויף קליידער.

די השגחה אויף אידן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער קריסטלעכער אינקוויזיציע — אַ טריבונאַל פון פאַנאַטישע גלחים און מאָנאַכן, וואָס פלעגן אויסזוכן אפּיקורסים אויך צווישן קריסטן און פאַרמשפּטן די שולדיקע צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט. די אינקוויזיציע פלעגט אָפט מאַכן פאַרשיידענע בילבולים אויף אידן: אַז צו פּסח קוילענען זיי שטילערהייט אַ קריסטלעך קינד און פאַרמישן זיין בלוט אין דער טייג פון מצה; אַז זיי גנבענען פון דער קירך דעם „הייליקן ברויט", דעם סימבאָל פון קריסטוסעס קערפּער („האָסטיאַ"), און שטעכן עס מיט מעסערס, כדי פון אים זאָל פליסן בלוט. אַזעלכע „עלילות־דם" (בלוט־באַשולדיקונגען) האָט מען אין פאַרשיידענע לענדער אויס־געטראַכט, כדי צו באַווייזן, אַז אידן נעמען נקמה פון קריסטן. די גלחישע אינקוויזיציע פלעגט דערפאַר פאַרמשפּטן אומשולדיקע מענטשן צום טויט. אַזוי האָט מען אין דער שטאָט טרוא פאַרברענט דרייצן פאָרשטייער פון דער אידישער קהילה און אַ אידישע פאַמיליע אין פּאַריז. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם קיניג פיליפּ דער שיינער, וואָס האָט פאַרפאָלגט אידן ניט אַזוי צוליב פרומקייט, ווי צוליב געלט. ער פלעגט אַרעסטירן פאַרמעגלעכע אידן און האַלטן זיי אונטערן שלאָס ביז זיי פלעגן זיך אויסקויפן מיט גרויסע געלט־סומעס. איינמאָל האָט ער, ווי אַמאָל זיין זיידע פיליפּ־אַווגוסט, אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון פאַריז און די אַרומיקע שטעט און האָט

אָפּגענומען זייער גאַנצן פאַרמעגן (אין יאָר 1306). אין ניין יאָר אַרום, נאָכן טויט פון דעם רויבער־קיניג האָט זיין זון לודוויק X גערופן די פאַרטריבענע צוריק, ווייל — ווי עס שטייט אין זיין דעקרעט — „דאָס פאָדערט דער געשריי פון אונזער פאָלק".

ווען די אידן זיינען צוריקגעקומען, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זיי איז שווער צונויפלעבן זיך מיט אַ פאָלק, וואָס ווערט כּסדר אונטערגעהעצט פון פאַנאַטישע גלחים און גלויבט אין אַלערליי נאַרישקייטן. אין יאָר 1320 זיינען זיך אין דרום־פראַנקרייך צונויפגעקומען באַנדעס פון נייע קרייצטרעגער, פּויערים און פּאַסטוכער, און געגאַנגען שלאָגן אידן. אַ יונגער פּאַסטוך האָט דערציילט, אַז די גאָטס־מוטער איז צו אים געקומען אין געשטאַלט פון אַ טויב און אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל גיין שלאָגן די נים־קריסטן. צו די פּויערים זיינען צוגעשטאַנען געוויינטלעכע רויבער און מען איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון טולוזאַ ביז באָרדאָ, געראַבירט און געברענט אידישע הייזער און אויסגעהרגעט אַ מאַסע מענטשן. דאָס האָט געהייסן די „פּאַסטוכער־גזירה" („גזירת־הרועים"). די לאַגע פון אידן אין פראַנקרייך איז געוואָרן אַלץ ערגער. די קיניגן און פעאָדאַלן פלעגן לאָזן וואוינען אידן אין לאַנד נאָר צייטווייליק, אויף קורצע טערמינען, און פלעגן אויפמאָנען געוואַלדיקע שטייערן פאַרן וואוינרעכט. צום סוף פערצענטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך געענדיקט אַ טערמין פון צוואַנציק יאָר פאַרן וואוינרעכט, האָט דער קיניג קאַרל VI אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן די אידן פון פראַנקרייך אויף אייביק (1394). דאָס מאָל האָט מען דעם גירוש דורכגעפירט אי אין צפון־ אי אין דרום־פראַנקרייך, אַזוי אַז אין גאַנצן לאַנד זיינען אידישע קהילות איבערגעבליבן נאָר אין עטלעכע אומאָפּהענגיקע פּראָווינצן (פּראָוואַנס, אַוויניאָן).

נאָך מיט הונדערט יאָר פריער האָט דער זעלביקער אומגליק געטראָפן די אידן פון ע נ ג ל אַ נ ד, וואָס זיינען געווען אַזוי ווי אַ צווייג פון דעם גרויסן פראַנצויזישן צענטער. דאָ האָבן צוערשט די רייכע אידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעדיט־געשעפטן, געהאַט אַ באַשיצער און אַ שותּף: דעם קיניג אַליין. דער אידישער קרעדיטאָר פלעגט נעמען גרויסע פּראָצענטן ביי די בעלי־חובות (געלט־אַנטלייער), און

דער קיניג פלעגט ביי אים אָפּנעמען אַ היבשן טייל פון זיינע פּראָצענטן. אַזוי פלעגן ביידע גוט פאַרדינען. אָבער די קאַטוילישע גלָחים האָבן געטאָן זייערס: זיי האָבן געוואָלט מקיים זיין אַלע געבאָטן פון דעם פּויפּסט אינאָצענץ III., באַזונדערס דעם באַשלוס וועגן אידישע קליידער, און יעדער קיניג האָט געמוזט פאָדערן, אַז די אידן זאָלן טראָגן אויף זייערע מאַנטלען אָדער היטן פאַרביקע שטיקער טוך, כדי מען זאָל זיי ניט צונויפמישן מיט קריסטן. נאָך דעם פראַנצויזישן מוסטער האָט מען אויף אידן אויך געמאַכט בילבולים, אַז זיי הרגענען קריסטלעכע קינדער צו פּסח-צייט; איינע אַזאַ „עלילת-דם" אין דער שטאָט לינקאָלן האָט אויפגעבראַכט דאָס גאַנצע לאַנד: מען האָט אַרעסטירט כמעט די גאַנצע אידישע קהילה און אַוועקגעפירט קיין לאָנדאָן; אַכצען מענטשן האָט מען אויפגעהאַנגען און די איבעריקע האָבן זיך אויסגעקויפט ביים קיניג מיט געלט. ענדלעך איז געקומען דער פרומער קיניג ע ד ו א ר ד און האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע אידן זאָלן פאַרלאָזן ענגלאַנד אין משך פון דריי חדשים; זיי האָבן רעכט צו פאַרקויפן זייערע באַוועגלעכע גיטער, אָבער הייזער און סינאַגאָגן מוזן זיי איבערלאָזן פאַר דער קיניגלעכער קאַסע. אין האַרבסט פון יאָר 1290 האָבן זיך זעכצען טויזנט ענגלישע אידן געזעצט אויף די שיפן און פאַרלאָזט ענגלאַנד; אַ טייל זיינען אַוועק קיין פראַנק-רייך, אַ טייל קיין דייטשלאַנד און שפּאַניע. עס האָבן באַדאַרפט אַוועק-גיין ביז פיר הונדערט יאָר, איידער אידן האָבן באַקומען די מעגלעכקייט ווידער צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד.

32. אידן אין קריסטלעכער שפּאַניע און דער קולטור-קאַמף

(13-טער און 14-טער יאָרהונדערט)

אין דער צייט, ווען די פראַנצויזישע אידן האָבן געלעבט אונטער דעם דרוק פון פאַנאַטישע גלָחים און רויבערישע מלכים, האָבן זייערע שכנים, די שפּאַנישע אידן, געלעבט רואיק אונטער קריסטלעכער הערשאַפט. אין אָנהויב דרייצענטן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרענדיקט דער לאַנגער קאַמף צווישן קריסטן און מוסולמענער אין שפּאַניע מיט דעם זיג פון די קריסטלעכע פירשטן. די לעצטע האָבן אַרויסגעשטופּט

פון לאַנד די הערשער פון די קליינע אַראַבישע אָדער מאַוריטאַנישע מלוכות, חוץ גראַנאַדאַ, וואָס איז געבליבן אין די הענט פון די מאַורען. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די צוויי גרעסערע קריסטלעכע מלוכות: אַ ר אַ ג אָ נ י ע מיט איר הויפּטשטאָט באַרסעלאָנאַ און ק אַ ס ט י ל י ע מיט דער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ. די קריסטלעכע מלכים פון ביידע לענדער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אידן האָבן פיל אויפגעטאָן פאַר דעם אויפבלי פון שפּאַניע אין דער צייט פון דער אַראַבישער הערשאַפט; דעריבער האָבן אויך די קאַסטילישע און אַראַגאָנישע מלכים אָפט געהאַלטן ביי זיך אידישע דיפּלאָמאַטן, פינאַנץ־אַגענטן און דאָקטוירים. די רוימישע פּויפּסטן פלעגן שטענדיק דערמאָנען יעדן קיניג וועגן די קירכלעכע געזעצן און געפאָדערט, מען זאָל נים צולאָזן אידן צו הויכע שטעלעס און מען זאָל זיי נויטן טראָגן די „געלע לאַטע“ אויף די קליידער. דער אָדער יענער קיניג האָט געפּרובט אַרויסגעבן אַזעלכע באַפעלן, אָבער די שטאָלצע שפּאַנישע אידן האָבן זיך נים געלאָזט באַליידיקן און האָבן אָפט נים געפאָלגט די דעקרעטן. די אידישע קהילות האָבן אין יענער צייט געהאַט אַ ברייטע זעלבסטפאַר־וואַלטונג; זיי זיינען אין יעדן לאַנד געווען פאַראייניקט אין אַ געמיינדע־בונד, וואָס האָט געהאַט זיינע יערלעכע פאַרזאַמלונגען, אַ מין אידישן פּאַרלאַמענט. דער קיניג פון אַראַגאָניע, יעקב I, האָט געפירט אַ גרויסע געשעפטס־קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאָרשטייער פון די אידישע קהילות, ווי מיט אַ מין זעלבשטענדיקער רעגירונג.

די קאַטוילישע גלחים האָבן אָבער נים גערוט און האָבן שטענדיק געזוכט אַ געלעגנהייט צו דערוועקן שינאה צו אידן. אין שפּאַניע האָט אויך, ווי אין פראַנקרייך, עקזיסטירט אַ קירכלעכע אינקוויזיציע, וואָס האָט געזאָלט קעמפן קעגן קריסטלעכע אַפּיקורסים און נאָכשפּירן, אַז די הערשנדיקע רעליגיע זאָל זיך חלילה נים אָנשטעקן פון אידישער אומגלויביקייט. די מאָנאַכן פון פאַנאַטישן דאָמיניקאַנישן אָרדען האָבן אומעטום געשיקט מיסיאָנערן, זיי זאָלן צוציען אידן צום שמד. זיי האָבן אויפגעזוכט איינעם אַ אידישן משומד, פּאַבלאָ קריסטיאַני, וואָס האָט אויך זיך גענומען האַלטן אַן עפנטלעכן דיספּוט מיט די רבנים און באַווייזן פון דער תורה און פון תלמוד, אַז משיח איז שוין לאַנג געקומען אין דער פּערזאָן פון קריסטוסן. פון אידישן צד איז אַרויס־

גערופן געוואָרן דער גרויסער תּלמודיסט ר׳ משה בֶּן נַחמן, וואָס האָט געהייסן מיט זיין פאַרקירצטן נאָמען רַמבַּ״ן. דער דיספּוט איז פאָרגעקומען אין באַרסעלאָנאַ, אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, און דערביי זיינען געווען דער קיניג יעקב I מיט זיין פאַמיליע, הויכע שָׂרָרוֹת, בּישאָפן און מאָנאַכן. דער רַמבַּ״ן האָט זייער קלוג געענטפערט אויף אַלע טענות פון דעם משומד. „אויב ס׳וואָלט געווען אֶמת — האָט ער געזאָגט, — אַז עס איז שוין אַמאָל געקומען יענער משיח, וועגן וועלכן עס האָבן גערעדט אונזערע אַלטע נביאים, היינט ווי קומט מען נאָך איצט האַלטן מִלחמות? די נביאים האָבן דאָך געזאָגט, אַז נאָך משיחן וועלן די פעלקער צוברעכן זייערע שווערדן אויף גראָבאייזנס, און מען וועט גאָר פאַרגעסן ווי צו פירן מִלחמה. אַ שיין פָּנים וואָלט איר געהאַט, — האָט דער רַמבַּ״ן געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום קיניג און צו די גענעראַלן, — ווען איר וואָלט פאַרגעסן ווי מען האַלט מלחמות!״. נאָך אַנדערע אַזעלכע דרייסטע תּשובות האָט דער רמב״ן געגעבן און שפּעטער האָט ער זיי פאַרשריבן אין אַ בּוך, וואָס האָט קענען אים אויפגערייצט די גַלָחים. דאָס בּוך האָט דער קיניג געהייסן פאַרבּרענען און דעם רַמבַּ״ן אַרויסשיקן פון אַראַגאָניע (1265). דער אַלטער געלערנטער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע און האָט זיך באַזעצט אין ירושָלים.

און דאָך איז די לאַגע פון אידן אין שפּאַניע געוואָרן אַלץ גע-הויבּענער. דער גאַנצער האַנדל האָט זיך געפונען אין אידישע הענט. אין די גרויסע שטעט האָבן רייכע אידן געלעבּט ווי שׂרָרות. זיי זיינען געווען פאַרבּונדן דורך געלט-געשעפטן מיט דעם קיניגסהויז און מיט דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע. אין קאַסטיליע זיינען ביי יעדן קיניג געווען אידישע פינאַנץ-אַגענטן און שטייער-זאַמלער, וואָס זיינען פאַקטיש געווען פינאַנץ-מיניסטאָרן און האָבן זיך אָפט אַריינגעמישט אין דער מלוכה-פאַרוואַלטונג. קוקנדיק אויף זיי, האָבן די שפּאַניער געמיינט, אַז אַלע אידן זיינען גבירים, „גראַנדן״; דאָס האָט אַרויס-גערופן קינאָה און שינאָה. אַ אידישער שרייבּער פון אַ שפּעטערדיקער צייט, שלמה אַלָמי, קלאָגט זיך אין זיין מוסר-בּריוו („אִגֶרת הַמוּסר״, געשריבּן אין 1415) אויף אידישע גבירים: „פיל פאַרשטייער פון אונזער געזעלשאַפט ביים קיניגלעכן הויף האָבן זיך געפירט גאָרניט

ערלעך. די קיניגן האָבן זיי דערהויבן צו הויכע שטעלעס, אָפּגעגעבן זיי די שליסל צום מלוכה־שאַך, און זיי (די גבירים) זיינען געוואָרן גרויס ביי זיך און נאָר פאַרגעסן די פריערדיקע אָרימקייט און נידע־ריקע לאַגע. זיי האָבן זיך געבויט פּאַלאַצן, זייערע פרויען און טעכטער האָבן זיך אָנגעהויבן פּוצן ווי די הויכגעשטעלטע דאַמען און אַרויס־שטעלן זייער צירונג. די פּוסטע פראַנטן האָבן געקוקט מיט פאַר־אַכטונג אויף וויסנשאַפט, אַרבעט און האַנטווערק; דעם קליינעם מענטשן האָבן זיי געדריקט און עקספּלואַטירט. די רייכע האָבן נאָר געזוכט אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע שטייערן און אַרויפלייגן זיי אויף די אומפאַרמעגלעכע".

עס זיינען אָבער געווען ביי די שפּאַנישע אידן אויך גייסטיק רייכע מענטשן, הויכגעבילדעטע, געלערנטע און שרייבער, וואָס זייערע ווערק זיינען געווען באַרימט אין אַלע לענדער. צוויי ריכטונגען האָבן אין יענער צייט (13־טער און 14־טער יאָרהונדערט) געהערשט אין דער אידישער געזעלשאַפט: די ליבעראַלע ריכטונג פון רמב"ם און די קאָנסערוואַטיווע רבנישע ריכטונג. איינע האָבן געמיינט, אַז אין די ענינים פון גלויבן דאַרף מען פאָרשן, אויפזוכן דעם שׂכל און דעם טעם פון יעדער מצוה, פאַראייניקן גלויבן מיט פאַרשטאַנד, רעליגיע מיט פילאָזאָפיע; זיי האָבן געפאָדערט, מען זאָל חוץ תורה מיט תלמוד לערנען אויך נאַטורוויסנשאַפט און אַנדערע וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן זיך פעסט געהאַלטן אָן דער אַלטער מיינונג, אַז מען טאָר ניט אַריינברענגען חקירה אין גלויבן, ווייל דער פרייער שׂכל, דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד צעשטערט די אמונה; נאַטור־וויסנשאַפט און באַזונדערס פילאָזאָפיע דערווייטערן דעם אידן פון תורה און תלמוד: ער הערט אויף גלויבן אין גאָטס ניסים, וואָס שטימען ניט מיט די געזעצן פון דער נאַטור, און וואַרפט אָפּ יענע מצוות, פאַר וועלכע ער געפינט ניט קיין מאָראַלישן טעם. צווישן די דאָזיקע צוויי ריכטונגען האָט געמוזט קומען צו אַ שאַרפן קאַמף. דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן מיט אַ יאָר דרייסיק נאָכן רמב"ם טויט, באַלד ווי עס האָבן זיך פאַרשפּרייט זיינע ווערק: דער „ספר המדע" און די העב־רעאישע איבערזעצונג פון „מורה נבוכים".

אין דער דָרום־פראַנצויזישער שטאָט מאָנפעליע, וואָס האָט דאַן געהערט צו דער שפּאַנישער מלוכה אַראַגאָניע, האָט איינער אַ תּלמודיסט שלמה מיט נאָך עטלעכע פאַנאַטישע רבנים אויסגערופן אַ חֵרם (אויסשליסונג פון דער אידישער געמיינדע) אויף יעדערן, וואָס לייענט פילאָזאָפישע ביכער און באַזונדערס די צוויי ספרים פון רמבם, ווייל זיי זיינען אַ סכנה פאַרן פשוטן גלויבן. קעגן דעם חרם האָבן פּראָטעסטירט אַנדערע רבנים און געלערנטע, אָנהענגער פון רמבם, און דער קריג האָט זיך צעפלאַקערט אין גאַנץ שפּאַניע און דעם פראַנצויזישן פּראָוואַנס. דאָ האָבן די פרומע פאַנאַטיקער אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה. אין פּראָוואַנס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען די אינקוויזיציע פון די קאַטוילישע מאָנאַכן, וואָס פלעגט אויפזוכן קריסטלעכע פריידענקער, אַפּיקורסים, באַשטראָפן זיי מיט טויט אָדער אייביקער תּפיסה און פאַרברענען זייערע ביכער. צו די דאָזיקע אינקוויזיטאָרן זיינען געקומען אין מאָנפעליע די פאַנאַטישע רבנים און האָבן צו זיי געזאָגט: איר פאַרברענט ביכער פון אייער אַפּיקורסים, מאַכט דאָסזעלבע אויך מיט אונזערע אַפּיקורסישע ביכער, ווי די וואָס דער רמבם האָט געשריבן. די קריסטלעכע גלחים האָבן דאָס גערן געמאַכט: מען האָט אויפגעזוכט אין אידישע הייזער אַלע געשריבענע ביכער פון רמב"ם און מען האָט זיי פאַרברענט אין מאָנפעליע און אין פּאַריז (1233). דאָס האָבן געטאָן יענע היטער פון דער קריסטלעכער קירך, וואָס האָבן אין עטלעכע יאָר אַרום פון גרויס שינאה צו אידן פאַרברענט די ספרים פון תּלמוד אויפן פּאַריזער פּלאַץ. אין דעם דאָזיקן אומגליק האָט דאָס פאָלק געזען אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער מיאוסער מסירה, וואָס האָט געבראַכט צום פאַרברענען רמב"מס ספרים דורך ניט־אידישע הענט.

די רדיפות קעגן דעם פרייען געדאַנק האָבן ניט געהאָלפן. מען האָט געלערנט פרייע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע אַנשטאָט צו אָפּגעבן זיך אינגאַנצן מיטן תּלמוד. די שטרענגע רבנים האָבן זיך מיט שרעק צוגעקוקט, ווי עס וואַקסט אַ נייער דור, וואָס איז שוין ניט אַזוי פרום ווי די אַלטע דורות; עס האָט זיך געדוכט, אַז אידישקייט וועט אונטערגיין. אין אָנהויב פון 14־טן יאָרהונדערט האָט דער גרויסער באַרסעלאָנער רב רַשב"אָ (שלומה בֶן אדרת) זיך צונויפגערעדט מיט

אַ סך אַנדערע רַבָּנים און האָט אויסגערופן אַ חֵרם קעגן אַלע יונגעלייט, יינגער פון 25 יאָר, וואָס וועלן לערנען אַ חוץ תּורה און תּלמוד אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן, ווי נאַטורוויסנשאַפט, און וועלן לייענען פילאָזאָפישע ביכער אָדער אויסטייטשן די תּורה אין פילאָזאָפישן גייסט; מען מעג לערנען נאָר מעדיצין ווי אַ פּראָפעסיע (1306).

דאָס מאָל האָט די רַבָּנישע גזירה געבראַכט גרויס שאָדן דער אידישער ליבעראַלער באַוועגונג אין דער געבילדעטער שפּאַניע. די גאָלדענע צייט, ווען עס האָבן געבליט וויסנשאַפט און קונסט, איז שוין אַריבער. מען איז געוואָרן קאָנסערוואַטיווער, פרומער. אָנשטאָט וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע האָט זיך געשאַפן אַ נייגונג צו מיסטיק, צו קַבָּלָה — אַ פאַרבאָרגענער לערע, וואָס זוכט אין דער הייליקער תּורה נים דעם שֵׂכל פון יעדער זאַך, נאָר דעם סוד, די געהיימנים, וואָס איז אין גאָטס וואָרט באַהאַלטן. די מיסטיקער אָדער „קַבָּליסטן" זיינען געווען איבערצייגט, אַז די אָפענע תּורה פון משה רַבֵּנו איז נאָר אַ קלייד פאַר דער פאַרבאָרגענער תּורה, די סתרי-תּוֹרָה; פרומע הייליקע מענטשן קענען די דאָזיקע סודות אויפדעקן אין אַלע דער-ציילונגען און געזעצן פון דער תּורה און איבערגעבן דאָס ווי אַ טראַדיציע, אַ קַבָּלה, פון איין דור צו דעם אַנדערן. אין דער זעלביקער צייט ווען דער רַשבּ"א האָט אויסגערופן דעם חֵרם קעגן פרייער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, האָט זיך אין שפּאַניע פאַרשפּרייט אַ בוך מיטן נאָמען „זוהר" („ליכטיקע שיין"), אַ גרויסער פּירוש צו דער תּורה, אַ מין „פאַרבאָרגענער מִדרָש" (מִדרַש הַנֶעלָם), פול מיט סודות וועגן דעם, וואָס טוט זיך אין הימל, ביי גאָט און די מַלאָכים, ביי די אַמאָליקע דורות, וואָס האָבן אויפגעלעבט אויף יענער וועלט, ביי צַדיקים אין גַן-עֵדן און ביי רְשָעים אין גֵיהינום. מען האָט דערציילט, אַז דאָס בוך „זוהר" האָט געשריבן מיט טויזנט יאָר פריער דער הייליקער תַּנא פון אֶרץ-ישׂרָאֵל, רבי שימעון בֶּן יוֹחָאי. בשעת די רדיפות פון רוימישן קיסר אַדריאַן האָט זיך רבי שימעון אויסבאַהאַלטן מיט זיין זון דרייצען יאָר אין אַ הייל; דאָרטן האָט ער געהאַט זעאונגען פון הימל און האָט דאָס אַלץ באַשריבן אין אַ בוך. דאָס בוך האָט כלומרשט געפונען אין אֶרץ-יִשׂרָאֵל דער רמבּ"ן, וואָס איז אַנטלאָפן אַהין נאָך דעם באַרסע-לאָנער דיספּוט, און האָט דאָס איבערגעשיקט קיין שפּאַניע. דאָ האָט

דאָס בוך איבערגעשריבן און פאַרשפּרייט דער קבליסט מ ו ש ה ד ע־ל ע אָ ן, וואָס האָט געשריבן אויך איינענע ספרים אין קבלה. די קענער פון קבלה האָבן געזאָגט, אַז משה דע־לעאָן האָט אַליין אָנ־געשריבן דעם גאַנצן „זוהר" אין דער אַלטער אַראַמעאישער שפּראַך און האָט צוגעטראַכט די מעשה וועגן ר׳ שימעון בן יוחאי כּדי מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז אַן אַלטער הייליקער ספר. מיט דער צייט האָט מען טאַקע אָנגעהויבן גלויבן, אַז דער „זוהר" שטאַמט פון דעם אַלטן תנא, און דאָס בוך איז געוואָרן הייליק פאַרן פאָלק (דער „זוהר הקדוש"), באַזונדערס שפּעטער פאַר די חסידים.

דער גרונד־פּרינציפּ פון קבלה באַשטייט דערין, אַז גאָט, דער אייביקער, „אומענדלעכער" („אין סוף"), האָט באַשאַפן די וועלט דורך אַזעלכע שאַפנדע קרעפטן, וואָס גייען אַרויס פון אים ווי שטראַלן פון דער זון און הייסן „ספירות". צען ספירות מיט די נעמען: „פאַר־שטאַנד", „ליבע", „שיינקייט", „מאַכט" און אַנדערע באַהערשן די וועלט און דורך זיי אַנטפּלעקט זיך גאָט צו די מענטשן. צווישן הימל און ערד איז פאַראַן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג. די נשמה פון מענטשן קומט פון הימל אויף דער ערד און נאָך זיין טויט הויבט זי זיך אויף ווידער צום הימל אָדער גייט אַריין אין אַ גוף פון אַן אַנדער מענטשן (גילגול). אַזוי ווי אין הימל די ריינע מלאכים, טראָגן זיך אַרום אויף דער ערד אומריינע קליפּות, שדים, וואָס ציען דעם מענטשן צו זינדיקן קעגן גאָט, און מען דאַרף זיך היטן פון זיי. בכלל האָט די קבלה צונויפגעמישט די און יענע וועלט, ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, און האָט אָפּגענומען ביים געוויינטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד די הערשאַפט איבער געפילן און איינדרוקן. דערפון זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען פאַרשיידענע מיסטישע און משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן דער־שיטערט דאָס אידישע פאָלק.

די שטאַרקסטע קראַפט אין גייסטיקן לעבן איז דאָך געבליבן דער ר ב נ י ז ם, וואָס האָט געשאַרפט דעם אידישן מוח מיטן לערנען גמרא און האָט רעגולירט דעם גאַנצן לעבנשטייגער דורך הונדערטער דינים פון תלמוד, גאונישע און רבנישע פּסקים. אין 14־טן יאָרהונדערט האָט זיך אַנטוויקלט די ליטעראַטור פון „פּוסקים": מען האָט געשריבן געזעצביכער, וואו מען האָט געזאַמלט אַלע דינים און מנהגים, כּדי

יעדער פרומער איד זאָל וויסן ווי צו פירן זיך. דאָס גרעסטע געזעצבוך מיט דעם נאָמען „טורים“ האָט פאַרפאַסט רבי יַעקוב בֶּן־אָשֵר, דער זון פון דעם באַרימטן תלמודיסט אָשֵר בֶּן־יחיאֵל („דער ראָש“) אין טאָלעדאָ. צום אונטערשייד פון דעם „רַמבַּ“מס „מִשנֶה תּורה“, האָט זיך דער „בַּעל־הַטורים“ באַשעפטיקט ניט מיט די גרונט־פּרינציפּן פונם אידישן גלויבן און מאָראַל, נאָר מיט פאַרשיידענע דינים און אויסער־לעבע רעליגיעזע צערעמאָניעס. די „טורים“ באַשטייען פון פיר טיילן: „אורַח־חַיִים“ — די דינים פון בית־הַמֶדרש, תפילה, שַבָּת און יום־טוב; „יורה דעה“ — דינים פון כָּשר און טריפה, שחיטה, היגיענע; „אֶבֶן־עֶזר“ — געזעצן פאַר פאַמיליע־לעבן, חתונה, גט; „חושֶן־מִשפָּט“ — ציוויל־רעכט און שטראָף־רעכט. אויפן גרונד פון די „טורים“ איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון געזעצביכער, וואָס דער גרעסטער פון זיי איז געוואָרן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער דער „שולחָן ערוך“.

---

33. די שלעכטע צייט אין שפּאַניע ביזן גירוש

העכער טויזנט יאָר האָבן געלעבט אידן אין שפּאַניע. דער אָנהויב, ווי מיר האָבן געזעען, איז געווען אַ שלעכטער: די פאַנאַטישע וועסט־גאָטן האָבן אינגאַנצן פאַרבאָטן די אידישע רעליגיע און פלעגן מיט געוואַלט שמַדן אידישע קינדער; דערנאָך זיינען געקומען די אַראַבער און האָבן באַפרייט די אידן פון בייזע קריסטלעכע הערשער; עס האָט זיך אָנגעהויבן די „גאָלדענע צייט“ פון אַראַביש־אידישער קולטור. ווען די קריסטלעכע מלכים פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע האָבן צוריק אָפּגענומען דאָס לאַנד ביי די אַראַבער, האָבן זיי זיך געמוזט באַציען גוט צו אידן, וואָס זיינען געווען די רייכסטע און געבילדעטסטע מענטשן אין שפּאַניע און האָבן מיטגעהאָלפן בויען די נייע מלוכות. אָבער מיט דער צייט איז אין לאַנד אַלץ שטאַרקער געוואָרן די מאַכט פון די קאַטוילישע גַלָחים און מאָנאַכן, וואָס האָבן פיינט געהאַט דעם אידן, ווי אַ לעבעדיקן עֵדות קעגן דער דאָגמע וועגן גאָטס זון; די פאַנאַטיקער פון דער קירך האָבן געזייט די שינאָה צום אידן אין דער שפּאַנישער פאָלקס־מאַסע און אין די העכערע קלאַסן, וואָס האָבן ניט געקענט

רואיק צוזעען, ווי אידן ווערן רייך און שטאַרק, ווי פיל פון זיי זיינען נאָענט צו דער רעגירונג, ווערן שטייער־זאַמלער, פינאַנץ־מיניסטאָרן, הויף־לייט ביים קיניג און שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין פּאָליטיק. די פּרומע קריסטן האָבן מיט קינאה געקוקט אויף דער אידישער שול אין טאָלעדאָ, וואָס איז געווען דער שענסטער בנין אין שטאָט (שפּעטער האָט מען זי פאַרוואַנדלט אין אַ קלויסטער; זע בילד 32 זייט 180).

צום סוף 14־טן יאָרהונדערט איז שוין די פּאַרזייטע אידן־פיינד־שאַפט געוואָרן רייף, און די גלחים האָבן געקענט צוטרעטן צו דער אַרבעט. אין דער קאַסטילישער שטאָט סעווילאַ האָט דער פאַנאַטישער גלח פערנאַנד מארטינעס געשריען אין די קירכן און אין די גאַסן, אַז אידן הערשן אין שפּאַניע און אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועלן זיי פאַרוואַנדלען אַלע קירכן אין סינאַגאָגעס; ער האָט גערופן דאָס פאָלק אויסצוראָטן די „פיינד פון קריסטוסן" און פאַרוואַנדלען זייערע סינאַגאָגעס אין קירכן. ער האָט אַזוי לאַנג געהעצט, ביז אין איין זומער־טאָג (1391) האָט דער צערייצטער המון אונטערגעצונדן די אידישע הייזער אין סעווילאַ און האָט אויסגעהרגעט ביז פיר טויזנט מענטשן; די איבעריקע האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך געטויפט. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון קאַסטיליע טאָלעדאָ, אין די אַראַגאָנישע שטעט וואַלענסיע און באַרסעלאָנע און אין אַנדערע ערטער פוןביידע שפּאַנישע מלוכות. דאָס איז געווען אַ מין נייער קרייץ־צוג אין שפּאַניע — אין דעם לאַנד, וואָס האָט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק ניט איבערגעלעבט דעם ערשטן דייטש־פראַנצויזישן קרייץ־צוג. דענסטמאָל האָבן זיך די דייטשע און פראַנצויזישע אידן געלאָזט אויסהרגענען דורך די קרייצטרעגער און נאָר איינצלנע מענטשן האָבן זיך אויף אַ צייט געטויפט; אין שפּאַניע אָבער האָט אַ גרויסער טייל אידן זיך געטויפט מיט דער האָפענונג שפּעטער אומקערן זיך צו זייער גלויבן, אָבער זיי האָבן זיך שווער אַנטוישט אין זייערע האָפענונגען.

באַלד נאָך די פּאָגראָמען, ווען די „אנוסים" (מיט געוואַלט גע־טויפטע) האָבן געפרובט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון קריסטנטום און אַוועקגיין פון דער קירך צוריק אין דער סינאַגאָגע, האָבן די גלחים געמאַכט אַ שרעקלעכן רעש; באַנדעס פאַנאַטישע מאָנאַכן, אונטער דער

אָנפירונג פון איינעם ווי ס ענט ע פערער, פלעגן גיין פון הויז צו הויז מיט אַ גרויסן קרייץ און טרייבן די אַנוסים אין די קלויסטערס; פיל אָנגעשראָקענע אידישע פאַמיליעס זיינען ווידער אַריינגעטריבן געוואָרן אין שמד (1412). צו די בייזע פאַרפאָלגער זיינען צוגעשטאַנען צוויי פון די ערשטע אַנוסים, וואָס האָבן זיך געטויפט ניט נאָר כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, נאָר כדי צו מאַכן אַ גוט לעבן: געוועזענע תלמודיסטן שלומה הלוי און יהושע לאָרקי. דער ערשטער איז געוואָרן אַ קאַטוילישער גלח און דערנאָך אַ בישאָף אין בורגאָס אונטער דעם נאָמען פ א ו ל ד ע ס אַ נ ט אַ מ אַ ר י אַ; דער צווייטער האָט זיך גערופן ג ע ר אָ נ י מ אָ ד ע ס אַ נ ט אַ-פ ע און איז געוואָרן אַ מיסיאָנער צו פאַרשפרייטן דעם קריסטנטום צווישן אידן. ביידע משומדים האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם שפּאַנישן פּויפּסט בענעדיקט XIII און איינגערעדט אים, אַז ער זאָל צונויפרופן די גרעסטע רבנים און אידישע געלערנטע פון שפּאַניע אויף אַ רעליגיעזן דיספּוט מיט די גלחים אין דער שטאָט טאָרטאָזאַ. די כוונה איז געווען צו באַווייזן עפנטלעך די פאַלשקייט פון דער אידישער אמונה און נויטן די „פאַרבלאָנדזשעטע", זיי זאָלן אַריין אין דער קירך. דער דיספּוט האָט זיך געצויגן אויף ניין און זעכציק פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אַלע וואָך אין משך פון אָנדערטהאַלבן יאָר (1412—1413). פון אידישן צד זיינען געווען די בעסטע קעפּ, צווישן זיי רבי י ו ס ף אַ ל ב אָ, דער מחבר פון „ספר-העיקרים" וועגן די דאָגמען פון אידישן גלויבן. פון קריסטלעכן צד איז דער פּויפּסט בענעדיקט אַליין געווען פאָרזיצער און דער משומד געראָנימאָ האָט געפירט די טענות קעגן דעם תלמוד. די אידישע דעלעגאַטן האָבן ניט געקענט שאַרף ענטפערן אויף די קריסטלעכע טענות, מורא האָבנדיק פאַר די מאָנאַכישע באַנדעס, אָבער דאָך האָבן זיי זיך ניט אונטערגעגעבן. זעענדיק, אַז מיט וויכוחים קען מען גאָרנישט מאַכן, האָבן די קאַטוילישע גלחים ווייטער געפירט זייער מיסיאָנערן-אַרבעט צווישן אידן מיטן פּויסט: מיט טעראָר און פּאָגראָמען.

די צאָל אַנוסים איז אַלץ געוואַקסן, נאָר איצט זיינען זיי שוין געווען מער פאָרזיכטיק: אָפן פלעגן זיי באַזוכן די קירך און האַלטן די קריסטלעכע אמונה און אירע מנהגים, אָבער פאַרבאָרגענערהייט, ביי זיך אין די הייזער, פלעגן זיי אָפּהיטן אידישע רעליגיעזע מנהגים: אידישע

תפילות, שבת און יום-טוב, כּשרע שפּייז אד"ג. אַ לאַנגע צייט האָט זיך זיי איינגעגעבן אַזוי פאַרמאַסקירן זיך, אַז מען האָט זיי געהאַלטן פאַר אמתע קריסטן: זיי זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און פיל פון זיי האָבן פאַרנומען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג. ניט אַלעמאָל אָבער האָבן זיי זיך געקענט אויסבאַהאַלטן פון די קאַטוילישע שפּיאָנען. מען האָט באַמערקט, אַז פיל אַנוסים אָדער „נייע קריסטן" פאַלשעווען, און מען האָט אַזעלכע אָנגערופן מיטן זידל-וואָרט „מאַראַנען" (פאַרפלוכטע, שווינען). אין עטלעכע ערטער (טאָלעדאָ, קאָרדאָווע און אַנדערע) איז געקומען צו אָנפאַלן אויף מאַראַנישע הייזער און צו בלוט-פאַרגיסונג.

32. די געוועזענע סינאַגאָגע אין טאָלעדאָ (איצט דער קלויסטער „סאַנטא מאַריא")

אַ לאַנגע צייט האָבן זיך די הערשער פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע געהאַלטן נייטראַל אין דעם גלויבנס-קריג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין זייערע לענדער. אָבער צום סוף פון 15-טן יאָרהונדערט האָט זיך די לאַגע געביטן: די קאַסטילישע קיניגין איזאַבעלאַ האָט חתונה געהאַט מיט דעם אַראַגאָנישן קיניג פערדינאַנד דעם קאַטאָליק און זיי האָבן פאַראייניקט זייערע מלוכות אין איין גרויסער שפּאַנישער מלוכה. ביידע זיינען געווען פאַנאַטיש פרום און האָבן געטרוימט וועגן דעם, ווי אויסצוראָטן אַלע ניט-קאַטאָליקן — אידן, מאַראַנען, מוסולמענער און קריסטלעכע אַפּיקורסים — און שאַפן אַ ריין-קאַטוילישע שפּאַניע. צוערשט האָבן זיי זיך גענומען פאַר די מאַראַנען. פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבן אויסגעבעטן ביים רוימישן פּויפּסט אַן ערלויבעניש צו גרינדן אין שפּאַניע אַ נייע אינקוויזיציע — אַ באַזונדערן מלוכה-טריבונאַל, וואָס זאָל אויסזוכן און באַשטראָפן אַלע קריסטן, וואָס זיינען ניט געטריי דעם קאַטוילישן גלויבן; דערביי האָבן זיי דער

עיקר געהאַט אין זינען די „ניי-קריסטן“, די מאַראַנען, באַזונדערס די רייכע, ווייל לויטן געזעץ פון דער נייער אינקוויזיציע האָט דער קיניג געהאַט דאָס רעכט צונעמען דעם גאַנצן פאַרמעגן, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט ביי די באַשטראָפטע. אַזוי אַרום האָט דאָס קיניגס-פּאָר געקאָנט מאַכן אַ פרומען אַ גוטן געשעפט.

אין יאָר 1481 האָט זיך אין סעווילאַ געעפנט דער ערשטער טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע, און אין צוויי יאָר אַרום איז דאָרטן באַשטימט געוואָרן פאַר אַ גרויס-אינקוויזיטאָר דער הויף-גלח ביי דער קיניגין, דער שרעקלעכער פאַנאַטיקער טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און טויט-שטראָפן פון מאַראַנען. מען האָט שטרענג פאַרזאָגט אַלע קריסטן, זיי זאָלן זיך צוקוקן צום לעבן פון די מאַראַנען און איבערגעבן דער אינקוויזיציע וועגן אַלין, וואָס זיי וועלן באַמערקן: צי היטן די מאַראַנען אָפּ ביי זיך אין הויז אידישע מנהגים, צי קאָכן זיי בעסערע מאכלים און טוען אָן בעסערע קליידער צו שבת און יום-טוב, צי שטייען זיי מיטן פנים צו מזרח ביי דער תפילה און אַזוי ווייטער. די מסירות האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, און אינגעבן זיינען די געפענגענישן געוואָרן פול מיט אַרעסטירטע מאַראַנען. מען האָט די אומגליקלעכע שרעקלעך געפייניקט, כדי זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייערע „זינד“ און אָנווייזן זייערע קרובים און פריינד, וואָס זינדיקן אויך קעגן דעם קריסטלעכן גאָט. די שולדיקע פלעגט מען פאַרמשפטן צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט אויף אַ באַזונדער פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ „קוועמאַדעראָ“ — אַ שאַפאָט מיט אַ האָלין-הויפן. די צערעמאָניע פון פאַרברענען האָט געהייסן „אויטאָ-דאַ-פע“ (דער אַקט פון גלויבן). אין משך פון צען חדשים אין יאָר 1481 זיינען אין סעווילאַ אַליין פאַרברענט געוואָרן דריי הונדערט מאַראַנען; נאָך מער זיינען פאַרמשפט געוואָרן צו אייביקער געפענגעניש אָדער צו טראָגן אַ „תשובה-העמד“, אַ סימן פון חרטה אויף זייערע חטאים. אין פערדינאַנדס קאַסע איז אַריינגעקומען אַן אוצר מיט גאָלד פון די פאַרמעגנס, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט ביי די באַשטראָפטע מאַראַנען.

טאָרקוועמאַדאָ האָט פאַרשפּרייט די ווירקונג פון דער אינקוויזיציע אויף גאַנץ קאַסטיליע. מען האָט געמאַכט אויטאָ-דאַ-פעס אויך אין

33. שפּאַנישע אינקוויזיציע: „אויטאָ דאַ־פע"

דער הויפּטשטאָט טאָלעדאָ. דאָס פֿאַרברענען פֿון לעבעדיקע מענטשן האָט געהייסן בײַ די אינקוויזיטאָרן „טויט־שטראָף אָן בלוט־פֿאַרגיסונג": די תּלינים האָבן כּלומרשט ניט געוואָלט האַקן קעפּ און פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט און דערפֿאַר האָבן זיי געברענט זייערע קרבנות. אין אַראַ=



34. שפּאַנישע אינקוויזיציע. „קוועמאַדעראָ"

גאָניע האָט אָפּגעטאָן שרעקלעכע מעשׂים דער הויפּט־אינקוויזיטאָר אַרבועס. די מאַראַנען פֿון דער שטאָט סאַראַגאָסאַ האָבן באַשלאָסן אים צו טויטן. איינמאָל, ווען אַרבועס האָט תּפֿילה געטאָן אַליין אין דער קירך, שטייענדיק אויף די קני פֿאַרן אַלטאַר, זײַנען אַרײַן דרײַ מאַראַנען און האָבן אים דערשטאָכן מיט אַ שפּיז. די מערדער האָט מען ניט געקענט כאַפּן, האָט מען אַרעסטירט אַנדערע מאַראַנען מיט דעם אויסרייד, אַז זיי האָבן געהאָלפֿן די פֿאַרברעכער. די טריבונאַלן פֿון דער אינקוויזיציע האָבן געוואָרפֿן אויפֿן „קוועמאַדעראָ" הונדערטער מענטשן.

אָבער מאַראַנען זײַנען געווען אין לאַנד פֿיל טויזנטער, און אַלעמען האָט מען ניט געקענט אויסראָטן. פֿון איין זײַט זײַנען זיי געווען פֿאַר=

בונדן מיט אידישע מִשפָחוֹת, פון וועלכע זיי האָבן געשטאַמט, און פון דער אַנדערער מיט קריסטלעכע פאַמיליעס, אָפּט פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע. פיל האָבן פאַרנומען הויכע פאָסטנס אין דער רעגירונג און אין דער אַרמיי. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז כּל זמן אין שפּאַניע וועלן לעבן ניט געשמַדטע אידן, וועלן די מאַראַנען ניט ווערן אֶמתע קריסטן. מוז מען, הייסט עס, אַרויסטרייבן אידן פון גאַנצן לאַנד. צו דעם געדאַנק זיינען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ געקומען אין אַ צייט, ווען די גאַנצע שפּאַנישע פּאָליטיק האָט אָנגענומען נייע פאָרמען. צום סוף פון פופצענטן יאָרהונדערט האָבן די קריסטלעכע הערשער איינגענומען דעם לעצטן נעסט פון דער אַמאָליקער אַראַבישער שפּאַניע: די שטאָט גראַנאַדאַ, וואו עס האָט געהערשט אַ מוסולמענישער עֶמיר. איצט איז גאַנץ שפּאַניע געווען אונטער קריסטלעכער הערשאַפט, אָבער כּדי צו מאַכן זי פאַר אַ ריין קריסטלעך לאַנד האָט מען געדאַרפט אַרויסטרייבן אידן און אַראַבער. האָט מען אָנגעהויבן פון אידן. אַזוי האָט טאָרקוועמאַדאָ אַן עֵצָה געגעבן דעם קיניגלעכן פּאָר. אין מערץ יאָר 1492 האָבן פערדינאַנד און איזאַבעלאַ אונטערגעשריבן אַ דעקרעט, אַז אין דריי חדשים אַרום מוזן אַלע אידן פאַרלאָזן שפּאַניע; זיי קענען פאַרקויפן אָדער פאַרשענקען זייערע הייזער און מיטנעמען זייערע זאַכן, חוץ גאָלד, זילבער און געלט.

דער דעקרעט האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע שפּאַנישע אידן. צוויי פאָרשטייער פון די אידישע קהילות זיינען געקומען צו פערדינאַנדן בעטן אים, ער זאָל אָפּשאַפן די בייזע גזירה. דאָס זיינען געווען מענטשן זייער נאָענטע צום קיניגלעכן הויף: דער פּרנס א ב ר ה ם ס ע נ י אָ ר, וואָס פלעגט צושטעלן דעם קיניג די שטייערן פון די אידישע קהילות, און דער באַרימטער דענקער און פּאָליטיקער דאָן י צ ח ק אַ ב ר ב נ א ל (אַבראַוואַנעל), וואָס איז אַמאָל געווען פינאַנץ־פאַרוואַלטער ביים פּאָרטוגעזישן קיניג און שפּעטער ביים שפּאַנישן. ביידע האָבן אָנגעבאָטן פערדינאַנדן אויסקויף־געלט פון די אידישע קהילות דרייסיק טויזנט דוקאַטן, אויב ער וועט אָפּשאַפן די גזירה פון גירוש. דער קיניג איז שוין גרייט געווען נאָכצוגעבן, אָבער דאָ האָט זיך אין פּאַלאַץ אַריינגעריסן מיט אַ צלם אין האַנט דער אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ און אַ געשריי געטאָן, ווענדענדיק זיך צום קיניג און

צו דער קיניגין: „יודא האָט אַמאָל פאַרקויפט קריסטוסן פאַר דרייסיק זילבערשטיק און איר ווילט אים פאַרקויפן פאַר דרייסיק טויזנט גאָלד־שטיק!" דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף דער פרומער קיניגין איזאַ־בעלאַ, און די אידישע שלוחים האָבן געמוזט אַוועקגיין מיט אַן אָפּזאָג. סוף אַפּריל האָט מען אויסגערופן אין גאַנצן לאַנד, אַז ביז סוף יולי מוזן אַלע אידן פאַרלאָזן שפּאַניע; ווער ס'וועט בלייבן, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט, סיידן ער וועט זיך שמדן.

אין די טרויער־טעג אַרום תשעה באָב האָבן זיך אַ פּאָר הונדערט טויזנט אידן אין אַלע שטעט פון שפּאַניע געזעגנט מיט די קבֿרים פון זייערע עלטערן און זיך געלאָזט אין וועג. אַ גרויסער טייל איז אַוועק אין די נאָענטע שטעט פון פּאָרטוגאַל, אַנדערע זיינען געפאָרן מיט שיפן איבערן ים ווייטער — קיין איטאַליע און טערקיי, קיין מאַראָקאָ און אַנדערע לענדער פון צפון־אַפריקע.

די, וואָס זיינען געקומען קיין פּאָרטוגאַל, האָבן פאַר גרויסע געלט באַקומען פון דאָרטיקן קיניג יואַן אַן ערלויבעניש צו בלייבן אין לאַנד אַכט חדשים. ווען דער טערמין האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיי אָנגעהויבן טרייבן אָן רחמנות; די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלט אויף רייזע־קאָסטן, האָט מען פאַרקויפט פאַר קנעכט און זייערע קינדער געטויפט. ענדלעך האָט דער יונגער קיניג מאַנועל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, באַשלאָסן פאַרטרייבן אַלע אידן אויך פון פּאָרטוגאַל, אַפילו יענע, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט פון אַלטע צייטן. צענדליקער טויזנט מענטשן האָט מען צונויפגעטריבן אין פּאָרטוגאַלס הויפּטשטאָט ליסאַבאָן, כּדי אַרויפ־צוזעצן זיי אויף שיפן און פאַרשיקן אין ווייטע לענדער. פאַר זייער אַוועקפאָרן האָבן פאַנאַטישע גלחים און סאָלדאַטן געשלעפּט זייערע קינדער אין די קירכן און דאָרטן מיט געוואַלט געטויפט. אַ סך פון די אומגליקלעכע עלטערן האָבן זיך פרייוויליק געטויפט, כּדי צו בלייבן מיט זייערע קינדער און שפּעטער זיי און זיך אַליין צו ראַטעווען פון גוישע הענט. אַזוי זיינען געוואָרן „מאַראַנען" אויך אין פּאָרטוגאַל. אַלע, וואָס זיינען געבליבן געטריי דעם אידישן גלויבן און פאָלק, האָבן פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל אין יאָר 1498, זעקס יאָר נאָך גירוש שפּאַניע. זיי האָבן זיך געטראָגן איבערן ים, זוכנדיק אַ לאַנד וואו צו באַזעצן זיך.

אויפן וועג זיינען אַ סך אומגעקומען פון הונגער און קראַנקהייטן; אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ים־רויבער און פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט.

אַזוי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די אַמאָליקע בליענדיקע אידישע קהילות אין שפאַניע און פּאָרטוגאַל. אין ביידע לענדער זיינען געבליבן נאָר די באַהאַלטענע אידן, די מאַראַנען, וועמען עס איז באַשערט געווען ליידן די גרעסטע צרות נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר.

---

34. די צרות אין דייטשלאַנד ביזן סוף מיטלאַלטער

אויסער שפּאַניע איז אין מיטלאַלטער דער גרעסטער אידישער צענטער געווען אין דייטשלאַנד. דאָס זיינען געווען צוויי פאַרשיידענע טיפּן אידן: די שפּאַנישע ספרדים און די דייטשע אשכנזים. די ספרדים האָבן אַ לאַנגע צייט געלעבט פריי, געפירט גרויסע האַנדלס־געשעפטן און האָבן זיך אָפט געפילט ווי אין אַן אייגענעם לאַנד, ביז וואַנען אויף זיי איז ניט געקומען דער אומגליק פון שמד און גירוש. די אשכנזים האָבן זייער גרויסן אומגליק, די צרות פון די קרייץ־צוגן, דורכגעמאַכט פריער, נאָך אין 12־טן יאָרהונדערט, און דערנאָך זיינען זיי געבליבן אָרים, דערשלאָגן, אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און האָבן געלעבט נאָר מיט דעם חסד פון די דייטשע קיסרים אָדער זייערע פעאָדאַלן, וואָס האָבן זיי געשיצט פון פאַגראָמען. דייטשע אידן זיינען געוואָרן „קאַמער־קנעכט" („סערווי קאַמערע"), דינער פון קיניגלעכן הויף, ווייל זיי האָבן געמוזט צאָלן דעם קיסר און די פירשטן שוץ־געלט דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געלאָזט לעבן און עפּעס פאַרדינען פון האַנדל אָדער מלאכה. אָפט האָט דער איד געמוזט טראָגן גאָר אַנדערע קליידער, ווי די קריסטן, אָדער אַ באַזונדער צייכן אויפן אייבערשטן מאַנטל, די „געלע לאַטע" אָדער אַ שפּיציקן הוט מיט הערנער, וואָס האָט אים געמאַכט לעכערלעך אין גאַס. אומעטום אין די שטעט האָבן אידן געוואוינט אין באַזונדערע גאַסן, אָן אַ זייט פון דער גוישער שטאָט. נאָר דאָ, אין דער אידישער שטאָט, אין דער קהילה, אַרום זיין סינאַגאָגע און זיינע שולן, האָט זיך דער איד געפילט אין דער היים, גייסטיק פריי פון דעם אויסערלעכן

דרוק. די רַבָּנים און נְבָאים פון דער קהילה זיינען געווען ווי אַ מין אידישע רעגירונג: מען האָט געשאַפן אָרדענונג אין די סאָציאַלע באַציאונגען, געזאָרגט וועגן הילף פאַר אָרימעלייט (צדָקה), וועגן קינדער־ערציאונג, חבָרים און ישיבות, וועגן שוץ קעגן פיינדלעכע אַרויסטרעטונגען פון די קריסטלעכע שכנים.

נאָך דעם גרויסן אומגליק פון די קרייץ־צוגן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע קייט פון קליינע צָרות. די קריסטלעכע בירגער, וואָס פלעגן ניט פאַרגינען דעם אידן זיין פרנסה פון קליינהאַנדל, מלאָכה אָדער קליינע קרעדיט־געשעפטן, האָבן שטענדיק געזוכט אַ בילבול אויף אים און אויף דער גאַנצער אידישער קהילה. דאָס איז געווען גאָר לייכט אין יענער צייט פון פינסטערן אָבערגלויבן, וואָס האָט געהערשט אין די פאָלקס־מאַסן און אַפילו אין די העכערע קלאַסן. פון פראַנקרייך האָט מען אהער פאַרטראָגן די בייזע „עלילַת־דָם", די נאַרישע באַשולדיקונג, אַז אידן צאַפן בלוט פון קריסטלעכע קינדער צו פסח. ווייטער האָט זיך פאַרשפּרייט די האָסטיע־באַשולדיקונג, אַז אידן גנבענען פון די קירכן דאָס „הייליקע ברויט" און שניידן און שטעכן דאָס, ביז עס טריפט דערפון בלוט, דער סימבאָל פון צעשניידן יעזוסעס קערפּער. וואו נאָר ערגעץ פלעגט פאַרפאַלן ווערן אַ קריסטלעך קינד, אָדער מען פלעגט צופעליק געפינען אַ טויטן קערפּער אין וואַלד אָדער אין וואַסער, פלעגט זיך די קריסטלעכע מאַסע וואַרפן שלאָגן אידן. איינמאָל האָט מען הינטער דער שטאָט פולדאַ געפונען פינף טויטע קינדער פון אַ קריסטלעכן מילנער, און מען האָט געלאָזט אַ קלאַנג, אַז צוויי אידן האָבן זיי געהרגעט; דאַן איז אַ באַנדע קרייצטרעגער באַפאַלן די שטאָט און אויסגעקוילעט דרייסיק אידישע פאַמיליעס (יאָר 1235). דער קיסר פרידריך II האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע אויף אויספאָרשן, צי באַנוצן אידן ווירקלעך בלוט צו פסח. די קאָמיסיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט בכלל קעגן אַזאַ באַשולדיקונג. און דאָך האָבן די בלוט־בילבולים ניט אויפגעהערט. כמעט אַלע יאָר צו פסח פלעגט זיך אין וואָסער עס איז אָרט באַווייזן עפּעס אַ געהרגעטער, און די שולד פלעגט מען אַרויפוואַרפן אויף אידן. דאַן האָבן זיך אידישע קהילות געווענדעט צום רוימישן פּויפּסט און געבעטן, ער זאָל אַרויסזאָגן זיין וואָרט קעגן דער ליגנערישער באַשולדיקונג. גראָד איז אין

IV. יענער צייט געווען אַן ערלעכער פּויפּסט, אינאָצענץ (אינאָקענטי) וואָס די אידישע צרות האָבן אים גערירט. אין 1247 האָט ער פונאַנדער־געשיקט צו די בישאָפס אין אַלע לענדער אַ בּוּלאַ (פּויפּסטלעכער דעקרעט) מיט אַזאַ אינהאַלט: „מיר האָבן געהערט די ביטערע קלאָגן פון די אידן, אַז מען מאַכט אויף זיי מיאוסע בילבולים כדי צו האָבן אַן אויסרייד אָנצופאַלן אויף זיי און רויבן זייער האָב און גוטס. ווי נאָר מען געפינט אַ טויטן קערפּער פון אַ דערהרגעטן מענטשן, וואַרפט מען אַרויף די שולד אויף אידן. אַן אַ געריכטלעכער אויספאָרשונג פאַרשפּאַרט מען אומשולדיקע מענטשן אין תּפיסה, מען מאַטערט זיי און פאַרמשפּט זיי צו אַ שענדלעכן טויט. אַזוי קומט אויס אידן צו ליידן פון היינטיקע פירשטן און הערשער נאָך מער, ווי זייערע עלטערן אין מצרים פון פּרעהן. אַזוי ווי מיר ווילן ניט מען זאָל פייניקן אידן, וואָס דער באַרמהערציקער גאָט וואַרט אויף זייער אומקער (צום קריסט־לעכן גלויבן), הייסן מיר אייך זיין צו זיי פריינדלעך. אויב כ'וועט זיך ווייטער טרעפן, אַז אידן וועלן זיין ניט געזעצלעך געדריקט דורך גלחים, אַדעלליַיט אָדער שׂרות, זאָלט איר ניט דערלאָזן דערצו".

אין 14־טן יאָרהונדערט (1348—1349) האָט אַ נייער אומגליק חרוב געמאַכט מיטאַמאָל אַ סך אידישע קהילות אין דייטשלאַנד. אין אייראָפּע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שרעקלעכע מגיפה, אַן עפּידעמישע קראַנקהייט, פאַרטראָגן פון אַזיע, וואָס האָט געהייסן „דער שוואַרצער טויט". הונדערטער טויזנטער מענטשן זיינען געשטאָרבן פון איר, גאַנצע שטעט זיינען געבליבן אָן איינוואוינער; פון שרעק זיינען אַ סך מענטשן אַראָפּ פון זינען. אויך אידן פלעגן שטאַרבן פון דער עפּידעמיע, אָבער אין אַ קלענערער צאָל ווי קריסטן, ווייל לויט די געזעצן פון זייער רעליגיע זיינען אידן געווען מער אָפּגעהיט אין עסן, טרינקען און אַנדערע זאַכן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פאַלשער קלאַנג, אַז אידן זיינען שולדיק אין דער עפּי־דעמיע: זיי האָבן כּלומרשט אַריינגעשאָטן גיפט אין די ברונעמס און טייכן און האָבן פאַרסמט דאָס וואַסער, וואָס אַלע טרינקען. דאָס האָט צערייצט די קריסטלעכע מאַסן און זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אידן. אין די שטעט שטראַסבורג און קעלן, מאַינץ, וואָרמס און פראַנקפורט האָט מען טויזנטער אידן אויסגעהרגעט און זייערע הייזער פאַרברענט.

אין שטראַסבורג האָט מען פאַרטריבן צוויי טויזנט אידן אויפן בית־עולם און דאָרטן אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדיקן האָלץ־הויפן; נאָר די וויניקע, וואָס זיינען מרוצה געוואָרן צו טויפן זיך, האָט מען אַרויס־געשלעפּט פון פייער און געראַטעוועט; אידישע הייזער האָט מען צעטיילט צווישן קריסטלעכע בירגער — אַ שיינע מתּנה פאַר זייער אַרבעט אין דעם „יודענבראַנד“. אין וואָרמס האָבן זיך די אידן ניט דערוואַרט מען זאָל זיי ברענען: זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן זייערע הייזער און זיינען דאָרטן פאַרברענט געוואָרן. אין מאַינץ האָבן זיך אידן געשטעלט אַנטקעגן און געהרגעט צוויי הונדערט מערדער, אָבער דאָס האָט נאָך מער צערייצט די ווילדע מענטשלעכע חיות — און זעקס טויזנט אידן האָבן זיך געבראַכט פאַר אַ „פייער־קרבן“ אין זייערע ברענענדיקע הייזער. די, וואָס זיינען גאַנץ געבליבן, זיינען זיך צעלאָפן אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס קיין פוילן. אין די „סליחות“ פון יענע צייטן האָבן די אומגליקלעכע אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ פאַר גאָט און געפרעגט אים, פאַרוואָס באַגייט ער זיך אַזוי מיט זיין פאָלק ישראל; אָבער דער הימל האָט געשוויגן, און די קלאָגער האָבן זיך געמוזט אַליין טרייסטן מיט דעם גלויבן, אַז זיי ליידן אויף דער פאַרבלוטיקטער ערדישער וועלט פאַר אַ בעסערער וועלט, פאַרן „עולם הבא“, וואָס וועט קומען אין משיחס צייטן.

ניט אַזוי גיך האָבן זיך די פאַרטריבענע און צעלאָפענע אידן אומ־געקערט אין זייערע חרובע שטעט און אויפגעבויט זייערע פאַרברענטע הייזער. די שטעט־פאַרוואַלטונגען (מאַגיסטראַטן) האָבן זיי אַריינ־געלאָזט צוריק אויף זייער שווערע באַדינגונגען. מען האָט מיט זיי געמאַכט קאָנטראַקטן, אַז זיי מעגן וואוינען אין שטאָט ביז וואַנען דער מאַגיסטראַט וועט דאָס ערלויבן, אַז זיי דאַרפן צאָלן שטייער אַלעמען: דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, דעם פירשט, דעם בישאָף און דעם קיסר; מען טאָר זיי ניט אַריינעמען אין די פאַרבאַנדן פון הענדלער און האַנטווערקער; זיי מעגן זיך פאַרנעמען מיט קרעדיט, מיט פאַר־לייען געלט אויף פּראָצענט, אָבער אָפט פלעגן די הערשער באַפרייען די בעלי־חובות פון אָפּצאָלן זייער חוב דעם אידן, אָדער זיי פלעגן אַליין אָפּנעמען ביי אים אַ גרויסן טייל פון זיין געלט. אַזוי זיינען אידן געוואָרן ווי פרעמדע, צייטווייליקע געסט אין יענע שטעט, וואו זייערע

עלטערן האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן. אין 15־טן יאָרהונדערט פלעגן פאַרשיידענע הערשער — דער קיסר, די פירשטן און די מאַגיסטראַטן — אָפט פאַרטרייבן אידן פון דער אָדער יענער שטאָט (פון ווין אין יאָר 1421, שפּעטער פון מאַינץ, מאַגדעבורג און אַנדערע). צו אַן אַלגעמיינעם גירוש, ווי אַמאָל אין פראַנקרייך און שפּעטער אין שפּאַניע, איז דאָ ניט געקומען, אָבער דער איד אין דייטשלאַנד האָט שוין ניט געפילט קיין פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס.

אין זיין גייסטיקן לעבן איז דער דייטשער איד געשטאַנען אויף אַ פעסטן, אָבער אויף גאָר אַ שמאָלן באָדן. דאָ איז ניט צו זעען די ברייטע און רייכע קולטור פון די שפּאַנישע אידן, דעם גרויסן אידעען־קאַמף צווישן פּרייזיניקע און קאָנסערוואַטיווע. אַלע זיינען דאָ געווען שטרענג קאָנסערוואַטיוו, פרום, ווייט פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן. די גאַנצע ערציאונג אין די שולן איז געווען אַ תלמודיש־רבנישע. די ליטעראַטור איז באַשטאַנען נאָר פון פּירושים צום תלמוד, רבנישע „חידושים“ און „שאלות ותשובות“ וועגן פראַגן פון רעליגיעזער אָדער יורידישער פּראַקטיק; עס האָבן געהערשט די „פּוסקים“, וואָס האָבן געשריבן געזעצביכער, זאַמלונגען פון דינים און מנהגים אויפן שטייגער פון די „טורים“. מען האָט געשריבן אויך מוסר־ספרים אין גייסט פון דער תלמודישער „אגדה“ און פון „מדרש“; דאָ האָט מען באַטראַכט פראַגן פון מאָראַל און גוטע מידות, פרומקייט און גוטסקייט אויף דער וועלט, אָבער אויך פון דעם, וואָס וועט זיין אויף יענער וועלט, נאָכן טויט, וואו דער מענטש דאַרף אָפּגעבן אַ חשבון פאַר אַלע זיינע מעשים. דאָס איז געווען אַן אומעטיקע מאָראַל, אַ פאַרפינסטערטע, ווי דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין יענער צייט. אַ מוסטער פאַר אַזאַ מין ליטעראַטור האָט געדינט דער „ספר חסידים“ פון רבי יהודה חסיד פון רעגענסבורג. אין 15־טן יאָרהונדערט האָט מען געלייענט אויך אַ מוסר־ספר „דאָס זיטנבוך“, וואָס איז געווען געשריבן אין דער דייטש־אידישער פאָלקס־שפּראַך, דער עיקר פאַר ווייבער, וואָס האָבן ניט געקענט לייענען העברעאישע ספרים. אין יענער צייט האָט זיך די דאָזיקע פאָלק־ליטעראַטור ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען, אָבער שפּעטער, מיט דער אַנטדעקונג פון בוך־דרוקעריי, האָט זי זיך ברייטער אַנטוויקלט און איז געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור

35. די ערשטע ישובים אין פוילן

פון די צָרות אין דייטשלאַנד פלעגט מען לויפן אין די נאָענטע לענדער פון פוילן. שוין נאָך די ערשטע קרייץ־צוגן פלעגן זיך גאַנצע מַחֲנוֹת אידן אַוועקלאָזן אין די סלאַווישע לענדער, קיין בעהמען (פּראָג) און ווייטער קיין פוילן. אויף דעם געביט פון „גרויספוילן", אין די שטעט קאַליש, גנעזן, פּויזן, זעען מיר אידישע ישובים שוין אין 13־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1264 האָט דער גרויספּוילישער פירשט באָ־לעסלאַוו פון קאַליש אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערן סטאַטוט וועגן די רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין זיין לאַנד. פון דעם סטאַטוט איז צו זעען, אַז דעם פירשט האָט זייער געלוינט אַריינצולאָזן אידן אין זיין לאַנד: ער האָט דערוואַרט, אַז זיי וועלן אַריינברענגען מיט זיך אַ סך קאַפּיטאַל און לעבעדיק מאַכן דעם קרעדיט, זיי וועלן צאָלן הויכע שטייערן דעם פירשט, פאַרלייען גרויסע סומעס דער רעגירונג און קלענערע דער קריסטלעכער באַפעלקערונג; זיי וועלן פירן האַנדל און געבן צו פאַרדינען דעם פויער און דעם קליינבירגער. דערפאַר האָט באָלעסלאַוו ערלויבט אידן פירן געשעפטן ווי זיי ווילן און האָט זיי געגעבן פולע פרייהייט אין דער פאַרוואַלטונג פון זייערע קהילות; ער האָט זיי צוגעזאָגט שוץ קעגן אָנפאַלן און האָט פאַרבאָטן מאַכן אויף זיי בלוט־בילבולים; אויף צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן אַ אידן, אַז ער האָט געהרגעט אַ קריסטלעך קינד, האָט געדאַרפט זיין אַ באַ־שטעטיקונג פון זעקס עֵדוֹת, דריי קריסטלעכע און דריי אידישע.

קעגן די פרייהייטן און פּריווילעגיעס, וואָס באָלעסלאַוו האָט געגעבן דער אידישער באַפעלקערונג, האָבן פּראָטעסטירט די קאַ־טוילישע גַלָחים אויף זייער פאַרזאַמלונג אין דער שלעזישער שטאָט ברעסלוי (1265). די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די נייע אידישע ישובים אין פוילן קענען ברענגען אַ גרויסן שאָדן דעם קריסטלעכן גלויבן און דערפאַר דאַרף מען זאָרגן וועגן דעם, אַז אידן זאָלן לעבן אָפּגעזונדערט פון קריסטן, אין באַזונדערע גאַסן, וואָס זאָלן זיין אַרומגעצוימט מיט אַ מויער; אידן דאַרפן אויך זיין געצייכנט דורך באַזונדערע קליידער, למשל, אַ שפּיציקן הוט מיט הערנער אויפן קאָפּ. אָבער וויפיל די גַלָחים האָבן זיך ניט באַמיט, מען זאָל אויף

דעם אידן אַרויפגעלייגן אַ קנין-צייכן, האָבן די הערשער פון פּוילן דאָך שטענדיק געשיצט די אידישע באַפעלקערונג, ווייל זיי האָבן געהאַט פון איר אַ גרויסן עקאָנאָמישן נוצן.

באַזונדערס האָט זיך פאַרמערט די צאָל אידן אין פּוילן אין דער צייט פון דעם קיניג קאַזימיר דעם גרויסן (1333—1370), וואָס האָט פאַראייניקט און פאַרשטאַרקט די פּוילישע מלוכה. ער פלעגט גערן צולאָזן אין זיינע לענדער דייטשן און דייטשע אידן, כדי זיי זאָלן פאַרגרעסערן דעם האַנדל און האַנטווערק. ער האָט אַרויסגעגעבן גינסטיקע געזעצן פאַר אידן אין גאַנץ פּוילן. גראָד צו יענער צייט, נאָך דעם שרעקלעכן „שוואַרצן טויט", האָבן זיך אַ סאַך געטאָן מאַסן אידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן. חוץ גרויספּוילן (פּויזן און קאַליש) האָבן זיך אידישע ישובים געבילדעט אין דער הויפּט-שטאָט פון דער מלוכה, אין קראָקע, אין לעמבערג און אַנדערע גרויסע שטעט. מען דערציילט, אַז קאַזימיר האָט געטאָן אידן טובות, ווייל ער האָט געהאַט אַ אידישע געליבטע אֶסתּרקע, אַ טאָכטער פון אַ שניידער; אָבער די אֶמתע סיבה פון קאַזימירס גוטער באַציאונג צו אידן איז געווען אַן אַנדערע: אַ לאַנד פון פּויערים האָט ניט געקענט אויסקומען אָן אַ קלאַס פון האַנטווערקער און הענדלער, און דעם קלאַס האָבן געבילדעט אָנגעפאָרענע דייטשן און אידן.

צום סוף פון 14-טן יאָרהונדערט האָט זיך פּוילן פאַראייניקט מיט דעם שכנישן לאַנד ליטע דורך דער חתונה פון דער פּוילישער פּרינצעסין יאַדוויגאַ מיט דעם ליטווישן פירשט יאַגעללאָ (1386). געוואָרן אַ קיניג פון פּוילן, האָט יאַגעללאָ איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג אין ליטע זיינעם אַ שוועסטערקינד, דעם גרויספירשט וויטאָווט (וויטאָלד). וויטאָווט איז געווען זייער גוט צו אידן; האָט זיי געלאָזט וואוינען אין זיינע שטעט בריסק, גראָדנע און טראָק, געגעבן זיי רעכט אויף פרייען האַנדל, האַנטווערק און ערד-באַזיץ; ער האָט אַפילו אַרויסגערופן פון דער קרים קאַראַאימישע אידן, האָט זיי באַזעצט אין דער שטאָט טראָק און געגעבן זיי באַזונדערע פּריווילעגיעס. אַזוי איז אין ליטע די אידישע לאַגע געווען נאָך בעסער ווי אין פּוילן. דאָ האָבן די פאַנאַטישע גלחים ווידער אָנגעהויבן אַגיטירן קעגן אידן. אין יאַגעללאָס צייטן האָבן זיי אין פּויזן אויסגעטראַכט אַ נאַרישן בילבול,

אַז אידן האָבן געשטאָכן דעם „הייליקן ברויט“ פֿון אַ קירך און פֿאַרוואָרפֿן אין אַ גרוב; מען האָט געכאַפּט דעם רבֿ און דרייצן פּרנסים פֿון דער קהילה און זיי פֿאַרברענט (1399). אין קראָקע האָט אַ גלח אָנגערייצט דעם המון אויף דער אידישער באַפֿעלקערונג און עס איז געקומען צו אַ פּאָגראָם (1406). דער פּוילישער קיניג און ליטווישער פֿירשט קאַזימיר IV (1447—1492) האָט געשיצט אידן אין ביידע לענדער, און דערפֿאַר האָט ער געמוזט אויסהאַלטן אַ קאַמף מיט דעם קראָקער בישאָף און קאַרדינאַל אָלעסניצקי, וואָס האָט שטענדיק געהעצט קעגן אידן. אָבער נאָך קאַזימירס טויט האָט זיך זיין זון אַלעקסאַנדר אונטערגעגעבן דעם איינפֿלוס פֿון די פֿאַנאַטישע גלחים און האָט אַרויסגעטריבן אַלע אידן פֿון ליטע (1495). אפֿשר האָט ער געוואָלט נאָכמאַכן דעם פֿרומען שפּאַנישן קיניג פֿערדינאַנד דעם קאַטאָליק, וואָס האָט מיט דריי יאָר פֿריער פֿאַרטריבן די אידן פֿון שפּאַניע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט אָבער אַלעקסאַנדר חרטה געהאַט און האָט צוריקגערופֿן די פֿאַרטריבענע קיין ליטע.

אַזוי האָבן זיך געבילדעט אידישע ישובֿים אין פּוילן און ליטע אין די לעצטע יאָרהונדערטן פֿון מיטלאַלטער, ביז וואַנען ביידע לענדער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אינגאַנצן פֿאַראייניקט, זיינען געוואָרן דער גרעסטער אידישער צענטר אין איראָפּע, ווי דאָס איז פֿריער געווען שפּאַניע, פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד.

נאָר אין איין גרויסן לאַנד פֿון מיזרח-איראָפּע, אין מאָסקווער רוסלאַנד, זיינען אידן צו יענער צייט גאָרניט געווען. די מאָסקווער גרויס-פֿירשטן האָבן מורא געהאַט אַריינלאָזן אין לאַנד אויסלענדער בכלל, און באַזונדערס אידן. זיי האָבן זיך נאָך מער דערשראָקן פֿאַר אידן, ווען איינער אַ קיעווער איד זכריה (קיעוו האָט דאַן געהערט צו דער ליטווישער מלוכה) מיט נאָך עטלעכע ליטווישע אידן זיינען געקומען קיין נאָווגאָראָד און האָבן דאָרטן אַריינגעצויגן אין דער אידישער אמונה עטלעכע קריסטלעכע גלחים. די דאָזיקע גלחים זיינען געקומען קיין מאָסקווע און אָנגעהויבן מגייר זיין קריסטן (1480). עס האָט זיך געבילדעט אַ רוסישע סעקטע, וואָס מען האָט זי גערופֿן „פֿאַראידישטע קריסטן“ („זשידאָווסטוואַיושציע“). דער מאָסקווער גרויספֿירשט איוואַן III האָט געהייסן כאַפּן די פֿירער פֿון

דער סעקטע און פֿאַרבּרענען זיי (1504). שפּעטער, ווען איוואַן IV, „דער שרעקלעכער", האָט אָפּגענומען בּיי פּוילן די ווייסרוסישע גרענעץ־שטאָט פּאָלאָצק, האָט ער געהייסן אַלע דאָרטיקע אידן מיט ווייבּ און קינד דערטרינקען אין דער טייך דווינאַ, אויסער די, וואָס וועלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבּן (1563). ער האָט ניט געוואָלט האָבּן אין זיין מלוכה אַ שטאָט מיט אידן. פֿון יענער צייט אָן האָט מען ניט געלאָזט אידן וואוינען אין רוסלאַנד נאָך צוויי הונדערט יאָר, בּיזן סוף 18־טן יאָרהונדערט, ווען אין דער גרויסער רוסישער אימפּעריע זיינען אַריין גאַנץ ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע און אַנדערע טיילן פֿון פּוילן מיט אַ מיליאָן אידישע איינוואוינער.

---

36. אידישער לעבּן־שטייגער אין מיטלאַלטער

אין שפּעטן מיטלאַלטער, בּיז סוף 15־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אין אַלע לענדער פֿון אייראָפּע אויפֿגעשטעלט אַ פֿעסטער סֵדר אין אינעווייניקסטן אידישן לעבּן. ניט אומעטום איז דער לעבּן־שטייגער געווען גלייך אין אַלע פּרָטים, אָבּער אין גרונד האָבּן די אידישע מאַסן אומעטום געפֿירט אַן איינגאַרטיקן לעבּן, צופּאַסנדיק צו די אויסערלעכע אומשטענדן זייערע נאַציאָנאַלע און גייסטיקע בּאַדערפֿענישן.

דער צופּאַסונג־פּראָצעס האָט זיך ערשטנס אַרויסגעוויזן אין דער שפּראַך. צעוואָרפֿן צווישן פֿאַרשיידענע פֿעלקער, האָט דאָס אידישע פֿאָלק ניט געקאָנט האָבּן איין איינציקע אומגאַנג־שפּראַך. מען האָט גערעדט דייטש אין דייטשלאַנד און אויך אין פּוילן, וואָס איז געווען פֿול מיט אָנגעקומענע דייטשע אידן, שפּאַניש אין שפּאַניע, פֿראַנצויזיש אין פֿראַנקרייך, איטאַליעניש אין איטאַליע; אָבּער אין יעדן לאַנד האָבּן אידן אַריינגעפֿירט אין די דאָזיקע שפּראַכן פֿיל אייגענעם וואָרט־מאַטעריאַל, ווערטער פֿון דער העבּרעאישער שפּראַך — דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿון תּפילות און רעליגיעזע מִנהָגים, פֿון שול־לערנען און ליטעראַטור. אַזוי האָבּן זיך בּאַשאַפֿן געמישטע אידישע שפּראַכן, פֿון וועלכע עס האָבּן זיך בּאַזונדערס אַנטוויקלט צוויי: די דייטש־אידישע און שפּאַניש־אידישע. די ערשטע האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן די אשכּנזים, דאָס הייסט אידן פֿון דייטשלאַנד,

עסטרייך און פוילן, און האָט דערום געהייסן „לָשון־אַשכּנַז", שפּעטער פּשוט א י ד י ש. די צווייטע, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די ס פ ר ד י ם, די שפּאַנישע אידן, האָט געהייסן „לאַדינאָ", דאָס הייסט לאַטיין, ווייל שפּאַניש איז אַ צווייג פון דער לאַטיינישער שפּראַך־גרופּע. אין דער ליטעראַטור האָט נאָך אַלץ געהערשט די העברעאישע שפּראַך, אָבער צוביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן שרייבן אויך אין די געמישטע אומגאַנג־שפּראַכן, באַזונדערס פאַר פָּשוטע לייט און ווייבער, וואָס האָבן ניט גענוג פאַרשטאַנען העברעאיש. מען פלעגט דאָס שרייבן מיט העברעאישע אותיות און אַזוי אַרום האָט מען העברעאיזירט די שפּראַך אויך אין דער פאָרם. שפּעטער האָט מען אַזאַ מין ליטעראַרישן לָשון און כּתַב גערופן „עִברי־טייטש" ביי די אַשכּנזים. אַזוי האָט דאָס פאָלק זיך געשאַפן פון פרעמדע און אייגענע עלעמענטן זיין באַזונדער שפּראַך, וואָס האָט אים ניט דערלאָזט צונויפמישן זיך מיט די אַרומיקע פעלקער.

די „אידישע גאַס" אָדער דער „אידישער קוואַרטאַל" (שפּעטער „געטאָ") אין די שטעט האָט אָפּגעצוימט די אידישע איינוואוינער פון דרויסן. ניט נאָר דורך צוואַנג האָבן אידן געוואוינט אין באַזונדערע גאַסן, נאָר ווייל אָפט האָבן זיי אַליין דאָס געוואָלט. מענטשן פון איין נאַציאָנאַלער מִשפָּחה, וואָס די אַרומיקע זיינען צו זיי געווען פרעמד און פיינדלעך, האָבן געשפּירט אַ באַדערפעניש לעבן צוזאַמען, נאָענט צו זייערע שולן און בָּתי־מִדרָשים, זייערע רַבָּנים און אַנדערע פירער פון דער קהילה. אָפט איז דער אידישער טייל פון שטאָט געווען אָפּגעצוימט פון דעם גוישן מיט אַ געמויערטער וואַנט, אָדער די גאַסן האָבן געהאַט טויערן פוןביידע זייטן, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרשליסן און דערמיט שיצן זיך קעגן אָנפאַלן פון פיינדלעכע מאַסן. דאָס האָט ניט איינמאָל געראַטעוועט אידן פון אַ פּאָגראָם. אין דער פּויפּסטלעכער רעזידענץ ר וי ם פלעגט די פּאָליציי צושליסן די טויערן פון געטאָ אויף דער נאַכט; מען פלעגט קיינעם ניט אַריינלאָזן און ניט אַרויסלאָזן.

אין צענטער פון אידישן קוואַרטאַל איז געשטאַנען די ש ו ל, די סינאַגאָגע. אין דער פאָלק־שפּראַך האָט מען באַנוצט דאָס וואָרט שול אָדער בֵּית־מִדרש פאַר צוויי פאַרשיידענע זאַכן: פאַר אַ הויז, וואו מען דאַוונט, און פאַר אַ הויז, וואו מען לערנט. אָפט פלעגט מען



35. דאס אַלטע „געטא" אין רוים



36. די „יידישע גאַס" אין פּראָג

37. די „יידישע גאַס" אין א דייטשער שטאָט

טאַקע לערנען קינדער, באַזונדערס אָרימע, אין דער סינאַגאָגע: אַזאַ שול האָט שפּעטער געהייסן „תּלמוד־תּורה". דער רבֿ פֿון דער שטאָט אָדער אַ פּריוואַט־געלערנטער פֿלעגן לייענען זייערע תּלמודישע לעקציעס פֿאַר אַן עלטערן עולם אויך אין דער סינאַגאָגע נאָכן דאַווענען. אָבער אין די גרעסערע קהילות זיינען געווען באַזונדערע לערנהייזער: אַ „חדר" פֿאַר קינדער און אַ „ישיבה" פֿאַר בחורים. אין חדר פֿלעגט מען לערנען די קינדער לייענען העברעאיש, פֿאַרטייטשן חומש (די פֿינף ביכער פֿון דער תּורה) מיט דעם פּירוש פֿון רש"י און גמרא פֿונם תּלמוד בבלי אויך מיט דעם זעלביקן פּירוש. אינגלעך עלטער פֿון דרייצן יאָר פֿלעגן לערנען תּלמוד מיט אַלע „מפֿרשים" אין דער ישיבה, דער תּלמודישער אַקאַדעמיע. אַנדערע וויסנשאַפֿטן, ווי נאַטורוויסנשאַפֿט, מאַטעמאַטיק, פֿרעמדע שפּראַכן, האָט מען אין אַזעלכע רעליגיעזע שולן זעלטן געלערנט; ביי די אַשכּנזים זיינען די „חכמות חיצוניות" (זייטיקע וויסנשאַפֿטן) געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. מיידלעך פֿלעגט מען כּמעט גאָרניט לערנען אין שולן; מען האָט זיי געלערנט דאַווענען און לייענען „עברי" אין דער היים. עס זיינען אָבער געווען מיידלעך און פֿרויען, וואָס האָבן פֿון זיך אַליין פֿיל געלערנט און האָבן געלייענט אַלערליי ספֿרים אין העברעאיש אָדער אידיש.

אין הויז, אין דער פֿאַמיליע איז די פֿרוי געווען גלייכבאַרעכטיקט מיטן מאַן. אין אייראָפּע איז די אַמאָליקע אַזיאַטישע ביגאַמיע (אַ פֿאַמיליע פֿון אַ מאַן מיט צוויי פֿרויען) אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן, באַזונדערס נאָך דעם חרם פֿון מאַינצער רבֿ רבי גרשום (אויבן, קאַפּ. 28). יונגעלייט פֿלעגן חתונה האָבן דורך אַ „שדכן", אַ פֿאַרמיטלער צווישן חתן־כּלה און זייערע עלטערן; דער חתן פֿלעגט זיך זען מיט דער כּלה פֿאַר דער חתונה, אָבער וועגן ליבע האָט מען אָפֿן ניט געטאָרט רעדן. אַזוי ווי אַמאָל, פֿלעגן די עלטערן חתונה מאַכן גאָר יונגע קינדער, פֿון 15 ביז 18 יאָר, און „האַלטן זיי אויף קעסט" (אויף זייערע קאָסטן) עטלעכע יאָר, ביז דאָס יונגע פּאָר־פֿאָלק האָט געקאָנט קריגן אַ זעלבשטענדיקע פּרנסה. וועגן דעמאָלטיקע אידישע פּרנסות ווייסן מיר שוין: זעלטן גרויסהאַנדל, אָפֿטער קליינהאַנדל, האַנטווערק און קליין־קרעדיט געשעפֿט. עס זיינען נאָך געווען קהילה־פּראָפֿעסיעס: רבנים, דיינים, מלמדים, שוחטים, חזנים, וואָס האָבן באַקומען געהאַלט

פון די קהילות אָדער פון פריוואַטע לייט. פריער האָבן רבנים ניט באַקומען שכירות פון דער קהילה, ווייל מען האָט רבנות געהאַלטן פאַר אַן ערן-אַמט, אָבער אין די שלעכטע צייטן האָט מען געמוזט אויפהאַלטן די „כּלי-קודש“, וואָס האָבן קיין אַנדער פּרנסה ניט געהאַט.

די אידישע געמיינדע, די קהילה, איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג, וואָס האָט געשיצט די צעוואָרפענע טיילן פון פאָלק אין אַלע לענדער. דער פאַרפאָלגטער און געפּייניקטער איד, וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָט זיך אין זיין קהילה געפילט ווי אין אַן אייגענער קליינער מלוכה: דאָ איז ער געווען אַ מיטגליד פון זיין אייגענער געזעלשאַפט, געפאָלגט זיינע אייגענע געזעצן, געלעבט „אַוטאָנאָם“, אייגן-געזעצלעך; ער האָט געהאַט זיין זעלבסטפאַרוואַלטונג, געוויילט זיינע פירער אין דעם קהילה-ראַט, זיינע פּרנסים, דיינים, רבנים און גבאים אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. ער האָט געוואוסט, אַז זיין קהילה איז נאָר איין רינגל אין דער קייט פון קהילות, וואָס עקזיסטירן אין אַנדערע שטעט און אַנדערע לענדער און וואָס צוזאַמען מאַכן זיי אויס דאָס אידישע פאָלק. די קהילה האָט אויך געהאַט אַ גרויסע סאָציאַלע באַדייטונג. דער אָרימער איד האָט געוואוסט, אַז מען וועט אים ניט לאָזן פאַלן אין אַ שלעכטער צייט. יעדע קהילה האָט געהאַט אירע „גבאי-צדקה“, וואָס האָבן געזאַמלט געלט פאַר ניט פאַרמעגלעכע. פאַראָרימטע בעלי-בתים, וואָס האָבן זיך געשעמט נעמען צדקה-געלט, האָט מען געשטיצט שטילערהייט, ניט פאַרצייכענענדיק זייערע נעמען אין די צדקה-פּינקסים. אין די גרעסערע שטעט זיינען געווען פאַרשיידענע חברות פאַר מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף: אַ חברה פאַר „גמילות-חסדים“ אָדער אומזיסטן קרעדיט, „ביקור-חולים“ — פאַר באַזאָרגן קראַנקע מיט אַ רופא און רפואות; „תלמוד-תורה“ — שטיצן שולן פאַר אָרימע קינדער, און נאָך אַזוינע חברות. די אָרגאַניזאַציע פון קהילות האָט זיך באַזונדערס ברייט אַנטוויקלט אין פּוילן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרעסטער אידישער צענטר אין אייראָפּע ((ווייטער, קאַפּ. 39).

פון די „מוסר-ספרים — ביכער פאַר מאָראַל און גוטער אויפפירונג, וואָס פּשוטע לייט האָבן געלייענט אין יענער צייט, אָפט אין אַ אידישער איבערזעצונג פון העבּרעאישן אָריגינאַל („אורחות-צדיקים“,

„ספר־חסידים קטן“, „מנורת־המאור“), איז צו זעען, וועלכע פֿאָרשטע־לונגען וועגן וועלט און מענטשן האָט די אידישע מאַסע באַקומען פֿון אירע פֿירער. ערלעכקייט און גערעכטיקייט זיינען געווען די ווילכטיקסטע געבאָטן. מען האָט דערציילט אַזאַ מעשה. איינער אַ זינדיקער מענטש איז געקומען צום רבֿ און געזאָגט: ביז היינט האָב איך נאָך גאָט געבאָטן ניט געפֿאָלגט און קאָן ניט צוזאָגן, אַז איך וועל ווייטער טאָן אַלע מצוות; גיט מיר נאָר איין מצווה — וועל איך זי טאָן. דער רבֿ האָט אים געענטפֿערט: גוט, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט קיינמאָל קיין ליגן ניט זאָגן — מער פֿאָדער איך ניט פֿון דיר. דער מענטש האָט צוגעזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. אין וועג האָט ער דערזען אַ הויז, וואו מענטשן האָבן געשיכּורט און אָפּגעטאָן מיאוסע זאַכן, און אים האָט זיך פֿאַרוואָלט אַהין אַריינגיין; אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן: און וואָס וועט זיין, אַז מיינע פֿריינד וועלן מיך פֿרעגן, וואָס האָב איך געטאָן אין דעם פֿריילעכן הייזל, וועל איך זיי דאָך מוזן זאָגן אַ ליגן, און דאָס טאָר איך ניט. האָט ער גובֿר געווען דעם יצר־הרע און איז אַוועק ווייטער. דערנאָך איז ער אַריין אין אַ הויז, וואו ער האָט דערזען גאָלד און טייערע צירונג, וואָס ער האָט געקאָנט צונעמען, אַז קיינער זאָל ניט זעען; אָבער דאָ האָט ער ווידער געזאָגט צו זיך אַליין: און אַז מען וועט שפּעטער ביי מיר פֿרעגן, וואו האָסטו דאָס אַלץ גענומען, וועסטו דאָך מוזן זאָגן אַ ליגן, — טאָרסטו דאָס ניט. אַזוי האָט דער מענטש זיך ווידער אָפּגעזאָגט פֿון אַן עבֿירה, און נאָך פֿיל מאָל האָט ער געמוזט אַזוי טאָן נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט צוגעזאָגט ניט זאָגן קיין ליגן.

אַ סך קלוגע געדאַנקען קען מען געפֿינען אין די מוסר־ספֿרים פֿון יענער צייט. „דער מענטש איז קלוג כּל זמן ער זוכט וויסנשאַפֿט, אָבער ער ווערט אַ נאַר, ווען ער מיינט, אַז ער ווייס שוין אַלין“. — „פֿאַרוואָס מוזן געלערנטע אָנקומען צו רייכע לייט און ניט פֿאַרקערט? ווייל געלערנטע פֿאַרשטייען דעם ווערט פֿון רייכקייט, אָבער די רייכע פֿאַרשטייען ניט דעם ווערט פֿון וויסנשאַפֿט“. — „ביי איינעם אַ חכם האָט מען געפֿרעגט: וועמען האָסטו מער ליב? האָט ער געענטפֿערט: יענעם, וואָס האָט מיר געטאָן אַ טובֿה, און נאָך מער יענעם, וועמען איך האָב געטאָן אַ טובֿה“.

37. די ספרדים אין דער טערקיי און אַנדערע לענדער

די ספרדים, די אַרויסגעטריבענע אידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע לענדער. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין דער טערקיי, אַ מוסולמענישער מלוכה, וואָס האָט זיך געגרינדעט צו יענער צייט אויפן אָרט פון דער פריער־דיקער ביזאַנטיע. אין יאָר 1453 האָבן די טערקן אָפּגענומען בײַ די ביזאַנטיער זייער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל; טערקישע סולטאַנען זיינען געוואָרן הערשער אויפן באַלקאַנישן האַלבאינזל. פון אָנהויב אָן האָבן די נייע הערשער אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט צו דער אידישער באַפעלקערונג, און די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע, וואָס האָבן אַזוי פיל געליטן פון דעם קריסטלעכן פאַנאַטיזם, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין טערקיי מיט דער האָפענונג, אַז מיט די מוסולמענער וועלן זיי זיך בעסער צונויפלעבן ווי מיט קריסטן. די געבילדעטע ספרדים האָבן דאָ, אין די גרויסע שטעט בײַם ים, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניק, געמאַכט גרויסע געשעפטן; זיי האָבן געפירט האַנדל אויפן ים מיט פאַרשיידענע לענדער, האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנטווערק און טעכניק, באַזונדערס מיט פאַבריצירן שיספּולווער, ביקסן און האַרמאַטן פאַר דער טערקישער אַרמיי. דער סולטאַן באַיאַזעט, וואָס האָט געהייסן אַריינלאָזן אַלע אידישע עמיגראַנטן פון שפּאַניע, האָט אַמאָל געזאָגט: „וואָס פאַר אַ נאַר ער איז, דער שפּאַנישער קיניג פערדינאַנד! ער האָט אַרויסטרייבנדיק אידן אָרים געמאַכט זיין לאַנד און רייך געמאַכט אונזער לאַנד“.

נאָך די פאַרטריבענע אידן האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אויך פיל פון די דאָרטן געבליבענע מאַראַנען, וואָס האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן פון דער שרעקלעכער אינקוויזיציע. אין דער טערקיי זיינען די אַמאָל באַהאַלטענע אידן ווידער געוואָרן פרייע מיטגלידער פון אידישע קהילות. די ספרדישע קהילות אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, סאַלאָניק, אַדריאַנאָפּאָל און אַנדערע באַלקאַנישע שטעט זיינען זיך ברייט צעוואַקסן אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן יאָר־הונדערט. אין דער הויפּטשטאָט האָבן געלעבט אַרום דרייסיק טויזנט אידן, וואָס האָבן געהאַט 44 סינאַגאָגעס. די ספרדים האָבן זיך געטיילט

אויף גרוּפּעס נאָך די ערטער פוּן וואַנען זיי זיינען געקוּמען (לאַנדסמאַנשאַפטן): עס זיינען געווען אַ „קאַסטילישער קהל“, אַן „אַראַגאָנישער“, אַ „פּאָרטוּגעזישער“, אויך טאָלעדער, קאָרדאָווער, בּאַרסעלאָנער לאַנדסלייט א. ד. ג. זיי אַלע האָבן גערעדט צווישן זיך שפּאַניש אָדער פּאָרטוּגעזיש, ווי אין דער אַלטער היים; אָבער אין דער שפּראַך זיינען אַריין פיל העבּרעאישע ווערטער, אוּן אַזוי האָט זיך שפּעטער געשאַפן די געמישטע „שפּאַניאָלישע“ שפּראַך אָדער לאַדינאָ, אויף וועלכער די ספרדים אין די בּאַלקאַן־לענדער אוּן אין אַזיע רעדן נאָך בּיז היינטיקן טאָג. חוּץ די גרויסע ספרדישע קהילות זיינען נאָך געווען אין דיזעלבּיקע שטעט אויך קלענערע קהילות פוּן אַלטגעזעסענע בּיזאַנטישע אידן („ראָמאַניאָטן“) אוּן פוּן דייטשע אידן אָדער „אַשכּנזים“.

די ערשטע סוּלטאַנען פוּן דער מעכטיקער טערקישער מלוּכה זיינען נאָך געווען ליבּעראַל. זיי האָבן געהאַלטן בּיים הויף אידישע אַרצטן אוּן דיפּלאָמאַטן; איינער פוּן אַזעלכע דיפּלאָמאַטן איז בּאַזוּנדערס בּאַרימט געוואָרן. דאָס איז געווען יוסף נשיא, אַ רייכער מאַראַנישער בּאַנקיר, וואָס איז אַנטלאָפן מיט זיין מִשפָּחה פוּן פּאָרטוּגאַל אוּן האָט געפירט גרויסע האַנדל־געשעפטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער סוּלטאַן סוּליימאַן האָט אים זייער געשעצט אַלס פינאַנץ־מאַן, אוּן אַזוי האָט יוסף נשיא געקראָגן אַ שטאַרקן איינפלוּס אויף דער טערקישער רעגירוּנג. עטלעכע מאָל האָט ער בּאַנוּצט זיין איינפלוּס כּדי איינצוּשטעלן זיך פאַר זיינע פאַרפאָלגטע בּרידער, די מאַראַנען, אין די קריסטלעכע לענדער. מיט יוסף נשיא איז געווען זייער בּאַפריינדעט סוּליימאַנס זוּן, סעלים II, אוּן בּאַלד ווי ער איז געוואָרן סוּלטאַן נאָך זיין פאָטערס טוּיט איז דער אידישער פינאַנסיסט געוואָרן זיין הויף־דיפּלאָמאַט. דער נייער סוּלטאַן האָט אים געשענקט דעם שיינעם אינזל נאַקסאָס אין עגייאישן ים (אַרוּם גריכנלאַנד) מיט דעם טיטוּל „הערצאָג פוּן נאַקסאָס“. דער אידישער הערצאָג האָט געפירט צוּזאַמען מיט דעם גרויס־וויזיר די אויסערלעכע פּאָליטיק פוּן דער טערקיי; צוּ אים האָבן געמוּזט אָנקוּמען די בּאָטשאַפטער פוּן קריסטלעכע מלוּכות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אוּן ער האָט אָפט געהאַט די מעגלעכקייט אָנלערנען די רעגירוּנגען פוּן אידנפיינדלעכע לענדער, ווי שפּאַניע אָדער ווענעציע. דער קיניג פוּן פּוילן אוּן אַנדערע הערשער האָבן אין זייערע בּריוו

געהאַנפּעט דעם אידישן דיפּלאָמאַט, כּדי ער זאָל דעם וויזיר און דעם סולטאַן צוציען אויף זייער זייט אין יענע מלחמה-יאָרן. נאָך דעם טויט פון סולטאַן סעלים האָט זיך יוסף נשיא דערווייטערט פון פּאָ-ליטיק. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין זיין פּאַלאַץ, אין דער געזעלשאַפט פון אידישע געלערנטע, וואָס ער האָט געשטיצט מיט זיין געלט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1579.

אין יענער צייט האָט אויפגעלעבט דער שוין לאַנג חרובער אי-דישער ישוב אין פּאַלעסטינע. דאָס הייליקע לאַנד, וואָס איז פריער געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די עגיפּטישע סולטאַנען, איז געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער טערקישער מלוכה, וואָס האָט איינ-גענומען אויך עגיפּטן (1517). אהער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די ספרדישע וואַנדערער. אין די וויסטע שטעט ירושלים, צפת, טבריה, חברון, וואו עס האָבן פריער געלעבט צווישן אַראַבער נאָר צו עטלעכע אידישע משפחות, האָבן זיך באַוויזן גרויסע מאַסן אָנגעקומענע פון אייראָפּע און געגרינדעט קהילות, סינאַגאָגן, ישיבות מיט רבנים. פּאַלעס-טינע איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ גייסטיקער צענטער, און די דאָרטיקע רבנים האָבן געטרוימט וועגן אַ נייעם סנהדרין, וואָס זיי וועלן גרינדן אין הייליקן לאַנד און וואָס וועט אַרויסגעבן געזעצן פאַר אַלע גלות-לענדער. דער גרעסטער קיבוץ פון רבנים איז געווען אין דער שטאָט צפת. דאָ האָט געלעבט דער באַרימטער מחבר פון „שולחן ערוך", יוסף קאַרו (קאַראָ). קארו האָט געשריבן אַ לאַנגן פּירוש צום אַלטן געזעצ-בוך „טורים" („בית יוסף") און דערנאָך האָט ער פאַרפאַסט אַן איי-גענעם געזעצבוך, מיט דעם נאָמען „שולחן ערוך" — „אַ צוגעגרייטער טיש", ד. ה. אַ בוך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען. דאָס בוך באַשטייט פון דיזעלביקע פיר טיילן, ווי אין „טורים": „אורח חיים", „יורה דעה" א. א. וו., אָבער עס איז געשריבן מער פּאָפּולער. אין אים זיינען אַריין אַלע אידישע דינים און מנהגים, וואָס האָבן זיך אָנגעַ-זאַמלט פון דער תלמודישער צייט ביז צו די לעצטע רבנים. דער „שולחן ערוך", וואָס האָט זיך געדרוקט אין ווענעציע (1564), איז געווען אָנגענומען אין דער גאַנצער אידישער וועלט. „לעבן נאָכן שולחן ערוך" — האָט שפּעטער געהייסן אויף יעדן טריט זיין גע-

בונדן מיט אַ דין אָדער אַ מִנהג, טאָן אַ מִצוָה אָדער אויסמיידן אַן עֲבֵירה.

די רַבָּנים פון יענער צייט האָבן זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט קַבָּלה. דער „זוהַר“, וואָס איז געווען געדרוקט אין איטאַליע (1559), איז געוואָרן אַ הייליק בוך, אַ מין צווייטע מיסטישע ביבל; מען האָט צו אים געשריבן פּירושים און אויפגעדעקט געטלעכע סודות אין יעדן וואָרט. אין צפַת איז אַרויסגעטראָטן דער גרויסער מקוּבָּל יִצחָק לוּריָא, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם געקירצטן נאָמען אַר״י (רבי יצחק אַשכּנַזי). ער האָט געלעבט ווי אַ קָדוש, פלעגט אַרומגיין מיט זיינע תלמידים איבער די „הייליקע קבָרים“ און זאָגן תפילות, באַזונדערס אויפן קבר פון רַבּי שימעון בר יוחָאי, דעם כלומרשטן מחבּר פון „זוהַר“. אין די דאָזיקע קרייזן פלעגט מען שטענדיק טראַכטן וועגן דעם „מֶלך הַמשיח“, וואָס מען דאַרף אויף אים וואַרטן פון טאָג צו טאָג. כּדי דער משיח זאָל וואָס גיכער קומען אויסלייזן דאָס פאָלק ישׂרָאל פון גָלות — אַזוי האָט געלערנט אַר״י — דאַרף מען זיין שטרענג פרום און טראַכטן וועגן יענער וועלט; מען דאַרף אָפט פאַסטן און פייניקן דעם גוף, קלאָגן אין די תפילות אויפן חורבן בית־המִקדש און פאַרטיפן זיך אין „זוהַר“ און אַנדערע קַבָּלה־ספרים. דער אַר״י, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן (1572), האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע ריי תלמידים (חיים וויטאַל און נאָך), וואָס האָבן געשאַפן אַ סיסטעם פון „פּראַקטישער קַבָּלה“; זיי האָבן אַריינגעבראַכט מיסטישע פאָרשטעלונגען אין אידישן גלויבן און האָבן שפּעטער געבראַכט צו דער גרויסער משיחישער באַוועגונג פון שַבּתי־צבי.

אַ בענקעניש נאָך משיחן האָט זיך געטראָגן אומעטום אין דער לופט אין די צייטן נאָכן גֵירוּש־ספרד. די ספַרדים, וואָס זיינען געקומען קיין איטאַליע אונטער דער פירונג פון יִצחָק אַבּרבַנאַל, האָבן זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דער „קץ“, דער סוף פון גלות, איז שוין נאָענט. אַבּרבַנאַל אַליין, דער גרויסער טעאָלאָג, האָט פאַרפאַסט דריי ביכער („ישועות־משיחו“ א. א.) צו באַווייזן אויפן גרונד פון „סֵפר דָניאל“ און פאַרשיידענע צייטרעכענונגען, אַז די אַלטע נביאות וועגן באַפרייונג פון אֶדומס יאָך („אֶדום“ האָט געהייסן די קריסטלעכע וועלט) וועלן אינגיכן מקוים ווערן. אין יאָר 1524 האָט

זיך אין איטאַליע אָנגעהויבן אַ משיחישע באַוועגונג. איינער אַ איד פֿון אַזיע, דָוִד ראוּבֵני, איז געקומען קיין ווענעציע און קיין רוים און האָט געפֿירט מיט דעם פּויפּסט אונטערהאַנדלונגען וועגן באַפֿרייען פּאַלעסטינע פֿון טערקישער הערשאַפֿט מיט דער הילף פֿון אידישע סאָלדאַטן. מיט דעם ראוּבֵני האָט זיך פֿאַרבונדן אַ יונגער מאַראַן שלמה מולכו (מאָלכאָ), וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון פּאָרטוגאַל און איז, נאָך אַ פּאָר יאָר וואַנדערונגען אין דער טערקיי און פּאַלעסטינע, געקומען קיין רוים. ער האָט אויך געשמועסט מיטן פּויפּסט וועגן עפּעס אַ פֿאַנטאַסטישן פּלאַן צו באַפֿרייען דאָס הייליקע לאַנד פֿון מוסולמענישע הענט; ער איז אַפֿילו געקומען מיט אַזאַ פּלאַן צום דייטשן קייזער קאַרל V, נאָר דאָ האָט מען אים געכאַפּט און איבערגעגעבן צום געריכט פֿון דער אינקוויזיציע, אַלס אַן אַנטלאָפֿענעם מאַראַן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון קריסטנטום. מען האָט דעם יונגן טרוימער פֿאַרמִשפּט צום טויט דורך פֿאַרברענען אין דער איטאַליענישער שטאָט מאַנטוע (1532). דָוִד ראוּבֵני האָט מען אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה אין שפּאַניע. דערמיט האָט זיך די משיחישע באַוועגונג צווישן די איטאַליענישע אידן געענדיקט.

נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע צייטן פֿאַר די אידישע קהילות אין איטאַליע. די קאַטוילישע קירך האָט דאַן געפֿירט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קריג מיט די דייטשע פּראָטעסטאַנטן, אָנהענגער פֿון לוטערס רעפֿאָרמאַציע. די „קאַטוילישע רעאַקציע“ האָט שווער געטראָפֿן אויך די אידישע באַפֿעלקערונג פֿון איטאַליע, וואָס האָט ביז יענער צייט געלעבט רואיקער, ווי אידן אין אַנדערע לענדער. די רוימישע פּויפּסטן האָבן אָנגעהויבן דריקן די אידישע קהילות אין רוים און אַנדערע שטעט פֿון „קירכן־געביט“, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זייער מֶמשָלה, מען האָט אידן געצוואונגען צו וואוינען אין באַזונדערע גאַסן און טראָגן אַ שאַנד־צייכן, די „געלע לאַטע“, אויף זייערע קליידער. ווען עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין ווענעציע אַלע טיילן פֿון תּלמוד (דער גאַנצער שַ״ס), האָט די פּויפּסטלעכע אינקוויזיציע געפֿונען דאָרטן עטלעכע שטעלעס קעגן קריסטנטום און האָט געהייסן פֿאַרברענען אַלע ספָרים, וואָס מען וועט געפֿינען אין אידישע הייזער. אין רוים האָט מען אַלע ביכער פֿון תּלמוד געבראַכט אויפֿן שטאָט־פּלאַץ

אין דאָרטן פֿאַרברענט (1553). דאָס געזעץ, אַז אידן זאָלן וואוינען אָפּגעזונדערט פֿון קריסטן, האָט מען שטרענג אָפּגעהיט. ניט נאָר אין דער „הייליקער שטאָט" רוים, נאָר אַפֿילו אין דער גרויסער האַנדל־שטאָט ווענעציע האָט מען פֿאַרשלאָסן די אידישע באַפֿעלקערונג אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל, וואָס האָט געהייסן „געטאָ". יעדן שבת פֿלעגט מען צווינגען די געטאָ־לייט צו קומען אין די קאַטוילישע קלויסטערס און הערן מיסיאָנערישע דרשות פֿון גלחים וועגן דער נישטיקייט פֿון אידישקייט און דער הייליקייט פֿון קריסטלעכן גלויבן. אויפֿזעער האָבן אַכטונג געגעבן, אַז די געצוואונגענע צוהערער זאָלן דערביי ניט שלאָפֿן און ניט פֿאַרשטאָפּן די אויערן כּדי ניט צו הערן די דרשה. אָפּטמאָל פֿלעגט מען מיט געוואַלט שלעפּן אידישע קינדער אין די „משומדים־הייזער" און נייטן צום שמד. מאַראַנען, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אין די פּויפּסטלעכע שטעט, כּדי אומקערן זיך צום אידישן גלויבן, פֿלעגט די אינקוויזיציע פֿאַרמשפּטן צום פֿאַרברענען.

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 17־טן יאָרהונדערט האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט די מאַראַנישע עמיגראַציע פֿון פּאָרטוגאַל. די באַהאַלטענע אידן האָבן ניט געקענט פֿאַרטראָגן דעם שפּיאָנאַזש פֿון די אינקוויזיציע־אַגענטן. מען האָט דעם מאַראַן נאָכגעשפּירט אויף יעדן טריט. האָט זיך אַ מאַראַנישע משפּחה באַהאַלטן אין אַ קעלער כּדי אָפּצוריכטן דעם סדר אין אַ פּסח־אָוונט, פֿלעגן זיך אַהין אַריינרייסן שפּיאָנען און שלעפּן אַלעמען, אַלט און יונג, אין די תּפֿיסות פֿון דער אינקוויזיציע, וואו אויף זיי האָט שוין געוואַרט דער „טויט אָן בלוט־פֿאַרגיסן" — דער האָלץ־הויפֿן. איז מען זיך צולאָפֿן אין אַלע עקן פֿון דער וועלט (זע בילד 38).

פֿאַר די מאַראַנען איז די רואיקסטע „עיר־מקלט", די רעטונגס־שטאָט, געוואָרן אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם אין האָלאַנד. האָלאַנד האָט זיך סוף 16־טן יאָרהונדערט אַליין באַפֿרייט פֿון דער שפּאַנישער הערשאַפֿט און האָט אַריינגעלאָזט צו זיך די פֿאַרפֿאָלגטע מאַראַנען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אין אַמסטערדאַם האָט זיך געבילדעט אַ גרויסע אידישע קהילה מיט רבנים אָדער „חכמים", מיט שולן, אַ העברעאישע דרוקעריי און נאָך קולטור־אַנשטאַלטן. איינער פֿון די „חכמים" אין דער קהילה

איז געווען דער באַרימטער מנשה בן־ישראל, וואָס האָט געשריבן ביכער וועגן רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראַגן אין דריי שפּראַכן: העברעאיש, שפּאַניש און לאַטייניש (באַקאַנט איז מער דאָס בוך „נישמת־חיים" — אַ געמיש פון פילאָזאָפיע און קבלה). צו יענער צייט, העלפט 17־טן יאָרהונדערט, האָבן אין אַמסטערדאַם געלעבט אויך די פרייע אידישע דענקער: אוריאל דאַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ. דאַקאָסטאַ, אַ הויך געבילדעטער מאַראַן פון פּאָרטוגאַל, איז אַנטלאָפן קיין אַמסטערדאַם און האָט זיך דאָרטן אומגעקערט צום אידנטום, אָבער שפּעטער האָט אים אויך דער אידישער גלויבן ניט

38. דער אָנפאַל אויף מאַראַנען פסח צום סדר

באַפרידיקט: ער האָט ניט געקענט איבערטראָגן די האַרבע רעליגיעזע דינים און צערעמאָניעס, וואָס האָבן דעם אידן געבונדן אויף יעדן טריט. ער האָט אָפּגעדרוקט אויף פּאָרטוגעזיש אַ שאַרפע קריטיק „קעגן דער טראַדיציע", וואו ער האָט געזידלט די רבנים, אַלס נאָכ־פאָלגער פון די אַמאָליקע פרושים, די תלמודיסטן. דאַן האָבן די אַמסטערדאַמער רבנים אַריינגעלעגט דאַקאָסטאַן אין חרם. צוערשט האָט ער געבעטן מחילה ביי די רבנים און גענומען אויף זיך אַ שווערע שטראָף: ער איז געלעגן אויפן שוועל פון דער שול, און די פאַרזאַמלטע זיינען איבער אים איבערגעטראָטן; אָבער דערנאָך איז ער אריינ־

געפאַלן אין אַ מרה שחורה און האָט זיך גענומען דאָס לעבן (1640). דער פיל באַרימטער פילאָזאָף ברוך שפינאָזאַ (געשטאָרבן אין יאָר 1677) איז אויך געווען אויסגעשלאָסן פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, ווייל ער האָט אויפגעהערט גיין אין שול דאַווענען און ניט געלעבט נאָכן אי־דישן שטייגער. ער האָט זיך פאַרטיפט אין פילאָזאָפישע פאָרשונגען

39. מנשה בן־ישׂראל



40. ברוך שפינאָזאַ

און האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט מיט זיינע צוויי ווערק: דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט“ און „עטיק“. פאַר זיינע פרייע געדאַנקען וועגן גאָט און וועלט („פּאַנטעאיזם“) האָבן פרומע קריסטן אויך געהאַלטן שפינאָזאַן פאַר אַ גרויסן אפיקורס.

אין האָלאַנד האָבן אידן געפירט גרויסע האַנדל־געשעפטן, באַ־זונדערס אין ים־האַנדל מיט אַמעריקע. דאָס האָט זיי פאַרבונדן מיט ע נ ג ל אַ נ ד, וואָס האָט געהאַט אירע גרויסע קאָלאָניעס אין אַמעריקע. אין ענגלאַנד האָבן אידן זינט דעם אַמאָליקן גירוש ניט געטאָרט וואוינען, אָבער נאָך דער ענגלישער רעוואָלוציע (1649) האָבן די אַמסטערדאַמער ספרדים געשיקט צום מלוכה־פאַרוואַלטער קראָמוועלן זייער חכם מנשה בן־ישׂראל, און ער האָט אויסגעבעטן מען זאָל אידישע סוחרים לאָזן וואוינען אין ענגלאַנד. אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט האָבן זיך געשאַפן אין לאָנדאָן און אַנדערע ענגלישע שטעט אידישע קהילות, וואָס זיינען באַשטאַנען מייסטנס פון ספרדים; צו זיי זיינען שפעטער צוגעקומען אויך אַשכנזים פון דייטשלאַנד און פוילן.

נאָך פריער האָט זיך געבילדעט אַ ספּרדישער ישוב אין פ ר אַ נ ק-ר יי ך, וואו אידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען זינט דעם מיטלאַלטערלעכן גירוש. אין 16-טן יאָרהונדערט האָבן זיך מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל באַזעצט אין דרום-פראַנקרייך, אין דער שטאָט באָרדאָ, מיט דער ערלויבעניש פון פראַנצויזישן קיניג. זיי האָבן ניט אויסגעזאָגט, אַז זיי ווילן ווידער ווערן אידן, נאָר האָבן זיך גערופן „ניי-קריסטן" אָדער „פּאָרטוגעזן". מען האָט זיי געהאַלטן פאַר גוטע קאַטאָליקן און מען האָט ניט באַמערקט, אַז שטילערהייט לעבן זיי נאָך דעם אידישן שטייגער. פיל שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען באַהאַלטענע אידן, נאָר די פראַנצויזישע רעגירונג האָט שוין ניט געקענט פּטור ווערן פון זיי: די „פּאָרטוגעזן" זיינען כמעט אַלע געווען גרויסע סוחרים, וואָס האָבן מיט זייערע געשעפטן באַלעבט דעם האַנדל אין באָרדאָ, מאַרסעל און אַנדערע פראַנצויזישע שטעט און פאַרבונדן זיי מיט וויטע מדינות; וואָלט מען זיי אַרויסגעטריבן, וואָלט זיך דער גאַנצער האַנדל אין דרום-פראַנקרייך אָפּגעשטעלט. האָט מען זיי געמוזט לאָזן אין די שטעט און שפּעטער ערלויבן צו שאַפן אָפענע אידישע קהילות. — צום סוף 17-טן יאָרהונדערט האָט פראַנקרייך אָפּגענומען ביי די דייטשן די פּראָווינץ ע ל ז אַ ס, וואָס איז געווען פול מיט אידן. אַזוי האָט דאָס קאַטוילישע לאַנד, וואָס האָט זיך אַמאָל געוואָלט אָפּרייניקן פון דער אידישער „טומאה", ווידער געקראָגן אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג. עס איז אויפגעקומען אַ נייע „אידן-פראַגע", וואָס פראַנקרייך האָט זי געלייזט ערשט נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1789.

---

38. שבתי-צבי און די משיחישע באַוועגונג

די צרות, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריבערגעטראָגן אין משך פון יאָרהונדערטן, און די שטענדיקע דערוואַרטונג פון דעם אויסלייזער, משיחן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין דער טערקיי האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ משיח, און אַ גרויסער טייל פון פאָלק אין פאַרשיידענע לענדער האָבן געגלויבט, אַז די גאולה קומט שוין.

אין מיטן פון 17-טן יאָרהונדערט האָט מען אין דער טערקישער שטאָט ס מ י ר נ אַ (איזמיר) פיל גערעדט וועגן אַ יונגן מאַן ש ב ת י-

צבי, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין דער קַבָּלה פון אר"י און האָט זיך איינגערעדט, אַז אים איז באַשערט עפּעס אויפצוטאָן פאַר דער אויס־לייזונג פון אידישן פאָלק. אַרום אים האָט זיך געבילדעט אַ קרייז פון יונגעלייט, וואָס האָבן ביי אים געלערנט קַבָּלָה, געפאַסט תַּעֲנִיתִים, זיך טוֹבֵל געווען אין יַם און געזונגען מיסטישע תפילות, כּדי אַראָפּ־צוברענגען דעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. די רַבָּנִים פון סמירנאַ זיינען געוואָרן אומרואיק און האָבן אויסגערופן אַ חֵרֶם אויף שַׁבְּתַי־צבי. דאַן איז ער אוועקגעפאָרן פון דער היים און האָט פיל יאָרן נאָכאַנאַנד געוואַנדערט אין ווייטע לענדער, געווען אין ארץ־ישראל און מִצְרַיִם, און האָט אומעטום גערעדט וועגן זיין געטלעכער שליחות. דאָ האָט ער חַתוּנה געהאַט מיט אַ מיידל שָׂרָה, וואָס איז אַנטלאָפן פון פוילן בשעת די קאָזאַקן האָבן דאָרטן אויסגעקוילעט טויזנטער אידן. אין ארץ־ישראל איז צו שַׁבְּתַי־צבי צוגעשטאַנען אַ פייערדיקער מקובל, נָתָן פון עַזָה, און אָנגעהויבן זאָגן „נביאות", אַז שַׁבְּתַי־צבי איז דער באַ־שערטער משיח. נתן האָט פונאַנדערגעשיקט צו אידישע קהילות אין פאַרשיידענע לענדער באַגייסטערטע בריוו, אָנזאָגנדיק, אַז מען זאָל זיך גרייטן צו דער גאולה. דער עולם האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן צו גרייטן. ווען שַׁבְּתַי־צבי האָט זיך אומגעקערט נאָך זיבעצן יאָר וואַנדערן קיין סמירנאַ (1665), האָט אים אַ גרויסער המון באַגעגנט מיט אויסרופן: „זאָל לעבן דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ!" אין די גאַסן פלעגן אומלויפן צעטומלטע מענטשן און צוהערן זיך צו די רייד פון באַגייסטערטע „נביאים", אַז אינגיכן וועט שַׁבְּתַי־צבי קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועט אַראָפּ־רייסן די קרוין ביים טערקישן סולטאַן און באַפרייען ארץ־ישראל. אין אָנהויב יאָר 1666 איז טאַקע שַׁבְּתַי־צבי אָנגעקומען מיט עטלעכע פון זיין חֶבְרה אין דער טערקישער הויפּטשטאָט, נאָר דאָ האָט זיי די פּאָליציי אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין דער פעסטונג פון דער פאַר־שטאָט גאַליפּאָלי.

די ידיעה וועגן דעם געפאַנגענעם משיח האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט. אין די אידישע קהילות פון האָלאַנד, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, איטאַליע און פוילן האָט אַ גרויסער טייל געגלויבט אין דער משיחות פון שַׁבְּתַי־צבי און אַ טייל האָט געצווייפלט; אי די גלויבער, אי די צווייפלער האָבן געשיקט דעפּוטאַציעס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל,

איינע צו באַגריסן דעם משיחן, אַנדערע צוקוקן זיך צו אים, צי ער איז טאַקע דער אמתער באַשערטער גואל. עס איז געקומען אויך אַ דע־פּוטאַציע פון פּוילן, וואו ערשט ניט לאַנג האָבן די אוקראַינער אויס־געהרגעט אידן אין הונדערטער שטעט. שבתי־צבי האָט אַלעמען געטרייסט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אינגעכן אויסלייזן אידן פון גלות און נקמה נעמען פון זייערע פיינד. ער האָט געהייסן ניט פאַסטן און ניט קלאָגן אין טאָג פון תשעה־באָב, ווייל משיח איז דאָך שוין געקומען און וועט ווידער אויפבויען דעם בית־המקדש. אָבער איינמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געפערלעכן באַזוכער. צו אים איז געקומען דער מקובל פון פּוילן נחמיה כהן און האָט איינגעזעען, אַז שבתי־צבי איז אַ פאַל־שער משיח און מען טאָר אים ניט גלויבן. נחמיה האָט איבערגעגעבן דער טערקישער רעגירונג וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער פעסטונג גאַליפּאָלי. מען האָט גע־בראַכט שבתי־צבי צום סולטאַן. די דינער פון סולטאַן האָבן אָנגע־שראָקן שבתין, אַז מען וועט אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ פאַר זיינע רייד קעגן דעם סולטאַן און אַנדערע הערשער. שבתי־צבי האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן דעם מוט; דערזעענדיק דעם סולטאַן, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן זיין הוט און אָנ־געטאָן אַ טערקישן טורבאַן צום צייכן, אַז ער ווערט אַ מוסולמענער. דאָס האָט אים געראַטעוועט פון טויט. מען האָט אים געגעבן אַ טער־

41. שבתי־צבי

קישן נאָמען און געהאַלטן אַלס וועכטער אין סולטאַנישן הויף אין אַדריאַנאָפּאָל (אַווגוסט 1666).

אָבער אַפילו נאָכן שמד פון דעם משיח האָבן פיל פון זיינע אָנהענגער ניט אויפגעהערט גלויבן אין אים. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך נאָר אויף אַ צייט געמאַכט פאַר אַ מוסולמענער, כדי אויסצולייזן אויך די פרעמדע פעלקער; זיין נביא נתן פון עזה איז אַרומגעפאָרן אין די שטעט פון טערקיי און איטאַליע און געהאַלטן דרָשות אין גייסט פון דער קַבָּלה צו באַווייזן, אַז שבתי־צבי איז דער אֶמתער משיח. די טערקישע רעגירונג האָט באַמערקט, אַז אַרום שַבתי־צבי אין אַדריאַנאָפּאָל שאַרן זיך ווידער אידן, וואָס קוקן אויף אים ווי אויף אַ הייליקן; האָט זי אים פאַרשיקט אין אַ קליין אַלבאַניש שטעטל, וואו ער האָט געלעבט איינזאַם און איז געשטאָרבן אין עלטער פון פופציק יאָר (1675).

איצט האָט די משיחישע באַוועגונג אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם: פון אַ פּאָליטישער איז זי געוואָרן אַ רעליגיעזע. עס האָט זיך געבילדעט אין דער טערקיי אַ סעקטע שַבתי־צביניקעס, וואָס האָבן געגלויבט, אַז שבתי־צבי איז אַרויף אויפן הימל און וועט ווידער קומען אויף דער ערד צו באַפרייען דאָס אידישע פאָלק; ער איז ניט נאָר אַ משיח, נאָר אויך אַ האַלבער גאָט. דער צענטר פון דער סעקטע האָט זיך געפונען אין דער שטאָט סאַלאָניק, וואו עס האָבן געלעבט שַבתי־צבים קרובים. ווען די טערקישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די סעקטאַנטן, האָבן זיי זיך אַלע געמאַכט פאַר מוסולמענער, נאָך דעם מוסטער פון זייער משיח. ביז צו היינטיקן טאָג זיינען נאָך געבליבן אין סאַלאָניק רעשטן פון דער דאָזיקער האַלב־אידישער, האַלב־טערקישער סעקטע, וואָס האָט געהייסן „דאָנמע“.

אַזוי האָט אויף אַ קורצער צייט די משיחישע באַוועגונג אויפגערודערט די אידישע וועלט און געוועקט האָפענונגען אויף אויסלייזונג פון אַלע צָרות. ווען שבתי־צבי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשן משיח, איז די פאַרצווייפלונג פון די מאַסן אין אַלע לענדער געווען זייער שטאַרק. אי ביי די ספרדים אי ביי די אַשכּנזים האָט זיך אָנגעהויבן אַ ירידה פון דער אַלטער אָרדענונג, וואָס האָט געדויערט ביז דער נייסטער רעוואָלוציע אין דער אידישער קולטור.

39. דער גרויסער צענטר אין פוילן אין די גוטע צייטן

(ביז העלפט 17־טן יאָרהונדערט)

פון די מיטלאַלטערלעכע אידישע ישובים אין פוילן האָט זיך אין 16־טן יאָרהונדערט געשאַפן דער גרעסטער אַשכנזישער צענטער אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט פאַרביטן דעם חרובן ספרדישן צענטער אין מערב־אייראָפּע. די שטעט פון פוילן און ליטע זיינען געווען פול מיט אידן, וואָס זיינען אהער נאָך אַלץ געגאַנגען פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. די פוילישע מלכים האָבן זיך אין יענער צייט באַצויגן גוט צו אידן. סיגיזמונד דער ערשטער (1506—1548) האָט זיי געגעבן דאָס רעכט פאַרנעמען זיך ניט נאָר מיט האַנדל און מלאכה, נאָר אויך מיט לאַנדווירטשאַפט. זיי פלעגן נעמען אין אַרענדע (פאַכט) ערד און גאַנצע מאַיאָנטקעס ביי דער רעגירונג אָדער ביי פוילישע פריצים. די רייכערע פלעגן נעמען אין אַרענדע גרעניץ־צאָלן און שטייער־זאַמלונג פאַר דער מלוכה, פלעגן געבן קרעדיט דעם קיניג אָדער די שׂרות. אַזוי ווי אַמאָל אין שפּאַניע, זיינען אידישע פינאַנסיסטן געווען נאָענט צום קיניגלעכן הויף און האָבן דאָרטן געקענט שיצן די רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַ רייכער בריסקער איד מיכל יעזאָפאָוויטש, וואָס איז געווען דער הויפּט־אַרענדאַר ביי סיגיזמונדן, האָט באַקומען פון אים דעם טיטל פון אַן „עלטסטן" איבער אַלע ליטווישע אידן. אַזוינע „עלטסטע" זיינען אויך געווען אין קליין־פוילן (קראָקע). ווען די קריסטלעכע בירגער אין די גרויסע שטעט האָבן געדריקט דורך זייערע מאַגיסטראַטן די אידישע איינוואוינער, האָט דער קיניג געשיצט די געדריקטע. פאַר אַן אָנפאַל אויף אידן אין קראָקע האָט סיגיזמונד איינמאָל באַשטראָפט דעם מאַגיסטראַט און גענומען ביי אים אַ גרויסע סומע געלט אַלס משכּון, אַז מען וועט ניט צולאָזן צו פּאָגראָמען. דער קיניג האָט אויך געשעצט די ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון אידן; ווען ער האָט איינמאָל געהערט, אַז ליטווישע אידן קלייבן זיך אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישׂראל, איז ער געוואָרן זייער אומרואיק, ביז וואַנען די פאָרשטייער פון די קהילות האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי ווילן גאָרניט פאַרלאָזן פוילן (1540).

אויך זיין נאָכפאָלגער, סיגיזמונד II אווגוסט, האָט זיך גוט באַ־

צווּגן צוּ אידן. אָבער אין זיין צייט האָט זיך אין פּוילן זייער פאַרשטאַרקט די „קאַטוילישע רעאַקציע“. עס האָט זיך דאָרטן געבילדעט אַן אָפּטיילוּנג פוּן דעם פאַנאַטישן אָרדען „יעזואיטן“, וואָס פלעגט נאָר זוּכן בילבוּלים אויף אידן: אַז זיי קוילענען קריסטלעכע קינדער צוּ פּסח, גנבענען פוּן די קירכן דעם „הייליקן ברויט“ און שטעכן אים מיט מעסערס ביז וואַנען פוּן אים טריפט בלוּט. איינמאָל האָט מען פאַר אַזאַ נאַרישן בילבוּל פאַרברענט דריי אידן. דער קיניג איז געווען אויפגעבראַכט און האָט געזאָגט: „איך בין ניט אויף אַזויפיל משוּגע צוּ גלויבן, אַז אין אַ שטיקל ברויט געפינט זיך בלוּט פוּן קריסטוּסן“. ער האָט פאַרבאָטן מאַכן אַזעלכע פאַלשע בילבוּלים. זיין נאָכפאָלגער סטעפאַן באַטאָרי האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז דער קריסט, וואָס האָט פאַלש באַשוּלדיקט אַ אידן אין אַזאַ פאַרברעכן, זאָל באַשטראָפט ווערן מיט דערזעלביקער שטראָף, צוּ וועלכער דאָס געריכט וואָלט צוּגעמשפּט דעם אידן, אויב ער וואָלט טאַקע געווען שוּלדיק (1576).

שפּעטער האָבן די גלחים און די יעזוּאיטן אַלץ מער פאַרשטאַרקט זייער השפּעה אויף דער אויבערשטער מאַכט און אויף דער גאַנצער פּוילישער געזעלשאַפט. אין די יעזוּאיטישע שוּלן פלעגן די מאָנאַכן לערנען די קינדער, אַז עס איז אַ מצווה פיינט צוּ האָבן אידן און זייער אמוּנה. אין די גרעסטע שטעט קראָקע, לעמבערג, פּויזן, ווילנע פלעגן די קאַטוילישע שילער אָפט אָנפאַלן אויף אידן אין די גאַסן און שלאָגן זיי; די אידישע קהילות האָבן געמוּזט אויסקויפן זיך פאַר געלט פוּן אַזעלכע קליינע פּאָגראָמען: זיי פלעגן געבן מתּנות אָדער צאָלן אַ באַזוּנדער שטייער די שוּל-רעקטאָרן, כּדי פּטוּר צוּ ווערן פוּן דעם „שילער-געלויף“.

און דאָך, צווישן מחנות פוּן שונאים, זיינען די אידישע קהילות אין פּוילן און ליטע צוּ יענער צייט געווען גענוּג שטאַרק, ווייל זיי זיינען געווען גוּט אָרגאַניזירט און האָבן געהאַט פוּלע פרייהייט אין זייער אינערלעכן לעבן. יעדע קהילה האָט געהאַט איר ראַט אָדער פאָרשטאַנד, וואָס האָט געהייסן „קהל“ (קאַהאַל) און האָט אָנגעפירט מיט אַלע געשעפטן פוּן דער „אידישער שטאָט“, אַזוי ווי דער מאַגיסטראַט אין דער קריסטלעכער שטאָט. קהלס האָבן זיך געפוּנען אין אַלע גרעסערע שטעט; אין די קליינע שטעטלעך און דערפער („ישוּבים“) האָבן די אידן געהערט צוּ דער נאָענטסטער קהילה. די

מיטגלידער פון קָהָל פלעגט מען אויסקלייבן איינמאָל אין יאָר, אין די טעג פון חול המועד פסח. דער קָהָל איז באַשטאַנען פון עטלעכע „ראָשים" (עלטסטע), „טובים" (חשובע לייט), גבָאים און דַיָינים, וואָס האָבן געטיילט צווישן זיך די אַרבעט: אויפמאָנען שטייערן פאַר דער רעגירונג און פאַר דער קהילה, פאַרוואַלטן מיט די שולן, חדָרים און ישיבות, אויסהאַלטן בָתּי־מדרָשים און צדָקה־אַנשטאַלטן, אַכטונג געבן אויף יעדערן אין דער קהילה, אַז ער זאָל ניט עובר זיין אויף די געזעצן פון דער מלוכה און אידישקייט. די רַבָנים האָבן געפּסקנט שאַלות אין



42. אַלט־לובלין

רעליגיעזע ענינים און אויך געפירט די געריכט־פאַרהאַנדלונגען צוזאַמען מיט די דַיָינים אין געשעפטלעכע סיכסוכים, אַלץ אויפן גרונד פון דעם אידישן געזעץ, ווי ער איז אויסגעלייגט אין „טורים" און „שולחָן ערוך". אין וויכטיקע פּראָצעסן, ווען די צדָדים זיינען ניט געווען צופרידן מיט דעם פּסק, פלעגן זיי זיך ווענדן צו אַ העכערן געריכט: צו אַזאַ „בית־דין גָדול" האָבן זיך געמוזט ווענדן אויך יחידים, וואָס האָבן געהאַט סיכסוכים מיטן קָהָל, אָדער צוויי קהילות איינע מיט דער אַנדערער. פאַר אַזעלכע פאַלן פלעגן זיך פאַרזאַמלען רַבָנים און ראָשי־

קָהל פון גרעסערע שטעט און שאַפן אַ העכערן בית־דין. אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען בעת די גרויסע יאַרידן, יאַר־מערק, אין געוויסע שטעט. דער ערשטער זאַמלפונקט איז געווען דער „לובלינער יאַריד", צו וועלכן עס פלעגן קומען רַבָנים און קָהלס־לייט פון גאַנץ פּוילן און ליטע.

מיט דער צייט האָבן זיך אַזעלכע יאַרידן־אַסיפות פאַרוואַנדלט אין רעגלמעסיקע, יערלעכע צוזאַמענפאָרן אָדער „וַעדים", וואו פאָר־שטייער פון די קהילות פלעגן באַטראַכטן אַלע פראַגן פון אידישן לעבן און אָננעמען „תַקָנות", פאַרשריפטן פאַר אַלע קהילות. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי אַזעלכע וַעדים, איינער פאַר פּוילן, דער אַנדערער פאַר ליטע. דער פּוילישער האָט געהייסן „וַעד אַרבע אַרָצות" — דער וַעד פון פיר לענדער: גרויספּוילן (די הויפּט־קהילה — פּויזן), קליינפּוילן (קראָקע), פּאָדאָליע־גאַליציע (לעמבערג) און וואָלין (אָסטראָה אָדער לודמיר). דער ליטווישער וַעד האָט געהייסן „וַעד פון די גרעסטע קהילות" (וַעד קהילות הָראשיות), ווייל אין אים האָבן זיך פאַראייניקט פאָרשטייער פון פינף גרויסע אידישע קהילות: בריסק, גראָדנע, פּינסק, ווילנע, סלוצק. דאָס זיינען געווען עכט־אידישע „סיימען" אָדער פאַר־לאַמענטן, וואָס פלעגן אַרויסגעבן געזעצן פאַר אַלע קהילות און זייערע אַנשטאַלטן. די פּוילישע רעגירונג איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע „אידישע קאָנגרעסן", ווייל דאָרטן האָבן די קהילות פאַרטיילט צווישן זיך די אַרבעט אויף אויפצומאָנען די מלוכה־שטייערן. די וַעדים האָבן זיך געהאַלטן אין פּוילן און ליטע צוויי הונדערט יאָר, ביז העלפט 18־טן יאָרהונדערט.

די וַעדים און די קָהלס האָבן באַזונדערס געזאָרגט וועגן דער ער־ציאוּנ פון אידישע קינדער אין חֲדָרים און ישיבות, וואו מען האָט געלערנט תורה און תַלמוד. אַ אידישער געשיכטע־שרייבער פון 17־טן יאָרהונדערט (נתן האַנאָווער) גיט אַזאַ בילד פון די אידישע שולן אין פּוילן אין די גוטע צייטן: „נאָך ניט געווען אַזאַ לאַנד, וואו מען האָט אַזוי פיל געלערנט תורה, ווי אין פּוילן. אין יעדער קהילה איז געווען אַ ישיבה, און מען פלעגט דעם פירער, דעם ראָש־ישיבה, צאָלן אַ רייכן געהאַלט, כדי ער זאָל קענען אינגאַנצן אָפּגעבן זיך דעם תורה־לערנען. אין יעדער קהילה האָט מען אויסגעהאַלטן בָחורים, וועמען מען האָט גע-

צאָלט וואָכן-געלט, כּדי זיי זאָלן לערנען בּיים ראָש-ישיבה. יעדן בּחור האָט מען צוגעגעבן צוויי אינגלעך („נערים"), וואָס האָבן געדאַרפט לערנען בּיי אים גמרא מיט רש"י און תּוספות און געוואוינען זיך צו פּילפּול (שאַרפע דיס-קוסיעס אין תּלמוד). דער בּחור מיט זיינע צוויי אינגלעך פלעגן עסן קעסט בּיי איינעם פון די פאַרמעגלעכע בּעלי-בּתּים... עס איז כּמעט ניט געווען קיין איינציג אידיש הויז, וואו מען האָט ניט געלערנט תּורה. געווען איז אַ למדן אָדער דער בּעל-הבּית אַליין, אָדער זיין זון, אָדער דער איידים, אָדער אַ ישיבה-בּחור אויף קעסט, און אָפט



43. אויפרוף פונם „ועד ארבּע ארצות"
אין יידיש און העברעאיש

פלעגן זיך אַלע טרעפן אין איין הויז... בּיים ראָש-ישיבה איז געווען אַ שמש, וואָס פלעגט אַרומגיין אַלע טאָג איבּער די חדרים און אַכטונג געבּן, אַז די קינדער זאָלן לערנען און ניט אַרומלויפן אין גאַס. איינמאָל אין וואָך, דאָנערשטאָג, האָבּן אַלע חדר-אינגלעך געמוזט גיין צוזאַמען צום גבּאי, וואָס האָט משגיח געווען אויף די שולן, און דער גבּאי פלעגט זיי פרעגן, וואָס האָבּן זיי געלערנט אין דער וואָך. אויבּ אַ אינגל האָט ניט געענטפערט ריכטיק, פלעגט דער גבּאי הייסן דעם שמש שמייסן אים מיט ריטער און אָנטאָן אים בּיזיונות, כּדי ער זאָל אין דער קו-מענדיקער וואָך לערנען בּעסער. יעדן פרייטאָג פלעגט פאַרהערן די אינגלעך דער ראָש-ישיבה אַליין. דערפאַר האָבּן קינדער מורא געהאַט און געלערנט מיט גרוים התמדה... אַזוי איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען פול מיט תּורה".

אין יענער צייט האָבן די גרעסטע רבנים געלעבט אין פּוילן: דער רש"ל (רבי שלומה לוריא) אין לובלין האָט געמאַכט אַ נייעם פּירוש צום תּלמוד; דער רמ"אָ (רבי מושה איסרלים) אין קראָקע האָט צו־געגעבן נייע דינים צום „שולחן ערוך"; דער מהר"ם, מהרש"אָ און נאָך אַ כך שאַרפע קעפּ האָבן געדרוקט פּירושים צום תלמוד און פּוסקים און געשריבן „תּשובות" אויף שאַלות, וואָס מען האָט זיי



44. דער מהרש"אָ

צוגעשיקט פון דער גאַנצער וועלט. אָבער חוץ דער רבנישער ליטעראַטור האָט מען זיך אין פּוילן מיט גאָרניט אינטערעסירט. פילאָזאָפיע, וויסנשאַפטן האָט מען געהאַלטן פאַר אפּיקורסות. אַז מען האָט געדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך קעגן די טענות פון די קריסטלעכע

געלערנטע קעגן אידישקייט, האָט דאָס געמאַכט אַ קאַראַים י צ חָ ק פון ט ר אָ ק. אין זיין בוך „חיזוק אֱמונה“ האָט ער שאַרף קריטיקירט די קריסטלעכע תורה, דעם „נייעם טעסטאַמענט“.

---

40. די שלעכטע צייטן אין פוילן

(ביזן סוף 18-טן יאָרהונדערט)

אָבער די גוטע צייטן, ווען אידן אין פוילן האָבן געהאַט גרויסע פּרנסות און געקענט פריי לעבן אין זייערע קהילות, זיינען אַוועק. אינ-מיטן 17-טן יאָרהונדערט האָט דאָ די אידן געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. אין אוקראַינע, וואָס האָט געהערט צו פוילן, האָבן זיך צעבונטעוועט די רוסישע קאָזאַקן און פּויערים, אונטער דער פירונג פון באָגדאַן כמעלניצקי, און געלאָזן זיך אויף די שטעט און דערפער אויסקוילענען פּוילישע פּריצים און אידן (1648). באַזונדערס האָבן די פּויערים אויסגעלאָזן זייער כּעס צו אידן, וואָס זיינען געווען אַרענדאַרעם ביי פּריצים און האָבן דורך דעם געהאַט אַ געוויסע מאַכט איבער די פאַרשקלאַפטע פּויערים. אידן זיינען זיך צעלאָפן פון די דערפער אין די באַפעסטיקטע שטעט, אָבער די קאָזאַקישע באַנדעס האָבן איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און אָן רחמנות אויסגעהרגעט דאָרטן אַלע אידן. אין דער פּאָדאָליער שטאָט נ ע מ י ר אָ וו זיינען געפאַלן עטלעכע טויזנט אידן מיט דעם רבֿ, יחיאל מיכל; דער רבֿ האָט זיך באַהאַלטן מיט זיין מוטער אויפן בית-עולם, האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שוסטער, פון די קאָזאַקן, מיט אַ האַק; די אַלטע מוטער האָט זיך געבעטן: „טויט מיך און לאָז לעבן מיין זון“ —, אָבער דער מערדער האָט ביידן דערהרגעט. קאָזאַקן פלעגן אָפט לאָזן לעבן שיינע אידישע מיידלעך,

45. באָגדאַן כמעלניצקי

שמדן זיי מיט געוואַלט און נעמען פאַר ווייבער. איין מיידל, וועלנדיק פּטור ווערן פון שמד, האָט געזאָגט צום קאָזאַק, וואָס האָט זי געפאַנגען: „ווייסטו, איך קאָן פאַררעדן אַ קויל פון ביקס, זי זאָל מיך ניט טרעפן, אָט פּרוּב!“ דער נאַרישער קאָזאַק האָט אויסגעשאָסן — און דאָס מיידל איז געפאַלן טויט, אָבער מיט אַ ריינער נשמה. אַן אַנדער מיידל, וואָס דער קאָזאַק האָט זי שוין געפירט צו דער חופּה אין קלויסטער, האָט זיך אויפן וועג אַראָפּגעוואָרפן פון אַ בריק אין וואַסער און איז דערטרונקען געוואָרן.

אַ בלוטיקע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פּאָדאָליער שטאָט טולטשין. דאָרטן האָבן זיך אין דער פעסטונג פאַרשפּאַרט עטלעכע הונדערט פּאָליאַקן און אַ פּאָר טויזנט אידן; אַלע האָבן געשוואוירן ניט אַריינלאָזן די קאָזאַקן און פאַרטיידיקן די שטאָט ביזן לעצטן אָטעם. די קאָזאַקן האָבן אַ לאַנגע צייט באַלאַגערט די פעסטונג און ניט געקענט זי איינעמען, ווייל אידן האָבן זיי באַשאָסן פון אויבן מיט קוילן. דאָ האָבן די קאָזאַקן געשיקט זאָגן צו די פּאָליאַקן: לאָזט אונז אַריין אין שטאָט, וועלן מיר באַשטראָפן די אידן און אייך קיין בייז ניט טאָן. די פּוילישע פּריצים האָבן פאַרגעסן זייער שבועה און באַשלאָסן ראַטעווען זייער לעבן, אַרויסגעבנדיק די אידן. זיי האָבן אַריינגעלאָזט דעם שונא אין שטאָט. די קאָזאַקן האָבן צוערשט אויסגעהרגעט די אידן און דערנאָך די פּריצים.

אַזוי האָבן די קאָזאַקן מיט די פּויערים געווילדעוועט אויך אין וואָלין און אין קיעווער געגנט. אין משך פון אַ האַלב יאָר (יוני ביז נאָוועמבער 1648) האָבן די מערדער חרוב געמאַכט הונדערטער אידישע קהילות און אויסגעהרגעט אַ סך טויזנטער מענטשן. גרויסע מאַסן זיינען זיך צעלאָפן אין אַנדערע לענדער אָדער זיינען געפאַנגען געוואָרן דורך די טאָטערן פון קרים, וואָס האָבן געהאָלפן די קאָזאַקן.

אָבער דערמיט האָבן נאָך די צרות פון „כמעלניטשינע“ (גזירת ת״ח ות״ט — פון יאָר 1648—1649) קיין סוף ניט גענומען. אין דער פּוילישער מהומה האָבן זיך אַריינגעמישט די אַרומיקע לענדער — רוסלאַנד און שוועדן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע מלחמות צווישן די פּאָליאַקן, קאָזאַקן, רוסן און שוועדן, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן יאָר 1657. דאָס מאָל זיינען חרוב געוואָרן הונדערטער אידישע קהילות

אין גאַנץ פּוילן, ניט אין דער אוקראַינע אַליין. די רוסן האָבן אָפּגענומען בײַ פּוילן די מזרח־העלפט פון אוקראַינע; דאָרטן האָבן אידן שוין מער ניט געטאָרט וואוינען. דער אַנדערער טייל אוקראַינע, ד. ה. וואָלין און פּאָדאָליע, איז געבליבן בײַ פּוילן, אָבער די אידישע באַפעלקערונג האָט נאָך דעם קאָזאַקישן פּאָגראָם געלעבט אין חרובע שטעט. גאַנץ פּוילן איז נאָך די שרעקלעכע מלחמות פאַראָרימט געוואָרן. די רעגירונג פלעגט רייסן בײַ אידישע קהילות גרויסע שטייערן, און די ועדים אין פּוילן און ליטע האָבן געהאַט גענוג זאָרגן ווי אויפצומאָנען דאָס געלט בײַ די אָרימע קהילות. אַ קורצע צייט האָבן זיך די פאַרגליווערטע הערצער דערוואַרעמט בײַ דעם פייער פון דער משיחישער האָפענונג: מען האָט געוואַרט פון טאָג צו טאָג, אַז שבתי־צבי וועט אַראָפּוואַרפן דעם טערקישן סולטאַן, אָפּנעמען בײַ אים ארץ־ישראל און פירן אַהין די באַפרייטע אידן; אָבער אַז דער פייערל איז פאַרלאָשן געוואָרן, איז מען אין פּוילן אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן יאוש, אין אַ פאַרצווייפלונג, אַזוי ווי אומעטום. קרייזלעך פון שבתי־צביניקעס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין פּאָדאָליע און גאַליציע, אָבער די רבנים האָבן קעגן זיי געקעמפט. אין יאָר 1722 האָט אַן אסיפה פון רבנים אין לעמבערג אַרויסגעלעגט אַ „חרם" אויף אַלע באַהאַלטענע שבתי־צביניקעס.

אַ רעשט פון דער סעקטע האָט שפּעטער אויפגעלעבט אין דער באַוועגונג פון די פראַנקיסטן. אַ פּאָדאָליער איד יעקב פראַנק, וואָס האָט אין דער יוגנט פאַרבראַכט אַ צייט בײַ די סעקטאַנטן פון סאַלאָניק, האָט געגרינדעט אַ סעקטע, וואָס האָט געגלויבט, אַז פראַנק איז דער „הייליקער האַר", דער נאָכפאָלגער פונם משיח שבתי־צבי. די פראַנקיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון עטלעכע אידישע מנהגים און דערפאַר האָט מען זיי שטאַרק גערודפט אין די קהילות. דאַן האָבן זייערע פירער זיך פאַרבונדן מיט די קאַטוילישע בישאָפן און האָבן פאַרמסרט די אידן, אַז זייער תלמוד און די רבנישע ספרים זיינען פיינדלעך צו דער קריסטלעכער אמונה און צו אַלע קריסטלעכע פעלקער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פּאָדאָליער בישאָף דעמבאָווסקי האָט איינגעאָרדנט אַ דיספּוט צווישן די סעקטאַנטן און די רבנים אין דער שטאָט קאַמענעץ און דערנאָך געהייסן פאַרברענען די ביכער פון תלמוד אין זיין געגנט. אַ צווייטער דיספּוט איז פאָרגעקומען

אין לעמבערג, אינם בייזיין פֿון בישאָפֿן אוּן גלחים; די פֿראַנקיסטן האָבן זיך באַמיט צוּ באַווייזן, אַז די אֶמוּנה אין קריסטוּסן אַלס משיח איז אָנגעוויזן אין דער הייליקער תּורה. דאָ האָבן די גלחים געפֿאָדערט פֿון זיי, אַז זיי זאָלן אָפֿן אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן — אוּן די סעקטאַנטן האָבן געמוּזט פֿאָלגן: יעקוב פֿראַנק מיט עטלעכע הוּנדערט סעקטאַנטן האָבן זיך געטויפֿט אין לעמבערג אוּן אין וואַרשע (1759); דער טויפֿ־פֿאָטער פֿוּן פֿראַנקן אין דער וואַרשעווער קירך איז געווען דער פּוילישער קיניג אַווגוּסט III

46. יעקוב פֿראַנק

אינגעכן אָבער האָבן די קאַטוילישע גלחים באַמערקט, אַז די פֿראַנקיסטן זיינען נאָר פֿאַרשטעלטע קריסטן אוּן צווישן זיך האַלטן זיי פֿאַר דעם אֶמתן משיחן ניט קריסטוּסן, נאָר פֿראַנקן, דעם צווייטן שבתי־צבי. מ׳האָט געשטעלט פֿראַנקן פֿאַר אַ קירכן־געריכט, וואָס האָט אים פֿאַרמשפּט צוּ תּפֿיסה אין אַ קאַטוילישן קלויסטער אין טשענסטאָכאָוו. דאָ האָט פֿראַנק פֿאַרבראַכט דרייצען יאָר (ביז 1772). ווען ער איז דערנאָך באַפֿרייט געוואָרן, איז ער אַוועק מיט אַ טייל אָנהענגער קיין עסטרייך אוּן דייטשלאַנד; דאָרטן האָט ער זיך באַמיט צוּ פֿאַרשפּרייטן דעם „דת פֿוּן אֶדום“ — אַ געמישטע אמוּנה פֿוּן שבתי־צבים שיטה אוּן קריסטנטוּם. ער איז געשטאָרבן אין אָפֿענבאַך (דייטשלאַנד) אין יאָר 1791.

דאָס אַלץ איז געקוּמען פֿוּן צָרות אוּן רדיפֿות, וואָס האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט אין פּוילן אין 18־טן יאָרהוּנדערט. די פּוילישע מלוּכה איז געווען פֿויל פֿוּן אויבן ביז אוּנטן: די „שליאַכטע“, די פּריצים אוּן גלחים, האָבן געהערשט איבער מיליאָנען פֿויערשע קנעכט אוּן דער איד איז

געשטאַנען אינמיטן, באַקומענדיק קלעפּ פֿון אויבן און פֿון אונטן. דער קריסטלעכער מיטלשטאַנד מיט זיינע מאַגיסטראַטן און צעכן האָט גע־פֿירט אַ קאָנקורענץ מיט דעם אידן דורך רדיפֿות און בילבולים. עס איז נים אַריבער קיין איין פּסח אָן אַן עלילת־דם: דאָ האָט מען געפֿונען אַ טויט קינד, אַ דערטרונקענעם אין אַ טייך אָדער אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן אין וואַלד, — זיינען אידן געווען שולדיק; מען פּייניקט זיי, מען פֿאַר־ברענט זיי, מען האַקט זיי די קעפּ· און דאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער פּויערים־אויפֿשטאַנד אין אוקראַינע „קעגן די פּריצים, גלחים און אידן". די „היידאַמאַקעס" (פּויערשע קאָזאַקן) הרגענען אוים אידן אין שטעט און דערפֿער; הענגען אויף איין בוים אַ פּוילישן קסיאָנדז, אַ אידן און אַ הונט מיט אַ צעטל: „אַ פּאָליאַק, אַ איד און אַ הונט —

48. א היידאַמאַק

47. גאָנטע

אַלע פֿון איין אמונה". עס קומט צו דער שרעקלעכער „אומאַנער שחיטה" (1768): די היידאַמאַקעס אונטער דער פֿירונג פֿון צוויי אַטאַמאַנעס, גאָנטע און זשעלעזניאַק, האָבן אין דער שטאָט אומאַן אויס־געקוילעט צוואַנציק טויזנט אידן און פּאָליאַקן. די פּוילישע מלוכה צעפֿאַלט זיך: די שכנישע דריי גרויסע מלוכות — רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן — צעטיילן צווישן זיך די לענדער פֿון פּוילן. אין משך פֿון

23 יאָר (1772—1795) ווערט פּוילן דריי מאָל צעטיילט. רוסלאַנד נעמט אָפּ ביי איר ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע מיט אַ מיליאָן אידישע איינוואוינער; עסטרייך — גאַליציע, פּרייסן — פּויזנער קאַנט. פון יענער צייט אָן איז רוסלאַנד געוואָרן דאָס, וואָס פריער פּוילן: דער גרעסטער צענטר פון אידישן פאָלק.

אין דער דאָזיקער טרויעריקער צייט האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן פּוילישע אידן אַ מיסטישע רעליגיעזע באַוועגונג: די חסידות. אין אוקראַינע זיינען אַרומגעגאַנגען „גוטע אידן", בעלי־שמות, וואָס פלעגן היילן פון אַלערליי קראַנקהייטן מיט הייליקע שמות פון גאָט און מלאָכים, מיט אָפּשפּרעכענישן און אַנדערע סגולות. איינער פון זיי, רבי ישׂראל בעל שם־טוב (געקירצט בעש"ט), איז געוון באַליבט ביים פאָלק, וואָס האָט אים גערופן „דער גוטער בעל־שם" פאַר זיין ליבע צום פּראָסטן מענטשן, זיינע האַרציקע רייד, מיט וועלכע ער האָט געהיילט אויך די נשמה, די קראַנקע הערצער. דער בעש"ט האָט פאַר דעם פּשוטן מענטשן געעפנט נייע וועגן אין אמונה־זאַכן: אמתע פרומקייט — פלעגט ער זאָגן — איז ניט ביי די לומדים, וואָס לערנען גאַנצענע טעג גמרא און פּוסקים, נאָר ביי יענע, וואָס האָבן גאָט אין האַרצן, וואָס זעען גאָט אומעטום, אין יעדער ערשיינונג פון דער נאַטור, אין אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, און רעדן מיט גאָט אין הייסע תּפילות, אַזוי ווי קינדער מיט אַ פאָטער. אַ פרומער, אַ „חסיד" איז דער, וואָס דינט גאָט מיט פריִיד און ניט מיט טרויער, ווי די אַסקעטישע מקובלים; שׂימחה און ניט עצבות (טרויער) הויבן אויף די רעליגיעזע שטימונג און באַהעפטן דעם מענטשן מיט גאָט („דביקות"); מען דאַרף דאַווענען מיט „התלהבות", מיט אַ ברען, און דאַן גייט די תּפילה אַרויף צום הימל. אַזאַ חסיד, אויב ער דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון „לעבן מיט גאָט", ווערט גערופן צדיק און קען ווערן אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטשן. ער קען בעטן פאַר זיי, אַרויפברענגען זייערע תּפילות צו גאָט, מאַכן מופתים, ניסים, און פאַראויסזאָגן די צוקונפט.

אַזאַ מין תּורה האָט דער בעש"ט אַנטוויקלט, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין דעם פּאָדאָליער שטעטל מעדזשיבאָזש (אַרום יאָר 1740). אַהער פלעגן צו אים קומען ניט נאָר פּראָסטע מענטשן מיט בקשות

ווענן אַן עֵצה, אַ רפואָה אָדער אַ בּרָכה פֿון אַ הייליקן מענטשן, נאָר אויך לומדים, רבּנים, מגידים פֿון די, וואָס זיינען ניט געווען צופֿרידן מיט דעם אַלטן רבּנישן שטייגער. עס האָט זיך געבּילדעט אַרום אים אַ קרייז תּלמידים, וואָס האָבּן פֿאַרשפּרייט זיין תּורה אין אַנדערע ערטער. דער בּעש"ט האָט אָנגעהויבּן גלויבּן אין זיך אַליין, אַז אים איז בּאַשערט אויפֿלעבּן די אֶמתע אֱמונה אין אידישע הערצער. אין אַ בּריוו, וואָס ער האָט פֿונאַנדערגעשיקט, דערציילט ער, ווי איינמאָל אין דעם טאָג פֿון ראש השנה האָט זיך זיין נשמה אויפֿגעהויבּן אויפֿן הימל און ער

49. בּעש"טס בּית־מדרש אין מעדזשיבּאָזש

האָט דאָרטן דערזעען משיחן; ער האָט אַ פֿרעג געטאָן בּיי משיחן: „ווען קומסטו?" און האָט בּאַקומען אַן ענטפֿער: „ווען דיין תּורה וועט זיך פֿאַרשפּרייטן אויף דער וועלט".

דעם בּעש"טס תּורה האָט זיך זייער גיך פֿאַרשפּרייט. צו דער צייט פֿון זיין טויט (1760) האָט די סעקטע חסידים געהאַט נאָר עטלעכע טויזנט מיטגלידער, און אין אַ יאָר דרייסיק אַרום איז דער גרעסטער טייל אוקראַינער אידן און אַ קלענערער טייל ליטווישע און פּוילישע שוין בּאַשטאַנען פֿון חסידים. די פֿירער פֿון די חסידים נאָכן בּעש"ט זיינען געווען זיינע וואָלינער תּלמידים: דער מגיד בּער מעזשעריטשער און דער רבֿ פֿון פּאָלאָנע יעקבֿ־יוסף כּוהן. צום מעזשעריטשער מגיד פֿלעגן קומען תּלמידים פֿון אַלע מדינות,

אפילו פון דער רבנישער ליטע, און איינער פון זיי האָט פאַרשריבן זיין חסידישע תורה אין אַ בוך „ליקוטי אמרים". יעקוב־יוסף האָט אַליין אַרויסגעגעבן אַ גרויסן ספר „תולדות יעקוב־יוסף", וואו ער האָט גע־בראַכט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבין, דעם בעש"ט. ווי נאָר אין ליטע, אין ווילנע און מינסק, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע חסידישע קרייזלעך, האָבן די רבנים געמאַכט אַ רעש. דער ווילנער גאון רבי אליהו, דער גרעסטער תלמודיסט פון יענער צייט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער עיקר אידישקייט באַשטייט אין לערנען גמרא מיט פירושים און רבנישע ספרים, האָט דערזעען אין דער חסידות אַ סכנה פאַר דער הייליקער תורה. ער האָט געמיינט, אַז די חסידים זיינען באַהאַלטענע שבתי־צביניקעס, און האָט מורא געהאַט, אַז די סעקטע זאָל נים ברענגען צו אַ שפּאַלטונג אין פאָלק. דער גאון האָט



50. דער ווילנער גאון

51. שניאור־זלמן פון ליאַזנע

געהייסן באַשטראָפן די פירער פון די ליטווישע חסידים און אויסרופן אַ חרם קעגן דער גאַנצער סעקטע. פון ווילנע האָט מען פונאַנדערגעשיקט בריוו צו אַלע קהילות, אַז מען זאָל דאָרטן אויך אַריינלעגן אין חרם די חסידים (1772). שפּעטער האָבן דער גאון און די רבנים, די פירער פון די מתנגדים, ווי עס האָט געהייסן די אַנטי־חסידישע פּאַרטיי, אַרויסגעגעבן אַ סך אויפרופן קעגן די חסידים און האָבן זיי שטאַרק גערודפט. פון דעם האָבן געליטן די חסידים פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, וואו זיי זיינען געווען די מינדערהייט; דעם גרויסן רבין פון די ווייס־

רוסישע חסידים, ש נ י א ו ר ־ ז ל מ ן פון ליאָזנע, דעם מחבר פון דעם בעסטן חסידישן בוך „תּניה“, האָבן די מתנגדים פאַרמסרט ביי דער רוסישער רעגירונג; אויפן באַפעל פון קיסר פאַוועל האָט מען דעם רבין צוויי מאָל געבראַכט קיין פּעטערבורג און געהאַלטן אַ צייט אין תּפיסה. אָבער אין אוקראַינע, וואו חסידים זיינען געווען די מערהייט אין די קהילות, האָבן די מתנגדים זיי גאָרניט געקענט טאָן. אין פּאָדאָליע, גאַליציע און וואָלין האָבן געוועלטיקט די צדיקים, חסידישע רביים, תּלמידים פון דעם מעזעריטשער מגיד און אייניקלעך פון בעש“ט. טויזנטער חסידים פלעגן שטענדיק באַלאַגערן זייערע הייזער און הויפן, זוכנדיק ביי זיי הילף, טרייסט, מופתים און פאַרבינדונג מיט גאָט; מען האָט געבראַכט פיל געלט („פּדיון“) און מתּנות פאַר די צדיקים, און אַ סך פון זיי האָבן געלעבט רייך.

די חסידישע באַוועגונג האָט געבראַכט אי נוצן אי שאָדן. זי האָט דערוואַרעמט אידישע הערצער, פאַרשטאַרקט דעם רעליגיעזן געפיל אַנטקעגן דער רבּניש טויטער בוך־אידישקייט; אָבער זי האָט אויך אַריינגעבראַכט פינסטערקייט אין אידישע קעפּ, נאַרישן גלויבן אין מופתים און ניסים פון צדיקים, פיינדשאַפט צו יעדן פרייען געדאַנק, צו וועלטלעכער בילדונג, צו דער נייער אייראָפּעאישער קולטור.

41. דייטשלאַנד פון דער רעפאָרמאַציע־צייט ביזן סוף 18־טן יאָרהונדערט

אין 16־טן יאָרהונדערט, ווען אין דייטשלאַנד האָט די רעפאָרמאַציע פון מאַרטין לוטער אָפּגעשוואַכט די מאַכט פון דער קאַטוילישער קירך, האָט מען געקענט האָפן, אַז די לאַגע פון אידן וועט זיך פאַרבעסערן, אָבער די האָפנונג איז גיך פאַרשוואונדן. לוטער, וואָס האָט פאַרשטאַרקט דעם אויטאָריטעט פון „אַלטן טעסטאַמענט“, פון דעם אידישן תּנ“ך, האָט זיך אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט איינגעשטעלט פאַר אידן. אין זיין בוך „יעזוס קריסטוס אַ געבאָרענער איד“ (1523) האָט ער געשריבן: „נאַראָנים, פויפסטן, בישאָפן און מאָנאַכן מיט זייערע גראָבע אייזל־קעפּ זיינען זיך באַגאַנגען מיט אידן ווי מיט הינט, געזידלט זיי און אָפּגענומען זייער גוטס. אָבער אידן זיינען דאָך ברידער

פון אונזער דערלייזער (קריסטוסן); גאָט האָט זיי אויסגעצייכנט מער פון אַלע פעלקער און האָט זיי געגעבן די הייליקע שריפט". לוטער האָט געוואָלט מיט גוטע רייד צוציען אידן צו זיין קריסטלעכער רעפאָרם און באַווייזן די קאַטאָליקן, אַז דאָס פאָלק פון דער הייליקער שריפט שטייט אויף זיין זייט. די אידן האָבן אָבער ניט געקענט צושטיין אַפילו צו אַ רעפאָרמירטער קירך; איז לוטער בייז געוואָרן און האָט זיי אין זיינע שפּעטערע ווערק אַרויסגעשטעלט ווי די ערגסטע שונאים פון קריסטוסן. ווען ער איז אַליין געוואָרן אַ מין פּויפּסט פאַר די פּראָטעסטאַנטן, האָט ער געפּרעדיקט, אַז מען דאַרף אידן פאַרפאָלגן, צעשטערן זייערע סינאַגאָגעס און פאַרטרייבן זיי, ווי מען האָט זיי פאַרטריבן פון שפּאַניע. און לוטערס אָנהענגער, די פּראָטעסטאַנטן, האָבן אים גערן געפאָלגט, ניט אַזוי צוליב פרומקייט, ווי צוליב מאַטעריעלע אינטערעסן: דעם דייטשן הענדלער, קרעמער און האַנטווערקער אין שטאָט איז געווען זייער צום האַרצן פּטור ווערן פון זיין קאָנקורענט, דעם אידן, און אָפּנעמען זיין פּרנסה.

אין דער ערשטער העלפט פון 16-טן יאָרהונדערט פלעגן די בירגערלעכע מאַגיסטראַטן נאָך קעמפן מיט די אידישע קהילות. ביי אַ פאַרשאַרפטן קאַמף פלעגן די קריסטלעכע בירגער אויסבעטן ביים קיסר, מען זאָל אַרויסטרייבן אידן פון דער אָדער יענער שטאָט; ווען עס איז געווען נויטיק, פלעגט מען אויסטראַכטן אַ בילבול, אַן „עלילת-דם", מאַכן אַ פּראָצעס, פאַרמשפּטן עטלעכע „שולדיקע" אידן און די איבעריקע אַרויסטרייבן. אַזוי האָט מען אַרויסגעטריבן אידן פון די פּראָווינצן מעקלענבורג און בראַנדענבורג און פון די שטעט נירענבערג און רעגענסבורג. די אידישע קהילות האָבן געקעמפט פאַר זייערע רעכט דורך זייערן אַן אַדוואָקאַט, אַ שתדלן, וואָס פלעגט אָפט קומען צום קיסר און צו די פירשטן און פאַרטיידיקן די אידישע אינטערעסן. דער גרעסטער שתדלן פון יענער צייט איז געווען יוזיל פון ראָסהיים, וואָס איז געווען נאָענט צום הויף פון דעם דייטשן קיסר קאַרל V און האָט דורך אים פיל מאָל געראַטעוועט אידן פון שווערע גזירות (1520—1550).

אין עטלעכע שטעט מיט גרויסע אידישע קהילות האָט דער קאַמף מיט די בירגער געבראַכט צו פּאָגראָמען. אין פראַנקפורט אַם-

מײן, וואו טויזנטער אידן האָבן געלעבט פאַרשפּאַרט אין זייער געטאָ, זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן באַנדעס קריסטלעכע האַנטווערקער, אונטער דער אָנפירונג פון איינעם אַ בעקער פעטמילך, האָבן זיי געשלאָגן, באַרויבט און אַרויסגעטריבן פון שטאָט; אַזאַ גירוש איז אויך פאָרגעקומען אין דער אַלטער שטאָט וואָרמס. אָבער דער קיסר מאַטהיוס האָט זיך אָנגענומען פאַר אידן און האָט זיי אין צוויי יאָר אַרום אומגעקערט אויף זייערע ערטער; פעטמילכן און זיינע חברים האָט מען

52. דער פאָגראם פון פעטמילכן אין פראַנקפורט אַם־מיין

געקעפּט (1616). די אידישע קהילה אין פראַנקפורט האָט באַשלאָסן פייערן אַלע יאָר דעם טאָג פון 20־טן אדר, ווען דער דייטשער המן האָט געהאַט אַ מפּלה; דער יום־טוב האָט געהייסן „פורים־ווינצענץ" (פעטמילכן האָט מען גערופן ווינצענץ).

אין יענע צייטן איז די עסטרייכישע הויפּטשטאָט ווין געוואָרן די רעזידענץ פון די דייטשע קיסרים. אין מיטלאַלטער זיינען די אידישע איינוואוינער געווען פאַרטריבן פון ווין, אָבער אין 16־טן יאָרהונדערט האָט זיך דאָרטן צוביסלעכווייז געשאַפן אַ נייע אידישע

קהילה. די קיסרים האָבן ערלויבט אידן צו וואוינען אין דער פרומער קאטוילישער שטאָט, וויל צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע גרויסע עשירים, וואָס האָבן געהאָלפן דער רעגירונג מיט פינאַנצן און קרעדיט. אין דער צייט פון דרייסיק־יאָריקן קריג (ביז 1648) האָבן אידישע פי־נאַנסיסטן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביים קייזערלעכן הויף אין ווין. אָבער נאָכן קריג האָבן די קריסטלעכע בירגער געפּועלט ביי דעם פרומען קיסר לעאָפּאָלד I ער זאָל אַרויסטרייבן אַלע אידן פון ווין (1670). אַ גאַנצע קהילה איז צעזייט געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט. אַ טייל איז אַוועק קיין בערלין אין פּרייסן; אַנדערע האָבן זיך באַ־זעצט אין דער בעהמישער שטאָט פּראָג, וואָס האָט געהערט צו עסטרייך. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען דער קיסר האָט ווידער געמוזט אָנקומען צו אידישע געלטגעבער, האָט ער אַריינגעלאָזן אין ווין רייכע אידן, „קייזערלעכע פאַקטאָרן“, אָדער הויף־באַנקירן; יענע האָבן מיטגעבראַכט זייערע פאַמיליעס, אָנגעשטעלטע און דינערס, אַזוי אַז שפּעטער האָט זיך אין ווין ווידער געבילדעט אַ אידישער ישוב. צוויי רייכע פאַמיליעס, די אָפּענהיימערס און די ווערטהיימערס, זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ווינער קהילה. מיט צָרות פלעגט מען צולאָזן נאָר אויף אַ קורצער צייט ניט רייכע סוחרים אָדער מענטשן אָן אַ געשעפט.

די גרעסטע אידישע קהילה אין עסטרייך איז געווען אין פּראָג. דאָ איז דאָס געטאָ געווען אַן אֶמֶתע „אידן־שטאָט“ מיט פופצן טויזנט איינוואוינער, מיט אַן אייגענעם מאַגיסטראַט און אַלערליי אינסטי־טוציעס*). די פּראָגער קהילה האָט שוין לאַנג געהאַט אַ שֵׁם מיט אירע פַּרנסים און רַבָּנים, ישיבות און דרוקעריען. פיל מיטעלע קהילות זיינען אויך געווען אין אַנדערע שטעט פון בעהמען. דאָס האָט געשטאָכן די אויגן די עסטרייכישע הערשער, און מען האָט אָנגעהויבן צוטראַכטן אַ מיטל, אַז אידן זאָלן זיך ניט פאַרמערן. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז נאָר דער עלטערער זון אין יעדער אידישער פאַמיליע קען חתונה האָבן און שאַפן אַ נייע פאַמיליע; די אַנדערע קינדער, אויב זיי האָבן חתונה, טאָרן ניט בלייבן אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ מין געזעץ פון פּרעה מֶלך מִצרַיִם: אויסוואָרצלען אידישע מִשפָּחות. אָבער

*) זע בילד זייט 196.

עס איז געקומען נאָך צו ערגערע זאַכן. בשעת דער מלחמה צווישן עסטרייך און פּרייסן (דער פּרייסישער קיניג פרידריך II האָט אָפּגענומען די עסטרייכישע פּראָווינץ שלעזיע) האָט זיך די פּרייסישע אַרמיי אַריינגעריסן אין פּראָג, און דער עסטרייכישער פּאָליציי האָט זיך געדוכט, אַז די אידישע באַפעלקערונג סימפּאַטיזירט מיט פּרייסן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין כּעס די עסטרייכישע קייזערין מאַריאַ-טערעזיאַ, און זי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: אין משך פון אַ חודש, ביז סוף יאַנואַר 1745, פאַרטרייבן אַלע אידן פון פּראָג און גאַנץ בעהמען. עס איז געוואָרן אַ בהלה: מען איז געלאָפן פון פּראָג אין די דערפער אַרום און מען האָט זיך געוואַלגערט אויף די פעלדער אין די ווינטערדיקע קעלטן. פיר יאָר האָבן זיך הונדערטער פאַמיליעס געפונען אין אַזאַ לאַגע, ביז וואַנען מאַריאַ-טערעזיאַ האָט נאָכגעגעבן די בקשות פון די הויכע שׂרות און דיפּלאָמאַטן און האָט ערלויבט די פאַרטריבענע אומקערן זיך אויף זייערע ערטער. אַזוי האָט מען זיך באַגאַנגען מיט אידן שוין אין דער „נייער צייט“, אין 18-טן יאָרהונדערט.

53. אין אַ פרומער פאַמיליע איז דייטשלאַנד: דער זיידע בענטשט דעם אייניקל ערב יום-כּיפּור

בעסער האָבן זיך איינגעאָרדנט די אַמאָליקע ווינער פאַרטריבענע אין בערלין און אין אַנדערע פּרייסישע שטעט. דער „גרויסער קורפירסט“ פון בראַנדענבורג, פרידריך-ווילהעלם, האָט אַריינגעלאָזט אין בערלין אַ געוויסע צאָל פאַרמעגלעכע אידישע פאַמיליעס, כּדי זיי זאָלן

דאָ אַנטוויקלען האַנדל און אינדוסטריע (1671). און דאָס האָבן זיי טאַקע געטאָן. אידישע קאַפּיטאַליסטן און סוחרים האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין פּרייסנס עקאָנאָמישן לעבן. באַזונדערס האָבן אויפגעבליט די אידישע געשעפטן אין דער צייט פון דעם געבילדעטן „פילאָזאָפישן" קיניג פרידריך דעם גרויסן (1740—1786). ער האָט נישט ליב געהאַט אידן און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ געזעץ מיט דעם צוועק צו פאַרקלענערן זייער צאָל, אָבער ניט ווילנדיק האָט ער זיי רייך געמאַכט: בשעת די מלחמות, וואָס ער האָט געפירט מיט עסטרייך און אַנדערע מלוכות, באַזונדערס בשעת דעם „זיבניאָריקן קריג", זיינען אַ סך בערלינער אידן, וואָס האָבן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי, געוואָרן גרויסע גבירים. די רייכע פאַמיליעס האָבן זיך באַפריינדעט מיט דער דייטשער אַריסטאָקראַטיע און אינטעליגענץ. בכלל האָבן זיך אידן אין אַלע לענדער אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער נייער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס האָט זיך דאַן פאַרשטאַרקט אין אייראָפּע און האָט געשאַפן דעם „דריטן קלאַס" — די בורזשואַזיע.

אין יענער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אין מערב־אייראָפּע אָנגעהויבן אַן אויפקלערונגס־באַוועגונג, אַ שטרעבונג צו באַפרייען דעם מענטשלעכן געדאַנק פון אַלטע טראַדיציעס און פאַלשע מיינונגען. אין פראַנקרייך האָבן באַרימטע שרייבער (וואָלטער, מאָנטעסקיע און די ענציקלאָפּעדיסטן) געפאָדערט פרייהייט פאַר יעדערן צו גלויבן, דענקען און רעדן נאָך זיינע איבערצייגונגען. אין דייטשלאַנד האָבן זיך באַוויזן שרייבער ווי לעסינג, וואָס האָט געפאָדערט גלייכע רעכט פאַר מענטשן פון אַלע רעליגיעס און גערעכטיקייט פאַר דעם פאַרפאָלגטן אידן. צו די קרייזן איז צוגעשטאַנען אויך דער אידישער דענקער מ ש ה מ ע נ ד ע ל ס אָ ן, אַ פריינד פון לעסינגן און אַנדערע ליבעראַלע דייטשע שרייבער. מענדעלסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין דער שטאָט דעסוי ביי אַן אָרימען איבערשרייבער פון ספרי־תורות, מענדל סופר, און האָט באַקומען אַן אַלטע אידישע בילדונג: געלערנט תנ"ך און תלמוד מיט רבנישע פירושים. די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב"ם האָבן אויפגעוועקט אין דעם קלוגן אינגל פרייע געדאַנקען, ער איז אַוועק קיין בערלין און דאָ געלערנט וועלטלעכע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. ער האָט אַזוי פיל געלערנט און

געלייענט ביכער אין זיין אָרימען קליין צימערל, אַז פֿון שטענדיקן זיצן איז בײַ אים געוואָרן אַ הויקער. ניט אומזיסט אָבער האָט ער אָפּגעגעבן אַלע כּוחות דער גייסטיקער אַרבעט: אין אַ קורצער צייט האָט מען אין אים דערקענט אַ טיפֿן דענקער און אַ באַגאַבטן דייטשן שרייבער. מענדעלסאָן האָט איינמאָל אָנגעשריבן אין דייטש אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „פֿילאָזאָפֿישע שמועסן“ און האָט דאָס געוויזן לעסינגן; יענער האָט דאָס אָפּגעדרוקט אָן דעם וויסן פֿונעם מחבר (1755). אַזוי איז מענדעלסאָן אַריין אין דער דייטשער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן פֿילאָזאָפֿישע ווערק (פֿון זיי איז באַזונדערס פּאָפּולער געוואָרן דאָס בוך „פֿעדאָן“ — וועגן דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה). ער האָט אָבער אויך געטראַכט, ווי צו באַנייען דעם אידישן גייסטיקן לעבן און צופּאַסן זיין פֿאָלק צום אייראָפּעאישן פּראָגרעס. מענדעלסאָן האָט אָנגעהויבן איינפֿירן די אידישע רעפֿאָרמאַציע (אַזוי ווי לוטער האָט דאָס אַמאָל געטאָן אין דער דייטשער רעפֿאָרמאַציע) מיט אַ נייער דייטשער איבערזעצונג פֿון דער ביבל. ביז יענער צייט האָט מען געלערנט

54. משה מענדעלסאָן

תּנ״ך מיט רבּנישע פּירושים, וואָס האָבן ניט געגעבן קיין ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם אינהאַלט פֿון די אַלטע טיפֿזיניקע ספֿרים; ווייבער האָבן געלייענט די תּורה אין דער אידישער פֿאָלקס-שפּראַך, אין אַן איבעראַרבעטונג, וואָס האָט געהייסן „צאינה וראינה“ („גייט און קוקט!“); דאָ איז דאָס ביבל-וואָרט געווען באַדעקט מיט הויפֿנס שיינע מעשׂהלעך פֿון דער תּלמודישער אַגדה און מיט האַרציקע מוסר-רייד, וואָס זיינען אָבער געווען ווייט פֿון דעם אוראַלטן טעקסט. מענדעלסאָן האָט געוואָלט פֿון איין זייט געבן אַ ריכטיקע איבערזעצונג פֿון די הייליקע ביכער, און פֿון דער אַנדערער — צוגעוואוינען אידן צו דער ריינער דייטשער שפּראַך אָנשטאָט „אידיש-דייטש“, אויף וועלכן זיי האָבן גערעדט אין יענער צייט. אַ חוץ אַ דייטשער איבערזעצונג האָט ער צוגעגעבן צום העבּרעאישן טעקסט פֿון תּנ״ך אַ קלאָרן גראַמאַטישן

פירוש („ביאור“), וואָס ער האָט פאַרפאַסט צוזאַמען מיט זיינע גע־לערנטע אידישע פריינד (נפתלי־הערץ וועזעל, שלומה דובנאָ און אַנדערע). צום סוף פון זיין לעבן האָט מענדעלסאָן אָנגעשריבן אַ רע־ליגיעז־פילאָזאָפישן טראַקטאַט „יערוזאַלעם“ (ירושלים) צו באַווייזן, אַז די אידישע רעליגיע פאָדערט ניט בלינדן גלויבן, נאָר פאַר־שטאַנד, ווייל אירע געזעצן האָבן איין צוועק: מאַכן דעם מענטשן מאָראַלישער, גייסטיקער, בויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויפן גרונד פון גערעכטיקייט און פרידן. מענדעלסאָנס געדאַנקן האָבן באַ־גייסטערט זיינע דייטשע פריינד. לעסינג האָט אין זיין דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע“ („נתן דער חכם“) געשילדערט מענדעלסאָנען ווי אַ טיפּ פון אַ חכם, וואָס האָט ליב אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון פאָלק און גלויבן.

מענדעלסאָנס תלמידים זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער אויפן וועג פון צופּאַסן דאָס אידישע לעבן צו דער נייער אייראָפּעאישער קולטור. דער לערער איז געשטאָרבן אין יאָר 1786, דריי יאָר פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט צו גרויסע ענדערונגען אין סאָציאַלן לעבן פון מערב־אייראָפּע. דער נייער אידישער דור איז שוין געגאַנגען אין די נייע וועגן.

42. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די ערשטע עמאַנסיפּאַציע

ווען אין פּאַריז האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע רעוואָלוציע (1789), האָבן אין פראַנקרייך געוואוינט אויף פרייהייט פופציק טויזנט אידן: פערציק טויזנט אשכנזים אין עלזאַס און צען טויזנט ספרדים אין דרום־פראַנקרייך. באַלד ווי די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען די „דעקלאַראַציע פון מענטשלעכע רעכט“, וואָס האָט צוגעזאָגט גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, האָבן די ליבעראַלע דעפּוטאַטן געפאָדערט, מען זאָל תיכף אָפּשאַפן אַלע באַגרענעצונגען פאַר אידישע בירגער און געבן זיי גלייכבאַרעכטיקונג. דער אַבאַט גרעגואַר האָט אויסגערופן: „פופציק טויזנט פראַנצויזן ליגן זיך היינט שלאָפן ווי קנעכט; מאַכט אַזוי, אַז זיי זאָלן מאָרגן אויפשטיין ווי פרייע בירגער!“ אָבער עס האָט נאָך

אַ היבשע ווײַלע געדויערט, ביז די פֿאַרזאַמלונג האָט דאָס געטאָן. צוערשט האָט מען געגעבן בירגער־רעכט די ספֿרדים פֿון באָרדאָ און אַנדערע דרום־פֿראַנצויזישע שטעט, ווײַל זיי זײַנען געווען קליין אין צאָל און האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַסימילירן מיט די פֿראַנצויזן. וועגן פֿרײַהייט פֿאַר די געדיכטע אידישע מאַסן אין עלזאַס און לאָטרינגען, וואָס האָבן גערעדט דײַטשן אידיש און זײַנען געווען אידיש־נאַציאָנאַל געשטימט, האָט מען אין פּאַריז נאָך אַ לאַנגע צײַט דעבאַטירט אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, ווײַל די קריסטלעכע דעפּוטאַטן פֿון עלזאַס זײַנען געווען פֿײַנדלעך צו זייערע אידישע שכנים. ערשט אין סעפּטעמבער 1791 האָט די פֿאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ געזעץ, אַז אַלע אידן אין פֿראַנקרײַך באַקומען בירגער־רעכט גלײַך מיט קריסטן. דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פֿון עמאַנסיפּאַציע (באַפֿרײַונג) אין אייראָפּע, וואָס האָט באַפֿרײַט די אידישע באַפֿעלקערונג אין אַיין לאַנד פֿון טויזנטיאָריקער קנעכטשאַפֿט.

די ערשטע עמאַנסיפּאַציע האָט אָבער באַפֿרײַט די פֿראַנצויזישע אידן ניט ווי אַ טייל פֿון אידישן פֿאָלק, נאָר ווי אַ טייל פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלק, ווײַל אַלע זײַנען געווען איבערצייגט, אַז אין אַ קורצער צײַט וועלן זיך אידן אינגאַנצן צונויפֿמישן מיטן פֿראַנצויזישן פֿאָלק און בלײַבן נאָר בײַ זייער רעליגיע. ווען מען האָט אָבער דערזעען, אַז די אידישע מאַסן אין עלזאַס ווילן זיך גאָר ניט אַסימילירן און האַלטן זיך נאָך פֿאַר אַ טייל פֿון דער אידישער נאַציע, האָט מען זיי אָנגעהויבן דריקן. אין דער צײַט, ווען דער קיסר נאַפּאָלעאָן האָט געפֿירט גרויסע מלחמות, האָבן זיך בײַ אים באַקלאָגט די עלזאַסער קריסטן, אַז זיי קענען ניט אויסהאַלטן פֿון אידן, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט געלט־קרעדיט אויף שווערע צינזן און שאָדן דערמיט דער באַפֿעלקערונג. גלויבנדיק אויפֿן וואָרט די אַלטע שונאי־ישׂראל, האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט („דער שענדלעכער דעקרעט" פֿון מערץ 1808), אַז בײַ די עלזאַסער אידן ווערן אָפּגענומען זייערע בירגער־רעכט אויף צען יאָר, „ביז וואַנען עס וועט פֿאַרשווינדן דער אונטערשייד צווישן זיי און אַנדערע בירגער". אין דערזעלביקער צײַט האָט נאַפּאָלעאָן צונויפֿגערופֿן אין פּאַריז די פֿאָרשטייער פֿון אַלע אידישע קהילות צו אַ פֿאַרזאַמלונג, וואָס האָט געהייסן „דער גרויסער סנהדרין", און האָט בײַ זיי

געקומען אַ וואָרט, אַז אידן האַלטן זיך גאָר ניט פאַר אַ באַזונדער פאָלק מיט אַן אייגענעם שטייגער לעבן, נאָר זיי זיינען אֶמתע פראַנצויזן פון אידישן גלויבן (1807). נאַפּאָלעאָן האָט געהייסן אָפּשאַפן דעם אַלטן

55. דער „גרויסער סַנהֶדרין" אין פּאַריז

אידישן קָהָל און גרינדן אין יעדער קהילה אַ „קאָנסיסטאָריע", וואָס זאָל פירן נאָר די רעליגיעזע ענינים און זאָל זאָרגן, אַז די אידן זאָלן ניט עובֵר זיין אויף די געזעצן פון דער מלוכה.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן אַ באַפרייונגס־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין יענע, וועלכע זיינען געוואָרן פאַרבונדן מיט פראַנקרייך אין דער גרויסער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע. אין האָלאַנד און איטאַליע האָבן אידן באַקומען

בירגער־רעכט. אין פּ ר י י ס ן האָט דער קיניג פרידריך־ווילהעלם III געמוזט אַרויסגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט געגעבן אידן רעכט פון „פּרייסישע בירגער" (1812). אין אַנדערע טיילן פון דייטשלאַנד (וועסטפאַלן, פראַנקפורט, האַמבורג) האָבן אידן אויך באַקומען עמאַנציפּאַציע. אָבער דאָס איז געווען נאָר אויף אַ קורצער צייט. ווי נאָר די אַלע לענדער זיינען באַפרייט געוואָרן פון פראַנצויזישן יאָך (נאָך נאַפּאָלעאָנס מַפָּלה) האָבן די אַלטע רעגירונגען אָפּגעשאַפט די בירגער־רעכט פון די אידן (חוץ האָלאַנד) און האָבן זיך אומגעקערט צום אַלטן סֵדר. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון פּאָליטישער ר ע אַ ק צ י ע (1815—1848).

אזוי האָט זיך די אויסערלעכע לאַגע פון די מערבֿ־אייראָפּעאישע אידן, אויסער צוויי לענדער (פראַנקרייך און האָלאַנד), ניט געענדערט, אָבער שטאַרק געענדערט האָט זיך דאָס אינעווייניקסטע לעבן, דער קולטור־צושטאַנד. דער יונגער דור האָט זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער נייער אייראָפּעאישער קולטור און צום לעבנס־שטייגער פון די אַרומיקע פעלקער. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען זייער גוט, וואָס אידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער פאַרשלאָסנקייט און זיך דערנענטערט צו זייערע קריסטלעכע שכֵנים, אָבער אָפט האָבן זיי איבערגעכאַפּט די מאָס. פיל האָבן געמיינט, אַז כּדי צו זיין אייראָפּעאיש געבילדעט און קריגן בירגער־רעכט מוז מען זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון אידישן פאָלק. הויך געבילדעטע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך באַפריינדעט מיט קריסטן, פלעגן זיך אָפט לאָזן טויפן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז „דער טויף־שיין (ווי דער באַרימטער דיכטער היינע האָט אַמאָל געזאָגט) איז אַן אַריינטריט־בילעט אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט". פון דעם פריערדיקן דור איז מושה מענדעלסאָן געווען באַפריינדעט מיט לעסינגן און די בעסטע דייטשע שרייבער, און דאָס האָט אים ניט געשטערט צו בלייבן געטריי דעם אידישן פאָלק; אָבער זיינע קינדער און אידישע פריינד האָבן זיך אָפט אָפּגעזאָגט פון אידנטום. אין די „בערלינער סאַלאָנען", וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען געבילדעטע מענער און פרויען פון דער אידישער און קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָט זיך שוין סוף 18־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן די שמַד־

באַוועגונג, די „טויף־עפּידעמיע“. מענדעלסאָנס טעכטער האָבן זיך די ערשטע געטויפֿט (איינע פֿון זיי, דאָראָטעאַ, איז געווען די פֿרוי פֿון דעם באַרימטן דייטשן דיכטער פֿרידריך שלעגעל); מענדעלסאָנס זון, אַבֿרהם, האָט אָפּגעטויפֿט זיינע קינדער, פֿון וועלכע איין זון פֿעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי איז געוואָרן באַרימט אַלס גענויאַלער קאָמפּאָזיטאָר; די שיינע קעניגין פֿון בערלינער סאַלאָן, הענריעטע הערץ, האָט זיך געשמדט באַלד ווי איר אַלטע מוטער איז געשטאָרבן. אַפֿילו אין די



56. היינריך היינע אין דער יוגנט

57. לודוויג בערנע

ווייניק געבילדעטע שיכטן איז אַריינגעדרונגען די שמד־עפּידעמיע: יונגעלייט פֿלעגן לויפֿן קיין בערלין און דאָרטן שמדן זיך. די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון דער דייטשער ליטעראַטור, דער גלענצנדער פּובליציסט און פֿרייהייט־קעמפֿער לודוויג בערנע (געבאָרן 1786; זיין אידישער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען באַרוך) און דער גרויסער דיכטער היינריך היינע (געבאָרן 1799) האָבן זיך אין די יונגע יאָרן געשמדט. היינע האָט שפּעטער חרטה געהאַט אויף דער מעשה און האָט דאָס אָפֿן אַרויסגעזאָגט. דער שאַפֿער פֿונם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס (געבאָרן 1818) איז געווען געטויפֿט נאָך קינדווייז מיט זיין פֿאָטער, וואָס האָט געשטאַמט פֿון באַרימטע רבנים. אין איינעם פֿון זיינע ערשטע ווערק האָט מאַרקס דערקלערט,

אַז אין װעלטלעכן לעבן האָבן אידן נאָר איין גאָט: געלט, האַנדל. ער איז געװען אַזױ װײַט פֿון אידישן פֿאָלקסלעבן, אַז ער האָט געקוקט אױף אַלע אידן װי אױף גרױסע אָדער קלײנע ראָטשילדס, אַ אידישע באַנקירן-פֿאַמיליע, װאָס האָט געהאַט אירע באַנקען אין די הױפּטשטעט פֿון אײראָפּע און האָט געװעלטיקט אױף דעם געלט-מאַרק.



58. קאַרל מאַרקס

פֿאַרשטײט זיך, אַז די שמד-באַװעגונג האָט באַרירט נאָר אַ קלײנעם טײל פֿון די אידן אין דײטשלאַנד. עס איז נאָך געבליבן אַ געזונטער קערן, װאָס איז ניט אַװעק פֿון פֿאָלק, נאָר האָט אים געװאָלט רעפֿאָרמירן. די אידישע רעפֿאָרמאַציע, אַזױ װי אַמאָל די דײטשע, האָט זיך אָנגעהױבן פֿון רעליגיע. צוערשט האָט מען געזאָרגט װעגן דעם אױסערלעכן אױסזען פֿון דער סינאַגאָגע און פֿון גאָטסדינסט. אין בערלין, האַמבורג, קאַסעל און אַנדערע גרױסע שטעט האָט מען געבױט שײנע „טעמפּלען", װוּ מען האָט אײנגעפֿירט כאָר-געזאַנג פֿון תּפֿילות און פּסאַלמען, אָפֿט מיטן שפּיל פֿון אַן אָרגעל, געװיסע תּפֿילות געלײענט אין אַ דײטשער איבערזעצונג, געהאַלטן דרשות („פּרעדיקטן") אױף דײטש. דאָס אַלץ האָט מען געמאַכט, כּדי צוציען די יוגנט און געבילדעטע מענטשן צום גאָטסדינסט, װאָס איז אין די אַלטע בתּי-מדרשים געװען אױסערלעך גאָר ניט שײן. שפּעטער אָבער איז מען געגאַנגען װײטער אין דער רעפֿאָרם. מען האָט געשטעלט די פֿראַגע: צי זײנען די נײע דורות מחויב אָפּהיטן אַלע דינים און מנהגים, װאָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין משך פֿון הונדערטער יאָרן אין תּלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור און בינדן דעם אידן אױף יעדן טריט, װײל שטענדיק מוז ער נאָר טראַכטן, װי צו מקיים זײן אַ מצװה אָדער אױסמײדן אַן עבֿירה? פֿיל געלערנטע, באַזונדערס מאָדערן געבילדעטע ראַבינער, האָבן געװאָלט אָפּשאַפֿן איבעריקע, פֿאַרעלטערטע צערעמאָניעס און דערמיט פֿאַרשטאַרקן דעם רײנעם מאָראַלישן אינהאַלט

פון אידנטום, ווי עס האָבן אים געפּרעדיקט די נביאים. אין די פערציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן די פירער פון דער רעפאָרם, דער ברעסלויער ראַבינער אברהם גייגער, לודוויג פיליפּסאָן (דער רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס") און נאָך עטלעכע געלערנטע צונויפגערופן ראַבינער־פאַרזאַמלונגען אין ברוינשווייג, פראַנקפורט און ברעסלוי. נאָך לאַנגע וויכּוחים האָט מען אָנגענומען באַשלוסן אין דעם זין פון דעם פּאַריזער סנהדרין: אַז דאָס אידישע געזעץ מוז זיך צופּאַסן צו דעם מלוכה־געזעץ, אַז די העברעאישע שפּראַך אין די תּפילות קען מען פאַרבייטן מיט דער דייטשער, אַז פון סידור זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן אַלע תּפילות וועגן אומקערן דאָס פאָלק קיין אֶרץ־ישראל, אַז די שווערע געזעצן וועגן שבּת־רו זאָלן פאַרלייכטערט ווערן א. א. וו. די פרומע רבּנים האָבן אויפגעהויבן אַ שטורעם קעגן די אַפּיקורסישע רעפאָרמער. שמשון רפאל הירש האָט געגרינדעט אין פראַנקפורט אַ פּאַרטיי פון אָר־טאָדאָקסן, וואָס האָט געפירט אַ שאַרפן קאַמף מיט דער רעפאָרם־פּאַרטיי.

די אידישע ליטעראַטור אין דייטשלאַנד האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער צייט. צוערשט האָבן מענדעלסאָנס תּלמידים געפּרובט שאַפן אַ פּראָגרעסיווע ליטעראַטור אין דער העברעאישער שפּראַך: זיי האָבן אַרויסגעגעבן זאַמלביכער מיט דעם נאָמען „המאסף" („דער זאַמלער", פון יאָר 1784 ביז 1811, מיט גרויסע הפסקות), וואו עס האָבן זיך געדרוקט אַרטיקלען וועגן רעליגיעזע און פילאָזאָפישע פראַגן, שירים, דראַמעס און נאָך אַזוינע זאַכן. אָבער די העברעאישע שפּראַך האָט זיך נאָר געהאַלטן ביים אַלטן דור; די יוגנט, וואָס האָט זיך געלערנט אין דייטשע שולן, האָט שוין די אַלטע שפּראַך ניט פאַר־שטאַנען און אַפילו אידיש אויפגעהערט צו רעדן. אַזוי איז אויסגע־וואַקסן אַ אידישע ליטעראַטור אין דער דייטשער שפּראַך (די זאַמל־ביכער „שולמית", שפּעטער אַ וואָכנשריפט „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" און אַנדערע). מען האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אידישער וויסנשאַפט, דערהויפּט מיט דער פאָרשונג פון דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע. מאַרקוס יאָסט אין פראַנקפורט האָט פאַרפאַסט די „אַלגעמיינע געשיכטע פון די איזראַעליטן" אין ניין בענד

(1820—1829); נאָך דער מאָדע פון יענער צייט האָט ער אָנשטאָט „אידן" געשריבן „איזראַעליטן", ווייל „איד" איז געווען ביי די קריסטן אַ זידל־וואָרט. ליפּמאַן צונץ אין בערלין האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טיפע פאָרשונגען פון דער אידישער געשיכטע, באַזונדערס ליטע־ראַטור־געשיכטע; ער האָט דער ערשטער דערקלערט, ווי עס האָבן זיך אַנטוויקלט דער מדרש, די תּפילות, פּיוטים, סליחות און קינות און בכלל די מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור (זיינע גרעסטע ווערק אין דייטש זיינען געדרוקט צווישן 1832 און 1865). אין עסטרייך האָט מען נאָר אין איין פּראָווינץ — גאַליציע — נאָך ניט פאַרגעסן שרייבן העברעאיש, און דאָ האָבן פאָרשער פון דער אידישער היסטאָריע גע־שריבן זייערע ווערק אין העברעאיש. אַזוי האָט נחמן קראָכמאַל (געשטאָרבן 1840) פאַרפאַסט אין דער אַלטער שפּראַך זיין ווערק „מורה נבוכי הזמן" („וועגווייזער פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע פון אונזער צייט") — אַ טיפע פילאָזאָפיע פון דער אידישער גייסטיקער געשיכטע. שלומה יהודה ראַפּאָפּאָרט (געקירצט שי"ר) האָט גע־פאָרשט די תּקופה פון די גאונים (אין די זאַמלביכער „ביכורי העיתּים").

43. דער קאַמף פאַר רעכט און די צווייטע עמאַנסיפּאַציע

נאָכדעם ווי אין דער רעאַקציע־צייט האָבן די פּרייסישע און אַנדערע רעגירונגען אין דייטשלאַנד אָפּגענומען ביי אידן דאָס ביסל בירגער־רעכט, וואָס מען האָט זיי געגעבן אין דער נאַפּאָלעאָנישער צייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פון דער אידישער אינטעליגענץ פאַר עמאַנסי־פּאַציע. דער פירער אין קאַמף איז געווען גבריאל ריסער, אַ האַמ־בורגער אַדוואָקאַט, וואָס איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט פאַר זיינע „גלויבנס־גענאָסן", פאַר די „דייטשע בירגער פון אידישן גלויבן" — אַזוי האָבן ריסער, פיליפּסאָן און אַנדערע דייטש־אידישע פּובליציסטן גערופן זייערע אידישע ברידער, ניט וועלנדיק אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדער אידיש פאָלק. דער גלענצנדער רעדנער און פּובליציסט גבריאל ריסער האָט שטענדיק געטענהט, אַז די דייטשע רעגירונגען זיינען מחויב געבן אידן אַלע בירגער־רעכט, ווייל אידן האָבן ערגעץ

ניט זייער איינגן לאַנד און דעריבער זיינען זיי גאָר קיין באַזונדער פאָלק ניט: אומעטום זיינען זיי אַ טייל פון דער הערשנדער נאַציע און אונטערשיידן זיך נאָר אין רעליגיע, וואָס אויך זי דאַרף מען רעפאָרמירן.

אַלע טענות האָבן ניט געהאָלפן, ביז עס איז געקומען די מערץ־רעוואָלוציע פון יאָר 1848. אויף די גאַסן פון בערלין זיינען דערשאָסן געוואָרן פון פרייסישע סאָלדאַטן אויך עטלעכע אידישע רעוואָלוציאָנערן. ריסער איז געוואָרן איינער פון די פירער אין דער באַפרייונג־באַוועגונג; מען האָט אים אויסגעקליבן צום וויצע־פרעזידענט פון ערשטן דייטשן פאַרלאַמענט, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין פראַנקפורט. דאָ האָט ער אויך פאַרטיידיקט די עמאַנסיפּאַציע אין נאָמען פון טויזנטער אידן, וואָס געהערן נאָר צום דייטשן פאָלק. אַזוי איז אין די קאָנסטיטוציעס פון פרייסן און אַנדערע דייטשע לענדער אָנגענומען געוואָרן דער גרונד־געזעץ, אַז „בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט געהערן יעדערן אָן אונטערשייד פון רעליגיע". ניט אַזוי גיך האָט מען אָבער דעם דאָזיקן פּאַפּירענעם געזעץ פאַרווירקלעכט אין לעבן. צוערשט האָבן די רעגירונגען ניט געוואָלט וויסן פון גלייכע רעכט פאַר אַלעמען; מען האָט דעם אידן ניט געשטערט צו וואוינען און צו האַנדלען וואו ער וויל, אָבער צו העכערע פּראָפעסיעס און מלוכה־דינסט האָט מען אים ניט צוגעלאָזט. נאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי די דייטשע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראייניקן און עס איז געשאַפן געוואָרן די נייע דייטשע אימפּעריע (1869—1871), האָט מען ווידער באַשטעטיקט אין דער קאָנסטיטוציע די גלייכבאַרעכטיקונג. אַ האַלבער מיליאָן דייטשע אידן זיינען דורך דער צווייטער עמאַנסיפּאַציע געוואָרן בירגער, און די גלייכבאַרעכטיקונג האָט זיך אָנגעהויבן צוביסלעכווייז פאַרווירקלעכן.

אין עסטרייך האָט די רעוואָלוציע פון יאָר 1848 אויך געבראַכט דער אידישער באַפעלקערונג נאָר פּאַפּירענע פרייהייט. דאָ האָט זיך די רעגירונג ניט געקאָנט אַנטשליסן מיטאַמאָל צו באַפרייען די אָנדערט־האַלב מיליאָן אידן אין זייערע געדיכט באַזעצטע פּראָווינצן — בעהמען, גאַליציע און אונגאַרן, וואו מען האָט זיי פריער באַהאַנדלט ווי פרעמדע. באַלד נאָך דעם, ווי דער קיסר פראַנץ־יוסף און זיין רעגירונג זיינען צו זיך געקומען פון דעם רעוואָלוציע־שרעק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פינסטערע רעאַקציע: מען האָט אָפּגענומען ביי אידן אַלע עלעמענטאַרסטע

בירגער־רעכט; מען האָט זיי ניט געלאָזט אַריבערפאָרן פון איין פּראָווינץ אין דער אַנדערער; פון ווין האָט מען ווידער געטריבן אידן, וואָס האָבן ניט געצאָלט גרויסע שטייערן ווי באַנקירן און גרויסהענדלער. אָבער שפּעטער, ווען עסטרייך האָט געהאַט צוויי מַפָּלות אין די מִלחמות מיט איטאַליע און פּרייסן, איז די רעאַקציאָנערע רעגירונג געפאַלן און מען האָט אויפגעשטעלט די ליבעראַלע קאָנסטיטוציע. אין דער נייער קאָנסטיטוציע פון עסטרייך־אונגאַרישער מלוכה פון יאָר 1867 איז בפירוש געווען געזאָגט, אַז פאַרן געזעץ זיינען אַלע גלייך. די שווערסטע באַגרעניצונגען אין וואוינרעכט, ערד־באַזיץ און פאַרשיידענע פּראָפעסיעס זיינען געפאַלן. אידישע קינדער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין די מיטלערע און העכערע שולן, כּדי אויסצובילדן זיך פאַר די פּראָפעסיעס פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן. אידישע דעפּוטאַטן זיינען אַריין אין דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט (רייכסראַט), אין גאַליצישן און אונגאַרישן סיים. די געבילדעטע יוגנט האָט זיך זייער שנעל אַסימילירט מיט די אַרומיקע פעלקער — דייטשן, פּאָליאַקן, אונגאַרישע מאַדיאַרן. עס איז אָבער נאָך שטאַרק געבליבן די פרומע אָרטאָדאָקסיע אין גאַליציע מיט אירע חסידים און רַבּיים און אין אונגאַרן מיט אירע גרויסע ישיבות און רַבָּנים.

אין דייטשלאַנד זיינען נאָך מער אידישע קרעפטן אַריין אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און אין דעם דייטשן קולטור־לעבן. געמישטע חתונות צווישן אידן און קריסטן זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער. אין די פרייע פּראָפעסיעס פון אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשענערן, לערער, שרייבער און זשורנאַליסטן האָבן אידן פאַרנומען אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ. עס זיינען געוואָרן באַרימט פערטאָלד אויערבאַך אין דער בעלעטריסטיק, פערדינאַנד לאַסאַל און דער אויבנדער־מאָנטער קאַרל מאַרקס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, עדואַרד לאַסקער אין דער פּאָליטיק און נאָך אַ רייע פאָרשער אויף וויסנשאַפטלעכע געביטן. עס האָט זיך אויך אַנטוויקלט די אַרבעט אויפן געביט פון דער אידישער וויסנשאַפט. דער גרויסער היסטאָריקער היינריך (הירש) גרעץ האָט דאָ אויסגעבויט דעם שענסטן בנין: זיין עלף־בענדיקע „געשיכטע פון אידן“ (דייטש, 1853—1876). ער האָט באַלעבט די בילדער פון דער דריי־טויזנטיאָריקער אידישער פאַר־

גאַנגענהייט, דערציילט וועגן דער גייסטיקער גרויסקייט און די ביטערע צָרות פֿון דעם געיאָגטן פֿאָלק און געוועקט ליבע צו אים אין אַלע הערצער. אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַזעלכע געדאַנקען האָט דער אידישער סאָציאַליסט מ ו ש ה ה ע ס געשריבן זיינע באַגייסטערטע ווערק וועגן די אויפֿגאַבן פֿון אידישן פֿאָלק. ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס פֿאַרלייקנט אַפֿילו די עקזיסטענץ פֿון אַ אידישער נאַציע. אין זיין בוך „רוים און ירושלים“ (דייטש, 1862) האָט ער געפֿאָדערט, אַז מען זאָל מיט דער הילף פֿון רייכע פֿילאַנטראָפּן בויען אַ נייעם אידישן ישוב אין אֶרץ־ישראל און מאַכן עס ווידער פֿאַר אַ אידיש לאַנד. העס איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען פֿון אַסימילאַציע צו דער נאַציאָנאַ־לער אידייע און צום ציוניזם.



59. היינריך גרעץ

אין דער תּקופה פֿון דער "צווייטער עמאַנסיפּאַציע" זיינען באַ־פֿרייט געוואָרן אידן אויך אין אַנדערע לענדער פֿון מַערבֿ־אייראָפּע. אין א י ט אַ ל י ע, וואו עס האָט פֿריער געהערשט דער פּויפּסטלעכער רעזשים, האָט די רעוואָלוציע פֿון יאָר 1848 אָפּגערייניקט די לופֿט אין די אידישע פֿינסטערע געטאָס. נאָך אַ לאַנגן באַפֿרייונגס־קריג האָבן זיך די פֿאַרשיידענע איטאַליענישע לענדער פֿאַראייניקט אין איין מלוכה; די אַרמיי פֿון קיניג וויקטאָר־עמאַנואַל האָט אָפּגענומען ביים פּויפּסט פּיוס IX די הייליקע שטאָט רוים און געמאַכט זי פֿאַר אַ וועלטלעכער הויפּטשטאָט פֿון גאַנץ איטאַליע (1870). די איינוואוינער פֿון געטאָ, וואו אידן זיינען געווען פֿאַרשפּאַרט הונדערטער יאָרן, זיינען אַרוים פֿון זייער תּפיסה און האָבן זיך באַזעצט אין דער גאַנצער שטאָט. איצט האָט זיך דער פּויפּסט אַליין געמוזט פֿאַרשפּאַרן אין איין ווינקל פֿון רוים — אין וואַטיקאַן, אַ מין געטאָ פֿאַר קאַטוילישע גלָחים און מאָנאַכן.

אין ע נ ג ל אַ נ ד האָבן אידן באַקומען עמאַנסיפּאַציע גאָר אויף אַן אַנדער וועג. דאָ האָבן די אידישע גרויסהענדלער און באַנקירן אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט געהאַט כּמעט אַלע פּריוואַטע רעכט: זיי האָבן אומעטום פריי געלעבט און געפירט געשעפטן; זיי האָט נאָר געפעלט פּאָליטישע רעכט, דאָס רעכט צו זיין אַ דעפּוטאַט אין שטאָט־ראַט און אין פּאַרלאַמענט, צו ווערן אַדוואָקאַטן, ריכטער און בכלל מלוכה־באַאַמטע. דאָס אַלטע געזעץ האָט געפאָדערט, אַז יעדער באַאַמטער אָדער דעפּוטאַט זאָל אָפּגעבן אַ שבועה מיט די ווערטער: „איך שווער מיט דעם גלויבן פון אַן אמתן קריסט“, און אידן האָבן דאָס ניט געקאָנט טאָן. אַ לאַנגע צייט האָט מען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט דעבאַטירט די פראַגע, צי זאָל מען באַפרייען אידן פון אַזאַ שבועה, וואָס איז קעגן זייער רעליגיעזן געוויסן, אָבער די קאָנסערוואַטאָרן האָבן ניט דערלאָזט צו אַזאַ באַשלוס. עטלעכע מאָל האָט די לאָנדאָנער באַפעלקערונג אויסגעקליבן פאַר אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט איינעם פון די ראָטשילדס, די באַקאַנטע באַנקירן, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צו די זיצונגען אין פּאַרלאַמענט און האָט געוואָלט אָפּגעבן אַ אידישע שבועה, אָנשטאָט דער קריסטלעכער, פלעגט מען אים הייסן אַרויסגיין פון הויז. ערשט נאָך דרייסיקיאָריקע דעבאַטן האָט מען אָפּגעשאַפט דעם אומגעלומפּערטן שבועה־געזעץ, און אידישע דעפּוטאַטן האָבן געקענט פאַרנעמען זייער אָרט אין פּאַרלאַמענט (1858). פון יענער צייט אָן האָבן זיך אַ סך אידן אויסגעצייכנט אין דעם ענגלישן מלוכה־דינסט. פיל הויכע באַאַמטע און ריכטער האָבן געטראָגן אידישע נעמען; אָפט פלעגט די לאָנדאָנער באַפעלקערונג אויסקלייבן אַ אידן פאַר אַ „לאָרד־מעיאָר“, ד. ה. אויבערשטער פאָרשטייער פון שטאָט, בירגערמייסטער. אַ געוועזענער איד, ב י נ י מ י ן ד י ז ר אַ ע ל י (לאָרד ביקאָנספילד), וואָס מען האָט אים געטויפט אין דער יוגנט, איז אַ צייט (פון יאָר 1874) געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ענגלישער רעגירונג און איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון דער קיניגין וויקטאָריאַ. ער האָט געהערט צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, אָבער ער האָט שטאָלצירט מיט זיין אידישער אָפּשטאַמונג און געטאָן טובות אידן אין פאַרשיידענע לענדער. דיזראַעלי־ביקאָנספילד איז געווען אויך אַ באַגאַבטער שרייבער; אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען האָט ער אַרויסגעשטעלט

אידישע העלדן („טאַנקרעד", „דָויד אַלראָי"). צו יענער צײַט איז אויך באַרימט געוואָרן דער אידישער פילאַנטראָפּ משה מאָנטעפיאָרע, וואָס האָט געלעבט אין לאָנדאָן און פלעגט אָפט קומען צו הילף די פאַרפאָלגטע אידן אין מזרח-אייראָפּע.

אין פראַנקרייך, וווּ אידן זײַנען פון לאַנג אָן געווען עמאַנסיפּירט, האָבן זיי שוין געקענט זאָרגן וועגן דער באַפרייונג פון זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער. דער פירער פון די פראַנצויזישע אידן, דער אַדוואָקאַט און פאָרזיצער פון פאַריזער אידישער קאָנסיסטאָריע, אַדאָלף קרעמיע, איז געווען צוויי מאָל יוסטיץ-מיניסטער אין דער פראַנצויזישער רעגירונג (אין די יאָרן 1848 און 1870). זײַן גרויסן אײַנפלוס אין די פּאָליטישע קרײַזן פלעגט ער באַנוצן, כדי צו פאַרטיידיקן אומעטום אידישע אינטערעסן. אין יאָר 1860 האָט קרעמיע מיט זײַנע פרײַנד געגרינדעט אין פאַריז דעם „אַלוועלטלעכן אידישן פאַרבאַנד" (אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל), וואָס האָט זיך געשטעלט אַזאַ ציל: פאַרהעלפן אידן אומעטום צו קריגן בירגער-רעכט און פאַרטיידיקן זיי אין יענע לענדער, וווּ זיי ווערן פאַרפאָלגט.

צוערשט איז דער פאַריזער „אַליאַנס" אויסגעקומען אײַנצושטעלן זיך פאַר דער אידישער באַפעלקערונג אין אַ נײַ געבאָרענער מלוכה פון מזרח-אייראָפּע, אין רומעניע, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך דער פאַראייניקונג פון צוויי געוועזענע טערקישע פּראָווינצן, מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע (1859). דאָ האָבן געלעבט געדיכטע אידישע מאַסן, דאָס רוב אָנגעפאָרענע פון אוקראַינע און גאַליציע. זיי זײַנען געווען פאַרשפּרייט אין שטעט און דערפער, האָבן געהאַנדלט דאָ מיט די פאַרשקלאַפטע פּויערים און האָבן אַרענדירט ערד בײַ זייערע פּריצים, די רומענישע באָיאַרן. בירגערלעכע רעכט האָבן דאָ אידן ניט געהאַט, פּונקט אַזוי ווי אין דעם נאָענטן רוסלאַנד, און די הערשער פלעגן זיי אָפט פאַרפאָלגן. נאָך דער בילדונג פון דער פאַראייניקטער מלוכה האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן אַרײַנשטעלן אין דער קאָנסטיטוציע אַ פּונקט וועגן גלײַכבאַרעכטיקונג. דער נײַער פירשט פון רומעניע, קאַרל האָהענצאָלערן, האָט זיך געוואַקלט צווישן צוויי פּאַרטייען — אידן-פײַנד און אידן-פרײַנד. אין דעם טאָג, ווען מען האָט אין רומענישן פאַרלאַמענט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן עמאַנסיפּאַציע, האָט אין דער

— הויפּטשטאָט בּוּקאַרעשט אויסגעבּראָכן אַ פּאָגראָם: מען האָט צעשטערט די נייע סינאַגאָגע און געשלאָגן אידן (יולי 1866). דאָסזעלבּע האָט אויך פּאַסירט אין דער אידישער שטאָט יאַסי. קרעמיע איז גראָד אין יענע טעג געווען אין בּוּקאַרעשט און האָט געווירקט אויף דער רעגירונג, זי זאָל אָפּשטעלן די פּאָגראָמען. אָבּער בּירגער־רעכט האָבּן אידן דאָך ניט בּאַקומען. די רדיפות אויף זיי האָבּן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. עס איז געקומען צו נאָך עטלעכע פּאָגראָמען אין פאַר־שיידענע שטעט (1870—1873). די „אַליאַנס" האָט אויפגעהויבּן אַ רַעש; די דיפּלאָמאַטן פון פראַנקרייך און אַנדערע לענדער האָבּן גע־פאָדערט פון דער רומענישער רעגירונג, זי זאָל שיצן אירע אידן. זי האָט אויס מורא דאָס געטאָן, אָבּער פיינדשאַפט צו אידן האָט אין רומעניע ניט אויפגעהערט. די הערשער פון לאַנד האָבּן זיך שטענדיק אומגעקוקט אויף דער שכֵנישער גרויסער אימפּעריע, רוסלאַנד, און האָבּן נאָכגעמאַכט דער אידן־פיינדלעכער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג.

44. דער גרויסער אידישער צענטר אין רוסלאַנד

אין דער צייט, ווען אין דעם גרעסטן טייל לענדער פון מַערבּ־איירָאָפּע איז די אידישע עמאַנסיפּאַציע געווען פאַרבּונדן מיט פּאָ־ליטישע איבּערקערענישן, איז רוסלאַנד זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג אין דער אידן־פראַגע. די גרויסע מלוכה, וואָס האָט הונדערטער יאָרן ניט געוואָלט הערן פון אידן, האָט מיטאַמאָל, סוף 18־טן און צום אָנהויבּ 19־טן יאָרהונדערט, איינגעשלונגען די פּוילישע מדינות מיט העכער אַ מיליאָן אידן — און מען האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט אַזוי פיל מענטשן פון אַ גאָר פרעמדן פאָלק. צו בּירגער־פרייהייט איז מען נאָך ווייט ניט געקומען אין דעם לאַנד פון צאַרישן דעספּאָטיזם און צענדליקער מיליאָנען פּויערים־קנעכט. די רעגירונג פון יעקאַטע־רינע II, וואָס האָט בּאַקומען פון פּוילן די ערשטע לענדער מיט אַ גע־דיכטער אידישער בּאַפעלקערונג (ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע), האָט אָפּגעצוימט די דאָזיקע לענדער פון טיף־רוסלאַנד, כדי אידן זאָלן ניט אַריינדרינגען חָלילה אין מאָסקווע, פּעטערבּורג און אַלע איבּעריקע

„עכט־רוסישע" שטעט. אידן האָבן באַקומען דאָס רעכט פאַרשרייבן זיך ווי הענדלער און האַנטווערקער נאָר אין די שטעט, וואָס האָבן פריער געהערט צו פּוילן; אין די אינעווייניקסטע גובערניעס פון רוס־

60־61. אמאָליקע אידישע טיפּן אין פּוילן

לאַנד האָבן זיי ניט געטאָרט וואוינען. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער אידישער „תחום", דער וואוין־ראַיאָן, די „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" (1772־1795).

אין די ערשטע יאָרן פון צאַר אַלעקסאַנדער I, ווען ער איז נאָך געווען אַביסל ליבעראַל, האָט די רוסישע רעגירונג געמאַכט אַ פּרוב פאַרבעסערן די לאַגע פון די אידישע מאַסן. דער „סטאַטוט וועגן אידן" פון יאָר 1804 האָט צעטיילט אידן אויף דריי קלאַסן: ערדאַרבעטער, פאַבריקאַנטן אָדער האַנטווערקער, הענדלער און קליינבירגער. ערד־אַרבעטער זיינען נאָך דענסטמאָל ביי אידן ניט געווען, און די רעגירונג האָט געוואָלט ערשט שאַפן אַזאַ קלאַס פון אידישע פּויערים: זי האָט צוגעזאָגט געבן זיי ערד אין דרום־רוסלאַנד, העלפן זיי באַזעצן זיך דאָרטן און גרינדן ערדאַרבעטער־קאָלאָניעס. זי האָט אָבער שטרענג פאַרבאָטן האַלטן שיינקן אין די דערפער און האָט אָנגעזאָגט, אַז אין עטלעכע

יאָר אַרוּם וועלן אידישע דאָרף־הענדלער און שיינקער מוזן אַריבער־פאָרן אין די שטעט. ווייטער האָט דער סטאַטוט געפאָדערט פון אידן, זיי זאָלן זיך לערנען אין רוסישע שולן און קענען די רוסישע שפּראַך. עטלעכע טויזנט אידן האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם רוף פון דער רע־גירונג צו ערדאַרבעט און האָבן געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניעס אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד, אין די גובערניעס כערסאָן און יעקאַטע־רינאָסלאַוו (1808—1810); אָבער די קאָלאָניסטן האָבן שטאַרק געליטן ביז וואַנען זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די ווילדע סטעפּעס, אָפט אָן הייזער און אָן וואַסער. דאָס האָט אויף אַ צייט אָפּגעשלאָגן ביי אידן דעם חשק צו ווייטערער קאָלאָניזאַציע. די גרויסע מאַסן זיינען געבליבן ביי זייערע האַנדל־געשעפטן אין די שטעט און דערפער. אָבער פון די דערפער האָט מען זיי אָנגעהויבן טרייבן, און די שטעט זיינען געוואָרן פול מיט אידן אָן פּרנסה. דאָס וואָלט געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפע, ווען די רעגירונג וואָלט נית אָפּגעשטעלט דעם גירוש פון די דערפער, בשעת זי האָט דערהערט, אַז נאַפּאָלעאָנס אַרמיי גייט אויף רוס־לאַנד (1812).

אויף דער פאָדערונג אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין די רוסישע שולן האָבן זיך די אידן גאָרנית אָפּגערופן. אין יענער צייט זיינען זיי נאָך געווען פרעמד דעם רוסישן פאָלק און האָבן איבערהויפּט נית געוואָלט קיין אַלגעמיינע בילדונג. פאַר אידישע קינדער זיינען געווען גענוג חדרים און ישיבות. חסידים און מתנגדים האָבן נאָך אַ לאַנגן קריג צווישן זיך געמאַכט יד אחת קעגן דער „אויפקלערונג“, דער „השכלה“, וואָס איז קוים אַריינגעדרונגען פון אויסלאַנד, פון די „בערלינער קרייזן“.

אַלעקסאַנדערס נאָכפאָלגער, דער דעספּאָטישער צאַר ני־קאָלאַי I, האָט באַשלאָסן אַריינפירן די דאָזיקע פאַרשלאָסענע מאַסע אין רוסישן לעבן מיט געוואַלט, דורך שווערן מיליטער־דינסט. ביז יענער צייט זיינען די אידן געווען פריי פון דינען אין מיליטער און האָבן דער־פאַר געצאָלט אַ באַזונדער שטייער. ניקאָלאַי האָט אָבער אין זיין „אוקאַז“ (דעקרעט) פון יאָר 1827 געהייסן, מען זאָל אָפּגעבן אידישע יונגעלייט פאַר סאָלדאַטן אויף 25 יאָר; ווען עס וועלן אויספעלן יונגעלייט, זאָל מען נעמען אינגלעך פון 12 יאָר און פיל אינגער, אוועקגעבן זיי אין באַ־

טאַליאָנען פאַר „קאַנטאָניסטן“ (סאָלדאַטישע קינדער) און צוגרייטן זיי דאָרטן צום מיליטער־דינסט. דער „אוקאַז“ האָט אַרויסגערופן אַ שרעק אין אַלע אידישע קהילות, און נאָך שרעקלעכער איז געווען צו זעען, ווי ער ווערט אויסגעפירט. אידישע יונגעליט, וואָס האָבן אָפט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, פלעגן זיך צעלויפן אין וועלדער אָדער ווייטע שטעט צו באַהאַלטן זיך פון די „כאַפערס“, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי; מען פלעגט זיי כאַפּן, שמידן אין קייטן און אָפּגעבן אין די שטראָף־באַטאַליאָנען. קליינע אינגלעך פון אָרימע פאַמיליעס פלעגט מען אָפּנעמען ביי די עלטערן און פאַרשיקן זיי אין די ווייטע רוסישע גובערניעס, וואו עס זיינען גאָר קיין אידן ניט געווען; דאָרטן האָט מען זיי צוגעגרייט ניט אַזוי צום מיליטער־דינסט, ווי צום שמד. מען האָט די קינדער געפייניקט ביז זיי פלעגן זיך לאָזן טויפן, דאַן פלעגט מען זיי אָפּגעבן אין רוסישע הייזער און זיי האָבן שוין ניט געטאָרט זיך אומקערן צו זייערע עלטערן. דאָס פאָלקס־ליד פון יענער צייט האָט געקלאָגט:

אַב הָרַחֲמִים שׁוֹכֵן מְרוֹמִים, דו ביסט אַ פאָטער פאַר אַלע יתומים! . . .

קליינע עופעלעך רייסט מען פון חדר, מען טוט זיי אָן יוָנישע קליידער . . .

לאָמיר וויינען, לאָמיר שרייען צו דעם קייסער ניקאָלאַיען!

עס זיינען אַריבער יאָרן, און ניקאָלאַיס רעגירונג האָט דערזעען, אַז אַפילו דורך דער סאָלדאַטישער קאַזאַרמע ווערט מען אַלע אידן ניט אָפּשמדן. האָט זי צוגעטראַכט אַן אַנדער מיטל: דערגרייכן דאָסזעלבע דורך רוסישע שולן. דער בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו האָט געוואוסט, אַז אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע אַסימילירן זיך געבילדעטע אידן מיט קריסטן און גייען אָפט אַריבער צום קריסטנטום; האָט ער פאָרגעלייגט ניקאָלאַיען, אַז מען זאָל אומעטום עפענען רוסישע שולן פאַר אידישע קינדער, כדי אָפּציען זיי פון די חדרים און ישיבות. אַזוי האָט מען געמאַכט. מען האָט געגרינדעט אין פאַרשיידענע שטעט רעגירונגס־שולן פאַר אידן און צוויי „ראַבינער־שולן“ אין ווילנע און זשיטאָמיר אויף צוגרייטן לערער און אָפיציעלע רַבָּנים, וואָס זאָלן זיין ווי באַאמטע פון דער רעגירונג אין די קהילות

(1844). די אידן, וואָס זיינען געווען אָנגעשראָקן פון ניקאָלאַיס שמד־סיסטעם, האָבן אין די ערשטע יאָרן מורא געהאַט שיקן זייערע קינדער אין די נייע שולן, אָבער דאָ איז געקומען צו הילף די „השכּלה“־באַוועגונג, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון אויסלאַנד. מען האָט אין געוויסע קרייזן פון דער אידישער געזעלשאַפט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מיט דער „בילדונג“ פון חדר און ישיבה קען מען היינטיקע צייטן ניט אויסקומען און מען מוז שאַפן אַ מאָדערנע שול פאַר אידישע קינדער.

דער פאָטער פון דער השׂכּלה אין רוסלאַנד איז געווען יצחק־בער לעווינזאָן (ריב״ל) פון קרעמענעץ, אין וואָלין. אין זיין העבּרעאישן בוך „תּעודה בּישׂראל“ (1828) האָט ער אָנגעוויזן אויף די



62. יצחק־בער לעווינזאָן (ריב״ל)

מיאוסע פעלערן פון דער אַלטער ערציאונג און האָט געפאָדערט, מען זאָל לערנען חוץ תּנ״ך און גמרא אויך אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און פרעמדע שפּראַכן, באַזונדערס די מלוכה־שפּראַך. די וואָלינער חסידים האָבן לעווינזאָנען פאַרשריען אַלס אַן אַפּיקורס, אָבער ער האָט געטאָן זיינס און האָט געשריבן נאָך בּיכער אין דעמזעלביקן גייסט. נאָך אים

זיינען געקומען שרייבער, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: אויפֿלעבן אין דער נייער ליטעראַטור די העברעאישע שפּראַך אין איר ביבלישער פאָרם, אָנשטאָט דעם פאַרדאָרבענעם רַבָּנישן סטיל, און געבן איר אַ נייעם אינהאַלט. דער ווילנער דיכטער אַברהם־בער לעבענזאָן (אָדָם הַכּוֹהן) האָט אין זיינע „שירי שׂפת־קודש“ (1842) אויפֿגעלעבט די קלאַסישע העברעאישע פּאָעזיע; זיין זון מיכה־יוסף, וואָס איז גאָר יונג געשטאָרבן (1852), איז געווען דער בעסטער ליריקער אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור („שירי בַּת־ציון“). אַברהם מאַפּו פון קאָוונע האָט געשריבן אין דעם לשון פון ישעיה הנביא שיינע היסטאָרישע ראָמאַנען („אהבת־ציון“, „אַשמת־שומרון“), וועלכע מען האָט געלייענט מיט באַגייסטערונג. די ווילנער שרייבער מרדכי אהרון גינצבורג און קלמן שולמאַן האָבן איבערגעזעצט פּראָזאַישע ווערק פון דייטש אויף העברעאיש. דאָס אַלץ האָט געוועקט אין דעם יונגן דור נייע געדאַנקען און האָט צוגעגרייט אַ ווייטערע אַנטוויקלונג אין דעם מאָדערנעם גייסט.

נאָך ניקאָלאַיס טויט איז אָנגעקומען די „רעפאָרם־צייט“ פון אַלעקסאַנדער II. דער נייער קיסר האָט אָפּגעשאַפט די קנעכטשאַפט פון די רוסישע פּויערים (1861) און אַביסל רעפאָרמירט די מלוכה־פאַרוואַלטונג אויפֿן אייראָפּעאישן שטייגער. אויך אין אידישן לעבן האָט די רעגירונג אָפּגעשאַפט די שווערסטע גזירות פון ניקאָלאַיס צייט: מען האָט אויפגעהערט אָפּגעבן קליינע אינגלעך פאַר סאָלדאַטן, מען האָט ערלויבט אידישע גרויסהענדלער וואוינען אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אַנדערע שטעט פון גרויס רוסלאַנד, וואָס זיינען געווען פאַרשלאָסן פאַר די מאַסן פון „תחום“, דעם אידישן וואוין־ראַיאָן. אַזאַ פּריווילעגיע האָבן באַקומען אויך די אידישע דאָקטוירים, יוריסטן, אינזשענערן און אַלע, וואָס האָבן געענדיקט זייער שטודיום אין אַ רוסישער הויכשול. שפּעטער האָט מען ערלויבט אויך האַנטווערקער וואוינען אומעטום. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף דער אידישער יוגנט. אַ שטרעבונג צו אייראָפּעאישער בילדונג, צו באַפרייען זיך פון דעם אַלטן רַבָּניש־חַסידישן גייסטיקן יאָך האָט זיך דאָ פאַראייניקט מיט דעם ווילן אַרויסרייסן זיך פון דעם ענגן אידישן „תחום“, פון די נידעריגע האַנדל־פּרנסות, און פאַרנעמען זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס,

גלייך מיט דער רוסישער אינטעליגענץ. עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן טויזנטער אידישע תּלמידים אין די רוסישע גימנאַזיעס און אוניווער־סיטעטן; קלאַנגען פון דער רוסישער שפּראַך האָבן זיך געהערט אין יענע הייזער, וואו פריער האָט מען גערעדט נאָר אידיש; רוסישע ליטעראַטור האָט פאַרנומען אַן אָרט לעבן דער ניי־העבּרעאישער. אין איין יאָר (1860) האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין דריי וואָכנבלעטער: דער רוסישער „ראַזסוועט" (מאָרגנשיין), דער העבּרעאישער „המליץ" אין אָדעס, און דער העבּרעאישער „הכּרמל" אין ווילנע. אין פּעטערבורג האָט זיך געגרינדעט די „חברה מפיצי השׂכּלה", אַ געזעלשאַפט צו פאַר־שפּרייטן בילדונג דורך ביידע שפּראַכן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רוסיפיקאַציע פון דער נייער אידישער אינטעליגענץ, אַזוי ווי די רעגירונג האָט דאָס געוואָלט. דיזעלביקע אַסימילאַציע, וואָס האָט שוין לאַנג געהערשט אין מערב־אייראָפּע, האָט זיך אין רוסלאַנד דערווייל פאַרשפּרייט נאָר אין די העכערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט.

אַ פרייער גייסט האָט געשוועבט אין דער ליטעראַטור. דער העבּ־רעאישער דיכטער יהודה־ליב גאָרדאָן האָט אין זיינע שירים („שירי־יהודה", 1868) גערופן צום קאַמף קעגן דעם אַלטן פאַר־שטיינערטן רבּיניזם און אין זיין פּראָזע („עולם כּמנהגו") האָט ער אויס־געלאַכט דעם חסידישן גלויבן אין די רבּיים. משה־ליב ליליענ־בלום האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן רעליגיעזער רעפאָרם און האָט דערציילט וועגן די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון די רבּנישע פאַנאַטיקער („חטאות נעורים", 1876). פּרץ סמאָלענסקין האָט אין ווין אַרויסגעגעבן פאַר די משׂכּילים אין רוסלאַנד אַ חודש־שריפט „השחר" (1869—1881), וואו ער און זיינע מיטאַרבעטער האָבן גע־פּרעדיקט אייראָפּעאישע בילדונג און קאַמף קעגן קלעריקאַליזם, קעגן די „כּלי־קודש", אָבער אויך קעגן עקסטרעמער אַסימילאַציע. אין סמאָלענסקינס ראָמאַן „התּועה בּדרכי החיים" ווערן געשילדערט די בלאָנדזשענישן פון דעם יונגן דור צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם לעבן־סדר. דאָסזעלבע האָבן באַשריבן אין אַן אַסימילאַטאָרישן גייסט ליב לעוואַנדאַ און גריגאָרי באָגראָוו, וואָס האָבן געשריבן זייערע דערציילונגען אין רוסיש („די הייסע צייט", 1872; „די כּתבים פון אַ אידן", 1873).

אויך אין דער אָרימער ליטעראַטור אויף אידיש האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פריש ווינטל. פריער האָבן נאָר איינצלנע מַשׂכּילים געשריבן אין דער פאָלק־שפּראַך. אייזיק מאיר דיק פון ווילנע און ישראל אַקסענפעלד פון אָדעס האָבן אין זייערע דערציילונגען און דראַמעס אַרויסגעשטעלט טרויעריקע אָדער לעכערלעכע בילדער פונם אַלטן שטייגער (דיקס „דער פּרוש פון בערדיטשעוו“ און פיל אַנדערע דערציילונגען; אַקסענפעלדס „דער ערשטער רעקרוט“). שפּעטער האָט די רעדאַקציע פון „המליץ“ אין אָדעס אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף אידיש „קול מבשׂר“ (1862—1871) מיט אַ פּראָגרעסיווער, מַשׂכּילישער ריכטונג. דאָ האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע אויסגעצייכנטע ווערק אין אידיש דער העברעאישער שרייבער שָלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך געגעבן אַ נאָמען „מענדעלע מוכר ספרים“. אין זיין סאַטירישער דראַמע „די טאַקסע“ (1869) און אין דער שיינער אַלעגאָרישער דערציילונג „די קליאַטשע“ (1873) שילדערט ער די תּקיפים אין די קהילות, וואָס פירן פאַרן נאָז די פאַרנאַרטע מאַסע, און בכלל די הערשנדיקע קלאַסן, וואָס אונטערדריקן די שוואַכערע. מענדעלע איז געווען דער באַגרינדער פון דער נייער ליטעראַטור אין דער לעבעדיקער פאָלק־שפּראַך, וואָס האָט פריער געהייסן „זשאַרגאָן“ און איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו אַ ריינער מאָדערנער שפּראַך — אידיש.

45. אַנטיסעמיטיזם אין מַערב־אייראָפּע און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (1903—1881)

ווען עס זיינען אַריבער כּמעט הונדערט יאָר נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט“, האָט מען געקענט מיינען, אַז די אידישע עמאַנסיפּאַציע איז שוין דערגרייכט געוואָרן אין מַערב־אייראָפּע און וועט אינגיכן דערגרייכט ווערן אויך אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון מִזרח־אייראָפּע. אָבער די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשע האָפענונג. גראָד ווייל די עמאַנסיפּאַציע איז שוין געווען אין גאַנג, האָט אויפגעוואַכט די אַלטע שׂינאה צום אידן,

נאָר אין אַ נייער פאָרם. אין אַ גרויסן טייל פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט האָט מען אַזוי געטראַכט: דער איד, וואָס איז פריער געווען אָפּגעזונדערט פון אונז און פאַראַכטעט, דרינגט איצטער אַריין אין אונזער געזעלשאַפט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער; מיט זיין פרייהייט האָט ער זיך באַנוצט, כּדי רייך צו ווערן, שאַפן גרויסע האַנדל־פירמעס און באַנקן, אָבער ער באַנוגנט זיך ניט דערמיט: ער וויל אויך ווערן אַ מלוכה־באַאַמטער, אַן אַרצט, אַ פּראָפעסאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַן אינזשענער, אַ שריפטשטעלער אָדער זשורנאַליסט, און פאַרנעמט אין די פרייע, איידעלע פּראָפעסיעס אַזעלכע שטעלעס, וואָס אונזערע קריסטן וואָלטן געקענט פאַרנעמען; אין דער זשורנאַליסטיק האָבן באַגאַבטע אידישע שרייבער אַ גרויסע השפּעה און קענען אַראָפּפירן פון וועג דעם קריסטלעכן לייענער פון זייערע ליבעראַלע אָדער ראַדיקאַלע צייטונגען; דער געבילדעטער איד וויל זיך אַסימילירן מיט אונז, ער זעט אויס ווי אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַ רוס, אָבער אין תּוך איז ער דאָך אונז פרעמד, ניט נאָר לויט זיין אמונה: אונז, די אייראָפּייער, איז פרעמד זיין ראַסע, זיין אָפּשטאַמונג פון די אַזיאַטישע סעמיטישע פעלקער, זיין כאַראַקטער, און מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט קענען צונויפלעבן מיט אים. אַזוי איז אין דייטשלאַנד, אַרום יאָר 1880, אויפגעקומען די נייע אַרט אידן־פיינדשאַפט—דער אַנטיסעמיטיזם.

די ערשטע פירער פון די אַנטיסעמיטן זיינען געווען דער זשורנאַליסט מאַרר, דער בערלינער פּאַסטאָר ביים קייזערלעכן הויף שטעקער, דער פּרייסישער היסטאָריקער טרייטשקע און דער בלינדער. פילאָזאָף דירינג. עס האָט זיך געגרינדעט אַן „אַנטיסעמיטישע ליגע“; אין בערלין האָט מען אין פאַרזאַמלונגען געהאַלטן פייערדיקע רעדעס וועגן דער „אידישער סכּנה“; מען האָט געזאַמלט טויזנטער אונטערשריפטן פאַר אַ פּעטיציע צום רייכסקאַנצלער ביסמאַרק מיט אַזעלכע פאָדערונגען: מען זאָל ניט אַריינלאָזן אין דייטשלאַנד אידן פון פרעמדע לענדער, מען זאָל ניט צולאָזן אידן צו מלוכה־דינסט, באַזונדערס צו שטעלעס פון לערער אין די שולן. די ליבעראַלע דעפּוטאַטן אין פּרייסישן פּאַרלאַמענט האָבן אין זייערע רעדעס שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַזוינע פאָדערונגען; דאָסזעלבע האָבן געטאָן די בעסטע געלערנטע פון דייטשלאַנד אין זייער אויפרוף (1880). דער

קאַנצלער ביסמאַרק האָט אויף דער אַנטיסעמיטישער פּעטיציע קיין אָפענע תּשובֿה ניט געגעבן, אָבער די רעגירונג האָט שטילערהייט געטאָן דאָס, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן געפאָדערט: זעלטן ווען מען האָט געגעבן אידן אַ שטעלע אין אַ מלוכה־אַמט, באַרימטסטע אידישע געלערנטע פלעגן זעלטן באַקומען אַ פּראָפעסור אין די הויכשולן; אָנגעקומענע פון רוסלאַנד און פוילן פלעגט מען ניט אַריינלאָזן. די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג האָט זיך אַלײן פאַרשטאַרקט; אין רייכסטאַג פלעגן די אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן שטענדיק העצן קעגן אידן אין זייערע רעדעס. עס איז געקומען דערצו, אַז אין דעם „אויפגעקלערטן" דייטשלאַנד האָט מען ווידער באַנייט דעם מיטלאַלטערלעכן עלילת־דם און געמאַכט אַ פּאָר פּראָצעסן וועגן אידישן „ריטואַל־מאָרד" (אין קסאַנטען 1892, אין קאָניץ 1900). די שטימונג ביי אידן איז געפאַלן.

נאָך ערגער איז געווען אין עסטרייך. דאָ האָט זיך די מגפה פון אַנטיסעמיטיזם פאַרשפּרייט אין אַלע פּראָווינצן: עס זיינען געווען דייטשע אַנטיסעמיטן אין ווין, פּוילישע אין גאַליציע, אונגאַרישע אין אונגאַרן. אַ קאַטוילישער פּראָפעסאָר ראָלינג האָט אָפּגעדרוקט אַ גיפטיק בוך: „דער תּלמוד־יודע", וואו ער האָט, אַזוי ווי די גלחים אין מיטלאַלטער, געוואָלט באַווייזן, אַז דער תּלמוד הייסט פיינט האָבן קריסטן און אָנטאָן זיי אַלערליי צרות. דער אידישער דעפּוטאַט פון רייכסראַט, דאָקטאָר יוסף בלאָך, האָט צוגעצויגן ראָלינגן צום געריכט און האָט באַוויזן, אַז יענער פאַרשטייט גאָרניט אין תּלמוד און האָט געבראַכט פון דאָרטן פאַלשע ציטאַטן (1882). דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן, און אין דערזעלביקער צייט האָבן די אַנטיסעמיטן געמאַכט אַ פּראָצעס פון עלילת־דם אין אונגאַרן, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. אין דעם שטעטל טיסאַ־עסלאַר איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ קריסטלעכע דינסטמיידל, און מען האָט געלאָזט אַ קלאַנג, אַז די אָרטיקע אידן האָבן זי געקוילעט צו זייער פּסח. מען האָט איינגערעדט אַ קליין אינגעלע, דעם זון פון אַ אידישן שמש, ער זאָל אויסזאָגן אין געריכט, אַז ער האָט געזען דורך אַ טיר־שפּאַלט אין דער סינאַגאָגע, ווי זיין פאָטער און נאָך אידן האָבן דאָרטן געקוילעט דאָס מיידל. אין לאַנד איז געוואָרן אומרואיק. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פּאָגראָמען אין עטלעכע שטעט, אָבער די אונגאַרישע רעגירונג האָט ניט דערלאָזט

צו ווייטערע אָנפאַלן אויף אידן. נאָך אַ לאַנגן פּראָצעס האָט דאָס געריכט געפונען, אַז אַלע פאַרקלאָגטע אידן זיינען ניט שולדיק, און האָט זיי באַפרייט פון תּפיסה (1884). אין אונגאַרן איז געוואָרן רו-איקער, אָבער אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך, ווין, האָבן זיך די אַנטיסעמיטן אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און האָבן אויסגעוויילט פאַר אַ בירגערמייסטער דעם בייזן אידן-פיינד לועגער, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ סך צָרות די ווינער אידן (1896).

אויף אַ קורצער צייט איז אויך פראַנקרייך פאַרקראָכן אין דעם אַנטיסעמיטישן זומפּ. דאָ האָט געפירט אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע דער זשורנאַליסט דרומאָן, דער מחבר פון אַ ליגנערישן בוך „דאָס אידישע פראַנקרייך" (1886). זיין אַגיטאַציע האָט געהאַט ערפאָלג אין די רעאַקציאָנערע מיליטערישע קרייזן, וואָס האָבן שטענדיק געטראַכט וועגן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד. אין די דאָזיקע קרייזן איז אַריינגעפאַלן אַ אידישער אָפיצער, קאַפּיטאַן דרייפוס, וואָס האָט געדינט אין גענעראַל-שטאַב פון קריגס-מיניסטעריום. איינ-מאָל האָט מען אַנטדעקט, אַז פון דעם גענעראַל-שטאַב האָט עמיץ איבערגעגעבן אַ דייטשן אַגענט געהיימע מיליטערישע פּלענער, וואָס קאָנען שאַדן פראַנקרייך. באַלד האָט מען חושד געווען אין דעם פאַרראַט דעם איינציקן אידן אין גענעראַל-שטאַב, דרייפוסן, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומשולדיק. מען האָט אים תּיכף געמשפּט אין אַ קריגס-געריכט און פאַרשיקט אויף אַ ווילדן אינזל („טייוולס אינזל") אין דרום-אַמעריקע (1894). עס זיינען אָבער געווען מענטשן, און צווישן זיי די בעסטע פון פראַנקרייך, ווי דער באַרימטער שרייבער זאָלאַ, וואָס האָבן זיך דערוואוסט, אַז די אַנטיסעמיטישע אָפיצערן פון גענעראַל-שטאַב האָבן געפעלשט דאָקומענטן, כּדי צו מאַכן אַ בילבול אויף דעם אידישן קאַפּיטאַן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פּרעסע און אין פּאַרלאַמענט אַ קאַמף פאַר איבערקוקן דרייפוסעס פּראָצעס אין אַ נייעם געריכט. עטלעכע יאָר האָט געדויערט דער קאַמף, מען האָט געמוזט דרייפוסן ברענגען קיין פּאַריז צוריק פון דעם „טייוולס אינזל", און ענדלעך האָט מען אויסגעפונען, אַז ער איז געווען אינגאַנצן אומ-שולדיק, און שולדיק אין אַלץ זיינען די אַנטיסעמיטן פון גענעראַל-שטאַב

(1903). נאָך דער מעשה האָט די אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי פאַרלאָרן איר איינפלוס אין פראַנקרייך, און די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך געקענט באַרואיקן.

די פאַרשלעפּטע קריינק פון אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגעמאַכט די גרעסטע צרות אין דעם פיר־מיליאָניקן אידישן צענטר אין ר ו ס ל אַ נ ד. דאָ האָט זי געבראַכט, באַזונדערס אין דרום־טייל פון לאַנד, אין אוקראַינע, צו מאַסן־פּאָגראָמען, אַזוי ווי אין די אַלטע צייטן פון כמעלניצקי און גאָנטע. אין יאָר 1881 האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן יענע פּאָליטישע רעאַקציע, וואָס האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן ביז דער וועלט־מלחמה. דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן רעוואָלוציאָנערן געהרגעט, מיט דער האָפענונג, אַז דערמיט וועט רוסלאַנד באַפרייט ווערן פון דער צאַרישער אַליינהערשאַפט, אָבער עס איז אויסגעקומען גאָר אַנדערש. דער זון פונם געטויטן, אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ד ע ר ד ר י ט ע ר, האָט אָפּגעשאַפט די קליינע פּאָליטישע רעפאָרמעס פון זיין פאָטער און האָט איינגעפירט אַ דעספּאָטישן רעזשים, פון וועלכן עס האָבן באַזונדערס געליטן די אידישע מאַסן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן עכט־רוסישן הערשער און האָט געמיינט, אַז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק האָט פיינט אידן, ווייל אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד. באַלד נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער II האָט מען פונאַנדערגעלאָזן קלאַנגען, אַז דעם גוטן צאַר האָבן געהרגעט אידן און זיין זון האָט ערלויבט זיי צו שלאָגן. אין אַפּריל און מאַי 1881 האָבן גרויסע באַנדעס אוקראַינער און „קאַצאַפּן" (אָנגעפאָרענע אַרבעטער פון גרויס־רוסלאַנד) געמאַכט אַ רייע פּאָגראָמען אין די שטעט יעליסאַוועטגראַד, קיעוו, אָדעס און אין אַ סך קלענערע שטעט און דערפער: מען האָט חרוב געמאַכט אידישע הייזער, צערויבט אידישן פאַרמעגן און אין עטלעכע ערטער אויך געהרגעט מענטשן. די רוסישע אַדמיניסטראַציע האָט זעלטן אָנגענומען מיטלען קעגן די ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס: דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דער שונא ישראל דרענטעלן, האָט רואיק צוגעזען, ווי צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָבן די באַנדעס געווילדעוועט אין קיעוו. אין יאָר 1882 זיינען ווידער פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין באַלטע און נאָך עטלעכע שטעט. די אַלגעמיינע צאָל פּאָגראָמען אין יענע יאָרן איז ד[illegible]רגאַנגען

ביז 150. ערשט אין מאַי 1882 האָט די פּעטערבורגער רעגירונג באַשלאָסן, אַז מען קען שוין ווייטער ניט דערלאָזן „אומאָרדענונגען", און האָט אָנגעזאָגט, אַז זי וועט שטרענג באַשטראָפן פאַר געוואַלד־מעשים, אָבער זי וועט אויפן געזעצלעכן וועג מאַכן אַזוי, אַז אידן זאָלן זיך ניט צו פיל פאַרשטאַרקן אין רוסלאַנד.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה שווערע גזירות. מען האָט פאַרבאָטן אידן באַזעצן זיך אין דערפער און בכלל אויף יעדן שטיקל ערד אויסער די שטעט (די „מאַי־געזעצן" פון 1882). אין די שטעט אָבער האָט מען געלאָזט וואוינען נאָר אין די מערב־געגנטן, אין דער „טשערטאַ", און מען האָט געקוקט מיט זיבן אויגן, אַז אַ איד זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן אין די „רוסישע גובערניעס". מען האָט געטריבן אידן פון פּעטערבורג, מאָסקווע און נאָך שטעט, וואו עס האָבן געהאַט „וואוינרעכט" נאָר פּריווילעגירטע גרופּעס גרויסהענדלער, דיפּלאָמירטע און האַנטווערק־מייסטערס. אין יאָר 1891 האָט אַלעקסאַנדער III געהייסן „אָפּרייניקן" מאָסקווע פון אידן: מען האָט פאַרטריבן טויזנטער משפּחות און געלאָזן נאָר די מיוחסים מיט גרויסהענדלער־פּאַטענטן און מיט אוניווערזיטעט־דיפּלאָמען. כּדי עס זאָל זיך ניט פאַרגרעסערן די צאָל דיפּלאָמירטע, האָט מען געשאַפן אַ „פּראָצענט־נאָרמע" פאַר אידישע קינדער אין מיטל־ און הויכשולן: אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן פלעגט מען צולאָזן ניט מער ווי צען פּראָצענט אידישע תּלמידים. די, וואָס האָבן שוין מיט צרות געענדיקט אַ הויכשול, פלעגט מען ניט צולאָזן צו אַדוואָקאַטור און צו קיין מלוכה־דינסט.

אַזוי האָט זיך אויך געפירט די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן (1894 און ווייטער). מען האָט אָפּגענומען ביי אידן אַלטע פּרנסות (דורך מאָנאָפּאָל פון ווײַן־האַנדל און שײַנקערײַ) און ניט צוגעלאָזט צו נײַע, אַפילו צו ערדאַרבעט, ווייל זיי האָבן ניט געטאָרט וואוינען אין די דערפער. וואו עס איז נאָר געווען מעגלעך האָט מען דעם אידן געדריקט, פאַרפאָלגט, דערנידעריקט. רוסישע אידן האָבן אין די טויזנטער פאַרלאָזט דאָס לאַנד און זיך געלאָזט לויפן אין אַלע עקן פון דער וועלט. שוין באַלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין יאָר 1881—1882 האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע און פּאַלעסטינע.

46. די גרויסע עמיגראַציע: אַמעריקע און פּאַלעסטינע

צוויי וועגן האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר די עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד: אַ ברייטער וועג קיין אַמעריקע און אַ שמאָלער — קיין ארץ־ישׂראל.

אין אַמעריקע האָבן אידן געלעבט כּמעט זינט מען האָט די דאָזיקע נייע וועלט אַנטדעקט. מען זאָגט, אַז עטלעכע שפּאַנישע מאַראַנען האָבן באַגלייט קאָלומבוסן אויף זיין וועג קיין אַמעריקע אין דעם יאָר פֿון גירוש ספֿרד (1492). פֿריער פֿלעגן זיך ספֿרדישע אידן אָדער מאַראַנען באַזעצן אין מיטל־ און דרום־אַמעריקע: אין מעקסיקע, פּערו, בראַזיליע. נאָך די מאַראַנען האָט זיך געיאָגט די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציע און האָט זיי דאָ געברענט; זיינען זיי זיך צעלאָפֿן אין די האָלענדישע און ענגלישע לענדער פֿון צפֿון־אַמעריקע, וווּ זיי האָבן זיך געקאָנט פֿריי אומקערן צום אידנטום. אין 17־טן יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ אידישע קאָלאָניע אין דער שטאָט ניי־אַמסטערדאַם, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען נ י ו ־ י אָ ר ק; שפּעטער האָבן ספֿרדים זיך באַזעצט אויך אין אַנדערע שטעט פֿון צפֿון־אַמעריקע, און ווען עס האָט זיך אין 18־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן דער קריג פֿאַר אומאָפּהענגיקייט קעגן ענגלאַנד (1775), איז שוין דאָרטן געווען אויך אַ גרופּע אַשכּנזים פֿון דייטשלאַנד און פּוילן. אידישע באַנקירן האָבן געהאָלפֿן דעם באַפֿרייער פֿון אַמעריקע וואַשינגטאָן מיט גרויסע קרעדיטן. ווען די ערשטע דרייצען שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע האָבן זיך פֿאַראייניקט אונטער וואַשינגטאָנס פֿירונג און האָבן אַרויסגעלאָזט זייער באַרימטע „דעקלאַראַציע“ (1776), איז דאָרטן געשטאַנען אַ פּונקט, וואָס האָט געזיכערט גלייכע רעכט אַלע בירגער אָן אונטערשייד פֿון גלויבן און פֿאָלק: „ביי קיין מענטשן, וואָס גלויבט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, טאָר מען ניט אָפּנעמען זיינע בירגערלעכע רעכט“. אַזוי האָט די נייע אַמעריקאַנער מלוכה, די רעפּובליק פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פּראָקלאַמירט אויך די אידישע עמאַנסיפּאַציע נאָך מיט 15 יאָר פֿריער איידער די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע.

אין משך פֿון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די איינוואַנדערונג פֿון אַשכּנזים אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אידישע סוחרים פֿון דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן אין אַמעריקע געמאַכט גוטע גע-

שעפּטן און זיינען רייך געוואָרן. נאָך זיי זיינען געקומען פּוילישע און רוסישע אידן, אָבער ניט אין אַ גרויסער צאָל. אינגאַנצן איז געווען אין אַמעריקע אין יאָר 1880 ניט מער ווי אַ פערטל מיליאָן אידן. אַ גרויסע מאַסן־איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין די יאָרן 1881 און 1882, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. טויזנטער אידישע מִשפָּחוֹת פון מִזרח־אייראָפּע — פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע — האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, און פון יאָר צו יאָר איז דער שטראָם פון עמיגראַציע געוואָרן אַלץ שטאַרקער. פריער פלעגן עמיגרירן פון אַלע יענע לענדער ביז דרייסיק טויזנט אידן אַ יאָר, שפּעטער איז אָפט דערגאַנגען ביז הונדערט טויזנט יערלעך. אַזוֹי איז אין מֶשך פון 35 יאָר, ביז דער וועלט־מִלחמה, אויסגעוואַקסן אין צָפון־אַמעריקע איינער פון די גרעסטע אידישע צענטערן — העכער דרַיי מיליאָן מענטשן. חוץ די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אין אַמעריקע געבילדעט קלענערע יִשוּבים: אין קאַנאַדע און אין דער דָרום־אַמעריקאַנישער אַרגענטינע; אין אַרגענטינע האָט דער אידישער פילאַנטראָפּ פון פּאַריז, באַראָן מאָריץ הירש, געקויפט אַ סך פרייע ערד (1892), און עס האָבן זיך דאָרט געגרינדעט גרויסע ערדאַרבעטער־קאָלאָניעס. אַ טייל עמיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן זיך באַזעצט גאָר ווייט: אין דָרום־אַפריקע (יאָהאַנעסבורג, קאַפּשטאַט).

אין פיין און שמערץ איז געבאָרן געוואָרן דער אידישער צענטר אין דער „נייער וועלט“. צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד פלעגן זיך איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן טראָגן גרויסע שיפן מיט אידישע עמיגראַנטן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. אומגליקלעכע מענטשן פלעגן לויפן זוכן גליק אין דער פרייער רעפּובליק — און פיל האָבן געפונען. עס איז אָנגעקומען זייער שווער. דער אָרימער עמיגראַנט, וואָס איז אַראָפּ פון שיף אין ניו־יאָרק, האָט געמוזט אָנהויבן פון די שווערסטע אַרבעטן אין אַ פאַבריק אָדער אין אַ „שוויץ־שאַפּ“ (אַ וואַרשטאַט פאַר פאַרטיקע קליידער, וואו מען פלעגט אַרבעטן טאָג און נאַכט), פון גאַסן־האַנדל (פּעדלעריי) און נאָך אַזעלכע גראָשן־פאַרדינסטן, ביז וואַנען ער האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אויף עפּעס אַ רעכטן געשעפט. מיט דער צייט אָבער איז אַלץ לייכטער געוואָרן פאַר דעם אידישן עמיגראַנט איינצו־אָרדענען זיך אין אַמעריקע, ווייל פיל האָבן שוין דאָ געהאַט קרוֹבים און

פריינד צווישן די פריער אָנגעקומענע, וואָס פלעגן העלפן די נייע, די "גרינע". אין ניו-יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט (פילאַדעלפיע, באָסטאָן, שיקאַגאָ) האָבן זיי געוואוינט צוזאַמען אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. דאָ פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין זייערע קלובן פון

63. אידישע וואנדערער

„לאַנדסלייט", עמיגראַנטן פון איין געגנט (פוילישע, ליטוואַקעס, אוק-ראַינער), דאָ זיינען געווען זייערע „מנינים" און שולן, זייערע צדקה-חברות און אָרגאַניזאַציעס. די אידישע אַרבעטער-מאַסן האָבן זיך פאַר-איייניקט אין פראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן (יוניאָנס). עס האָט זיך געבילדעט

א פאַראייניקונג פאַר קעגנזייטיקער הילף פון אידישע אַרבעטער מיט דעם נאָמען „אַרבעטער-רינג". אין די עמיגראַנטן-קרייזן האָט מען גע-רעדט צווישן זיך אידיש, אַזוי ווי אין דער אַלטער היים, געלייענט צייטונגען אויף אידיש. אין ניו-יאָרק האָבן די גרויסע טעגלעכע צייטונגען „אידישע גאַזעטן", „אידישעס טאַגעבלאַט" און דער סאָציאַליסטישער „פאָרווערטס" געהאַט פיל לייענער. אין דער ליטעראַטור האָבן זיך געמאַכט אַ נאָמען די פּובליציסטן און דיכטער אַב. קאַהאַן, אַ. ליעסין, מאָריס ראָזענפעלד, דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין און פיל אַנדערע. עס האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ אידישע ווּיסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין דער ענגלישער שפּראַך; די ערשטע גרויסע „אידישע ענציקלאָפּעדיע" („דזשואיש ענציקלאָפּעדיא") איז דערשינען אין צוועלף בענד אין ניו-יאָרק (1901—1905).

אין דיזעלביקע יאָרן 1881—1882, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, האָט מען זיך דאָרטן געגרייט צו אַן אַנדער איבערוואַנדערונג, וואָס מען האָט זיך פאָר-געשטעלט ווי אַ מין אויסלייזונג פון גָלות. יונגעלייט און עלטערע מענטשן פון דער אינטעליגענץ האָבן זיך נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אַנטוישט אין זייער האָפענונג אויף אַ פריינדלעכן צוזאַמענלעבן צווישן אידן און קריסטן און האָבן באַשלאָסן, אַז די איינציקע לייזונג פון דער אידן-פראַגע איז פּטור ווערן פון גָלות, אומקערן זיך "אַהיים", קיין א ר ץ - י ש ר א ל, און בויען דאָס חָרובע לאַנד דורך מאָדערנער קאָ-לאָניזאַציע. דעם אַלטן משיחישן געדאַנק אין אַ נייער פאָרם האָבן אַרויסגעזאָגט דער אַמאָליקער רעפאָרמיסט מ. ל. ל י ל י ע נ ב ל ו ם און דאָקטאָר לעאָן פ י נ ס ק ע ר פון אָדעס („אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן", דייטש, בערלין 1882). עס האָט זיך געבילדעט אַ קרייז אידישע סטודענטן און מַשכּילים, מיטן נאָמען „בילו" (ראָשי-תּיבות פון די ווערטער „בית יעקב לכו ונלכה" — אידישע קינדער, לאָמיר אַוועקגיין), וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן איבערוואַנדערן קיין פּאַלעסטינע, באַאַרבעטן דאָרטן די ערד און ווייזן אַ ביישפּיל ווי צו גרינדן נייע קאָלאָניעס פון אידישע פּויערים. די באַגייסטערונג ביי די ערשטע קאָלאָניסטן איז געווען גרויס, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען זייער קליין אין פאַרגלייך מיט זייער ברייטער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. מיט גרויסע שוועריקייטן זיינען

פאַר צוואַנציק יאָר באַשאַפן געוואָרן ביז דרייסיק קאָלאָניעס (ראשון לציון, גדרה, ראָש פינה, זיכרון יעקוב, רחובות א. א.) מיט עטלעכע טויזנט איינוואוינער. מען האָט זיי אויפגעבויט מיט דער הילף פון די „חובבי־ציון" (פריינד פון ציון) אין רוסלאַנד און פון דעם פאַריזער באַראָן עדמאָנד ראָטשילד. די טערקישע רעגירונג האָט זייער גע־שטערט די איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע, אָבער דאָס האָט נישט אָפּ־געשטעלט די הייסע „חובבי־ציון", וואָס זיי איז טייער געווען די אידייע פון אויפלעבן דאָס היסטאָרישע אידישע לאַנד. עס האָט זיך פאַר־גרעסערט די צאָל אידישע איינוואוינער אויך אין די שטעט: ירושָלַים, יָפו, חֵיפה, טבֵריה, צפַת. צו די אַלטע פרומע לייט, וואָס פלעגן קומען כּדי צו פאַרברענגען זייערע לעצטע יאָרן אין הייליקן לאַנד און דאַוונען און קלאָגן אויפן חורבן בֵית־המִקדש, זיינען צוגעקומען מענטשן, וואָס זייער ציל איז געווען אויפבויען די חורבות, אויפלעבן דאָס טויטע לאַנד. אָבער אויך פיל פון די „חובבי־ציון" האָבן פאַרשטאַנען, אַז דורך דער קליינער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וועט דאָס גאַנצע פאָלק נישט אויסגעלייזט ווערן. דער גייסטרייכער פובליציסט אַחַד־הָעם (אָשר גינצבערג) האָט באַוויזן, אַז אין פאַלעסטינע קאָן זיך שאַפן נאָר אַ „גייסטיקער צענטער" פאַר נאַציאָנאַלער קולטור מיט דער אויפ־לעבונג פון דער העבראַישער שפּראַך, אַ צענטער פאַר אידישקייט (יהדות), וואָס קאָן האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויפן אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט (אַחַד־העמס אַרטיקלען געזאַמלט אין זיין הויפּט־ווערק „על פָּרָשַׁת דרָכים").

47. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונג

דער אַנטיסעמיטיזם אין מַערב־אייראָפּע און די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן נישט אָפּגעשוואַכט דאָס אידישע פאָלק, נאָר נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין ווילן צום קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט. אין צוויי ריכטונגען האָט זיך אַנטוויקלט די אויפגעוועקטע ענערגיע פון פאָלק: אין דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר און אין דער ס אָ צ י אַ ל־ר ע וואָ־ ל וצ י אָ נ ע ר ע ר. אָפטמאָל האָבן זיך ביידע ריכטונגען צונויפגעגאָסן אין איינער: נאַציאָנאַל־סאָציאַלער.

די נאַציאָנאַלע ריכטונג האָט זיך צוערשט באַוויזן אין דער פאָרם פון צ י ו נ י ז ם. שוין די ערשטע פירער פון די „חובבֵי־ציון“, ליליענבלום און פינסקער, האָבן אָנגעוואָגט, אַז אידישע צָרות וועלן זיך ניט ענדיקן כּל זמן אידן וועלן לעבן צווישן פרעמדע פעלקער, אָבער דער פּראַקטישער אויספיר פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז געווען אַ קליינע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, וואָס האָט ניט געקענט אַרויספירן פון „גָלות“ אַפילו אַ הונדערט־חלק פון אידישן פאָלק. שפּעטער איז געקומען ט ע אָ ד אָ ר ה ע ר צ ל, אַ ווינער זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם גורל פון זיין פאָלק נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין עסטרייך און אין פראַנקרייך אין דרייפוסעס צייט. ער האָט אויפגענומען דעם געדאַנק פון ציוניזם אין זיין עקסטרעמער פאָרם: אָדער וועט דאָס פאָלק פאַרפאַלן ווערן אין גָלות, אָדער אויפלעבן אין פּאַלעסטינע, ווי אַ פרייע נאַציע אין אַן אייגענעם לאַנד און אַן אייגענער מלוכה. אין יאָר 1896 האָט הערצל אַרויסגעגעבן אַ בוך אין דייטש מיטן נאָמען „יודענשטאַאַט“ (אידישע מלוכה), וואו ער האָט אַנטוויקלט דעם דאָזיקן געדאַנק און פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פון אַן אַלוועלטלעכער אידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שאַפן די פּאָליטישע און פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויסער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. צו דעם באַגייסטערטן ווינער פּובליציסט איז צוגעשטאַנען דער באַרימטער שרייבער מ אַ ק ס נ אָ ר ד וֹ י אין פּאַריז, ביי וועמען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויך אויפגעוועקט דעם אידישן נאַציאָנאַלן געפיל. ביידע האָבן צונויפגערופן אין דער שווייצערישער שטאָט באַזעל דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1897), אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פיל פון די חובבֵי־ציון. דער קאָנגרעס האָט

64. טעאָדאָר הערצל

אָנגענומען אַ באַשלוס: „דער ציוניזם וויל שאַפן אַ פּאָליטיש געזיכערטע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע; צו דעם צוועק איז נויטיק צו באַזעצן דאָס לאַנד מיט אידישע ערדאַרבעטער, האַנטווערקער און אינדוסטריע-טוער, שאַפן אומעטום אידישע אָרגאַניזאַציעס, צו שטאַרקן דעם פאָלקס-באַוואוסטזיין און באַקומען די צושטימונג פון די רעגירונגען צו די צילן פון ציוניזם".

דער „פּאָליטישער ציוניזם" האָט אין אַ קורצער צייט אָנגעצונדן טויזנטער אידישע הערצער אין דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס אין מזרח-אייראָפּע. הערצל האָט געפירט דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיטן טערקישן סולטאַן און מיט פאַרשיידענע מאַכטהאָבער אין אַנדערע לענדער וועגן אָפּגעבן פּאַלעסטינע פאַר אידישער מאַסן-קאָלאָניזאַציע, אָבער ער האָט גאָרנישט דערגרייכט. אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס מען פלעגט צונויפרופן אַלע יאָר, פלעגט ער דערציילן וועגן זיינע האָפענונגען און אַנטוישונגען און פלעגט רופן דאָס פאָלק אין פייערדיקע רעדעס ווייטער צו אַרבעטן, זאַמלען געלט און אָרגאַניזירן זיך פאַר דער גרויסער נאַציאָנאַלער אַקציע. זיבן יאָר האָט זיך הערצל געראַנגלט פאַר זיין הייליקן אידעאַל מיט אויסערלעכע און אינעווייניקסטע שטערונגען, ביז וואַנען עס זיינען אים אויסגעגאַנגען די כוחות: ער איז געשטאָרבן נאָך יונג, אויפן 44-טן יאָר פון זיין לעבן (1904). די אויפגאַבע, וואָס דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך געשטעלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַנטאַסטישער: קריגן אַ הסכם פון סולטאַן און פון די גרויסע מלוכות אויף צו שאַפן אַ אידישע מלוכה אין אַ לאַנד, וואָס געהערט פרעמדע הערשער און פרעמדע פעלקער, איז געווען אוממעגלעך.

די פּאָליטישע ציוניסטן האָבן נאָך ווייטער אויפגעהאַלטן זייער אָרגאַניזאַציע אונטער דער פירונג פון נאָרדוי און אַנדערע פריינד פון הערצלען. עס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער אָרגאַניזאַציע אַ גרופּע „טעריטאָריאַליסטן" מיטן ענגליש-אידישן שרייבער זאַנגוויל אַלס פירער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אויב פּאַלעסטינע קאָן ניט ווערן אַ אידיש לאַנד, מוז מען שאַפן אַזאַ לאַנד ערגעץ וואו אויף אַן אַנדער ניט באַזעצטער אָדער ווייניק באַזעצטער טעריטאָריע. אָבער אויך דער פּלאַן האָט זיך ניט איינגעגעבן. אַזוי איז ווייטער געבליבן ביי דער

קליינער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, וואָס האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל מיט דער גרויסער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, ווי אַ קליין טייכל ביים גרויסן ים. אין ארץ־ישׂראל זיינען צוגעקומען נייע קאָלאָניעס און עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל איינוואוינער אין די שטעט. עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ נייע אידישע שטאָט תּל־אָבִיב ביי יפו, אויפן ברעג ים. די העברעאישע שולן פאַר קינדער האָבן אויפגעבליט, און עס איז געוואַקסן אַ דור, פאַר וועמען די העברעאישע שפּראַך איז שוין געוואָרן אַן אייגענע לעבעדיקע שפּראַך אין הויז און גאַס.

די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט געשאַפן נאָך אַ צווייטע ריכטונג, חוץ דעם ציוניזם, דעם אַוטאָנאָמיזם אָדער פאָלקיזם. די פאָליטישע ציוניסטן האָבן „מבטל געמאַכט דעם גלות", האָבן פאַרגעסן, אַז אפילו נאָך דעם גרעסטן ערפאָלג פון דער פּאַלעסטינע־קאָלאָניזאַציע וועלן מיליאָנען אידן בלייבן אין גלות און וועלן מוזן קעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום. אזא קאַמף האָט דאָס פאָלק געפירט צוויי טויזנט יאָר און איצט דאַרף מען אים נאָר צופּאַסן צו די נייע לעבנספאָרמען. אויב אַמאָל האָט זיך דאָס פאָלק געהאַלטן דערמיט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעצוימט פון דער גאַנצער וועלט מיט אַ צוים פון רעליגיעזע מנהגים, דאַרף מען איצטער, ווען די גאַנצע וועלט איז געוואָרן נים אזוי פרום, אויסנוצן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע קרעפטן, וואָס זיינען פריער געלעגן פאַרבאָרגן אונטער דעם מאַנטל פון רעליגיע: אָפּהיטן די אַוטאָנאָמיע (זעלבסטפאַרוואַלטונג) פון אידישע קהילות, די אידישע פאָלק־שפּראַך, אויף וועלכער עס ריידן מער ווי אַ העלפט פון אידישן פאָלק, שאַפן שולן און ליטעראַטור אין דער שפּראַך, — קורץ: אַרויס־טרעטן ווי טיילן פון אַ אידישער נאַציע, וואָס פאָדערן פאַר זיך אין יעדן לאַנד נים נאָר בירגער־רעכט, נאָר אויך נאַציאָנאַל־קולטורעלע פרייהייט, אַוטאָנאָמיע. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז אָנגענומען גע־וואָרן פון דער אידישער „פאָלקספּאַרטיי" און אַנדערע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט שטאַרק געווירקט אויף דער קולטור פון די „גלות־לענדער". דאָ האָט זיך געשאַפן אַן אמתער קולטור־רענעסאַנס, אַן אויפבלי אין דיכטונג און אַנדערע צווייגן פון דער ליטעראַטור. אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָבן פאַרנומען

65. מענדעלע מוכר ספרים



66. אַחַד־הָעָם

67. יצחק־לייבוש פרץ

דעם אויבנאָן דער דענקער אַחד־העם און דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק. ביי ביידן זיינען דער אַמאָל און הײַנט פון אידישן פאָלק צונויפגעגאָסן אין אַ האַרמאָנישער איינהייט; דאָס איז דורך און דורך אַ נאַציאָנאַלער וועלט־באַנעם אין דענקען און פילן. ביידע האָבן אויפגעהויבן דעם מאָדערנעם העברעאישן סטיל צו דער העכסטער מדרגה סיי אין פּראָזע סיי אין פּאָעזיע. אין דערזעלביקער צייט האָט אויפגעלעבט די ליטעראַטור אין דער פאָלק־שפּראַך: אידיש. מענדעלע מוכר־ספרים האָט באַרייכערט ביידע שפּראַכן, אויף וועלכע ער האָט געשריבן. זיין גרויסע דערציילונג „דער ווינשפינגערל" (העברעאיש „בעמק הבכה") גיט אַ פּלאַסטיש בילד פון אידישן פאָלקס־לעבן אין 19־טן יאָרהונדערט. מענדעלע, „דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור", האָט געהאַט זייער באַגאַבטע אייניקלעך. דער הומאָריסט שלום־עליכם (שלום ראַבינאָוויטש) האָט געמאָלן די קאָמישע זייט פון אידישן לעבן אַזוי, אַז מען האָט געמוזט לאַכן דורך טרערן, ווייל אין תוך איז דאָס בילד געווען טיף טראַגיש. יצחק־ליבוש פּרץ האָט אָנגעהויבן מיט רעאַליסטישע דערציילונגען פון אידישן לעבן אין פּוילן און געענדיקט מיט שיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואו ער האָט אַריינגעבראַכט חסידישע שטימונגען. אין דער אידישער ליטעראַטור אויף רוסיש האָבן באַצויבערט דעם יונגן דור די לידער פון שמעון פרוג, וואָס האָט נאָך אין די

68. שלום עליכם

ערשטע פּאָגראָם־יאָרן באַזונגען דעם „אידישן שמערץ". פרוג האָט אויך געשריבן שיינע לידער אין אידיש. עם זיינען אויסגעוואַקסן נאָך שרייבער אויף אַנדערע געביטן. ס'איז אויסגעוואַקסן די צייטונגס־ליטעראַטור: די העברעאישע טאָג־בלעטער „המליץ" און „הצפירה", די אידישע „פריינד" און „היינט", די רוסישע וואָכנבלעטער „וואָסכאָד", „ראַזסוועט" און אַנדערע.

גלייכצייטיק מיט דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז געוואַקסן די

סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע. אין דעמזעלביקן יאָר, ווען אין באַזעל איז באַשאַפן געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אין ווילנע געגרינדעט אַ געהיימע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", קורץ — „בונד" (1897). דער „בונד" האָט געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין דער אידישער מאַסע אין איר שפּראַך, אידיש, און צוערשט איז דאָס געווען דער איינציקער נאַציאָנאַלער סימן פון דער נייער פּאַרטיי; אָבער שפּעטער האָט דער „בונד" אָנערקענט, אַז אידן זיינען אַ נאַציע, וואָס מוז קעמפן ניט אַליין פאַר בירגערלעכע און פּאָליטישע, נאָר אויך פאַר אירע נאַציאָנאַלע רעכט. חוץ דעם „בונד" האָבן זיך געשאַפן געמישטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די „פּועלי־ציון" און „ציוניסטן־סאָציאַליסטן". אָן אָפענעם קאַמף קעגן דער רוסישער רעגירונג האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען געפירט באַזונדערס אין דער רעוואָלוציע פון 1905. אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אָנטייל גענומען אויך אין דער רוסישער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי" און „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי", אין סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס, אַרבעטער־שטרייקן און טעראָריסטישע אַקטן קעגן די הערשער פון צאַרישן רוסלאַנד.

די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט געקעמפט מיט פייער און שווערד קעגן די „בונטאַרעס", איז געווען באַזונדערס בייז אויף אידישע רעוואָלוציאָנערן און האָט זיך דערפאַר נוקם געווען אָן דער גאַנצער אידישער מאַסע. אין יאָר 1903 האָט זי דערלאָזט צו צוויי בלוטיקע פּאָגראָמען אויף אידן אין קישינעוו און האָמעל. די אידישע מאַסע און די אינטעליגענץ האָבן דערויף געענטפערט מיט אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אין דער רעוואָלוציע פון 1905. אויך די מעסיקע רוסישע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער רעגירונג, זיינען געווען פול מיט אידן (ווינאַווער איז געווען איינער פון די בעסטע פירער פון דער ליבעראַלער „קאַדעטישער" פּאַרטיי). עס האָט זיך געבילדעט אַ „פאַרבאַנד צו דערגרייכן פולבאַרעכטיקונג פאַרן אידישן פאָלק אין רוסלאַנד", וואָס האָט זיך געשטעלט אַזאַ ציל: „פאַרווירקלעכן אין פולער מאָס בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון אידישן פאָלק". די צווייטע רעגירונג האָט ווידער גע־

ענטפערט אויף אַלע אידישע פאָדערונגען מיט פּאָגראָמען, וואָס עס האָבן געמאַכט אירע אָנהענגער, די אַנטיסעמיטישע „שוואַרצע מאות" („פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק"). באַלד נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע האָט געצווּנגען ניקאָלאַיען אַרויסצוגעבן דעם פרייהייט-מאַניפעסט פון אָקטאָבער 1905, האָבן די רוסישע „שוואַרצע מאות" געמאַכט אין איין וואָך זעקס הונדערט פאָגראָמען אויף אידן אין אוקראַינע און אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד. אין דער צייט פון דעם ערשטן רוסישן פּאַרלאַמענט, דער „דומע", וואו עס זיינען געזעסן צוועלף אידישע דעפּוטאַטן, האָט די רעגירונג דערלאָזט צו אַ בלוטיקן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק (1906). די דומע האָט דער צאַר צעטריבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע רעאַקציע, וואָס האָט געדויערט צען יאָר ביזן סוף פון דער וועלט-מלחמה. נאָך קורץ פאַר דער מלחמה האָט די רעגירונג צוגעלאָזט אין קיעוו אַ בלוט-בילבול אויף אידן: די „שוואַרצע מאות" האָבן באַשולדיקט איינעם אַ אידן מענדל ביילים, אַז ער האָט געהרגעט אַ רוסישן אינגל כדי צו באַנוצן זיין בלוט צו פסח, אַזוי ווי אין פינסטערן מיטלאַלטער. דער פּראָצעס האָט זיך געפירט מער ווי צוויי יאָר און האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין דער וועלט, ביז מען האָט דעם אומשולדיקן ביילים באַפרייט (1913).

---

48. דער וועלט-קריג, די רוסישע רעוואָלוציע און דער בירגער-קריג

פון דעם אומגליקלעכן יאָר 1914, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער וועלט-קריג, ציט זיך אין לעבן פון די מזרח-אייראָפּעאישע אידן אַ קייט פון קאַטאַסטראָפעס, וואָס דערמאָנען אָן די ערגסטע צייטן פון דער אידישער געשיכטע. גרוים איז געווען די טראַגעדיע, ווען די פאַרפאָלגטע רוסישע אידן האָבן געמוזט שיקן הונדערטער טויזנטער זייערע קינדער אויפן פראָנט, כדי זיי זאָלן אוועקגעבן דאָס לעבן פאַר דעם „פאָטערלאַנד", וואו מען האָט זיי שטענדיק געפּייניקט מיט גזירות און פּאָגראָמען. נאָך טראַגישער איז געוואָרן די לאַגע אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה, ווען דעם צאַרס קאָמאַנדירן האָבן מיט שרעקלעכער אכזריות געטריבן אַלע אידישע איינוואוינער מיט ווייב

און קינד פון די שטעט, וואָס זיינען געווען נאָענט צום דייטשן פראָנט, ווייל מען האָט אידן חושד געווען, אַז זיי ווילן העלפן דעם פיינד. גאַנצע אידישע קהילות האָט מען פאַרטריבן פון פוילישע שטעט אין וואַר־שעווער גובערניע, דערנאָך פון קאָוונע און אַ גרויסן טייל ליטע. די

69. אידישע היימלאָזע, ארויסגעטריבענע פונם פראָנט־געביט

פאַרטריבענע האָט מען געשליידערט פון שטאָט צו שטאָט און דערנאָך פאַרשיקט אין טיף־רוסלאַנד (1915). ביי פיל קהילות האָט מען גענומען ערבות־לייט, „זאַלאָזשניקעס", רבנים און חשובע מענטשן, מיט דער וואָרנונג, אַז מען וועט זיי דערשיסן, אויב עס וועט זיך טרעפן אַן אומגליק מיט דער רוסישער אַרמיי אין יענער געגנט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די הערצער פון די פאַרפייניקטע מאַסן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ ברענענדיקע שינאָה צום צאַרישן רעזשים, און ווען אין פעברואַר־מערץ פון יאָר 1917 האָט אויסגעבראָכן די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע, האָבן זיך אידן מיט באַגייסטערונג אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג. פון אָנהויב איז אַלץ געגאַנגען גוט: דער דער־

שראָקענער ניקאָלאַי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון טראָן, די צייטווייליקע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אַ גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג צו פּראָקלאַמירן אַ רעפּובליק אין רוסלאַנד, אָבער נאָך פֿריער האָט זי אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פֿאַר אַלע בירגער: אידן האָבן באַקומען אַלע בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט (22 מערץ — 4 אַפּריל 1917). דאָס איז געווען די „דריטע עמאַנסיפּאַציע" אין דער נייסטער געשיכטע, וואָס האָט אָנערקענט די פֿרייהייט ניט נאָר פֿון דעם איינצלנעם אידן, נאָר אויך פֿון דעם אידישן פֿאָלק (נאַציאָנאַלע רעכט).

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען דעם גרעסטן אידישן צענטר אין דער וועלט קומען צו רו און צו אַ נייעם פֿרייען לעבן. די וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך געצויגן, און אין לאַנד האָט זיך צעפֿלאַקערט די מלחמה צווישן די פּאַרטייען. די באָלשעוויקעס אונטער דער פֿירונג פֿון לענין און טראָצקי (לעוו טראָצקי איז געווען אַן אַסימילירטער איד) האָבן נאָך אַ לאַנגן קאַמף פֿאַרכאַפּט די מאַכט (די אָקטאָבער־איבערקערעניש 1917) און האָבן פּראָקלאַמירט אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק. זיי האָבן אַרויסגעצויגן רוסלאַנד פֿון דער וועלט־מלחמה און אָנשטאָט דעם אויפֿגעהויבן אַן אינווייניקסטן קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט געבראַכט צו אַ בירגער־קריג. די גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג, וואָס האָט געזאָלט אויסדריקן דעם ווילן פֿון גאַנצן פֿאָלק, האָבן די באָלשעוויקעס צעטריבן און געשאַפֿן אַ פּאַרלאַמענט פֿון סאָוועטן, וואו עס האָט געהערשט די באָלשעוויסטישע אָדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צעפֿאַלן פֿון רוסלאַנד אויף פֿאַרשיידענע מלוכות. אויסער פּוילן, פֿינלאַנד און שפּעטער די באַלטישע לענדער (לעטלאַנד, עסטלאַנד, ליטע) האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דער סאָוועט־רעפּובליק אויך אוקראַינע, וואו עס האָט געלעבט די גרעסטע העלפֿט אידן פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד. אוקראַינע איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה מיט דער הויפּט־שטאָט קיעוו. צווישן קיעוו און מאָסקווע, דער רעזידענץ פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג, האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ לאַנגער קריג (1918—1920). די באָלשעוויסטישע „רויטע אַרמיי" האָט זיך אַריינגעריסן אין אוקראַינע, אָבער זי האָט געמוזט אָפּטרעטן פֿאַר די אוקראַינישע פֿאָלקן, צווישן וועלכע אייניקע האָבן זיך גערופֿן „כמעלניצקים

פאָלק", „גאַנטעס פאָלק" און האָבן דערמאָנט דעם אידן וועגן די אַמאָליקע בלוטיקע יאָרן. און עס איז טאַקע געקומען אַ צייט, וואָס איז געווען נים ווייניקער שרעקלעך ווי יענע ווילדע צייטן. דער פירער פון דער אוקראַינישער רעגירונג פעטליורע האָט געגעבן פולע פרייהייט דער נייער הײדאַמאַקישער אַרמיי, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען ווילדע באַנדעס מיט קאָזאַקישע „אַטאַמאַנען", וואָס האָבן געוואוסט נאָר פון איין זאַך: אויסראָטן באָלשעוויקעס און אידן.

דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ יאָר פון שרעקלעכע שחיטות אין פיל הונדערטער קהילות. אין דער פאָדאָליער שטאָט פּראָסקוראָוו זיינען הײדאַמאַקעס געגאַנגען פון הויז צו הויז און געהאַקט אידישע קעפּ; 1500 הרוגים האָט מען מקבר געווען אויפן אידישן בית-עולם. אַזעלכע הריגות זיינען פאָרגעקומען נאָך אין אַ סך שטעט (זשיטאָמיר, פאַסטאָוו, טשערקאַס, טעטיעוו, טולטשין, אומאַן און אַנדערע), אין דער זעל-ביקער געגנט, וואו עס האָט זיך געגאָסן אידיש בלוט אין 17-טן און 18-טן יאָרהונדערט... צו די צרות פון די „פעטליוראָווצעס" זיינען צוגעקומען נאָך די פּאָגראָמען פון דער אַנטי-באָלשעוויסטישער „ווייסער

70. נאָך אַ פּאָגראָם אין אוקראַינע 1919; אויפן בית-עולם

אַרמיי״ אונטער דער פירונג פון רוסישן גענעראַל דעניקין, וואָס האָט זיך דורך אוקראַינע גערוקט צו מאָסקווע. אויפן וועג האָבן די „ווייסע״ געקוילעט אידן און גערויבט זייערע הייזער, האַלטנדיק, אַז אַלע אידן זיינען באָלשעוויקעס. שפּעטער איז געקומען די באָלשעוויסטישע „רויטע אַרמיי״ און האָט צעשלאָגן ביידע אַרמייען, די „פּעטלוראָווצעס״ און די „דעניקינצעס״. זי האָט געראַטעוועט די אידן פון טויט, אָבער ניט פון הונגער און ביטערער נויט. אוקראַינע האָט זיך ווידער פאַראייניקט מיט גרויס־רוסלאַנד און איז געוואָרן „סאָוועטיש״; ביי דעם מיטעלן קלאַס, צו וועמען עס האָט געהערט די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, האָט מען אָפּגענומען אַלע אַלטע קוואַלן פון פּרנסה און אַפילו די בירגער־רעכט, ווייל לויטן סאָוועטישן געזעץ האָבן בירגער־רעכט נאָר מענטשן פון אַרבעטער־קלאַס.

49. די אידישע וועלט נאָך דעם וועלט-קריג.

דאָס בילד פון אייראָפּע נאָך דעם וועלט־קריג האָט זיך פאַרענדערט. עס זיינען זיך צעפאַלן אַלטע מלוכות און צוגעקומען נייע. דער פרידן־טראַקטאַט פון ווערסאַל (1919) האָט אָנערקענט די פאָלגנדיקע נייע מלוכות, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַמאָליקן רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן: די רעפּובליק פּוילן מיט דריי מיליאָן אידן, ליטע מיט 150.000, לעטלאַנד מיט 100.000, עסטלאַנד מיט 5.000, טשעכאָ־סלאָוואַקיע מיט 350.000, דייטש־עסטרייך מיט 225.000. דאָס קיניגרייך־רומעניע, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געדריקט איר אידישע באַפעל־קערונג אַזוי ווי רוסלאַנד, האָט אָפּגענומען אַ גרויסע טעריטאָריע ביי אונגאַרן און ביי רוסלאַנד (בעסאַראַביע) און האָט איינגעצן אַ מיליאָן אידן; אין אונגאַרן איז געבליבן אַ האַלבער מיליאָן אידן. לויט די פרידן־טראַקטאַטן האָבן כמעט אַלע נייע מלוכות גענומען אויף זיך אַ התחייבות אָנערקענען די בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פון זייערע „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן״, ד. ה. פון די קלענערע פעלקער, וואָס לעבן אין לאַנד, צווישן זיי אויך פון דער אידישער באַפעלקערונג. פאָרמעל האָבן דאָס די רעגירונגען געמאַכט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זיינען נאָך אידן ווייט ניט אומעטום פּטור געוואָרן פון די אַלטע צרות.

אין פּוילן האָבן אידן לויט דער קאָנסטיטוציע אַלע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט: זיי האָבן אין פּאַרלאַמענט (סיים) זייערע דעפּוטאַטן, וואָס זיינען צום גרעסטן טייל פאַראייניקט אין אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער פראַקציע,

כדי געמיינזאַם צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אידישער מינדערהייט. אָבער דאָס אַליין האָט ניט פאַרבעסערט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די פוילישע אידן. עקאָנאָמיש איז בכלל די לאַגע ערגער געוואָרן, ווייל פוילן איז אָפּגעשניטן פון גרויסן רוסישן מאַרק, וואו זי פלעגט אַמאָל פאַר־קויפן אירע פּראָדוקטן און פאַבריקאַטן הויפּטזעכלעך דורך אידישע פאַר־מיטלער. די אידישע פרנסות אין פוילן זיינען געבליבן די אַלטע; צו נייע פּראָפעסיעס לאָזט מען דעם אידן ניט צו: מען גיט אים ניט קיין שטעלע אין אַ מלוכה־אַמט, טויזנטער אידן מיט הויכשול־בילדונג געפינען ניט קיין אַרבעט. האַנדל און האַנטווערק זיינען געפאַלן. די מלוכה־שטייערן נעמען אָפּ ביי דעם סוחר און בעל־מלאָכה אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרדינסט. דער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך גענוג שטאַרק אין דער פוילישער געזעלשאַפט. די שווערע אויסערלעכע לאַגע פאַרשאַרפט דעם קאַמף פון פּאַרטייען אין דער אידישער מאַסע: די שטאָק־פרומע „אגודת־ישראל" און די ציוניסטן, די „בונדיסטן", די „פּועלי־ציון" און די „רויטע" אָדער קאָמוניסטן — פירן צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף. עס גייט נאָך איצט דער קולטור־שטרייט צווישן העברעאיסטן און אידישיסטן. און דאָך ווערט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון ווירטשאַפט און קולטור. מען שאַפט פאַרשיידענע חברות צו פאַרגרינגערן די עקאָנאָמישע נויט, קאָאָפּעראַטיוון און קרעדיט־קאַסעס פאַר אַרבעטער און הענדלער; מען גרינדעט שולן פאַר האַנטווערק און אַלגעמיי־נע שולן מיט דער אידישער אָדער העברעאישער לערנשפּראַך און נאָך אַנ־דערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. די ליטעראַטור אין דער פאָלק־שפּראַך וואַקסט; באַזונדערס איז אויסגעוואַקסן די אידישע פּרעסע אין וואַרשע און אַנדערע שטעט.

אַזוי איז אויך די לאַגע אין די קליינע באַלטישע מלוכות: ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד. אין ליטע האָט מען פון אָנהויב געגעבן אידן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין דער פאָרם פון אַ אידישן מיניסטעריום און אַ נאַציאָנאַל־ראַט אין קאָוונע (1920); שפּעטער האָט מען דאָס אָפּגענומען, ווייל ליטע האָט ציטווייליק אָפּגעשאַפן דעם גאַנצן פּאַרלאַמענטאַרישן רע־זשים; אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע איז דאָ ניט אַזוי שלעכט ווי אין פוילן. אויך די קולטור־אויטאָנאָמיע איז געבליבן. שולן מיט דער אידישער אָדער העברעאישער לערנשפּראַך זיינען דאָ פיל מער, ווי מיט דער מלוכה־שפּראַך, דער ליטווישער. אין דער הויפּטשטאָט קאָוונע (קאַאונאַס) גייען אַרויס עט־לעכע אידישע צייטונגען און שפּילט אַ אידישער טעאַטער.

אין לעטלאַנד איז די אידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אפיציעל

אנטרקענט. לויט דער פאלקסצײלונג פון 1935-טן יאָר לעבן אין לעטלאַנד 93479 איד, וואָס באַטרעפט 4,79 פראָצ. פון דער אַלגע־מײנער באפעלקערונג. איד לעבן גרעסטנטײל אין די שטעט און שטעט־לעך און זײנען דער עיקר קאָנצענטרירט אין דער הויפטשטאָט ריגע, ווו ס'לעבן 42.328 אידן. די יידישע באפעלקערונג באשעפטיקט זיך הויפטזעכלעך מיט האנדל און מלאכה.

דאָ איז דער שפּראַכן־קאַמף געווען שאַרפער ווי אין ליטע, ווײל מיט בײדע אידישע שפּראַכן האָבן קאָנקורירט נאָך צוויי פרעמדע שפּראַכן (רוס'ש און דײטש) און די לעטישע מלוכה שפּראַך. דאָך האָט די נאַציאָ־נאַלע באַוועגונג געבראַכט דערצו, אַז אין דעם גרעסטן טײל אידישע פאָלקס־שולן לערנט מע אַלע לימודים אף אידיש אָדער העברעיש.

אין דער גאָר קלײנער באַלטישער מלוכה עסטלאַנד האָט די אידישע מינדערהײט פון פינף טויזנט נפשות באַקומען אַ ברײטע אַווטאָנאָ־מיע פאַר די קהילות און שולן. אַ אידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין דער הויפטשטאָט רעוואַל (טאַלין) פירט אָן מיט אַלע געזעלשאַפטליכע ענינים פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אַזוי זײנען נאָך דער מלחמה מער ווי דרײ מיליאָן אידן פונם אַמאָ־ליקן רוסלאַנד געוואָרן בירגער פון פיר קלענערע מלוכות, דעמאָקראַטישע רעפּובליקן. צוויי מיט אַ האַלב מיליאָן זײנען געבליבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו אַנשטאָט דעמאָקראַטיע (פאָלקס־הערשאַפט) האָט זיך פאַרשטאַרקט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, די הערשאַפט פון דער קאָמו־ניסטישער פאַרטײ. די גלײכבאַרעכטיקונג פון דער אידישער באַפעלקערונג איז דאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלן און פּאָלי־טישן לעבן. גרויסע אידישע מאַסן, וואָס האָבן פריער געלעבט פון האַנדל אָדער האַנטווערק, זײנען אַרײנגעצויגן געוואָרן אין פאַבריק־אַרבעט, קלענערע מאַסן — אין ערד־אַרבעט, אין די אידישע קאָלאָניעס פון אוקראַינע, קרים און אַנדערע ערטער. צום ערשטן מאָל האָבן אידן אין אַ גרויסער צאָל פאַרנומען פאַרשידענע שטעלעס אין מלוכה־דינסט. ווי אַלע אַנדערע פעל־קער האָבן אידן אויך רעכט אויף אײגענע שולן אין זײער לעבעדיקער שפּראַך, אידיש, און הונדערטער אַזעלכע שולן (מיט אַ קאָמוניסטישער פּראָגראַם) עקזיסטירן אין יענע געגנטן, וואו די אידישע שפּראַך איז נאָך ניט אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער רוסישער. אָבער דער גאַנצער איי־בערבוי פונם לעבן אף קאָמוניסטישע יסודות האָט געבראַכט דער אידישער באַפעלקערונג נאָך מער צרות, ווי דער רוסישער, ווײל בײ אידן איז דער מיטלשטאַנד פון הענדלער און האַנטווערקער געווען גרעסער ווי בײ רוסן,

און גראָד דער דאָזיקער קלאַס איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן אין סאָ־וועט־רוסלאַנד. דער איבערגאַנג צו אַ נייער אָרדנונג איז געווען אַ פּיינלע־כער, אַ בלוטיקער. דערווייל האָט אויך די נייע אָרדענונג ניט געבראַכט גליק אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג: מען הונגערט, מען ליידט שרעק־לעכע נויט. די גייסטיקע נייט איז פאַר אַ סך מענטשן נאָך שווערער, ווי די מאַטעריעלע. אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, חוץ דער קאָמוניסטישער, זיינען פאַרבאָטן: מען טאָר ניט דענקען, ריידן און טאָן אַנדערש, ווי עס הייסט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. רוסלאַנד האָט זיך צוגערשט אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. און דאָס רוסישע אידנטום איז דערווייל אָפּגעשניטן פון דער איבע־ריקער אידישער וועלט.

גאָר מיט אַן אַנדער וועג איז אין די יאָרן נאָכן וועלט־קריג געגאַנגען דייטשלאַנד. צוערשט איז עס געוואָרן אַ פרייע דעמאָקראַטישע רע־פּובליק, וואו די זעקס הונדערט טויזנט אידן האָבן זיך געפילט ווי פולבאַ־רעכטיקטע בירגער. אפילו די נייע קאָנסטיטוציע פון דער דייטשער רע־פּובליק (די ווייםאַרער קאָנסטיטוציע) האָט פאַרפאַסט אַ אידישער דעמאָ־קראַט, הוגאָ פּרייס. אַ סך הויכגעבילדעטע אידן האָבן פאַרנומען מלוכה־שטעלעס; עס זיינען געווען אויך אַ פּאָר אידישע מיניסטאָרן. איינער פון זיי, וואַלטער ראַטענוי, האָט אָנגעפירט מיט דער אויסן־פּאָליטיק אין די ערשטע יאָרן פון דער נייער רעפּובליק; אָבער די אַנטיסעמיטן און רע־אַקציאָנערן האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז אַ איד זאָל זיין איינער פון דייטשלאַנדס הערשער, און זיי האָבן אונטערגעשיקט מערדער, וואָס האָבן אים דערשאָסן (1922). דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון דער באַנייטער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. פונדעסטוועגן האָט נאָך געדויערט צען יאָר ביז וואַנען די פינסטערע כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט זיינען געקומען צו דער מאַכט. די דעמאָקראַטישע רעפּובליק האָט געקעמפט פאַר איר קיום און אַלע אידן — אי דייטשע אי אויסלענדישע — האָבן גע־גלויבט, אַז אין דעם לאַנד פון הויכער קולטור וועט צו אַ רעאַקציע ניט קומען, און דאָך איז זי געקומען, און אין אַ שרעקלעכער פאָרם.

יאָרנלאַנג איז געוואַקסן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געגעבן אַ נאָמען „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי", אָבער איז גאָר ווייט סיי פון ריינעם נאַציאָנאַליזם, סיי פון ערלעכן סאָציאַליזם. איר פירער איז געוואָרן אַ געוועזענער עסטרייכיש־דייטשער סאָלדאַט אַדאָלף היטלער, וואָס האָט זיך שטענדיק געטראָגן מיט דעם געדאַנק, אַז דייטש־

לאַנד דאַרף נעמען נקמה (רעוואַנש) פאַר דעם פאַרלאָרענעם קריג און ווערן ווידער א מיליטערישע-מאַכט. ער איז נעווען א פייערדיקער אַנטיסעמיט און האָט געפּרעדיגט, אַז אידן געהערן צו א נידעריקער ראַסע און פאַרדאַרבן די חעברע און ריינסטע אַרישע ראַסע, צו וועלכער עס געהערן די דייטשן; בכן דאַרף מען אַלע אידן אַזוי פאַרביטערן דאס לעבן, אַז זיי זאָלן מוזן אוועקגיין פון דייטשלאַנד. די שטאַרקע אַגיטאַציע פון היטלערן און זיין חברה האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג אין די לעצטע יאָרן פון עקאָנאָמישן קריזיס, צווישן מיליאָנען אַרבעטסלאָזע מענטשן, וואָס די אַגיטאַטאָרן האָבן זיי צוגעזאָגט די גרעסטע גליקן באַלד ווי היטלער וועט ווערן דער הערשער פון דייטשלאַנד און וועט פאַרטרייבן פון דאָרט אַלע אידן. די „נאַצים" (נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן) האָבן באַזונגען אין זייערע לידער די צייט, ווען עס וועט „דאס יודנבלוט פאָם מעסער שפּריצען", און האָבן געשריען אין די גאַסן: „דייטשלאַנד ערוואַכע, יודא פערעקע!" (דער איד זאל פּייגערן). עטלעכע מאָל האָבן זיי געפּרובט מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן.

ענדליך זיינען די היטלער-לייט געקומען צו דער מאַכט. אין יאַנואַר 1933 איז היטלער געוואָרן רייכסקאַנצלער (ערשטער מיניסטער) און געמאַכט זיינע חברה-לייט פאַר מיניסטאָרן. די נייע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט די פרייע רעפּובליקאַנישע אָרדנונג און אויפגעשטעלט א דיקטאַטור פון דער נאַצישער פּאַרטיי. אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, חוץ דער הערשנדער, זיינען פאַרבאָטן, דער רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט) פאַנאַנדערגעלאָזט, טויזנטער סאָציאַל-דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן פאַרשפּאַרט אין תפיסות אָדער קאָנצענטראַציאָנס-לאַגערן. באַזונדערס שרעקלעך פּייניגט מען די אידישע באַפעלקערונג. ביי אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, פּראָפעסאָרן נעמט מען אָפּ די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און פאַרדינען; אַלע אידישע באַאַמטע, אפילו געשמדטע, זאָגט מען אָפּ פון מלוכה-דינסט; קעגן אידישע הענדלער רופט מען צו באָיקאָט, מען זאָל ביי זיי ניט קויפן. אויסער דעם קומען אָפט פאָר שטילע פּאָגראָמען: מען שלאָגט אידן מער אין די הייזער, ווי אין די גאַסן. טויזנטער אידן אנטלויפן פון דייטשלאַנד אין אַנדערע לענדער און דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין היטלערס מלוכה. די אידן אין דער גאַנצער וועלט נעמען צום האַרצן די צרות פון זייערע געיאָגטע ברידער, פּראָטעסטירן קעגן די רדיפות און פאָדערן שוץ ביים פעלקערבינד.

איין האָפענונג האָט געוואַרעמט פיל הערצער אין דער שווערער נאָך-מלחמה צייט: די נייע ווענדונג אין צ י ו נ י ז ם. נאָך פאַרן סוף פון דער

מלחמה האָט דער ענגלישער אויסן־מיניסטער באַלפור אין נאָמען פון דער רעגירונג צוגעזאָגט אין זיין „דעקלאַראַציע“, אַז ווען די ענגלישע אַרמיי וועט באַפרייען פאַלעסטינע פון די טערקן, וועט מען זאָרגן וועגן אַ „נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן פאָלק“ אין זיין אַלטן לאַנד. דאָס האָט געקלונגען כמעט ווי אַ משיח־אָנזאָג. אידישע לעגיאָנערן זיינען אריין אין דער ענגלישער אַרמיי צו העלפן איר אין דעם „באַפרייאונגס־קריג“. ווען די גוטע שעה איז שוין געקומען און די ענגלענדער האָבן אָקופּירט פאַלעסטינע, האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן עמיגראַנטישע מאַסן, אָבער דאָס חרובע לאַנד האָט געקענט אויפנעמען נאָר קליינע גרופּעס פאַרמעגלעכע לייט און „חלוצים“, אַרבעטער־פּיאָנערן. די אידישע האָפענונגען אויף אַ „נאַציאָנאַלער היים“ האָבן אויפגעבראַכט די פאַלעסטינישע אַראַבער, וואָס האָבן געמיינט, אַז אידן קומען אָפּנעמען ביי זיי דאָס לאַנד. אין אַפּריל 1920 האָבן אַראַבער אין די גאַסן פון ירושלים געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָנפאַלן אויף אידן; אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי שוין געמאַכט אַ פּאָגראָם אין יפו (דערביי איז דערהרגעט געוואָרן דער אידישער דיכטער ברענער און נאָך צוויי שרייבער). דער ענגלישער אויבער־קאָמיסאַר פון פאַלעסטינע סאַמיועל (אַ איד), האָט אפילו ניט געוואַגט שטרענג צו באַשטראָפן די פּאָגראָמשטשיקעס, כדי נאָכמער ניט צערייצן די אַראַבער. נאָכדעם ווי דער „פעלקער־בונד“ האָט געגעבן ענגלאַנד אַ „מאַנדאַט“ אויף דער פאַרוואַלטונג פון פאַלעסטינע און האָט באַשטעטיקט די באַלפור־דעקלאַראַציע וועגן אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים, האָט זיך די איינוואַנדערונג, די „עליה“, פאַרשטאַרקט. עס זיינען אַריין אין לאַנד אי רייכע קאַפּיטאַליסטן אי חלוצישע אַרבעטער, הענדלער און אינטעליגענץ. מען האָט געבויט שטעט און קאָלאָניעס. די פאָרשטאָט פון יפו, תל־אביב, איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער ריין־אידישער שטאָט מיט העכער פערציק טויזנט איינוואוינער. באַזונדער גרויס איז געווען די „עליה“ אין יאָר 1925, ווען עס זיינען געקומען מאַסן פון פּוילן און אַנדערע לענדער. די ענגלישע פאַרוואַלטונג אין ארץ־ישראל האָט אָפּגעשטעלט די ווייטערדיקע איינוואַנדערונג, ווייל אין דעם קליינעם לאַנד איז שוין ניט געווען גענוג אַרבעט און באַשעפטיקונג פאַר די צוגעקומענע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אונטער דער פירונג פון חיים ווייצמאַן און נחום סאָקאָלאָוו אין לאָנדאָן, האָט אַנטוויקלט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע אין דער גאַנצער וועלט. אומעטום האָבן פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי געפּרעדיקט די ציוניסטישע אידייע און געזאַמלט געלט פאַרן „קרן־

היסוד" און „קרן-קימת", אויף איינקויפן ערד און באזעצן אידן אין ארץ-ישראל. און סך-הכל האט זיך איינגעגעבן צו שאפן דארטן א אידישן צענטער פון קוים 200.000 נפשות, שוין מיט די אלטע איינוואוינער, קעגן 800.000 אראבער. אזוי איז דער אידעאל פון א „נאציאנאלער היים", וואו אידן זאלן זיין א מערהייט, ביז אהער ניט פארווירקליכט געווארן. די אראבער האלטן זיך פאר די בעלי-בתים פון פאלעסטינע און ווילן אינגאנצן אפשטעלן די אידישע איינוואנדערונג. מוסולמענישע פאנאטיקער האבן אויפגעהעצט די אראבישע מאסע קעגן אידן, וואס ווילן כלומרשט אפנעמען בײ זײ דאס הייליקע לאנד. אזוי איז אין אויגוסט 1929 געקומען צו א שרעקלעכן פאג-ראם: אין חברון האבן אראבער אויסגעקוילעט צענדליקער אידישע בחורים פון דער ישיבה מיט זייערע רבנים; אין ירושלים און צפת האבן זיי געשלאגן און גערויבט; טײלעכע קאלאניעס האבן זיי פארברענט אדער צעראבירט. די ענגלישע פאליציי איז געקומען צו שפעט צו הילף. די ציוניסטן זיינען גע-ווען שטארק אומצופרידן מיט דער ענגלישער פאליטיק, וואס שיצט מער די אראבער, ווי די אידן. דאס האט פארשטארקט די פארטיי פון די עקסט-רעמע ציוניסטן אדער „רעוויזיאניסטן" אונטער דער פירונג פון זשאבאטינ-סקי, וואס גלויבן נאך איצט, אז אין פאלעסטינע קען געשאפן ווערן א אידי-שע מלוכה (הערצלס „יודענשטאאט"). די לעצטע געשעענישן אין היטלערס דייטשלאנד האבן צוגעצויגן קיין פאלעסטינע נייע טויזנטער עמיגראנטן. תל-אביב, חיפה און די אנדערע שטעט וואקסן מיט יעדן חודש. מען קען האפן, אז אין די נאענטסטע יארן וועט זיך דער אידישער ישוב אין ארץ-ישראל שטארק פארגרעסערן. אבער ווי גרויס ער זאל ניט ווערן, וועט ער דאך אויסמאכן נאר א קליינעם טייל פונם אידישן פאלק אין דער גאנצער וועלט. די אויפבוי-ארבעט אין אלע לענדער, וואו עס לעבן פופצן מיליאן אידן, וועט דאך בלייבן די גרעסטע נאציאנאלע אויפגאבע.

צום אנהויב פון 19-טן יארהונדערט זיינען אויף דער גאנצער וועלט געווען ניט מער ווי דריי מיליאן אידן; איצט, מיט הונדערט יאר שפעטער, זיי-נען דא אידן אויף דער וועלט איבער פופצן מיליאן. דאס פאלק וואקסט. און דעם וואוקס וועט קיינער ניט אפשטעלן. דאס האט באוויזן די גאנצע פיר-טויזנטיאריקע אידישע געשיכטע.

די אידישע געשיכטע גייט ווייטער.

כראָנאָלאָגיע.

I. פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג

יאר:

2000—1700. די צייט פון די אָבות אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעקוב (בָּבֶל־כְּנַעַן)

1700—1300. די בני־יִשְׂרָאֵל אין מִצְרַיִם.

1300—1200. מושה רַבֵּנוּ און יציאת מִצְרַיִם.

1200—1030. אידן באַזעצן זיך אין כּנען. די שופטים־צייט.

1030. שאול הַמֶלֶך.

1010. דָוִיד הַמֶלֶך.

970. שלומה הַמֶלֶך.

930. די צעשפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה.

930—720. מַלְכוּת־יִשְׂרָאֵל:

870. די גרינדונג פון דער הויפּטשטאָט שומרון; אַחְאָב און אֵלִיָהוּ הַנביא.

720. גָלוּת־אַשוּר.

930—586. מַלְכוּת־יְהוּדָה:

700. חִיזקִיָהוּ און סַנְחֵרִיב; ישעיה הַנביא.

620. יאשיהו און זיין רעפאָרם.

597. בָּבֶלס הערשאַפט; ירמיהו הנביא.

586. דער ערשטער חורבן פון ירושלים.

586—536. גָלוּת־בָּבֶל.

536—332. פערסישע הערשאַפט:

516. זרובָּבֶל און דער אויפבוי פון בית־הַמקדש.

458—443. עזרא און נחמיָה.

332—140. גריכישע הערשאַפט.

332. אַלכּסנדר מוקדון אין ירושָלים.

320. יהודה אונטער די פּטאָלעמייער.

198. יהודה אונטער די סעלעווקידן.

167. דער אויפשטאַנד פון די חַשמונאים.

140. די באַפרייונג פון פרעמדער הערשאַפט.

140—37. די חַשמונאים און די צייט פון הורדוסן:

140. דער נשיא שמעון חַשמונאי.

135. דער נשיא יוחנן הורקנוס; צדוקים און פרושים.

יאר:
103. דער מֶלך אַלכּסנדר יַנאַי.
67. דער בּרודער־קריג הורקנוס־אַריסטאָבּול.
63. פּאָמפּיי און די רוימער אין ירושָלים.
62. הורקנוס און אַנטיפּאַטער.
37. קיניג הורדוס דער גרויסער.

II. נאָך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג

4. הורדוסעס טויט; זיינע יורשים.
6—40. די רוימישע פּראָקוראַטאָרס אין יהודה.
41—44. קיניג אַגריפּאַ I
44—66. די לעצטע פּראָקוראַטאָרס.
66—70. דער נאַציאָנאַלער קריג מיט רוים.
70. דער צווייטער חורבן־ירושלים.
80. יוחנן בן־זכּאי גרינדעט דעם סַנהדרין אין יַבנה.
132—135. דער אויפשטאַנד פון בַּר־כּוכבאָ און דער חורבן פון ביתר
150. ´דער סנהדרין און די גרויסע ישיבות אין גָליל.
200. יהודה הנשיא און די מִשנה.
220. די גרויסע ישיבות אין בָּבֶל; רַב און שמואל.
315. פּאַלעסטינע אונטער דער הערשאַפט פון קריסטלעכן רוים.
350. רדיפות אין ארץ־ישראל; פאַרענדיקט דעם תַּלמוד־ירושלמי.
395. די צעטיילונג פון דער רוימישער אימפּעריע; פּאַלעסטינע אונ־טער דער הערשאַפט פון ביזאַנטיע.
429. דער לעצטער נשיא (פּאַטריאַרך) גַמליאל אין פּאַלעסטינע.
500. פאַרענדיקט דער תַּלמוד־בַּבלי.
500—600. פאַרגרעסערונג פון אידישע ישובים אין איטאַליע, פראַנק־רייך, דייטשלאַנד און שפּאַניע.
613. דער אָנהויב פון צוואַנג־שמַד אין וועסטגאָטישער שפּאַניע.
614. דער אידישער אויפשטאַנד קעגן ביזאַנטיע אין ארץ־ישראל.
624—628. די מִלחָמות פון מוכאַמעד מיט די אַראַבּישע אידן.
629. שמַד און גירוש אין פראַנקרייך (קיניג דאַגאָבּערט).
638. די הערשאַפט פון אַראַבּער אין פּאַלעסטינע און בָּבֶל.
711. אַראַבּישע הערשאַפט אין שפּאַניע.
750. גרינדונג פון באַגדאַדישן קאַליפאַט; די עקסילאַרכן און גאונים.
750. די כאַזאַרישע הערשער אָנגענומען דעם אידישן גלויבן
760. ענן בּן־דָויד און די קַרָאים אין בָּבל.
768—840. אידישע ישובים אין דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן און זיין זון לודוויק (פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע).

יאר:

942. געשטאָרבן סעדיה־גאון אין בָּבֶל.

950. דער מיניסטער חסדאי אִבּן־שאַפּרוּט אין אַראַבּישער שפּאַניע.

970. דער לעצטער כאַזאַרישער קיניג יוסף (רוסלאַנד).

1038. דער סוף פון די גאונים און פון די ישיבות אין בָּבֶל.

1055. געשטאָרבן שמואל הַנגיד, וויזיר אין גראַנאַדאַ.

1000—1100. גרשום מאור הגולה און רש״י (דייטשלאַנד, פראַנקרייך)

1096. דער ערשטער קרייץ־צוג; חורבן פון אידישע קהילות אין דייטשלאַנד.

1099. קרייצפאַרער איינגענומען ירושלים און פאַרטריבן די אידן.

1113. אַ פּאָגראָם אויף אידן אין קיעוו (רוסלאַנד).

1140. יהודה הלוים נסיעה קיין ארץ־ישראל און זיין טויט.

1147. צווייטער קרייץ־צוג (פראַנקרייך, דייטשלאַנד).

1148. די פּאָגראָמען פון מוסולמענישע אַלמאָהאַדן אין שפּאַניע.

1182—1198. צייטווייליקער גירוש פון פראַנקרייך (פיליפּ־אווגוסט).

1189. דריטער קרייץ־צוג (ענגלאַנד).

1204. געשטאָרבן דער רמב״ם.

1215. פויפּסט אינאָצענץ III און דאָס געזעץ וועגן אידישע קליידער.

1242. פאַרברענט דעם תלמוד אין פּאַריז.

1247. פויפּסט אינאָצענץ IV קעגן עלילת־דם.

1263. דער דיספּוט אין באַרסעלאָנע; דער רמב״ן.

1264. דער סטאַטוט פאַר אידן פון פירשט באָלעסלאַוו (פּוילן).

1290. דער גירוש פון ענגלאַנד.

1306—1314. צייטווייליקער גירוש פון פראַנקרייך.

1320. די פּאַסטוכער־גזירה אין פראַנקרייך און אַ נייער גירוש.

1330—1338. „יודענשלעגער" אין דייטשלאַנד.

1348. דער „שוואַרצער טויט" אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער.

1333—1370. קיניג קאַזימיר דער גרויסער און אידישע עמיגראַציע קיין פּוילן.

1388. גרויספירשט וויטאָלד אין ליטע און זיינע פּריווילעגיעס פאַר אידן.

1391. די „סעווילער שחיטה" און שמד־פּאָגראָמען אין שפּאַניע.

1394. דער לעצטער גירוש פון פראַנקרייך.

1413—1414. דער לאַנגער דיספּוט פון טאָרטאָזע (שפּאַניע).

1421. דער גירוש פון ווין.

1453. די טערקישע הערשאַפט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דער אָנהויב פון אַ גרויסער אידישער עמיגראַציע קיין טערקיי.

1481. די נייע שפּאַנישע אינקוויזיציע קעגן מאַראַנען.

יאר:

1492. אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון שפּאַניע.

1495. צייטווייליקער גירוש פון ליטע (ביז 1503).

1498. אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון פּאָרטוגאַל.

1507—1550. דער אויפבלי פון אידישן צענטר אין פּוילן.

1516. איינגעפירט אַ געטאָ אין ווענעציע.

1524—1532. די משיחישע אַגיטאַציע פון ראובני און מאָלכאָ (איטאַליע)

1550. די קאָלאָניע פון פּאָרטוגעזישע מאַראַנען (ניי־קריסטן) אין דרום־פראַנקרייך.

1530—1570. דער נייער ישוב אין ארץ־ישראל; יוסף קאַראָ און אר"י אין צפת.

1553. די פּויפּסטן פאַרברענען דעם תלמוד אין רוים און פאַרפאָלגן אידן.

1563. דער צאַר איוואַן דער שרעקלעכער הייסט דערטרינקען אַלע אידן פון פּאָלאָצק אין טייך דווינאַ (רוסלאַנד).

1579. געשטאָרבן יוסף נשיא, דער תקיף ביים טערקישן הויף.

1580. געגרינדעט דער „ועד הארצות“ אין פּוילן.

1590. שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מאַראַנען לויפן קיין האָלאַנד.

1614. דער פּאָגראָם פון פעטמילכן און דער צייטווייליקער גירוש פון פראַנקפורט און וואָרמס (ביז 1616).

1618—1648. די צרות פונם דרייסיקיאָריקן קריג אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

1623. געגרינדעט דער „ועד הקהילות“ אין ליטע.

1648—1649. די שחיטות אין אוקראַינע בשעת דעם קאָזאַקן־אויפשטאַנד פון כמעלניצקי.

1654—1656. די פּאָגראָמען אין גאַנץ פּוילן בשעת דעם שוועדיש־רוסישן קריג.

1655. מנשה בן־ישראל אין לאָנדאָן; קראָמוועל, דער נייער אידישער ישוב אין ענגלאַנד.

1655. דער אָנהויב פון אידישן ישוב אין צפון־אַמעריקע; ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק).

1656. דער חרם קעגן ברוך שפּינאָזאַ אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד).

1666. שבתי־צבי, די משיחישע באַוועגונג אין אַלע אידישע ישובים.

1670. דער נייער גירוש פון ווין.

1671. אידן באַזעצן זיך אין בערלין און בראַנדענבורג.

1678. די אידן אין עלזאַס אונטער פראַנקרייכס הערשאַפט.

יאר:

1740. דער בעש"ט אין מעדזשיבאָזש און דער אָנהויב פון דער חסידישער באַוועגונג.

1740—1744. דער ציטוויייליקער גירוש פון פּראָג (קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ).

1750. באַגרעניצונגס־רעגלאַמענט פאַר אידן אין פּרייסן פון פרידריך II

1755. מענדעלסאָנס ערשטעס ווערק; 1783. די ביבל־איבערזעצונג.

1756. די אַרויסטרעטונג פון יעקב פראַנק; 1757—1759. די פראַנקיסטישע באַוועגונג און דער שמד פון די סעקטאַנטן.

1764. פאַרמאַכט די צענטראַלע „ועדים" אין פּוילן און ליטע און דער סוף פון דער ברייטער אידישער קהילה־אַווטאָנאָמיע.

1768. די „אומאַנער שחיטה" און היידאַמאַקן־פּאָגראָמען אין אוקראַינע.

1772—1795. די דריי צעטיילונגען פון דער פּוילישער מלוכה און דער איבערגאַנג פון פּוילישע אידן צו רוסלאַנד.

1776. די דעקלאַראַציע פון פרייהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן.

1772. אָנהויב פון דעם רבנים־קאַמף קעגן די חסידים; די חסידישע באַוועגונג פאַרשטאַרקט זיך אין פּוילן.

1782. דער טאָלעראַנץ־פּאַטענט פון עסטרייכישן קייזער יוסף II

1789. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט.

1791. די עמאַנסיפּאַציע פון אידן אין פראַנקרייך.

1807. דער „סנהדרין" פון פּאַריז; פאַרשטאַרקונג פון דער אַסימילאַציע־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע.

1808. נאַפּאָלעאָן שאַפט אָפּ די עמאַנסיפּאַציע אין עלזאַס.

1808. די ערשטע אידישע ערדאַרבעטער־קאָלאָניעס אין רוסלאַנד.

1812. דער עמאַנסיפּאַציע־עדיקט אין פּרייסן.

1815. אָנהויב פון דער פּאָליטישער רעאַקציע און קאָנטער־עמאַנסיפּאַציע אין אייראָפּע.

1827. דאָס מיליטער־געזעץ פון ניקאָלאַי I; דער קאַנטאָניסטן־שמד.

1830. דער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אין דייטשלאַנד (ריסער א"א).

1844. דער קאַמף פאַר רעליגיעזער רעפאָרם אין דייטשלאַנד (ראַבינער־קאָנפערענצן).

1844. די רוסישע רעגירונג גרינדעט שולן פאַר אידן; די פאַרשטאַרקונג פון דער השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

1848. די מערץ־רעוואָלוציע און צווייטע עמאַנסיפּאַציע אין דייטשלאַנד.

1858. די עמאַנסיפּאַציע אין ענגלאַנד.

יאר:

1860. די גרינדונג פון „אליאנס איזראעליט“ אין פאריז.

1860—1865. די פארבעסערונג פון דער אידישער לאגע אין רוסלאנד; די רעפארמעס פון אלעקסאנדער II און די אסימילאציע-באוועגונג צווישן די רוסישע אידן.

1867. די עמאנסיפאציע אין עסטרייך-אונגארן.

1870. די עמאנסיפאציע אין איטאליע.

1880. די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין דייטשלאנד.

1881—1882. די פאגראמען אין רוסלאנד און די רעאקציע פון אלעקסאנדער III.

1881—1882. דער אנהויב פון דער עמיגראציע קיין אמעריקע און פאלעסטינע; די „חובבי-ציון“ („בילו“) און די נאציאנאלע באוועגונג.

1891. דער גירוש פון מאסקווע; דער אנהויב פון אידישן ישוב אין ארגענטינע.

1894. דער דרייפוס-פראצעס אין פראנקרייך (ביז 1899).

1897. דער ערשטער באזעלער קאנגרעס און די גרינדונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

1897. די גרינדונג פון דעם אידישן „ארבעטער-בונד“ אין רוסלאנד.

1903. דער קישינעווער פאגראם; די פארשטארקונג פון דער נאציאנאלער און סאציאליסטישער באוועגונגען ביי אידן אין רוסלאנד.

1905. די ערשטע רוסישע רעוואלוציע און די אקטאבער-פאגראמען.

1914. דער וועלט-קריג; 1914—1915. די רדיפות אויף אידן אין רוסלאנד.

1917. די צווייטע רוסישע רעוואלוציע און די עמאנסיפאציע פון אידן; די אקטאבער-רעוואלוציע פון די באלשעוויקעס.

1917. די באלפור-דעקלאראציע וועגן שאפן א „נאציאנאלע היים“ פאר אידן אין פאלעסטינע.

1918—1921. בירגער-קריג און מאסן-פאגראמען אין אוקראינע.

1919. דער שלום-קאנגרעס אין פאריז (ווערסאלער טראקטאט); אנערקענט די רעכט פון נאציאנאלע מינדערהייטן.

1922. דער ענגלישער מאנדאט אויף פאלעסטינע און די פארשטארקונג פון דער ציוניסטישער באוועגונג; דער וואוקס פון ישוב (תל-אביב).

1929. דער אראבישער פאגראם אין פאלעסטינע.

1930. די פארשטארקונג פון אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד (נאציאנאל-סאציאליסטן).

רשימה פון די בילדער

זייט:

1. קאַרטע פון אַלטן מזרח — 10
2. סעמיטישע וואַנדערער — 12
3. אַברהמס בוים אין חברון — 13
4. קנעכט אין מצרים — 18
5. מושה אויפן ברעג נילוס — 19
6. ראַמזעס II. — 20
7. באַרג סיני — 22
8. קאַלב אַפּיס — 23
9. מושה רבנו — 25
10. קאַרטע פון די צוועלף שבטים — 27
11. ירושלים, עיר דויד — 34
12. אַבשלומס טויט — 37
13. פיניקישער בעל — 41
14. אַסטאַרטאַ — 42
15. געפאַנגענע אידן אין אַשור — 45-46
16. ירמיהו באַקלאָגט ירושלים — 53
17. על נהרות בבל — 63
18. העברעאישע שריפט — 72
19. אַלכסנדר מוקדון — 75
20. גריכישער גאָט זעווס — 81
21. קאַרטע פון פּאַלעסטינע (חשמונאים) — 86
22. טריאומף-צוג פון טיטוסן — 101
23. חורבות פון אַ שול אין גליל — 117
24. כותל מערבי — 137
25. אַלטע מטבעות אין א"י — 138
26. פוילישע מטבעות מיט אידישע אויפשריפטן — 138
27. קאַרטע פון אַלטע אידישע ישובים אין אייראָפּע — 140
28. „יוסיפון", ערשטע אויסגאַבע — 152
29. רמב"ם — 160
30. דער איד מיטן שפּיציקן הוט — 167
31. דער איד מיט דער געלער לאַטע — 167
32. סינאַגאָגע אין טאָלעדאָ — 180
33. שפּאַנישע אינקוויזיציע, „אויטאָ דאַ-פע" — 182
34. שפּאַנישע אינקוויזיציע „קוועמאַדעראָ" — 183
35. „געטאָ" אין רוים — 196

זייט:

36. „אידישע גאַס" אין פּראָג — 196
37. „אידישע גאַס" אין אַ דייטשער שטאָט — 196
38. אָנפאַל אויף מאַראַנען — 206
39. מנשה בן-ישראל — 207
40. ברוך שפּינאָזאַ — 207
41. שבתי-צבי — 210
42. אַלט-לובלין — 214
43. אויפרוף פון „ועד אַרבע אַרצות" — 216
44. מהרש"אָ — 217
45. באָגדאַן כמעלניצקי — 218
46. יעקוב פראַנק — 221
47. גאָנטע — 222
48. אַ היידאַמאַק — 224
49. בעש"טס בית-מדרש — 224
50. ווילנער גאון — 225
51. שניאור-זלמן פון ליאָזנע — 225
52. פעטמילכס פּאָגראָם אין פראַנקפורט — 228
53. דער זיידע בענטשט דעם אייניקל — 230
54. מושה מענדעלסאָן — 232
55. „גרויסער סנהדרין" אין פּאַריז — 235
56. היינריך היינע — 237
57. לודוויג בערנע — 237
58. קאַרל מאַרקס — 238
59. היינריך גרעץ — 243

60-61. אידישע טיפּן אין פּוילן — 247

62. יצחק-בער לעווינזאָן — 250
63. אידישע וואַנדערער — 261
64. טעאָדאָר הערצל — 264
65. מענדעלע מוכר ספרים — 267
66. אחד-העם — 267
67. יצחק-ליבוש פּרץ — 267
68. שלום-עליכם — 268
69. אידישע היימלאָזע — 271
70. נאָך אַ פּאָגראָם אין אוק-ראַינע 1919 — 273